STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08389

YIDN IN AMOLIKN POYLN IN LIKHT FUN TSIFERN

Raphael Mahler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רפאל מאהלער

יידן אין אַמאָליקן פּוילן אין ליכט פון ציפערן

רפאל מאהלער

יידן אין אמאליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן

די דעמאגראפישע און סאציאל-עקאנאמישע
סטרוקטור פון יידן אין קרוין-פוילן
אין XVIII יארהונדערט

פארלאג יידיש בוך ווארשע

1958

RAFAŁ MAHLER

Żydzi w dawnej Polsce w świetle cyfr

Struktura demograficzna i socjalno-ekonomiczna Żydów w Koronie w XVIII wieku

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch", Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1542. Nakład 2000. Papier kl. V, 61x86, Ark. druk. 12. Ark. wydawn. 10.
Druk ukończono w lutym 1958 r.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-90

הקדמה

פאַר דער פאָרשונג פון דער דעמאָגראַפישער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יידן אין אַמאָליקן פוילן האָט אַ באַזונדער גרויס חשיבות די ציילונג פון יידן, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין סוף 1764 און אין אָנהייב 1765. קודם־כל איז דאָס די ערשטע ציילונג פון יידן, וואָס איז בכלל פאָרגעקומען אין פוילן זינט 1550, ד. ה. נאָך אַ תקופה פון 215 יאָר. דער עיקר איז אָבער, וואָס די דאָזיקע ציילונג איז אַדורכגעפירט געוואָרן גראָד עטלעכע יאָר פאַר די צעטיילונגען פון דער פוילישער מלוכה. די צעטיילונג פון פוילן האָט געענדערט נישט נאָר די פּאָליטישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע; דער צעפאַל פון דער פוילישער מלוכה פאַלט אויך צונויף מיט אַן עקאָנאָמישן איבערברוך צווישן דער אַלטער, אָפּגעשטאַנענער פעאָדאַלערווירטשאַפט און צווישן דעם אויפקום פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. ממילא גיט אונדז די ציילונג פון 1764 אַ סטאַטיסטיש בילד פון מזרח־אייראָפּעישן יידישן קיבוץ, וואָס איז ווי אַ מין אָפּשלוס פון אַן עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע. עס איז די תקופה פון אויפבלי פון דער חסידישער באַוועגונג, וואָס איז אַליין געווען דער סימן מובהק און דער פועל־יוצא פון דער ירידה פון דער אַלטער היעראַרכישער קהלה־אָרגאַניזאַציע אויפן פאָן פון צעפאַל און צעפוילונג פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם אין דער מלוכה. די מאַסע קליינשטעטלדיקע יידן און דאָרפס־יידן, קרעמער און הענדלער, בעלי־מלאכות און קרעטשמער, וואָס איז אונדז באַקאַנט פון די טיפּן פון דער חסידישער ליטעראַטור פון יענער צייט, באַגעגענען מיר דאָ אין פעסט באַשטימטע ראַמען פון ציפערן. דער גרויסער מזרח־אייראָפּעישער יידישער ישוב, דער ישוב, וואָס איז שוין דעמלט געווען דער רוב בנין פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע, און וואָס איז געוואָרן אין 19־טן און 20־טן י״ה דער מוטער־ישוב פון די גרעסטע יידישע קבוצים איבער דער וועלט, דערשיינט פאַר אונדז אין שפּיגל פון דער דאָזיקער ציילונג אין זיין דעמאָגראַפישן און עקאָנאָמישן צוזאַמענשטעל. די ציילונג פון פוילישן יידנטום פון 1764 איז ממילא אַן ענין נישט בלויז פון דער געשיכטע פון יידן אין פוילן, וואָרעם זי גיט אונדז אַ קוועלשניט פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם רוב פון היינטיקן יידישן וועלט־פאָלק.

די אַקטן פון דער יידן־ציילונג פון קרוין־פוילן האָבן זיך געפונען ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין מלוכהשן הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע אויף דער לאַנגער גאַס (דלוגאַ) 24. דער אויסגעצייכנטער היסטאָריקער ד״ר

יצחק שיפער איז געווען דער, וואָס האָט דעם מחבר פון דער דאָזיקער פאָרשונג געגעבן די אָנרעגונג צוצוטרעטן צו באַארבעטן די ציילונג־רייסטערס. די וויכטי־קייט פון די דאָזיקע דאָקומענטן פאַר דער יידישער געשיכטע־וויסנשאַפט האָט ד״ר שיפער אויף זיין כאַראַקטעריסטישן ענטוזיאַסטישן שטייגער באַצייכנט אַזוי: אין אַנדערע אַקטן דאַרף מען זיך לאַנג גריבלען, כדי ארויסצוגעפינען עפּעס, וואָס האָט א שייכות צו יידן; דאָ האָבן מיר אוצרות, וואָס באַשטייען אויסשליסלעך פון יודאַיקאַ. אין 1927 האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַארבעטן די פאַרשטויבטע און טייל־ווייז פאַרגעלטע בענדער פון די ציילונג־רייסטערס. עס האָט זיך באַלד ארויסגע־וויזן, אַז די אַרבעט פאַרשלינגט מער מי און צייט, ווי וועלכע נישט איז אַרכי־וואַלישע פאָרשונג. פון די לכתחילהדיקע ציילונג־רייסטערס, ווו עס זענען געווען פאַרצייכנט יידן פון שטעט, שטעטלעך און דערפער מיט זייערע נעמען און מיט די נעמען פון זייערע פרויען, קינדער און משרתים, אָן א שום סטאַטיסטישן סך־הכל, האָבן מיר געמוזט צונויפשטעלן טאַבעלעס פון מענער און פרויען, עלטערן און קינדער, אלמנס און אַלמנות, משרתים און דינסט־מיידלעך, בעלי־בתים און לאָקאַטאָרן און אויסדרן די באַשעפטיקונגען פון די ראשי־משפחות, וואָס זענען ווו נישט ווו פאַרצייכנט געוואָרן. אין די באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס יידישע וויסנשאַפטלער צו אַרבעטן, האָט זיך די אַרבעט פאַרצויגן אויף יאָרן. ביי די אומות־העולם וואָלט אַזאַ אַרבעט אונטערגענומען אַ וויסנשאַפטלעכע אַקאַדע־מיע מיט אַ שטאַב היסטאָריקער און מיט נאָך אַ גרעסערער צאָל טעכנישע הילפס־אַרבעטער. דער מחבר פון דער פאָרשונג האָט נישט געהאַט קיין אנדער ברירה, ווי אַליין צו טאָן די גאַנצע אַרבעט פון אַלף ביז תיו. נישט קיין חידוש, אַז אין משך פון 10 יאָר, פון 1927 ביז 1937, האָבן מיר נישט באַוויזן צו באַארבעטן אלע ציילונג־רייסטערס פון גאַנצן שטח פון קרוין־פוילן. ביז צום סוף 1937, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן פוילן, האָבן מיר נאָך אַלץ איבערגעלאָזט אומבאַארבעט די רייס־טערס פון צפון־טייל פון דער צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט, פון פּאָדליאַשע, פון דער פויזנער וואָיעוואָדשאַפט און פון טייל רויט־רייסן (מזרח־גאַליציע), וואָס איז נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. ביז צו דער מלחמה האָבן מיר פאַרעפנטלעכט די פולשטענדיקע רעזולטאַטן פון אַנאַליז פון דער ציילונג אין דער לובלינער וואָ־יעוואָדשאַפט (יונגער היסטאָריקער, באַנד II, 1929, ז״ז 66־108 און XIX טאַבעלן) און טיילווייזע רעזולטאַטן פון דער ציילונג אויפן שטח פון דער שפּע־טערדיקער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט (לאָדזשער וויסנשאַפטלעכע שריפטן פון ייוואָ, באַנד I, לאָדזש 1938, ז״ז 32־52, — V טאַבעלן).

נישטאָ שוין היינט די ווערטפולע ציילונג־רייסטערס פון 1764. צוזאַמען מיט אַלע שפּעטערדיקע ציילונגען ביז 1795 זענען זיי פאַרברענט געוואָרן פון די דייט־שן אין דעם חורבן פון דער שטאָט וואַרשע. וואָס פאַרא זינען האָט אָבער היינט צו באַדויערן די אבדה פון צענדליקער פאַליאַלן יידישע היסטאָרישע דאָקומענטן? פאַר דער מלחמה, בעת מיר האָבן גענוי נאָכגעציילט די יידן, וואָס האָבן געדיכט באַוווינט די שטעט און שטעטלעך פון אַלטן פוילן, האָבן מיר געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז דער־מיט פירן מיר אדורך נישט סתם אַ פאָרשונג פון אַ פאַרצייטיקער תקופה: מיר האָבן געפילט, אַז מיר דערפילן אַ וויכטיקע און נוצלעכע געזעלשאַפטלעכע אויפ־

גאַבע, ארויסברענגענדיק אויפן טאָגליכט נייע היסטאָריש־סטאַטיסטישע פאַקטן וועגן דער פארגאנגענהייט פון די הונדערטער לעבעדיקע און וואַקסנדיקע יידישע ישובים אין פוילן. אויפן יסוד פון דער דאָזיקער פאָרשונג — אַזוי זענען מיר געווען איבערגעצייגט — וועלן די באַזונדערע יידישע קהלות און דער פויליש־יידישער קיבוץ ווי א גאנצער אָפּמעסטן דעם וווקס, וואָס זיי האָבן אדורכגעמאכט אין משך פון קרוב 200 יאָר, כדי נאָך האָפּערדיקער און מוטיקער פאָרויסצוגיין אין זייער אנטוויקלונג עד סוף כל הדורות. הייִנט, ווען פון פערטהאלבן־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין פוילן איז געבליבן נישט מער ווי א רעשטל, וואָס האָט מיט נסים באוויזן זיך צו ראטעווען פון פארגאזט ווערן דורך די פראנקענשטיינס, קאָן די פאָרשונג, וואָס מיר פארעפנטלעכן דאָ, שוין לחלוטין נישט פאַרמאָגן יענע געזעלשאפטלעכע באַדייטונג, וואָס מיר האָבן מיט איר געהאט פאַרבונדן.

בלויז אין דער מאָס, וואָס ידיעות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון אייגענעם פאָלק בכלל זענען נויטווענדיק פארן פאָלקס־קיום, דורכדעם, וואָס זיי פאָרטיפן דאָס נאציאָנאלע באוווסטזיין, האָפן מיר, אז אויך די דאָזיקע ארבעט וועט פאר די פאריתומטע קיבוצים פון אונדזער פאָלק זיין א צושטייער צו דער אויפגאבע פון דערקענען דעם אייגענעם עבר.

דעם ייווא קומט אַ דאַנק דערפאַר, וואָס ער האָט מיט זיין סטיפּענדיע אונדז מעגלעך געמאכט די דאָזיקע ארבעט פון לאנגע יאָרן צו ברענגען צו א גמר.

הגם מיר האָבן דאָס ווערק געהאט פארענדיקט אין 1948, איז ערשט איצט מעגלעך געווארן עס ארויסצוגעבן אדאנק דער איניציאטיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן.

דעם פראָפ. ראָבערט בקי פון העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים האָבן מיר צו פאַרדאַנקען עטלעכע ווערטפולע באַמערקונגען בנוגע אַ צאָל טאַבעלעס.

ירושלים, פרילינג 1956.

מקורים

א) אַרכיוואַלישע מקורים וועגן דער ציילונג פון גרויס־פוילן, קליין־פוילן און מאַזאָוויע:

Archiwum Główne w Warszawie, Akta byłego Skarbu Koronnego, Oddział 65 B: Akta szczegółowe dotyczące pogłównego od Żydów Nr 1, 4, 5, 6, 43, 51, 52, 58, 59, 71, 77, 78; Taryfa pogłównego żydowskiego Nr 22, 27a.

ב) געדרוקטע מאַטעריאַלן,

וועגן מזרח־גאַליציע:

Majer Bałaban, Spis Żydów i Karaitów ziemi halickiej i powiatów trembowelskiego i kołomyjskiego w r. 1765, **Archiwum Komisji Historycznej Akademii Umiejętności**, T. XI, pp. 11—31.

F. Bostel, Żydzi ziemi lwowskiej i powiatu żydaczowskiego w 1765 r. ibid. T. VI, pp. 357—378.

וועגן וואָלין, פּאָדאָליע און אוקראַינע:

И. Каманин. Перепись еврейскаго населения в югозападном крае в 1765—1791 гг. **Архив Юго-Западной России, Ч. V, Т. 2.**

סך־הכל פון דער ציילונג אין דער פּוילישער מלוכה:

Józef Kleczyński i Franciszek Kulczycki, Liczba głów żydowskich w Koronie z taryf r. 1765, Archiwum Komisji Historycznej Akademii Umiejętności, T. VIII.

I. דער אופן פון דער ייִדן־ציילונג פון י. 1764 און איר סטאַטיסטישער ווערט

די ציילונג פון ייִדן אין 1764 איז פאַרבונדן מיט די ערשטע רעפאָרמען, וואָס זענען אדורכגעפירט געוואָרן אין יענעם יאָר אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער פוילישער מלוכה. נאָך דעם טויט פון קיניג אויגוסט דעם III־טן, איז אָנהייב מאַי 1764 זיך צוזאַמענגעקומען דער קאָנוואָקאַציע־סיים אין וואַרשע.[1] אין דעם דאָזיקן סיים האָט די פּאַרטיי פון די פירשטן טשאַרטאָריסקים, די א. נ. „פאַמיליע", אויסגעפועלט א ריי רעפאָרמען מיטן צוועק צו פאַרריכטן דעם צעפאַרענעם וואָגן פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט און צו הייבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון לאַנד, בפרט פון די שטעט. הגם די רעפאָרמען האָבן בדרך־כּלל געלאָזט אומבאַרירט די הפקרדיקע „שליאַכעצקע פרייהייט", זענען זיי אָבער געווען א וויכטיקע התחלה אויפן וועג פון קאָנסאָלידירן און מאָדערניזירן די פּוילישע מלוכה, וואָס האָט שפּעטער דערגרייכט זיין הויכפּונקט בעת דעם „גרויסן" פיריאָריקן סיים אין דער קאָנסטיטוציע פון 3־טן מאַי 1791. מען האָט אָנגענומען א רעגולאַמין פאַר די באַראַטונגען פון סיים און מען האָט איינגעפירט די ערשטע באַגרענעצונגען פון דעם „ליבערום וועטאָ" (די פרייהייט פון יעדן דעפּוטאַט בטל צו מאַכן די באַשלוסן פון סיים); מען האָט רעאָרגאַניזירט די טריבונאַלן; די אדמיניסטראַציע פון דער אַרמיי האָט מען איבערגעגעבן א מיליטערישער קאָמיסיע, א געוויילטע דורכן סיים; די שטעט זענען באַפרייט געוואָרן פון געוויסע לאַסטן מצד די פּריצים און באַאַמטע. קודם־כּל האָט מען אָבער רעפאָרמירט די מלוכה־פינאַנצן און רעאָרגאַניזירט די פינאַנץ־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן צוויי פינאַנץ־קאָמיסיעס, געוויילטע דורכן סיים, איינע פאַר קרוין־פּוילן און איינע פאַר ליטע. די דאָזיקע קאָמיסיעס האָבן געהאַט די אויפגאַבע נישט נאָר פון השגחה איבער די הכנסות און הוצאות פון דער מלוכה, נאָר אויך פון הייבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון לאַנד דורך בויען וועגן, אויסגעפינען אָפּזאַץ־מערק פאַר היימישע פּראָדוקטן אדגל. כּדי צו פאַרגרעסערן די מלוכה־הכנסות, האָט דער סיים באַשטימט א נייעם צאָל, פון וועלכן קיינער, אפילו דער קיניג אליין, טאָר נישט ווערן באַפרייט; א נייע „לוסטראַציע" (רעוויזיע) פון די קיניגלעכע פאַרפאַכטע

[1] קאָנוואָקאַציע־סיים האָט געהייסן אין אַמאָליקן פּוילן דער סיים, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען נאָך דעם טויט פון א מלך, כּדי צו באַשליסן די קאַנדידאַטן צו דער קיניגלעכער שטול און דעם אופן פון די וואַלן.

גימער, כדי צו בארעכענען געהעריק דעם פּאַכט־שטייער, די „קווארטע"; און א נייעם אויפן פון בארעכענען דעם יידישן קאָפּשטייער אויפן יסוד פון א ציילונג פון יידן.

אזוי איז די ציילונג פון יידן אין פוילן באשלאָסן געוואָרן ווי א טייל פון פּראָגראַם צו רעפאָרמירן די מלוכה־אָרגאַניזאציע און דעם פינאנץ־סיסטעם.

דער באַשלוס פון סיים וועגן דער ציילונג האָט אָבער אויך געמאַכט א סוף צו דער יידישער צענטראַלער און פּראָווינציאָנעלער אויטאָנאָמיע אין פוילן.

זינט 1549 פלעגן יידן אין פוילן דארפן צאָלן א „יידישן קאָפּשטייער" (קאָפּ־געלט, פּאָגלאָוונע) אין דער הויך פון איין גילדן פון יעדן נפש אין עלטער פון העכער אַ יאָר. אין שייכות דערמיט איז אין 1550 אַדורכגעפירט געוואָרן אַ ציילונג פון יידן אין לאַנד, און ארום 1580 איז איינגעפירט געוואָרן א נייער סיסטעם פון אָפּצאָלן דעם יידישן קאָפּשטייער.[2] די יידישע צענטראַלע אויטאָנאָמע אינסטיטוציע, דער וועד ארבע ארצות, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער זעלבער צייט, האָט איך זיך גענומען צו צעטיילן דעם סכום יידישן קאָפּשטייער פאַר אַלע יידן פון דער מלוכה צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן (גלילות). די וועדים פון די פּראָווינצן (וועדי הגלילות) האָבן אדורכגעפירט די צעטיילונג פון סכום, וואָס איז אויף זיי אויסגעפאַלן, אויף די באַזונדערע קהלות, און אין די קהלות האָבן די שאַץ־קאָמיסיעס (שמאיים) צעטיילט דעם סכום קאָפּשטייער אויף די באַזונדערע בעלי־הבתים. די פונקציע פון צעטיילן די סומע קאָפּשטייער אויף באַזונדערע פּראָווינצן איז אַזוי אַרום געוואָרן די הויפּט־עובדא פון וועד אַרבע ארצות, און זינט 1623 פון די צוויי באַזונדערע וועדים, וועד ארבע ארצות פון קרוין־פוילן און וועד מדינת ליטע. די פּראָווינציעלע וועדים זענען געווען אַן אַפּאַראַט, אָן וועלכן נישט די מלוכה, נישט דער צענטראַלער וועד האָבן זיך נישט געקאָנט באַגיין. די גאַנצע סומע („ריטשאלט") פון יידישן קאָפּשטייער איז זינט דעם סוף 16־טן י.ה. כסדר געהעכערט געוואָרן. אין 1581 האָט זי באטראָפן 15.000 גילדן פאַר גאַנץ פוילן;

---

[2] נאָך 1550 פלעגט נאָך פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן ווערן אַ קיניגלעכע פאַראָרדענונג („אוניווערסאַל") וועגן אויפמאָנען דעם יידישן קאָפּשטייער לויט אַ נייער ציילונג פון קעפּ. אַזוי ווערט באַשטימט אין אוניווערסאַל פון 1577, אַז דער יידישער קאָפּשטייער זאָל געצאָלט ווערן פון יעדן קאָפּ, „און נישט לויט אַלטע קבלות („קוויטן"), אָדער וועלכע נישט איז מנהגים". די באַוואָרעניש אַליין באַווייזט, אַז מען פלעגט שוין דעמלט בדרך כלל אויפהערן צו ציילן און דער קאָפּשטייער פלעגט אָפּגעצאָלט ווערן אויפן סמך פון פריערדיקע ציילונגען, אָדער לויט דער ציילונג פון 1550, אָדער לויט אַן אָפּמאַך. אין אוניווערסאַל פון 1578 ווערט בפירוש באַפוילן, אז די שטייער־אויפמאָנער צוזאַמען מיט באַאַמטע פון די וואָיעוואָדשאַפטן און די עלטסטע פון די קהלות זאָלן אַדורכפירן אַ ציילונג. מיט דעם אָרגאַניזירן דעם וועד אַרבע ארצות, אַרום 1580, האָט מן־הסתם לחלוטין אויפגעהערט אפילו די אויפפאָדערונג צו ציילן די יידישע באַפעלקערונג און דער קאָפּשטייער פלעגט שוין כסדר געצאָלט ווערן לויט אַן אָפּמאַך. אין 1658 איז שוין דער דאָזיקער סיסטעם פון צאָלן יידישן קאָפּשטייער געזעצלעך באַשטעטיקט געוואָרן. זע:

Józef Kleczyński, Spisy ludności w Rzeczypospolitej Polskiej, Rozprawy **Akademii Umiejętności, Wydział historyczno-filozificzny**, Tom V, Kraków, 1894.

אין יאָר 1590 — 20.000 פּאַר קרוין־פּוילן און 6.000 פּאַר ליטע; אין 1649 — 60.000 גילדן פּאַר קרוין־פּוילן און 12.000 פּאַר ליטע; אין יאָר 1661 — 105.000 גילדן פּאַר קרוין־פּוילן און 12.000 פּאַר ליטע. אין 1717 איז דער יידישער קאָפּ־שטייער צום לעצטן מאָל געהעכערט געוואָרן ביז 220.000 גילדן פּאַר קרוין־פּוילן און 60.000 גילדן פּאַר ליטע.

שוין אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן י״ה האָט די שליאכטע אויף אירע סיימיקעס געפאָדערט, אז דער יידישער קאָפּשטייער זאָל געצאָלט ווערן פון יעדן יידישן קאָפּ און נישט אין א גלאָבאַלער סומע, וואָס איז לויט דער ריכטיקער איבערצייגונג פון דער שליאכטע געווען היפּש קלענער, איידער דער סכום לויט דער צאָל נפשות.[3] אין 18־טן י״ה זענען אַזעלכע באַשלוסן פון דער שליאכטע אויף די סיימיקעס געוואָרן אלץ אָפטער. דערביי האָבן א טייל סיימיקעס אפילו זיך ארויסגעשטעלט ווי מליצי יושר פון דאָרפס־יידן, אַרענדאַרן, וואָס ווערן צו הויך באַשטייערט דורך די „עלטסטע" פון די וועדים.[4] די דאָזיקע שטימען האָבן אויך געפונען אן אָפּקלאַנג אין דער באַגרינדונג פון געזעץ פון 1764; אָט פאַרוואָס עס ווערט אָפּגעשאַפט די צענטראַלע אויטאָנאָמיע און עס ווערט איינגעפירט אַ סיסטעם פון צאָלן דעם קאָפּשטייער לויט אַ ציילונג:

„היות מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַחוץ דעם שטייער אויפן סמך פון יידישן קאָפּ־געלט אין סכום פון 220.000 פּוילישע גילדן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ כלל לויט דער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1717, פלעגן די עלטסטע פון די יידן דורך זייערע פּריוואַטע פאַראָרדענונגען און חלוקות אויפמאָנען אַ סך גרעסערע סומעס און דער פּועל־יוצא דערפון פלעגט זיין א גאָר גרויסע באַדריקונג פון גאַנצן יידנטום, בפרט פון די יידן, וואָס וווינען אין די קיניגלעכע און פּריצישע שטעטלעך; און זיי [די עלטסטע] פלעגן [דעם דאָזיקן עודף] פאַרנוצן פאַר זייער אייגענער הנאה וועגן, ווי אויך אויף פּריוואַטע הוצאות; און [היות] די רעפּובליק קאָן פון א ריכטיקער שאַצונג האָבן א סך א גרעסערע טובת הנאה פון יידישן שטייער, אָן דעם, אז דאָס זאָל זיין א באַלאַסטונג פאַר זיי; דעריבער מאַכן מיר בטל די אויבנדערמאָנטע סומע לויט א הסכם מכוח דעם קאָפּ־געלט, נאָר לויט דעם שטייגער פון דער קאָנסטיטוציע פון 1624 [5] באַשטימען מיר אַן אלגעמיינעם

---

[3] זע למשל די באַשלוסן פון די סיימיקעס פון דער פּראָווינץ רייסן און סאָנ־דאָווע ווישניע פון די יאָרן 1613, 1624, 1627, 1628, 1630, 1635, 1636, 1637, 1638, 1640 און שפּעטער.

Akta grodzkie i ziemskie z czasów Rzeczypospolitej Polskiej, T. 20—21, Lwów 1909—1914.

[4] זע באַשלוסן פון די זעלבע סיימיקעס פון די יאָרן 1716, 1748, דאָרט, ב. XXI — XXII, לעמבערג 1914, 1928.

[5] אין אוניווערסאַל פון 1624 איז באַשטימט געוואָרן אַדורכצופירן אַ ציילונג פון יידן, כדי צו באַרעכענען דעם יידישן קאָפּשטייער. דער זעלבער אוניווערסאַל האָט אָבער אויך יידן געגעבן די ברירה, זיי זאָלן „לויטן אַלטן מנהג", „אַליין אָפּקויפן די סומע", ד. ה. באַצאָלן אַ גלאָבאַל־סומע און אַליין אויפמאָנען דעם שטייער. זע י. קלעטשינסקי, צ. וו. האָרטן. פאַרשטייט זיך, אַז אויב עס איז געווען אַזאַ ברירה, האָט דער וועד שוין צו קיין ציילונג נישט צוגעלאָזט!

קאָפּשטייער פון אַלע יידן און קראימער, סיי אין די שטעט סיי אין די דערפער, קיניגלעכע, גלחישע און פּריצישע, אויף אַזאַ אופן...“.[6]

ווי מיר זעען, האָט דער סיים אפילו נישט געוואָלט אויף זיך נעמען די טענה, אַז דורך דער נייער באַשטימונג פון קאָפּשטייער ווערן פאַרגרעסערט די הכנסות פון דער מלוכה אויפן חשבון פון די יידן. גראָד פאַרקערט ווערט דערקלערט: אי די מלוכה וועט האָבן א גרעסערע הכנסה, אי די יידן וועלן נישט דאַרפן צאָלן מער ווי ביז אהער; נישט מער, וואָס די פּרנסים וועלן בלייבן אָן ריווח. דער אמתער מאָטיוו ווערט אין געזעץ פאַרשוויגן: דער סיים האָט גוט געוווסט, אַז אויב יידן וועלן צאָלן דעם קאָפּשטייער לויט א ציילונג, וועט עס באַטרעפן אָן אַן ערך מער ווי די סומע, וואָס איז געווען פעסטגעשטעלט דאָס לעצטע מאָל אין 1717. אויפן יסוד פון דער ציילונג פון 1764, וואָס איז אדורכגעפירט געוואָרן אין הסכם מיטן געזעץ פון יענעם יאָר, האָבן די קרוב 430,000 יידן, וואָס מען האָט אָנגעציילט אין קרוין-פוילן (אין עלטער מער ווי א יאָר), אָנשטאָט 220.000 גילדן געדאַרפט צאָלן 859.312 גילדן, ד.ה. כמעט 4 מאָל אזוי פיל ווי פריער; פון די יידן אין ליטע (קרוב 158.000, אויך אָן זייגקינדער) האָט די נייע סומע פון קאָפּשטייער באַטראָפן העכער 315.000 גילדן (גענוי — 315.297), ד.ה. מער ווי 5 מאָל אַזוי פיל ווי פריער.

אמת, דער בודזשעט פון וועד ארבע ארצות האָט אַחוץ דער סומע פון 220.000 גילדן קאָפּשטייער נאָך אַרומגענומען הוצאות פון וועד, הוצאות אויף סאָציאַלע הילף אדגל. די דאָזיקע הוצאות האָבן אָבער נישט באַטראָפן מער ווי 3 פּראָצענט לגבי דער נעטאָ-סומע פון קאָפּשטייער. אָן אַן ערך גרעסער פלעגן זיין די הוצאות פון וועד אויף חובות און פּראָצענטער פון חובות, וואָס פלעגן דערגרייכן ביז 50 טויזנט גילדן און אין געוויסע יאָרן אפילו איבער 100 טויזנט גילדן.[7] די דאָזיקע חובות גופא זענען דאָך אָבער געווען אַ באַווייז, ווי שווער עס איז געפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד דער קאָפּשטייער פון 220.000. מען האָט געמוזט באָרגן אַלץ אויפסניי און פאַרזונקען ווערן אַלץ מער אין חובות, כדי דעם קאָפּשטייער צו באַצאָלן. אָבער אפילו ווען מיר זאָלן צורעכענען די אַלע הוצאות פון וועד, האָט די סומע שטייערן, וואָס ער האָט ארויפגעלייגט אויף די קהלות, נאָך נישט דערגרייכט אפילו א העלפט דערפון, וואָס די מלוכה האָט דירעקט אויפגעמאָנט אויפן יסוד פון דער ציילונג פון 1764. דער סיים האָט בכן מבטל געמאַכט די צענטראַלע יידישע אויטאָנאָמיע און איינגעפירט אַ נייעם סיסטעם פון

[6] Pogłówne żydowskie.

Jako dostatecznie wiemy, że nad podatek in vim pogłównego żydowskiego summy 220.000 złotych Polskich konstytucyi anno 1717 ogólnie postanowioney, Żydzi starsi za prywatnemi swemi dyspozycyami y dyspartymentami daleko większe summy, z niemałym całego żydostwa uciemiężeniem, osobliwie w miasteczkach królewskich y szlacheckich mieszkającego, wybierać, y na swoy pożytek, oraz prywatne expensa obracać zwykli...

[7] זע: ר. מאַהלער, „אַ בודזשעט פון וועד אַרבע ארצות אין 18טן י"ה", יי וו. אַבלעטער, ב. XV, נר. 1—2, יאַנ.-פעבר. 1940, ז"ז 63—86, ווי אויך ד"ר יצחק שיפער „פינאַנציעלער חורבן פון דער צענטראַלער און פּראָווינציאַנעלער אויטאָנאָמיע פון יידן אין אַלטן פוילן", „עקאָנאָמישע שריפטן" פון ייוואָ, ב. II, ווילנע 1932, טאַב. II, III,

אויפֿמאַנען יידישן קאָפּשטייער לויט אַ ציילונג, נישט כדי צו פֿאַרגרינגערן, נאָר כדי פּילפּאַכיק צו פֿ א ר ש ו ו ע ר ן די משא פֿון באַזונדערע יידישע שטייערן.

צום סוף פֿון געזעץ ווען דער ציילונג ווערט בפֿירוש געוואָרנט, אַז „אַלע מיני וועדים“, ד.ה. דער וועד ארבע ארצות און די פּראָווינציאָנעלע וועדים (וועדי הגלילות), ווערן בטל און פֿאַרבאָטן און ממילא ווערן אויך פֿאַרבאָטן כל המינים אַליין=באַשטייערונגען אויף צוועקן פֿון אַן אייגענער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע. פֿאַר עובר זיין אויף דעם איסור ווערט פֿאָרויסגעזען אַ גרויסע געלט=שטראָף פֿון זעקס טויזנט גרייוונעס.[8] אזוי איז מיט איין פּעדערשטריך בטל געוואָרן דער איבערבוי פֿון דער יידישער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, וואָס האָט געהאַט עקזיסטירט קרוב 200 יאָר. געבליבן איז בלויז די אויטאָנאָמע מאַכט פֿון יעדער באַזונדערער קהלה.

דער אופֿן פֿון אַדורכפֿירן די ציילונג איז אזוי באַשטימט געוואָרן אין געזעץ פֿון 1764:

תיכף נאָך דעם פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס געזעץ, דאַרף אין יעדער שטאָט, ווו עס איז דאָ אַ יידישע קהלה, אַדורכגעפֿירט ווערן אַ ציילונג פֿון יידן אין שטאָט און אין די דערפֿער, וואָס געהערן צו דער קהלה. די ציילערס דאַרפֿן באַשטיין פֿון רב, פּרנס החודש, שמש און פֿון אַ קאָמויל אַ שליאַכטשיץ. אין קלענע קהלות, ווו עס איז נישטאָ קיין רב און קיין פּרנס, דאַרפֿן אויף זייער אָרט אויסגעקליבן ווערן צוויי חשובֿסטע בעלי=בתים. דער שליאַכטשיץ=רעווידאָר דאַרף באַשטימט ווערן דורך דעם סטאַראָסטע און אין פּריוואַטע שטעט דורך דעם אייגנטימער פֿון דער שטאָט, דעם גלח, פּריץ, אָדער דורך זייער עקאָנאָם, אָדער פֿאַרוואַלטער. די דאָזיקע פֿיר פּערזאָנען זענען מחויב אַלע באַנאַנד „נישט צעטיילט און נישט אָפּטרענדיק פֿונאַנאַנד“[9] צו פֿאַרצייכענען אַלע יידישע דירות אין דער שטאָט אָדער שטעטל און צו פֿאַרשרייבן אַלע יידן, מענער און פֿרויען, זייערע קינדער און משרתים, מיטן נאָמען און צונאָמען. אַחוץ די פּערזאָנען, וואָס געפֿינען זיך אין די דירות, דאַרפֿן אויך פֿאַרשריבן ווערן די יידן, וואָס זענען אַוועק אויף נסיעות און די, וואָס האָבן דירות אין צוויי שטעט. די דאָרפֿס=יידן זענען מחויב אונטער אַ חרם צו שטעלן זיך צו דער ציילונג אין דער שטאָט פֿון דער קהלה. די דריי יידישע ציילער צוזאַמען מיטן שליאַכטשיץ=רעווידאָר דאַרפֿן דעם 2=טן יאַנואַר 1765 זיך שטעלן אין דער הויפּט=שטאָט פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט, אָדער לאַנד (ziemia) און אין אַ גרעסערער וואָיעוואָדשאַפֿט אין דעם גראָד, דער הויפּט=שטאָט פֿון באַצירק („פּאָוויאַט“) און מיטברענגען זייערע „אינווענטאַרן“, ד.ה. ציילונג=רייםטערס. צום זעלבן טערמין דאַרפֿן דאָרט זיך געפֿינען די צוויי קאָמיסאַרן, וואָס דאָס געזעץ האָט נאָמינירט פֿאַר דער ציילונג פֿאַר יעדער באַזונדערער וואָיעוואָדשאַפֿט, אָדער באַצירק. פֿאַר די דאָזיקע קאָמיסאַרן דאַרפֿן אַלע פֿיר רעווידאָרן אָפּגעבן אַ שבֿועה, אַז די ציילונג איז אַדורכגעפֿירט געוואָרן ערלעך און אַז זיי האָבן קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט. די דריי יידישע רעווידאָרן דאַרפֿן שווערן אין דער שול, ביי אַ ספֿר=תורה. אויפֿן סמך פֿון די נאָמענטלעכע ציילונג=רייםטערס

8 Vol. Leg. VII (wyd. Peterburg 1860, p. 26—29).
9 ... aby oni wraz nierozdzielnie y nieodstępnie...

האָבן די קאָמיסאַרן געדאַרפט צוזאַמענשטעלן סומאַרישע טאַריפן און באַרעכע־נען די סומע קאָפּשטייער, וואָס געפאַלט פון די יידן פון דער וואָיעוואָדשאַפט אָדער באַצירק, לויט דער ראַטע פון צוויי גילדן פון יעדן נפש אין עלטער העכער פון א יאָר. פון יעדן טאַריף האָט באַדאַרפט אָפּגעשריבן ווערן א גענויע קאָפּיע, אָפּיציעל באַשטעטיקט ווערן אין גראָד־געריכט, און דאָרט איבערגעלאָזט ווערן ווי א רעיענטאַלער דאָקומענט (oblata). די אָריגינאַלן פון די טאַריפן, צו־זאַמען מיט די ציילונגס־רעיעסטערס (די אינווענטאַרן) האָבן געזאָלט איבערגעשיקט ווערן צום פּוילישן פינאַנץ־מיניסטער קיין וואַרשע, דורך דער פּאַרמיטלונג פון דער נאָענטסטער פינאַנץ־קאַמער.

דאָס געזעץ פון 1764 האָט פּאָרויסגעזען, אַז אַזעלכע ציילונגען פון יידן דאַרפן אַדורכגעפירט ווערן יעדע 5 יאָר. אין 1768 האָט מען די דאָזיקע באַשטימונג געביטן — יידן ציילונגען זאָלן פּאָרקומען יעדע 20 יאָר.[10] שוין אין 1775, נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן (אין 1772), איז אָבער אַרוים א געזעץ וועגן אַדורכפירן א ציילונג פון יידן אין זעלבן יאָר און דערנאָך יעדע דריי יאָר (דער יידישער קאָפּשטייער איז דעמלט געהעכערט געוואָרן אויף דריי גילדן פון א קאָפּ[11]) און זינט דעמלט קומען פאָר נייע ציילונגען פון יידן — 1778, 1781, 1784, 1787, 1790. נאָך דער צווייטער צעטיילונג פון פּוילן אין 1793 איז געקומען די פּויל־שטענדיקע צעררודערונג פון דער מלוכה און דער אויפשטאַנד פון קאָשטשיושקאָ און קיין ציילונגען פון יידן אין העם אַרומגעשניטענעם רעשט פון דער מלוכה זענען שוין נישט פאָרגעקומען, אחוץ לאָקאַלע ציילונגען, ווי למשל אין וואַרשע אין 1795, שוין נאָך דער באַזעצונג דורך די רוסישע חיילות.

פון די אַלע ציילונגען איז די ציילונג פון 1764 די וויכטיקסטע, אי דערפאַר, וואָס זי איז געווען די ערשטע ציילונג זינט העכער 200 יאָר, אי דערפאַר, וואָס זי איז פאָרגעקומען פאַר דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן און ממילא איז זי געווען די איינציקע, וואָס האָט אַרומגענומען יידן אין אַלע טעריטאָריעס פון דער פּוילישער מלוכה. א פאַרגלייך מיט די שפּעטערדיקע ציילונגען באַווייזט אָבער אויך, אַז די ציילונג פון 1764 איז רעלאַטיוו א סך מער באַגלויבט. אויב די ציילונג פון 1764 ווייזט אויף אין קרוין־פּוילן קרוב 430.000 יידן (אין עלטער מער ווי א יאָר), איז אין 1775 אָנגעציילט געוואָרן נישט מער ווי קרוב 167.000 נפשות. הגם דורך דער ערשטער צעטיילונג, וואָס איז דורך דער צייט פאָרגעקומען, האָט קרוין־פּוילן לגבי די אָפּיציעלע רעזולטאַטן פון דער ציילונג פון י. 1764 פאַרלוירן אַרום 155.000 יידן, איז נאָך אַלץ א סברה, אַז אויף דעם איבערגעבליבענעם שטח פון פּוילן איז די יידישע באַפעלקערונג אין משך פון 11 יאָר געוואַקסן אויף א פערטל און נישט פאַרקערט, פאַרמינערט געוואָרן מער ווי אויף א דריטל! נישט קיין סך גרעסער איז די צאָל יידן אין די שפּעטערדיקע ציילונגען פון 1778 (170.000 יידן), 1781 (188.000) און 1784 (199.000).

---

[10] Vol. Leg. VII. pp. 149, 156. (wyd. Peterb. 1860, p. 303).

[11] Vol. Leg. VIII. pp. 147—148. (wyd. Peterb. 1860, p. 95).

אָבער אויך בנוגע דער באַגלויבטקייט פֿון דער ציילונג אין 1764 זענען לכתחילה נייטיק גרויסע באוואָרענישן.

בכלל זענען אַלע פֿאָלקס-ציילונגען ביז אַרום דער העלפֿט פֿון 19-טן י״ה און בפרט נאָך אין 18 י״ה שטאַרק אין חשד בנוגע זייער גענויקייט. דער פּרינציפּ פֿון גלייכצייטיקער ציילונג אין איין טאָג אין דער גאַנצער מלוכה איז נישט געווען באַקאַנט. די ציילונגען פֿלעגן אַדורכפֿירן מענטשן, וואָס זענען געווען דערצו צומייניקסטן בארופֿן. עס פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז די באַאַמטע האָבן אָנגעגעבן גרעסערע צאָלן ווי אין דער ווירקלעכקייט, כדי גושא חן צו זיין ביי מלכות. ווען דער פּרייסישער קיניג פֿרידריך דער II-טער האָט אויסגעדריקט גרויסע ספֿקות, צי די באַפֿעלקערונג פֿון זיין מלוכה איז טאַקע אין 1769 אַזוי שטאַרק געוואַקסן אין פֿאַרגלייך מיט 1756, ווי עס איז אויסגעקומען לויט די ציילונגס-טאַבעלעס, האָבן זיך די באַאַמטע פֿאַרענטפֿערט, אַז די ציילונג האָבן אַדורכגעפֿירט לאַנדרייטער, אַרומרייטנדיק איבערן לאַנד און אַז אַ טייל פֿון זיי זענען געווען אַלטע לייט, אינוואַלידן און אומוויסנדיקע. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ סך אָפֿטער פֿלעגט דער רעזולטאַט פֿון דער „פֿאָלקס-ציילונג“ זיין דווקא אַ פֿאַרקערטער: די אָפֿיציעלע צאָל באַפֿעלקערונג אויפֿן יסוד פֿון דער ציילונג פֿלעגט אַרויסקומען אַ סך קלענער ווי אין דער ווירקלעכקייט. די פֿעלשונג פֿלעגט אַרויסקומען אויפֿן טאָגליכט, בעת ציילונגען, וואָס זענען אַדורכגעפֿירט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָבן אויפֿגעוויזן אַ באַדייטנדיקע פֿאַרקלענערונג אין פֿאַרגלייך מיט פֿריער, אָדער בעת צוויי ציילונגען פֿון זעלבן יאָר, וואָס זענען אַדורכגעפֿירט געוואָרן דורך צוויי פֿאַרשידענע מאַכטאָרגאַנען, זענען געווען שטאַרק פֿאַרשידן אין צאָל. אַזוי למשל האָט אַ „פֿאָלקס-ציילונג“ אין נידערעסטרייך אין 1754 אויפֿגעוויזן 929.576 נפֿשות, אין 1762 בלויז 777.247 נפֿשות. אין דעם זעלבן יאָר 1762 האָט אַ פֿאָלקס-ציילונג אין זעלבן לאַנד אַדורכגעפֿירט פֿון די גלחים אין זייערע פּאַראַפֿיעס געוויזן אַ צאָל פֿון בלויז 631,016 נפֿשות.[12] עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די באַפֿעלקערונג האָט זיך באַמיט ווי וויט מעגלעך אויסצובאַהאַלטן זיך פֿאַר דער ציילונג, כדי דער סכום שטייערן זאָל אויספֿאַלן קלענער. די יוגנט אין מיליטערישן עלטער פֿלעגט נאָך אחוץ דעם האָבן אַ גרונט צו אַנטלויפֿן פֿאַר די ציילונגס-קאָמיסאַרן, כדי אויסצומיידן דאָס פֿורעניות פֿון ווערן צוגענומען פֿאַר רעקרוטן. די פּריצים גרונט-באַזיצער פֿלעגן אויך אַליין זיין פֿאַראינטערעסירט אָנצוגעבן וואָס אַ קלענערע באַפֿעלקערונג אין זייערע שטעטלעך און דערפֿער, כדי צוצושטעלן וואָס ווייניקער רעקרוטן און פֿאַרשפּאָרן אַוועקצוגעבן בחינמדיקע אַרבעטס-הענט. עס האָבן זיך געטראָפֿן פֿאַלן אין דער עסטרייכישער מלוכה, ווו די באַפֿעלקערונג פֿון גאַנצע דערפֿער איז אַנטלאָפֿן אין די וועלדער און ערשט צוריקגעקומען, ווען עס איז געווען זיכער, אַז די ציילונגס-קאָמיסאַרן האָבן זיך שוין אָפּגעטראָגן. אין טיראָל האָט די קאָנסקריפּציע פֿון 1784 אויפֿגעוויזן נאָר אַ קליינע

---

[12] די אַלע פֿאַקטן און ציפֿערן וועגן פֿאָלקס-ציילונגען אין 18-טן י״ה ברענגט:

Z P. Mombert, über die geringe Zuverlässigheit älterer Volkszählungen, Jahrbücher für Nationalökonomie und Statistik, Jena, Bd. 139 (1933), pp. 734—756.

צאָל נפשות, ווייל אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז אַנטלאָפן פאַר דער ציילונג אויף די האַלעס אין די בערג.[13]

אויך בנוגע דער ציילונג פון יידן אין פוילן אין 1764 קאָן דעריבער לכתחילה נישט זיין קיין רייד וועגן פולשטענדיקער באגלייבטקייט. לאָמיר אָבער זען, צי אין די דאָזיקע ספּקדיקע באגלויבטקייט נוגע אלע רעזולטאטן פון דער ציילונג און צי לאָזן זיך נישט אפילו די ספקדיקע רעזולטאטן קאָריגירן לויט א באשטימטן חשבון.

וועגן דעם, ווי אזוי די ציילונג פון 1764 איז אדורכגעפירט געוואָרן, קאָן מען פעסטשטעלן לויט די ווייטערדיקע פאקטן:

די ציילונג איז פאָרגעקומען אין די באזונדערע שטעט און שטעטלעך אפילו אויפן שטח פון איין וואָיעוואָדשאפט אין פארשידענע טערמינען. אזוי איז אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט די פריסטע דאטע פון דער ציילונג אין אַ קהלה געווען דער 10־טער דעצעמבער 1764, די שפּעטסטע דאַטע דער 30־טער יאַנואַר 1765; אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאפט איז די פריסטע דאטע אויף א רייסטער דער 3־טער דעצעמבער, די שפעטסטע דער 25־טער יאנואר, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס געזעץ האָט געהאַט באשטימט דעם 2־טן יאַנואַר ווי די שפּעטסטע דאַטע, ווען די רעגיסטערס דאַרפן אָפּגעגעבן ווערן פאַר די קאָמיסאַרן אין דער הויפּטשטאָט פון באצירק אָדער וואָיעוואָדשאַפט. די ציילונגען אויף יענע שטחים האָט בכן געדויערט זיבן וואָכן.

ווי דאָס געזעץ האָט פארויסגעזען, האָט אין יעדער קהלה די ציילונג אדורכגעפירט אַ קאָמיסיע פון פיר רעוויזאָרן, דערפון דריי פאָרשטייער פון דער קהלה (רב, פרנס, שמש) און איין שליאַכטשיץ. צי האָבן טאַקע אַלע פיר „נישט צעטיילט און נישט אָפּטרעטנדיק פונאַנאַנד“ באַזוכט אלע דירות אין שטאָט אָדער שטעטל, קאָן נישט מיט זיכערקייט פעסטגעשטעלט ווערן, אָבער עס לייגט זיך אויפן שכל, אז אין דעם דאָזיקן פרט האָט מען זיך געהיטן יאָ אויסצופאָלגן די באשטימונגען פון געזעץ. די רעוויזיע־קאָמיסיע האָט פארצייכנט אַלע נפשות אין עלטער איבער אַ יאָר (אין אַ טייל קהלות אויך זייג־קינדער אונטער אַ יאָר אַלט), וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אין די שטובן. עס זענען אָבער אויך פארצייכנט פאַלן, ווי מען האָט פארשריבן פערזאָנען, וואָס זענען אוועקגעפאָרן, אפילו קיין אויסלאַנד, און אמאָל אויך קינדער, וואָס זענען נישט געווען אין דער היים. די דאָרפס־יידן האָבן טאַקע זיך געשטעלט צו דער ציילונג אין דער שטאָט און אָנגעגעבן די צאָל פון זייערע משפּחה־מיטגלידער מיט די נעמען: קהל האָט אומעטום לויטן געזעץ אונטער א חרם באַפוילן די דאָרפס־יידן צו קומען אין דער שטאָט. דאָס באווייזן די געציילטע פאַלן אין עטלעכע וואָיעוואָדשאפטן, ווו עס איז פארשריבן געוואָרן אין רייסטער, אַז דער און דער ארענדאר אָדער קרעטשמער

---

[13] די פאַקטן וועגן עסטרייך ברענגט:
Konrad Schünemann, Oesterreichs Bevölkerungspolitik unter Maria Theresia, Berlin, 1935, pp. 40—41, 55.

האָט זיך נישט געשטעלט צו דער ציילונג, נישט געקוקט אויפן חרם, אָדער נאָך בפירושער, אז ער האָט נישט געפאָלגט דעם חרם פון זיין קהל.[14]

די „רייסטערס" אָדער „איגווענטארן" פון דער ציילונג האָבן לויטן געזעץ געדארפט צונויפגעשטעלט ווערן דורך אלע פיר רעוויזאָרן אין יעדער קהלה. אונטער די רייסטערס פון אַ טייל שטעט איז טאַקע פאראַן ביי דער חתימה פון פוילישן רעוויזאָר, דעם שליאַכטשיץ, אַ דערקלערונג, אַז ער האָט דעם רייסטער ערלעך פארצייכנט (יאַנעוו, לובלינער וואָיעוואָדשאַפט), אָדער, אז ער האָט צוזאַמען מיטן רב און מיט די פרנסים דעם רייסטער צונויפגעשטעלט (פאַרטשעוו, לובלינער וואָיעוואָדשאפט). פאַראַן פון דער אַנדערער זייט אויך חתימות פון די יידישע רעוויזאָרן, ווו זיי באַשטעטיקן, אַז זיי האָבן „געמאַכט" דעם רייסטער (קאַלושין, מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט: אנחנו הייגו על הרעווזי[15] ועשינו הרייסטר הלז ונשבענו על זה). נישט געקוקט דערויף, קאָן מען פעסטשטעלן אָן שום ספק, אַז די פוילישע ציילונג-רייסטערס פון די באזונדערע קהלות זענען נישט די אָריגינאלן פון די ציילונגס-רשימות, נאָר זיי זענען פוילישע איבערזעצונגען פון ציילונגס-רשימות, וועלכע זענען געווען געשריבן אויף העברעיש.

עס איז אָפּגערעדט דערפון, אז דער פוילישער רעוויזאָר אליין האָט נישט אין אַלע פאַלן געקאָנט שרייבן פויליש. אין דריי פארשידענע וואָיעוואָדשאפטן האָבן מיר אָנגעטראָפן רייסטערס פון באַזונדערע קהלות, ווו דער פוילישער רעוויזאָר חתמעט זיך מיט א צלם און דערביי איז צוגעשריבן אַ דערקלערונג, אז ער קען נישט שרייבן. דאָס זענען די רייסטערס פון זאַטאָר (אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאפט), טשעמערניק (אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) און טשיזשעוו (אין דער מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט).[16] א סברה, אז א סך גרעסער איז געווען די צאָל פוילישע רעוויזאָרן האַלבע אנאלפאַבעטן, וואָס האָבן געקענט זיך חתמענען,

---

[14] אין דער קהלה קרימאָלאָוו (קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט) האָבן זיך נישט געשטעלט צו דער ציילונג אונטערן חרם דער אַרענדאַר און קרעטשמער פון דאָרף קראַטשיץ און דער אַרענדאַר פון וויגיעלשאָוו.

אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט האָבן זיך נישט געשטעלט צו דער ציילונג (nie stawili się, nie stanęli) די יידן פון די דערפער יוטראָשין און פּאָוויעדזשיסקאַ. אין דעם העליטשער לאַנד האָט זיך דער אַרענדאַר פון דאָרף איסאַקאָוו, פון דער קהלה פאָטאָק, בפירוש אָפּגעזאָגט צו קומען צו דער ציילונג (מ. באַלאַבאַן, ציילונג פון יידן און קראַימער, ד. צ. אָ., ז. 20).

[15] מיינט: רעוויזיע, ציילונג.

[16] אין זאַטאָר האָבן מיר דעם נאָמען פון רעוויזאָר אַנאַלפאַבעט נישט פארצייכנט. צווישן די יידישע רעוויזאָרן האָבן מיר אָנגעטראָפן אין גאַנץ קרוין-פוילן נאָר איין פאַל, ווי איינער אַ שמש האָט זיך נישט געקאָנט אונטערשרייבן. אונטערן צייל-רייסטער פון וויעניאַווע (אַ פאָרשטאָט פון לובלין), איז דאָרטן אַזאַ חתימה: באשר דער שמש קאָן נישט שרייבן האָבן די ראשי' אליין רווידירט יהושוע העשל בן מנחם אב"ד.

האָבן אָבער נישט פולשטענדיק באַהערשט די קונסט פון שרייבן.[17] די יידישע רעוויזאָרן האָבן אָבער, ווי עס באַווייזן זייערע העברעישע חתימות, ווי אַ כלל נישט געקענט דעם לאַטייניישן אַלפאַבעט, ווער שמועסט וועגן קענען שרייבן פויליש.[18] מיר פאַרמאָגן אָבער אויך דירעקטע באַווייזן וועגן דעם, אַז די אָריגינעלע ציילונג־רשימות זענען געווען געשריבן אויף העברעיש. פון דער ציילונג פון יידן אין דער צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט אין 1764 האָבן זיך געפונען אין מלוכהשן הויפט־אַרכיוו אין וואַרשע 3 בענד „אינווענטאַרן“ פון יעדער קהלה, באַזונדער אויף העברעיש און באַזונדער אויף פויליש. דאָס זענען אינווענטאַרן פון די דריי באַצירקן (פאָוויאַטן) צויזמיר, ווייסליץ (ווישליצע) און פילזן. די פוילישע אינווענטאַרן זענען ווערטלעך געטריי איבערגעזעצט פון העברעיש. פון דער מלוכה־ציילונג פון יידן אין 1781 האָט זיך דערהאַלטן אין זעלבן אַרכיוו אַ העברעישער רייסטער פון וואַרשע און פון פראַגע און אַ באַזונדערער רייסטער אין פויליש.[19] די העברעישע „רייסטערס“ פון דער צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט און פון וואַרשע אַנטהאַלטן אויסגעשטראָכענע נעמען און ציפערן, ווי אויך אויסבעססערונגען, בעת די פוילישע רייסטערס פון די זעלבע ציילונגען זענען אָנגעשריבן ריין און איבערזיכטלעך. עס איז בכן נישט קיין ספק, אַז די העברעישע רייסטערס זענען דער אָריגינאַל. די קהלות גופא האָבן דערנאָך די העברעישע ציילונגס־

---

[17] אָט איז אַ ביישפיל פון פוילישן אויסלייג פון רעוויזאָר פון דער קהלה ראַזשאַן (מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט):

Andrzey Olszewski, Doty Rewizy wyznacony y Przyszię Gły m. p.

עס קומט אויפן געדאַנק די סצענע אין פרעדראָס קלאַסישער קאָמעדיע „זעמסטאַ“, ווו אַ שליאַכטשיץ דיקטירט דעם צווייטן אַ בריוו און דאַרף אים דערביי אָפמשלן די געשטאַלט פון איינצעלנע אותיות.

אַ פאַראַלעל צו דער דאָזיקער פוילישער אָרטאָגראַפיע געפינען מיר אין אויסנאַםפאַלן, ווו די העברעישע התימות הינקען שטאַרק אונטער אין פּרט פון אויסלייג און דקדוק. דער חילוק איז אָבער, וואָס העברעיש איז נישט געווען די גערעדטע שפּראַך. דער שמש פון מאַקאָווע (מאַזאָוויע) שרייבט זיך אונטער אַזוי:

גם אני באתי על החתום על כל מה שנקתב (!)... נא' שלמה במהר"ק יוסף שמש בק"ק מאַקאָווי גם אני הואתי (!) בשת (!) חשבין וישביעה (!)

[18] אין אויסנאַם זענען בלויז אַ טייל קהלות אויף דער דייטשער גרענעץ, ווו די יידישע רעוויזאָרן שרייבן זיך אונטער אויף העברעיש און אויף דייטש אָדער פויליש (מיט גאָטישע אותיות). אַזוי חתמענען זיך אונטער דער ציילונג פון בראָדסעניד (ביי קריסטבורג, אין פויליש־פּרייסן) דער שמש און איין פרנס אויף העברעיש, דער צווייטער פרנס און דער שמש אויף פויליש (מיט דייטשער שריפט און אויסלייג):

Schmuel Jacob starszy m. p.p.
Skolnik Lewek...

אונטער דער רשימה פון גרייזיץ (פויזנער וואָיעוואָדשאַפט) חתמעט זיך דער רב אויף דייטש און דער פרנס אויף העברעיש:

שלמה זלמן בהר"ר זאב וואָלף מגרידץ

Lewin Simon Lewy Rabiner de Grodecz

[19] באַריכות וועגן די דאָזיקע העברעישע רייסטערס זע:

ר. מאהלער: „העברעיש־יידישע דאָקומענטן פון די יידן־ציילונגען אין פוילן“ יי וו אָ־ב ל ע ט ע ר, באַנד III (1932), ז' 208—222; הוספות און תיקונים, דאָרט, ז. 477—479.

רשימות געלאָזט איבערזעצן אויף פּויליש. די דאָזיקע פּוילישע איבערזעצונגען זענען דערנאָך געחתמעט געוואָרן דורך די דריי יידישע רעוויזאָרן צוזאַמען מיטן פּוילישן רעוויזאָר. היות אין די מערסטע העברעישע רשימות איז די צאָל נפשות פון יעדער דירה פאַרצייכנט געוואָרן אין אַראַבישע ציפערן, און אין אַראַבישע ציפערן איז אויך אָנגעגעבן די סומע פון דער קאָלומנע צום סוף פון יעדער זייט, האָבן די פּוילישע רעוויזאָרן על פּי רוב געהאַט א מעגלעכקייט נאָכצוקאָנטראָלירן זייערע יידישן מיטרעוויזאָרן אויפן יסוד פון דער ערשטער רשימה. אין אנדערע פאַלן, ווו די העברעישע רשימה האָט פאַרמאָגט בלויז העברעישע אותיות אלס ציפערן, האָבן די פּוילישע רעוויזאָרן געקאָנט קאָנטראָלירן די ציפערן אויפן יסוד פון דער פּוילישער איבערזעצונג.[20] בכל אופן איז אָבער די הויפּט-אַרבעט פון צונויפשטעלן די ציילונג געלעגן אין די הענט פון קהל גופא און ממילא האָט זיך אויך די גענויקייט פון דער ציילונג שטאַרק געווענדט אין דער באַציונג פון קהל צום ענין.

וויאַזוי האָט זיך אָבער טאַקע באַצויגן צו דער ציילונג דער קהל, אָדער דער רב, פּרנס און שמש, וואָס האָבן אין נאָמען פון קהל די ציילונג אַדורכגעפירט? צוויי היפּכדיקע מאָטיוון האָבן דאָ געקאָנט ווירקן. פון איין זייט איז קהל געווען טיף פאַראינטערעסירט, אַז די ציילונג זאָל אַרויסווייזן וואָס ווייניקער נפשות אין דער קהלה. דאָס האָט געפאָדערט די סאָלידאַרישקייט פון קהל מיט דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז איצט צום ערשטן מאָל געווען מחויב צו צאָלן שטייערן לויט דער צאָל נפשות, צוויי גילדן פון אַ קאָפּ (אַחוץ זייגקינדער, נאָך נישט קיין יאָר אַלט), דאָס איז אָבער אויך געלעגן אין אינטערעס פון קהל ווי אַן אינסטיטוציע. קהל איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סומע קאָפּ-געלט פון דער קהלה און דער דאָזיקער שטייער פלעגט נאָך אַלץ ווי אין אַמאָליקע צייטן אויפגעמאָנט ווערן פון קהל און נישט פון יעדער משפחה באַזונדער.[21] אין דעם סכום

---

[20] דאָס וואָס עס האָבן זיך נישט אויפגעהיט די העברעישע אָריגינאַלן פון ציילונגס-רייסטערס אַחוץ דער צוזמירער וואָיעוואָדשאַפט (אין 1764) און וואַרשע (1781), איז נישט קיין חידוש, ווייל דאָס געזעץ האָט געפאָדערט, אַז בלויז די פּוילישע „אינווענטאַרן" צוזאַמען מיט די קאָפּיעס פון די סומירטע טאַריפן זאָלן איבערגעשיקט ווערן אין פינאַנס-מיניסטעריום. אַ חידוש איז פאַרקערט, צוליב וואָס די עטלעכע העברעישע אָריגינאַלן האָט מען יאָ געהאַלטן פאַר נייטיק איבערצושיקן אין דער פינאַנץ-קאַנצעלאַריע קיין וואַרשע. ווייזט אויס, אַז אין די דאָזיקע פאַלן האָבן די רעוויזאָרן מחמת ספּעציעלע סיבות געהאַלטן פאַר נייטיק, אָדער זיי זענען געווען געצווּנגען צוצושטעלן אַלע באַווייזן, אַז זיי האָבן דעם רייסטער (דעם פּוילישן) צונויפגעשטעלט פּינקטלעך און ערלעך.

[21] ערשט אין 1775 האָט דער סיים אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס האָט געמאַכט דעם ערשטן דורכבראָך אין אחריות פון קהל פאַר דעם קאָפּשטייער פון דער קהלה: קהל האָט נאָך אַלץ באַדאַרפט באַצאָלן דעם קאָפּשטייער פאַר אַלע נפשות פון דער קהלה, קהל האָט אָבער באַקומען דאָס רעכט אָנצוגעבן דער מאַכט די נעמען פון די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין קבלה פון קהל, אַז זיי האָבן דעם קאָפּשטייער אין קהל באַצאָלט. פאַר די דאָזיקע פּערזאָנען איז שוין קהל געווען פטור פון אחריות און דער שטייער-עקזעקוטאָר האָט בײַ זיי דירעקט באַדאַרפט אויפמאָנען דעם חוב פאַר שטייער. זע: vol. Leg. VIII, p. 147—148 (אויסגאַבע 1860, ז. 95).

שטייערן, וואָס קהל האָט ארויפגעלייגט אויף די מיטגלידער פון דער קהלה, איז סיי ווי סיי געווען אריינגערעכנט דער קאָפּשטייער. וואָס ווייניקער בכן מען האָט אָנגעגעבן אין דער ציילונג, אלץ מער איז געבליבן פון קהלה-שטייער פאַר קהל אויף צו דעקן די אויסטערלישׂ אָנגעוואַקסענע חובות און אויף אלע הצטרכותן.

אַנטקעגן דעם דאָזיקן אינטערעס פון קהל און פון דער קהלה איז אָבער געווען דאָס געפיל פון טאָפּלטער מורא: די מורא פאַר דער אַנטדעקונג פון פעלשונגען אין דער ציילונג דורך דער מאכט און די מורא פאַר דער עבירה פון דער פאלשער שבועה. דער פוילישער רעוויזאָר, וואָס האָט באגלייט די דריי פאָרשטייער פון קהל ביי דער ציילונג איבער די הייזער, איז אליין אויך געווען געבונדן סיי דורך דעם אחריות פאַר דער מאַכט און סיי דורך דער רעליגיעזער שבועה. אויב אפילי עס האָט געקאָנט טרעפן, אַז מען האָט דעם פוילישן רעוויזאָר געקאָנט איבערדברן, אָדער גאָר משחד זיין, איז נאָך אלץ געווען די סכנה, אַז די פעלשונג וועט שפּעטער אַנטדעקט ווערן דורך דער מלוכה-מאכט. נישט ווייניקער ערנסט א ו געווען דער ענין פון חרם און שבועה. קהל האָט פאַר דער ציילונג מחייב געווען אונטער אַ חרם אנצוגעבן די ריכטיקע צאָל נפשות נישט נאָר די דאָרפס-יידן, נאָר אויך די באוווינער פון דער שטאָט און שטעטל.[22] די שבועה, וואָס די דריי יידישע רעוויזאָרן האָבן געדארפט אָפּגעבן ביים איבערגעבן די רייסטערס פאר די קאָמיסארן אין גראד (אין דער הויפּטשטאָט פון דער וואָיעוואָדשאפט אָדער פאָוויאט), האָט געהאט דעם נוסח פון א שרעקלעכן חרם.[23] די שבועה האָט לויטן

---

[22] פג"ל די חתימה פון דאלשין (דזשאַליאָשין), וויעלונער לאַנד: הריסטר הזה הוא המספר בני ישראל הדרים בעיירות ובכפרים הנמנה בצדק ע"פ חרם הרב והקהל.

[23] דער עיקר נוסח פון דער שבועה איז געווען פאַרנאָטירט אין געזעץ פון 1764, א גלייכער פאר די יידישע רעוויזאָרן און פאר דעם פוילישן רעוויזאָר:

„איך . . . . . שווער ביי גאָט דעם אַלמעכטיקן, אַז אַדורכפירנדיק די דאָזיקע רעוויזיע אין אַלע ערטער און דירות, האָב איך ערלעך לויט דעם געזעץ פון סיים פאַרשריבן בפירוש אַלע יידישע נפשות פון עלטסטן ביז צום יינגסטן קאָפּ, וואָס זענען געווען אין די דירות, אין די סביבות פון דער קהלה און אויף דער נסיעה און קיינעם נישט אויסגעלאָזט, אַז איך האָב זיך נישט געלאָזט פירן דורך קיין שום יתרות און אויך נישט דורך קיין שום שנאה, און אז איך האָב נישט גענומען קיין שום מתנות און נישט אָנגענומען קיין שום הבטחות, און אַז איך וועל אַזעלכע אויך נישט אָננעמען און אַז איך האָב אויסגעפירט ערלעך די דאָזיקע רעוויזאָרישע פליכט, וואָס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן. אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן".

די יידישע רעוויזאָרן האָבן אָבער נישט יוצא געווען מיט דעם דאָזיקן נוסח, נאָר ווי עס באַווייזן די אַקטן פון דער ציילונג, האָבן זיי נאָך באַדאַרפט זאָגן אַ שבועה, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט די שווערסטע תוכחות ווי אַ שטראָף פאַר פעלשן די ציילונג:

„און אויב מיר האָבן פאַרשריבן נישט ערלעך, אויסלאָזנדיק קעפּ, זאָל אונדז גאָט צעטומלען — וואָס האָט סדום און עמורה פאַרברענט אין אַ גיהנום-פייער... וואָס האָט פרעהן אין ים-סוף פאַרטיליקט... זאָל אונדז די ערד איינשלינגען, וואָס האָט איינגעשלינגען דתן ואבירם און זאָל אויף אונדז קומען די צרעת, וואָס האָט פארלאָזט נעמן און האָט זיך באַהעפט אין גחזי... זאָלן מיר אויסגעמעקט ווערן פון ספר (החיים)... זאָלן מיר פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיין, ווי לוטס ווייב, וואָס איז געוואָרן אַ זייל

געזעץ געדאַרפט פאָרקומען אין שול ביי א ספר־תורה, און לויט ווי עס ווייזט אויס, האָט מען זי אָפּגעגעבן אָנגעטאָן אין א טלית.[24]

אַזאַ שבועה איז געווען א הארבער ענין און עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די רבנים זאָלן זיך בדרך כלל האָבן מתיר געווען באַוווסטזיניק פאַלש צו שווערן. פאַר גישט קומען צו דער שבועה האָט געדראָט א גרויסע שטראָף. בדרך כלל איז אין גאַנץ פוילן דעריבער געווען אן אויסנאַם, אַז דער רב זאָל זיך נישט שטעלן צו דער שבועה פאַר די קאָמיסאַרן אין גראַד. אין געציילטע פאַלן איז פאַרגאָטירט געוואָרן, אַז דער רב האָט צוליב אַ קרענק געשיקט א פאַרטרעטער (מאַקאָווע, אין מאַזאָוויע). אין אַ פאַל פון טאַרנאָפּאָלער רב שלמה בן יעקב, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון שליטן אויפן וועג ביים שטעטל קאָזלאָוו און צעקלאַפּט זיך אַ פוס, האָט דער פוילישער רעוויזאָר און דער אוקראַיִנישער בעל־עגלה געמוזט אָפּגעבן א שבועה פאַר די קאָמיסאַרן וועגן פאַרלויף פון ענין.[25] בלויז אין פאָדאָליע, אין לאַטיטשאווער פאָוויאַט, זענען אַזש אין 7 שטעטלעך (זשענקאָוו, שאַראַפּקאַ, וויערזשבאָוויץ, פלאָסקיראָוו, מיכאַלפּאָל, יארישאָוו, נאָווי־פּיקאָוו) די רבנים נישט געקומען און געשיקט פאַרטרעטער. אין 5 פאַלן איז די סיבה אָנגעגעבן געוואָרן קראַנקהייט, אין איין פאַל איז פאַרציכנט, אַז דער רב איז געהרגעט געוואָרן דורך די טערקן, און אין אַן אַנדערן פאַל איז קיין שום סיבה נישט פאַרציכנט.[26] אויב אפילו די קרענק פון פינף רבנים מיטאַמאָל אין איין קרייז מאַכט דעם איינדרוק פון א תירוץ, איז על כל פנים אין גאַנצן לאַנד אַזאַ תירוץ געווען אַ זעלטנקייט.

בכלל געקומען איז בכן סיי דער קאָנטראָל מצד דעם פוילישן רעוויזאָר און די מורא פאַר דער הארבער שטראָף מצד דער מאַכט, סיי די סאַנקציע פון דער הארבער שבועה געווען אַן אָפּהאַלט ביי די רעוויזאָרן פון קהל אָנצוגעבן באַוווסטזיניק פאַלשע ציפערן. דאָך איז דער שכל מחייב, אַז עס האָבן זיך געטראָפן אויסנאַמען, ווו דער פוילישער רעוויזאָר האָט זיך געלאָזט „איבערצייגן" דורך קהל און די עבירה פון פאַלש שווערן האָט מען זיך אויסגערעדט, אויסטייטשענדיק די שבועה ווי אַן אונס, א שבועה אונטער צוואַנג. וועגן אַזאַ פאַל פון באַוווסטזיניקער פעלשונג פון דער ציילונג פון 1764 מצד קהל דערציילט אונדז בער באָלעכאָווער אין זיינע זכרונות:

„...דער דאָזיקער מנהג (פון וועד ארבע ארצות) איז געווען דער בעסטער

זאָלץ. און מיר זאָלן געשוואָלן ווערן, און די גרויסע קרענק זאָל אונדז צונעמען... און די טייוולאָנים זאָלן אונדז מיט דער נשמה און מיטן גוף צונעמען אין גיהנום".

זע: מ. באַלאַבאַן, דצ"ו, ז. 15

[24] אין דער הקדמה צו דעם רייסטער פון צפון־מערב טייל פון מאַזאָוויע איז פאַרפּראָטאָקאָלירט געוואָרן וועגן דער שבועה:

Starsi zaś Synagóg tak Wyszogrodzkiey jako y Ciechanowskiey w szkole na swym Rodale w ubiorze dla nich dla Juramentu przyzwoitym przysięgę swoją wykonali.

[25] זע: מ. באַלאַבאַן, דצ"ו, ז. 15.

[26] קאַמאַנין, דצ"ו, ז. 718.

פאר יידן אין משך פון העכער אכט הונדערט יאָר,[27] ס'איז געווען א שטיקל גאולה און א ביסל כבוד פאר יידן, וואָס גאָט האָט אונדז מיט זיין רחמים און חסד נישט פארלאָזט, ווי אין חומש שטייט: ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם כי אני ד' אלהיהם.

איז אָבער בעוה"ר (בעונותינו הרבים) אויפגעשטאַנען אין פוילן אין יאָר תקכ"ג[28] א נייער קיניג פאָניאטאָווסקי, וואָס האָט תיכף, ווי ער איז געקרוינט געוואָרן, געהייסן מיט דער הסכמה פונעם קאנוואקאציאנס־סיים (ווייל אלע שררות זענען דעמלט געווען אין וואַרשע) ציילן די יידישע באַפעלקערונג דורך גוישע קאָמיסארן פון אלע פוילישע לענדער, און די יידן זאָלן באַצאָלן יערלעך צוויי פוילישע גילדן פון יעדן קאָפּ: אין חודש מערץ אדער אדר איין גילדן און אין חודש אלול איין גילדן פון יעדן יידישן נפש.

ווען די קאָמיסארן זענען געקומען ציילן אונדזער קהלה, איז דער עלטסטער געווען דער פריץ גראָמניצקי, מיינער א באַקאַנטער און גוטער פריינד. האָב איך זיך איינגעשטעלט און מזהיר געווען די קהלה־משרתים, זיי זאָלן רעדן פון אונדזער קהלה, מ'זאָל ווי ווייט מעגלעך פארלייקענען די צאָל קינדער; כ'האָב מזהיר און מבטיח געווען אונדזערע פירערס, אז ס'וועט קיין שום רעה נישט ארויסקומען פאר אונדזער קהלה, אויב זיי וועלן אפילו פארלייקענען אלע אָרעמע נפשות. און מ'האָט געטאָן לויט מיין עצה. אין אונדזער קהלה איז געווען מער פון דרייצן הונדערט יידישע נפשות, האָט מען פאַרלייקנט פאַר די קאָמיסאַרן די אמתע צאָל פון באָלעכאָוו און די ארומיקע דערפער, און לויט דער ציילונג פון די קאָמיסארן האָט זי באַטראָפן אכט הונדערט דריי און אכציק יידישע נפשות. די קאָמיסאַרן האָבן אונדז דערקלערט, אַז לויט א באַפעל פון וואַרשע — זענען צוויי פון די עלטסטע יידישע מנהיגים מחויב צו שווערן, צי האָבן זיי אָנגעגעבן די אמתע צאָל, און מיר האָבן געמוזט שיקן צוויי זקנים. אייגער איז געווען ר' צבי הערש, דער בוסקער רב ע"ה און דער צווייטער ר' שלמה ר' גרשונס, א בכבודיקער זקן, וואָס זענען געפאָרן קייז זידאצוב[29] און דאָרט געשווירן. די קאָמיסארן האָבן אַזוי מקיים געווען און אָנגענומען אונדזער צאָל אין די אָפיציעלע מלוכה־אַקטן צו מאָנען יערלעך דאָס געלט פאר די דאָזיקע צאָל קעפּ.[30] אָט אזוי האָבן מיר געצאָלט זעקס ראַטעס אין משך פון דריי יאָר, ווי ס'ליגן נאָך עד היום

---

[27] די דאָזיקע גוזמא באַווייזט בלויז ווי שטאַרק עס איז געווען ביי פוילישע יידן אין 18־טן י"ה די טראַדיציע פון וועד ארבע ארצות. מען איז געווען איבערגעצייגט, אַז די דאָזיקע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע שטאַמט נאָך פון 10־טן י"ה.

[28] דאָס איז נישט גאַנץ גענוי. דער קיניג אויגוסט III איז געשטאָרבן תקכ"ג (1763), אָבער סטאַניסלאַוו אויגוסט פאָניאַטאָווסקי איז ערשט אויסגעקליבן געוואָרן אין 1764.

[29] זשידיטשויוו, די הויפּטשטאָט פון פאָוויאַט, צו וועלכן די קהלה באָלעכאָוו האָט געהערט.

[30] אין די אַקטן פון דער ציילונג איז טאַקע אָנגעגעבן די צאָל יידישע נפשות אין דער באָלעכאָווער קהילה גענוי 883, ווי בער באָלעכאָווער גיט איבער, דערפון 784 אין דער שטאָט און 99 אין די אַרומיקע דערפער.

זע: פ. באָסטעל. דצ"ו.

ביי מיר פאַר אַ דאָקומענט די קוויטונגען, געדרוקט אויף פויליש, אַז מיר האָבן יעדן האַלבן יאָר געצאָלט אַ ראַטע.“

אַזאַ פאַל, ווי עס גיט איבער בער באָלעכאָווער וועגן דער ציילונג אין זיין קהלה, ווו קהל האָט אָנגעגעבן כמעט מיט אַ דריטל (גענוי 32%) ווייניקער יידישע נפשות, ווי אין דער ווירקלעכקייט, איז אָבער לויט אַלע סברות געווען אַן אויסנאַם. דאָס דרינגט ארויס פון אופן, ווי בער באָלעכאָווער גיט איבער דעם פאַקט: ער דערציילט וועגן דעם פאַקט נישט ווי וועגן אַ כלל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ציילונג אין גאַנץ פוילן, אָדער אין דער גאַנצער געגנט פון זיין שטעטל, נאָר ווי וועגן זיינעם אן אויסערגעוויינלעכן אויפטו. דערביי קלערט ער אליין אויף, אַז אַזאַ פעלשונג איז געווען מעגלעך אדאנק זיין גוט־ברודערשאַפט מיטן פריץ, וואָס איז ווידער אן אומשטאַנד, וואָס איז א יוצא מן הכלל. נישט אומעטום איז קהל געשטאַנען אין נאָענטע באַציונגען מיט די רעוויזאָרן אָדער קאָמיסאַרן פון דער ציילונג, און נישט אומעטום, ווו עס האָבן אפילו עקזיסטירט אזעלכע באַציונגען, האָט זיך דער רעוויזאָר, דער שליאַכטשיץ, געלאָזט איבערדברן דורך קהל.[31]

אויב קהל האָט — אין 1764—1765 — בלויז אין אויסנאַם־פאַלן זיך דערוועגט און געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוגעבן אַ באַדייטנדיק קלענערע צאָל נפשות, ווי אין דער ווירקלעכקייט, האָט אָן אַ ספק די יידישע באַפעלקערונג גופא אין אַ סך פאַלן געהאַט אירע אופנים, וויאַזוי אויסצובאַהאַלטן נפשות. די פאַרשטייער פון קהל, רב, פרנס און שמש, וואָס האָבן לויטן געזעץ געדאַרפט אליין ארומגיין

---

[31] אפילו אין די שפּעטערדיקע ציילונגען פון די 80־ער יאָרן פון 18־טן י״ה, ווו די פעלשונג איז געווען א כלל אין גאַנץ פוילן, באַטרעפט אין אוקראַינע די צאָל „אויסגעפונענע“ (דורך מסירות פון קריסטן) פון א צענטל ביז א פינפטל פון דער גאַנצער צאָל נפשות.

אין דער ציילונג פון די יידן אין די אוקראַינער וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט קאַמאַנין, איז פאַר דעם יאָר 1787 און טיילווייז אויך 1789 אָנגעגעבן אחוץ דער צאָל נפשות לויט דער רשימה פון קהל אויך די צאָל „אויסגעפונענע“ לויט א „חקירה ודרישה“ (z indagacyi chrześcijan, z indagacyi). בלויז אין פּאָוויאַט לוצק (אין וואָלין) איז די צאָל „אויסגעפונענע“ אין 1787 אַזוי גרויס ווי 38 פּראָצענט פון דעם סך־הכל (1669 לגבי 1853 אָנגעגעבענע דורך קהל). אין לודמירער פּאָוויאַט פון דער זעלבער וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפט שוין די פּראָפּאָרציע פון „אויסגעפונענע“ בלויז פון 5 ביז 20 פּראָצענט פון דער סומע; אין דער בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט איז די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע אין יענעם יאָר בערך 10 פּראָצענט; אין דער פּאָדאָליער וואָיעוואָדשאַפט איז בלויז אין זעלטענע פאַלן דער פּראָצענט „אויסגעפונענע“ דערגאַנגען ביז א דריטל. אין רוב קהילות איז די פּראָפּאָרציע אין די גרענעצן פון 10 ביז 20 פּראָצענט.

וועגן פעלשונגען פון די ציילונגען פון יידישן קאָפּשטייער אין די 80־ער יאָרן ווערן מיר אויך געוווּיר פון מעמאָריאַלן פון יידישע מוסרים צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע פון קרוין־פוילן (komisja s'karbu Koronnego). די מחברים פון די מעמאָריאַלן מסרן, אַז די קהילות מאַכן אויף פאַר זיך קאָפּשטייער פון אַלע יידישע נפשות, בעת אין דער ציילונג גיבן זיי אָן די צאָל נפשות אַ קלענערע, ווייל זיי הייסן פריער דער

אַלע דירות, זענען טאַקע געווען מחויב צו שווערן, אַז זיי האָבן ערלעך געציילט און קיין נפש נישט אדורכגעלאָזט. פאַראַן דערפאַר חתימות אונטער ציילונגס-רייסטערס, ווו עס ווערט בפירוש דערקלערט, אז מען האָט נישט פארהוילן דערפון, וואָס מען האָט געזען פאר די אויגן.[32] אין דעם זינען איז די שבועה פון קהל אַוודאי אין גרעסטן רוב קהילות געווען אמת. נישט מער, וואָס די באַפעלקערונג האָט נישט אַלץ „געוויזן פאר די אויגן" פון די רעוויזאָרן. צום שווערסטן איז געווען אויסצובאַהאַלטן זיך פאר די ראשי-משפחות, ווייל וועגן זיי האָט מען זיכער גוט געוווסט אין שטעטל וויפל זיי זענען פאַראַן, ווער עס פאַרנעמט וועלכע דירה.[33] לפי ערך צום לייכטסטן איז געווען אויסצובאַהאַלטן קינדער, בפרט קליינע,

---

יידישער באַפעלקערונג זיך אויסצובאַהאַלטן. די מוסרים לייגן פאַר דער קאָמיסיע, מען זאָל זיי איבערגעבן אַדורכצופירן אַן אמתע ציילונג און דורך דעם באַרייכערן די הכנסות פון דער מלוכה.

זעט: Memoriały do Komisji Skarbu Narodowego

אין פינאַנץ-אַרכיוו אין וואַרשע, ז. ז. 18, 20, 44.

די אָפּשריפטן פון די דאָזיקע מעמאָריאַלן האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין טייערן פריינד, דעם אומפאַרגעסלעכן היסטאָריקער און העלד פון וואַרשעווער געטאָ ד"ר עמנואל רינגעלבלום.

דער באַרימטער יידישער פאָלקס-טריבון פון ווילנע, שמעון וואָלפאָוויטש (בן זאב), גוט איבער אין זיין שריפט (דער תפוס פון ניעשוויזש).

Więzień w Nieświeżu do stanów Sejmujących

(צו די שטאַנדן אויפן סיים, ווילנע 1790), אז די יידישע באפעלקערונג אין ווילנע ציילט צוויי מאָל אזויפיל נפשות (העכער 8.600) ווי די צאָל, פון וועלכער מען האָט אָפּגעצאָלט שטייער דער מלוכה.

[32] זייער כאַראַקטעריסטיש איז פון דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט די חתימה פון די יידישע רעוויזאָרן אין דער קהלה גאָריי, לובלינער וואָיעוואָדשאַפט:

„ח"י (חתימת יד) דלמטה תעיד עלינו שהרייסטר הנ"ל נכתוב (!) ע"פ יושר ואמת ולא נעלם מבני קהילתנו וכל הנראה לעינים (פון מיר אונטערגעשטראָכן — ר. מ.) הן בקהילתינו והן בכפרינו השייכים לקהלתנו לא העלמנום".

[33] דאָס געזעץ האָט באַוואָרנט אויך די עווענטואַליטעט, אַז אַלע יידן פון אַ שטאָט זאָלן זיך צונויפרעדן און אַנטלויפן פאַר דער ציילונג מיטן הסכם פון פריץ דעם אייגנטימער פון דער שטאָט, אָדער, אַז דער פריץ זאָל וועלן אויסטראַכטן אַ ליגן, אַז אַלע יידן זענען אויסגעשטאָרבן: אין פאַל ווען מען טרעפט אַ שטעטל אויסגעליידיקט פון יידן, דאַרף דער פריץ שווערן פאַר דער פינאַנץ-קאָמיסיע, אַז די יידן האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל צוליב אייגענער „מוטוויליקייט" און נישט צוליב דער סיבה פון ציילן, און אין פאַל פון טויט, אַז זיי זענען אויסגעשטאָרבן אין אַ מגפה. אין ביידע פאַלן דאַרפן די הייזער און אַנדערע בנינים פון יידן פאַרקויפט ווערן און פון דער סומע פון פאַרקויף דאַרף אָפּגעצאָלט ווערן דער קאָפּשטייער:

Gdyby zaś wszyscy co do iednego Żydzi i Karaimi z którego Miasta wyiść, albo wymrzeć mieli, tedy w takowym przypadku za poprzysiężeniem przez Pana lub Dyspozytora owego Miasta na Kommissyi Ekonomiczney, że ci Żydzi nie z przyczyny Dworskiey, ale własney swoyey zuchwałości y swawoli z Miasta wyszli, czyli in casu morticinii wymarli, a Pan maiątków ich, prócz za długi, albo swoie, albo kredytorskie, non in majori pretio, nie zabrał, na ten czas od płacenia pogłównego fundusz wolny bydź powinien, a domy y inne w Mieście superficies żydowskie, za poprzedzaiącą przez Urząd Mieyski taxą, na spłacenie tego podatku obrócone bydź maią (Vol. Leg. VII, wyd. 1782, p. 50).

און אין געוויסע פֿאַלן אויך משרתים, אומפֿאַרהייראַטע. גישט קיין חידוש דעריבער, אַז אפילו אין דעם פֿאַל פֿון דער קהלה באַלעכאָוו, ווו די פֿעלשונג איז פֿאָרגעקומען מיטן הסכם פֿון קהל, איז דער סיסטעם באַשטאַנען אין „ווי ווייט מעגלעך פֿאַרלייקענען די צאָל קינדער". דאָס זיבערסטע קריטעריום פֿאַר אָפּשאַצן די באַגלייבטקייט פֿון דער יידן־ציילונג פֿון 1764 איז בכן די פּראָפּאָרציע קינדער לגבי דער צאָל משפּחות.

אָן אַנדער אופֿן פֿאַרלייקענען, וואָס האָט געשפּילט אומפֿאַרגלייכלעך אַ קלענערע ראָלע לויט דער צאָל, וואָס איז אָבער לייכט מעגלעך געווען אַדאַנק דעם ציל, וואָס דאָס געזעץ האָט פֿאַרבונדן מיט דער ציילונג, איז געווען אָנגעבן פֿאַלש דאָס עלטער פֿון קליינע קינדער. היות לויטן געזעץ זענען קינדער אונטער אַ יאָר געווען פּטור פֿון קאָפּשטייער און ממילא פֿון דער ציילונג, האָט מען אָן ספק אין אַ סך פֿאַלן פֿון קינדער עלטערע ווי אַ יאָר נישט שטאַרק מדקדק געווען און אָנגעגעבן, אַז זיי זענען נאָך נישט אַלט קיין יאָר. ווי באַקאַנט, דעקט זיך די גרענעץ פֿון זייגן נישט געגוי מיט דעם ערשטן לעבנס־יאָר; ממילא האָט מען געהאַט די מעגלעכקייט אי. זייגנדיקע קינדער עלטערע ווי אַ יאָר אָנצוגעבן ווי יונגער פֿון אַ יאָר, אי אפילו וועגן אַנטווייגטע קינדער צו זאָגן אַ תירוץ, אַז מען האָט זיי אַנטווינט, כאָטש זיי זענען נאָך נישט אַלט קיין יאָר. אפילו ביי קינדער אין דעם דאָזיקן עלטער פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז מען האָט זיי אַוועקגעשיקט פֿון דער היים, כדי אויסצומיידן אַ חקירה ודרישה וועגן זייער געגויער געבורט־דאַטע.[34] פֿאַר דערוואַקסענע איז דאָס אויסבאַהאַלטן געווען שווער און דערפֿאַר מן הסתם גאָר זעלטן. ערשט אין אַ שפּעטערדיקער ציילונג פֿון 1787, ווען די פֿעלשונג איז שוין געווען אַלגעמיין פֿאַרשפּרייט, זענען פֿאַרגאָמירט געוואָרן פֿאַלן, ווו עס איז אָנגעגעבן געוואָרן אפילו דאָס אָרט, ווו מען האָט די אויסבאַהאַלטענע אַנטדעקט: אין שטעטל אין דער שול, אין דאָרף אין דער שטייענדיקער תבואה.[35]

נאָך די אַלע באַטראַכטונגען, מוזן מיר אומפֿאַרמיידלעך קומען צום אויספֿיר, אַז די ציילונג פֿון יידן אין פּוילן אין 1764/5 איז אומפּינקטלעך. דערפֿון איז אָבער נישט געדרונגען, אַז די דאָזיקע ציילונג איז לחלוטין ווערטלאָז פֿון סטאַטיסטישן שטאַנדפּונקט.

צום ווייניקסטנס באַגלייבט איז די צאָל יידן אין די באַזונדערע קהילות, שטעט און דערפֿער, און ממילא אויך די צאָל יידן, וואָס באַקומט זיך אין סך־

[34] פֿגל' די באַמערקונג אין רייסטער פֿון דער קהלה לוקאָוו (לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט) וועגן אַ קינד, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן ווי אַ זויגקינד.
Mówią że ma pół roku, ale my jej nie widzieli.
(זיי זאָגן, אַז זי איז אַ האַלב יאָר אַלט, אָבער מיר האָבן זי נישט געזען).

[35] אין שטעטל ליפּאָוויעץ, בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, האָט די ציילונג אין 1789 אויפֿגעוויזן 255 יידישע נפֿשות; נאָך 69 האָט מען שפּעטער אויסגעפֿונען, דערפֿון 4, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שול (w szkole ukrytych); אין דאָרף ביסקופּיצע פֿון קהל שווינוכי, לודמירער פּאָוויאַט (וואָלין), האָט מען אַחוץ 2 נפֿשות פֿון דער ציילונג אויסגעפֿונען נאָך 7 אויסבאַהאַלטענע, דערפֿון 5 אין קאָרן (w życie wynalezionych)
זע: קאַמאַנין, דצ״ו.

הכל פאַר דער גאַנצער מלוכה. פאַראַן אָבער, ווי מיר וועלן ווייטער זען, געוויסע יסודות פון פאַרגלייך, סיי פון די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן צווישן אַנאַנד, סיי מיט אַנדערע ציילונגען פון יידן אין פוילן און אין אַנדערע לענדער, לויט וועלכע די צאָל קאָן מיט גרויסער וואַרשיינלעכקייט קאָריגירט ווערן. נאָכדעם ווי מיר וועגדן אָן דעם קאָרעקטיוו, באַקומען מיר אויפן יסוד פון דער ציילונג נישט נאָר אַ סך־הכלדיקע צאָל יידן אין פוילן און ליטע, וואָס איז קרוב לאמת, נאָר מיר פאַרמאָגן אויך אַ לפי־ערכדיקע סטאַטיסטיק פון יידן אין יעדער באַזונדערער קהלה, שטאָט און שטעטל איבערן לאַנד.

אפילו אומאָפהענגיק פון דעם קאָרעקטיוו איז די ציילונג פון 1764 נישט אָפּצושאַצן בנוגע דער רעלאַטיווער גרייס פון די יידישע קהילות אין פוילן, דער גרייס אין פראָפּאָרציאָנעלן פאַרגלייך. הגם די פּראָפּאָרציע פון פאַרלייקנטע נפשות איז נישט אומעטום געווען די זעלבע, איז אָבער דער חילוק לפי ערך נישט קיין באַדייטנדיקער און מיר באַקומען די השגה וועגן דער גרייס פון די איינצלנע שטאָטישע און דאָרפישע יידישע ישובים. דאָס זעלבע איז שייך די רעזולטאַטן פון דער ציילונג וועגן דער געאָגראַפישער צעטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און וועגן דער פּראָפּאָרציע פון שטאָט־יידן און דאָרפס־יידן.

די באַוואָרעניש בנוגע דער צאָל דאַרף מען באַזונדער אין אַכט נעמען אין שייכות מיט דער דעמאָגראַפישער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג, בפרט, אַז דווקא די צאָל קינדער האָט מען זיך מתיר געווען צו פעלשן. נישט געקוקט אָבער אויף דעם חסרון, קאָן מען זיך פון דער ציילונג דערוויסן וועגן דער צעטיילונג לויטן מין, וועגן דער פּראָפּאָרציע פון חתונה־געהאַטע און פאַראַלמנטע אין שטאָט און דאָרף און אפילו וועגן דער פּראָפּאָרציע פון חתונה־געהאַטע און קינדער, ביים אָנווענדן דעם געהעריקן קאָרעקטיוו.

צום ווייניקסטן באַרירט דורך דער אומפּינקטלעכקייט פון דער ציילונג זענען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וואָס ווערן אין איר אָפּגעשפּיגלט, היות די צאָל משפחות איז געווען צום שווערסטן צו פאַרלייקענען. מיר האָבן דאָ פאַר זיך כמעט אַן אויסשעפּנדיקע סטאַטיסטיק פון די באַשעפטיקונגען פון די דאָרפס־יידן און אַ סטאַטיסטיק פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון שטאָט־יידן, באַזונדערס פון קליינשטעטלדיקע און קודם־כל אויפן געביט פון מלאכה. די צאָלן וועגן זין און איידעמס אויף קעסט און וועגן יידישע דינסטן זענען נישט נאָר באַלערנדיק פאַר זיך אַליין, נאָר זיי וואַרפן אויך אַ סך ליכט אויף די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פון די קעסטגעבער און אַרבעטס־געבער; פונקט אַזוי זענען די ידיעות וועגן דירה־פאַרהעלטענישן, וואָס מיר באַקומען אַרויס פאַר אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך, אומדירעקט אַ וויכטיקער יסוד צו באַקענען זיך מיט דעם סאָציאַלן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג.

צום סוף לאָמיר דאָ געבן אַ ביישפּיל פון דעם אופן, ווי די ציילונגס־רייס־טערס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן. מיר נעמען ווי אַן אילוסטראַציע דעם רייסטער פון שטעטל ביסקופּיץ, דעם ערשטן פון באַנד רייסטערס פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס איז אויסגעסדרט לויטן אלף־בית פון די קהילות:

Spisanie Żydów w miasteczku Biskupcach w Województwie i powiecie Lubelskim leżącym Dziedzicznym Wielmożney Krystyny Radziminskiey Podkomorzyny Inflandzkiey Anno 1764.

Arendarz Chwałk
Żona (—)[36] zięć (—) żona zięcia (—)
syn zięcia (—) wnuczek Chwałka (—)
Estera, Szendla
służbista (—) — głów 9

Arendarz Perc
Żona (—), Syn (—), Synowa (—)
Wisia i Niecha — głów 6

Arendarz Szmul
Żona (—), Córka (—)
Syn Ersz
Służebna dziewka (—) — głów 5

Cyrulik (—)
Żona (—), Matka (—) — głów 3

Krawiec (—)
Żona (—) — głów 2

Zelik Moskowicz Kaczka
Żona (—)
Wulf Kaczka ojciec
Bajla ,Żona jego
Szulem Krawiec syn, Kaczka
Żona (—) Manel Kaczka, syn Krawców — głów 7

Jakiel Judkowicz
Żona (—), córka Szara
Syn (—) — głów 4

Rzeźnik (—)
Żona (—), Syn (—) — głów 3

Berek Teszcz
matka (—), żona (—) — głów 3

Krawiec (—)
Żona (—) — głów 2

Winiarz (—)
Żona (—), Syn (—) — głów 3

Winiarz (—)
Żona (—) — głów 2

Szkulnik (—)
Żona (—) — głów 2

Krawiec (—)
Żona (—) — głów 2

Summa 53

---

[36] טייל נעמען האָבן מיר דורכגעלאָזט.

II. די צאָל און געאָגראַפֿישע צעטיילונג פֿון יידן אין פּוילן אין 1764

לויט די רעזולטאַטן פֿון דער ציילונג איז צום סוף 1764 געווען יידן אין עלטער איבער אַ יאָר:

אין קרוין=פּוילן	430.009
אין ליטע	157.649
ס"ה אין דער גאַנצער מלוכה	587.658

דער דאָזיקער סך=הכל שעפּט נישט אויס אפילו פֿון אָפֿיציעלן שטאַנדפּונקט די גאַנצע צאָל יידן אין פּוילן, ווײַל עס קומט נאָך צו די צאָל זייגקינדער, געבוירער, קינדער ווייניקער ווי אַ יאָר אַלט, וואָס זענען געווען באַפֿרייט פֿון קאָפּשטייער און ממילא זענען זיי בדרך כלל נישט געציילט געוואָרן. איידער מיר טרעטן צו צו דער פֿראַגע וועגן דער מאָס פֿון באַגלייבטקייט פֿון די צאָלן, דאַרפֿן מיר קודם כל פֿעסטשטעלן, ווי גרויס איז געווען די פּראָפּאָרציע און צאָל פֿון נפֿשות, וואָס זענען אָנגעגעבן געוואָרן ווי זייגקינדער און מיטן הסכם פֿון די צייל=קאָמיסיעס נישט ארייגעגנומען געוואָרן אין די רייסטערס. די דאָזיקע צאָל קאָנען מיר באַרעכענען מיט אַ גרויסער מאָס וואָריקייט פֿאַר דער גאַנצער מלוכה אויפֿן יסוד פֿון די ציילונגס=רייסטערס אין די געגנטן פֿון פּוילן, ווו די קינדער אונטער אַ יאָר זענען יאָ געציילט געוואָרן, נאָר אין אַ באַזונדערער רובריק, ווי באַפֿרייטע פֿון קאָפּשטייער. אַזאַ רובריק פֿון זייגקינדער פֿאַרמאָגן מיר אין די רייסטערס פֿון בערך צוויי דריטל קהילות פֿון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט, פֿון קרוב ניין צענטל פֿון לעמבערגער לאַנד (לעמבערגער פּראָווינץ) און פֿון גאַנצן העליטשער לאַנד (אריינגערעכנט די פּאָוויאַטן טרעמבאָוולע און קאָלאָמיי). דאָס איז אַ שטח, וואָס נעמט אַרום דעם גרעסטן רוב פֿון דער טעריטאָריע פֿון שפּעטערדיקן גאַליציע און ווייזט אויף אַ צאָל פֿון קרוב 73.000 שטייער=פֿליכטיקע יידישע נפֿשות, ד. ה. מער ווי אַ זעקסטל פֿון דער צאָל נפֿשות, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן פֿאַר גאַנץ קרוין=פּוילן. די פּראָפּאָרציע פֿון דער צאָל נפֿשות, וואָס איז אויף יענעם שטח אָנגעגעבן געוואָרן ווי יינגער פֿון אַ יאָר, איז בכן אין אַ גרויסער מאָס רעפּרעזענטאַטיוו פֿאַרן גאַנצן לאַנד, הגם אין די איבעריקע וואָ=

יעוואָדשאַפטן איז די צאָל זייגקינדער נישט פאַרשריבן געוואָרן. אָט איז די טאַבעלע פון דער צאָל יידן אין יענע רייסטערס, וווּ די זייגקינדער זענען יאָ פאַרשריבן געוואָרן.

טאַבעלע I

די טאַבעלע באַווייזט אַ כלל, אַז די פּראָפּאָרציע פון זייגקינדער איז אויפן שטח פון ביידע וואָיעוואָדשאַפטן, דער קראָקעווער און דער רייסישער, קלענער ביי די דאָרפס־יידן ווי ביי די שטאָט־יידן. דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין רוב פון די עטלעכע קהילות אין די אַנדערע וואָיעוואָדשאַפטן, וווּ די צאָל זייגקינדער איז פאַרשריבן געוואָרן. די דאָזיקע דערשיינונג האָט דירעקט אַ שייכות מיט דעם חילוק אין דער פּראָפּאָרציע פון קינדער בכלל, וואָס פאַלט אויס אויף אַ פאַמיליע ביי שטאָט־יידן און דאָרפס־יידן. ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז ביי די דאָרפס־יידן אין גאַנץ פּוילן די דורכשניטלעכע צאָל קינדער אין אַ פאַמיליע באַדייטנדיק העכער, ווי ביי שטאָט־יידן. אויב ביי די זעלבע דאָרפס־יידן איז די פּראָפּאָרציע פון זייגקינדער הווקא קלענער ווי ביי די שטאָט־יידן, באַווייזט עס, אַז די באַגלייבטקייט פון דער ציילונג איז ביי די דאָרפס־יידן אַ בעסערע ווי ביי די שטאָטישע יידן: די דאָרפס־יידן האָבן נישט נאָר לפי ערך ווייניקער ווי די שטאָט־יידן אויסבאַהאַלטן זייערע קינדער פאַר דער ציילונג, נאָר זיי האָבן אויך ווייניקער ווי יענע זיך באַמיט ארויסצודרייען זיך פון קאָפּשטייער דורך אָנגעבן קינדער, וואָס זענען אין אמתן געווען עלטער ווי אַ יאָר, ווי זייגקינדער, וואָס זענען נאָך נישט אַלט קיין יאָר. דער דאָזיקער אויספיר איז וויכטיק ביים באַרעכענען דעם קאָרעקטיוו פאַר דער ציילונג, באַזונדער פאַר שטאָט־יידן און באַזונדער פאַר דאָרפס־יידן. פון שטאַנדפּונקט פון באַרעכענען די צאָל יידן בכלל איז אָבער דעציזירנדיק פאַר אונדז די פּראָפּאָרציע זייגקינדער, וואָס באַקומט זיך פאַר די קהילות אין סך־הכל, שטאָט און דאָרף צוזאַמענגענומען. ווי אויבן דערמאָנט, האָבן מיר אַ גענוג פעסטן יסוד פאַר באַרעכענען די דאָזיקע פּראָפּאָרציע לויט די רעזולטאַטן פון דער ציילונג אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט און אין די באַזונדערע לענדער און פאָוויאַטן פון דער רייסישער וואָיעוואָדשאַפט. אויב מען קאָן בכלל עפּעס ארויסלערנען פון דעם ווינציקן ציפער־מאַטעריאַל אין די געציילטע קהילות מיט אַ פאַרצייכנטער צאָל זייגקינדער פון די פיר וואָיעוואָדשאַפטן, לובלינער, צווזמירער, שיעראַדזער און מאַזאָוויער, איז עס די באַשטעטיקונג, אַז אויך דאָרט האָט זיך די פּראָפּאָרציע פון נפשות, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן ווי זייגקינדער, געהאַלטן לפי ערך אין די ראַמען פון די רעזולטאַטן, וואָס עס ווייזן אויף די גרויסע שטחים פון רייסן און דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט: פון 4,8% ביז 7,8%, בעת אויף יענע שטחים פון 5,6% ביז 7,4%. דער איינציקער אויסנאַם פון דער קעמפּנער קהילה, וווּ די פּראָפּאָרציע זייגקינדער באַטרעפט אַזש 12,6%, באַווייזט גאָר נישט, וואָרעם אויך אויפן שטח פון דער קראָקעווער און רייסישער וואָיעוואָדשאַפט טרעפן זיך איינצלנע קהילות, וווּ די פּראָפּאָרציע זייגקינדער איז כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס

ווי פאַרן גאַנצן שטח: ווי אַ ביישפּיל קאָנען מיר אָנווייזן אויף אַזעלכע קהילות ווי ליפּניצע (אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט), וווּ די פּראָפּאָרציע באַטרעפט 9,3% (18 זייגקינדער לגבי 194 איבער אַ יאָר); זשאָלקווע (לעמבערגער לאַנד) מיט אַ פּראָפּאָרציע פון 11,1% (223 לגבי 2002); מאַריאַמפּאָל (העליטשער לאַנד) מיט אַ פּראָפּאָרציע פון 12,2% (28 לגבי 229); טרעמבאָוולע מיט אַ פּראָפּאָרציע פון 10% (62 לגבי 617); יאבלאָנאָוו (קאָלאָמייער פּאָוויאַט) מיט 10,5% (49 לגבי 467) און אפילו א קהילה קאָסאָוו (אין זעלבן קאָלאָמייער פּאָוויאַט) מיט אזא הויכער פּראָפּאָרציע זייגקינדער ווי 16,6% (57 זייגקינדער לגבי 343 נפשות אין עלטער איבער אַ יאָר). מאָסגעבנדיק איז די פּראָפּאָרציע פאַר אַ גאַנצן שטח, און די דאָזיקע פּראָפּאָרציע זייגקינדער לגבי נפשות עלטער ווי אַ יאָר באַטרעפט:

קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט	5,65%
לעמבערגער לאַנד	5,6%
העליטשער לאַנד	6,9%
טרעמבאָוולער פּאָוויאַט	7,4%
קאָלאָמייער פּאָוויאַט	7,2%

די אַריטמעטישע מיט פון דער פּראָפּאָרציע זייגקינדער אין די 5 שטחים באַטרעפט 6,5%.[1] לגבי דער פּראָפּאָרציע, וואָס קומט אויס לויטן סך־הכל פון די 5 שטחים (6,2%), איז די דיפערענץ אַ קליינע און נאָך קלענער לגבי דער פּראָפּאָרציע, וואָס קומט אויס אין סך־הכל פון טאַבעלע 1, ביים צוזאַמענציילן אויך די איינצלנע קהילות און שטעט אין אַנדערע וואָיעוואָדשאַפטן (6,35%). דאָך האַלטן מיר פאַר גלייכער אָנצונעמען ווי אַ רעפּרעזענטאַטיווע גישט די פּראָפּאָרציע פון דער אריטמעטישער מיט 6,5%, נאָר די עפּעס קלענערע פּראָפּאָרציע, וואָס באַקומט זיך אין סך־הכל 6,35%.

אוודאי איז דאָס לכל הדעות אַ פּראָפּאָרציע, וואָס איז געווען העכער ווי אין דער ווירקלעכקייט. ווי אַ פאַרגלייך קאָנען מיר נעמען די ציילונג דווקא פון זעלבן שטח, פון גאַליציע פון 1890. די צאָל זייגנדיקע האָט דעמלט באַטראָפן ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער פּראָווינץ 3,6% לגבי אַלע נפשות,[2] און ווייניקער ווי 3,8% לגבי די נפשות עלטער ווי אַ יאָר. אמת, עס איז אַ סברה, אַז ביי פּוילישע יידן אין 18־טן י״ה איז די געבורטיקייט געווען אַ סך העכער, ווי סוף 19־טן י״ה. ס'איז אָבער אויך אָן ספק, אז די שטערבלעכקייט ביי קינדער

---

[1] י. קלעטשינסקי („ליטשבאַ", „די צאָל") האָט אָנגענומען די דורכשניטלעכע פּראָפּאָרציע פון זייגקינדער ביי יידן אין פּוילן אין 1764 אין דער הויך פון 5,6 פּראָצענט אויפן יסוד פון די ציילונגס־ביכער פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט און פון לעמבערגער לאַנד. קלעטשינסקיס ידיעות זיינען נישט געווען באַקאַנט די רעזולטאַטן פון דער ציילונג אין העליטשער לאַנד, וועלכע מ. באַלאַבאַן האָט ערשט שפּעטער אין 1908 פאַרעפנטלעכט.

[2] געבראַכט ביי י. קלעטשינסקי, דצ"ו דאָרטן.

אין ערשטן לעבנסיאָר איז אין יענע צייטן געווען באַדייטנדיק גרעסער. די לכל הפּחות אַנדערהאַלבן מאָל צו הויכע פּראָפּאָרציע פון זייגקינדער איז געווען בכן אַ רעזולטאַט פון צורעכענען קינדער עלטער ווי אַ יאָר צו זייגקינדער, כדי זיי צו באַפרייען פון שטייער. מיר מעגן אָננעמען, אַז די זעלבע מאָטיוון ווי אין דער קראָקעווער און רייסישער וואָיעוואָדשאַפט פון פאַרגרעסערן קינסטלעך די צאָל זייגקינדער און די זעלבע גרענעצן פון דער פעלשונג זענען אויך חל אויף די איבעריקע וואָיעוואָדשאַפטן פון פוילן, ווו די זייגקינדער זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן אין דער ציילונג.[3] צו דער צאָל יידישע נפשות איבער אַ יאָר אַלט, וואָס די ציילונג האָט אַרויסגעוויזן אין גאַנץ פוילן, דאַרפן מיר בכן צורעכענען 6,35%, כדי צו באַקומען די אָפיציעל אָנגענומענע צאָל יידן אין דער מלוכה. דער חשבון וועט אויספאַלן אַזוי:

	צאָל יידישע נפשות איבער א יאָר אַלט	לפי ערכדיקע צאָל זייגקינדער יונגער ווי א יאָר	סך־הכל יידן
אין קרוין־פוילן	430.009	27.305	457.314
אין ליטע	157.649	10.010	167.659
ס"ה אין דער גאַנצער מלוכה	587.658	37.315	624.973

דער אויבּיקער סך־הכל (קרוב 625.000 נפשות) איז אָבער נאָך אַלץ נישט די גאַנצע צאָל יידן אין פוילן אין 1764. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין פריערדיקן קאַפּיטל, האָט די ציילונג געהאַט בפירוש אַ פיסקאַלן ציל און ממילא איז געלעגן אין די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אָנצוגעבן וואָס וויניקער נפשות, אפילו דאָרט, ווו די ציילונגס־קאָמיסיע פון דער קהילה האָט געהאַט די בעסטע כוונות אָנצוגעבן דעם אמת. מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם פאַל פון דער קהילה באָלעכאָוו, ווו לויט דעם עדות פון בער, דעם זכרונות־שרייבער, מען האָט אָנגעגעבן 883 נפשות אָנשטאָט העכער 1300, וואָס האָבן זיך דעמלט געפונען אין דער ווירקלעכקייט. היות די זייגקינדער זענען אין יענער קהלה נישט פאַרצייכנט געוואָרן, דאַרפן מיר פון דער צאָל נפשות, וואָס מען האָט דאָרט נישט פאַרשריבן, אַראָפּרעכענען די לפי־ערכדיקע צאָל זייגקינדער לויט דער דורכשניטלעכער פּראָפּאָרציע פאַר גאַנץ פוילן, ד. ה. 6,35%, וואָס באַטרעפט אַרום 56 נפשות. די פּראָפּאָרציע פון נישט פאַרשריבענע נפשות אחוץ די זייג־

[3] אין שפּעטערדיקע ציילונגען, ווו די צאָל נפשות איז שטאַרק געפעלשט געוואָרן דורך פאַרבאַהאַלטן אַ גאָר גרויסע פּראָפּאָרציע קינדער, באַמערקט זיך אויך שטאַרקער ווי אין 1764 דער צווייטער אופן פון פעלשונג, דהיינו דאָס אָנגעבן קינדער, עלטערע ווי אַ יאָר, ווי זייגקינדער. לויט דער ציילונג, וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט קאַמאַנין, דצ"ו, ז. 599, האָבן מיר באַרעכנט, אַז אין קאַמיענעצער פּאָוויאַט פון פּאָדאָליע האָט די פּראָפּאָרציע זייגקינדער באַטראָפן 8,7 פּראָצענט לגבי די נפשות עלטערע ווי אַ יאָר (940 לגבי 10,855).

קינדער קומט אויס דאָרט אויף אַזאַ אופן נישט 32% פון דער ווירקלעכער צאָל, נאָר 28%. די דאָזיקע פּראָפּאָרציע איז אָבער, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַן אויסנאַם, א רעזולטאַט פון ספּעציעלע לאָקאַלע באַדינגונגען. מיר האָבן דעריבער לכתחילה יעדן יסוד אָנצונעמען, אז אין גאַנץ פּוילן איז די פּראָפּאָרציע פון פאַרלייקנטע נפשות געווען אין דורכשניט נידעריקער ווי 28%. דער אייגציקער אָביעקטיווער יסוד פאַר באַרעכענען דעם דאָזיקן דורכשניט איז די פּראָפּאָרציע פון דער צאָל קינדער לגבי דער צאָל משפּחות, וואָס באַקומט זיך לויט די רייסטערס פון דער ציילונג. באַשטעטיקט דאַך אויך דער באַריכט פון בער באָלעכאָווער, אז לייכטער פון אַלץ איז געווען צו פאַרלייקענען די צאָל קינדער. הגם מיר באַהאַנדלען ווייטער די דעמאָגראַפישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין א באַזונדער קאַפּיטל, לאָמיר זיך בכן איצט באַקענען מיט די סך=הכלען וועגן דער פּראָפּאָרציאָנעלער צאָל קינדער.

טאַבעלע II

דער רעזולטאַט אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן, ווו מיר האָבן אויסגעפאָרשט דעם פאַמיליע=צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז אַזאַ: אויב מיר רעכענען בלויז די צאָל פאַררעגיסטרירטע נפשות אין עלטער איבער א יאָר, קומט אויס אין דורכשניט פון די אַלע וואָיעוואָדשאַפטן 3,5 נפשות אויף איין פאַמיליע, און אין סך=הכל, 3,4 נפשות. מיר זענען אָבער דווקא מחויב צוצורעכענען צו דער צאָל פאַררעגיסטרירטע די לפי=ערכדיקע צאָל קינדער, וואָס זענען ארויסגעלאָזט געוואָרן ווי זייגקינדער און דעמלט באַקומען מיר די צאָל נפשות אויף א פאַמיליע פון 3,4 אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, ווו די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע איז די נידעריקסטע, ביז 4 אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס דאָס איז די העכסטע פּראָפּאָרציע אין דעם פרט. דער דורכשניט פאַר אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן איז 3,7 נפשות אויף א פאַמיליע, דער סך=הכל 3,65 נפשות. דער דאָזיקער קאָעפיציענט מוז לכתחילה אויסקומען צו קליין אפילו פאַר יענע צייטן, ווו מען פלעגט ביי יידן זייער פרי חתונה מאַכן קינדער[4] און ממילא איז א גרויסער טייל יונגטלעכע פאַרצייכנט געוואָרן צווישן די חתונה=געהאַטע. א געווים

---

[4] דעם מנהג פון חתונה מאַכן גאָר יונגע קינדער ביי פּוילישע יידן אין 18=טן י"ח אילוסטרירט צום בולטסטן דער ביישפּיל פון שלמה מיימון, וואָס דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז מען האָט אים חתונה געמאַכט צו 11 יאָר, און זיין קלאַסישער אָפּהאַנדלונג

Die galizische Judenschaft in den Jahren 1772 — 1848, in wirtschaftsstatistischer Beleuchtung (Neue Jüdische Monatshefte 1918, Heft 9—10).

באַשטימט ד"ר יצחק שיפּער דעם עלטער מאַקסימום פאַר נישט=חתונה=געהאַטע יידישע קינדער אין יענער צייט אויף 15 יאָר. די יונגע צווישן 16—19 יאָר רעכנט ער שוין ארייַן צווישן זין און אוידעמס אויף קעסט. אין די ציילונגס=רייסטערס, וואָס מיר האָבן באַאַרבעט, האָבן מיר געפונען פאַרשריבן דאָס עלטער פון אומפאַרהייראַטע בלויז אין דער קהלה מאָרדלבאָזשיץ, אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, א קהילה פון 350 נפשות (עלטער ווי א יאָר). דאָרט זענען צווישן 143 קינדער (עלטער ווי א יאָר) נישט=חתונה=געהאַטע פאַראַן 4 (מיידלעך) אין עלטער פון 16 יאָר, 8 יינגלעך און 9 מיידלעך אין עלטער פון 18 יאָר, 2 בחורים אין עלטער פון 19 יאָר, איינער 20 יאָר אַלט און אפילו

יסוד פון פאַרגלייך בנוגע דער צאָל נפשות אין אַ פאַמיליע פאַרמאָגן מיר אין אַ ציילונג, וואָס איז אדורכגעפירט געוואָרן אויף אַ גרויסן שטח פון אַמאָליקן פוילן אָנהייב 19-טן י״ה. דאָס איז די ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער פירשטנטום אין 1808. דאָרט קומט אויס פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַריינגערעכנט די יידן, 4,66% נפשות אויף אַ פאַמיליע. ביי דער דאָרפישער באַפעלקערונג האָט די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע דאָרט באַטראָפן 4,86%, ביי דער שטאָטישער — קאַרגע 4,1% (4,08).[5] הגם יענע ציילונג איז אויך נישט געווען קיין גענויע, איז אָבער דאָרט נישט געקומען אין באַטראַכט דער באַזונדערער מאָטיוו פון אויסבאַהאַלטן קינדער, ווי ביי דער ציילונג פון יידן אין 1764. ממילא איז דער קאָעפיציענט פון נפשות אויף אַ משפחה לכתחילה נישט אונטער אַ חשד. היות יידן אין פוילן האָבן אין 1764 אין צוויי דריטל געוווינט אין שטעט און שטעטלעך, דאַרף מען דעם שייכותדיקן קאָעפיציענט פון דער יידן-ציילונג אין יענעם יאָר גיכער פאַרגלייכן מיט דער פּראָפּאָרציע פון נפשות אויף אַ פאַמיליע אין וואַרשעווער פירשטנטום ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג. די פּראָפּאָרציע פון נפשות אויף אַ פאַמיליע לויט דער ציילונג פון 1764, 3,65, איז בכן מיט 11% נידעריקער ווי די פאַרגלייכיקע פּראָפּאָרציע ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון וואַרשעווער פירשטנטום, וואָס איז 4,1. אין פאַרגלייך מיט דער שייכותדיקער פּראָפּאָרציע ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון וואַרשעווער פירשטנטום (שטאָט און דאָרף), 4,66, איז די דורכשניטלעכע צאָל נפשות ביי יידן לויט דער ציילונג אין 1764 געווען מיט 22% נידעריקער. אמת, לויטן אַ אַנדער מאָס, לויט דער דורכשניטלעכער צאָל נפשות, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף איין הויז, איז די ציילונג פון 1764 לחלוטין נישט ווייניקער באַגלייבט, ווי די ציילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום: דאָרט איז אין 1808 אויסגעקומען נישט מער ווי 6 נפשות אויף אַ הויז אין דער שטאָט,[6] בעת ביי שטאָטישע יידן אין 1764 איז די פּראָפּאָרציע גרעסער: אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפט זי 8, אין דער שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפט זי 8,4 און אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט העכער 10 אויף איין הויז. די וווינונגס-פאַרהעלטענישן זענען אָבער נישט דעצידירנדיק אין דעם פּרט, ווייל יידן פלעגן אין יענע צייטן לויט אַלע ידיעות וווינען געדיכטער, אין ענגערע דירות-פאַרהעלטענישן ווי די נישט-יידישע שטאָטישע באַפעלקערונג. אויפן יסוד פון פאַרגלייך מיט דער ציילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום אין פּרט פון דער צאָל נפשות אויף אַ פאַמיליע, דאַרפן מיר בכן קומען צום אויספיר, אַז די ציילונג פון יידן אין 1764 איז נישט פולשטענדיק לויט דער צאָל קינדער אפילו נאָכן צורעכענען די זייגקינדער: דער

אַ בחור אין עלטער פון 26 יאָר! אויב מען קאָן בכלל משפטן לויטן ביישפּיל פון דער איינער קהלה, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז חתונות נאָך 16 יאָר זענען גאָר נישט געווען זעלטן און אַז עס פלעגן זיך אויך טרעפן „פאַרזעסענע“ בחורים און מיידלעך נאָך 18 יאָר.

[5] זע:
Henryk Grosman, Struktura społeczno-gospodarcza Księstwa Warszawskiego 1808—1810, Warszawa, 1925, p. 22.

[6] דאָרטן.

מינימום פון פּאַרלייקנטע נפשות באַטרעפט 10%, ד. ה. 12% לגבי די פּאַרצייכנטע, (3,65 לגבי 4,1), דער מאַקסימום 22% (3,65 לגבי 4,66), ד. ה. 28% לגבי די פּאַרצייכנטע.

צו ענלעכע אויספירן וועלן מיר אויך קומען ביי אַ פאַרגלייך פון אונדזער ציילונג פון 1764 מיט יידן־ציילונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין 18־טן י״ה אין פאַרשידענע געגנטן פון שכנותדיקע לענדער, דייטשלאַנד, בעמען, מערן. היות ביי יענע ציילונגען פלעגן על פי רוב אין אַ משפחה פאַררעכנט ווערן אַלע, וואָס האָבן געפירט צוזאַמען אַ באַלעבאַטישקייט, געגעסן ביי איין טיש און פון טעפּ פון דער זעלבער קיך, אריינגענומען נישט בלויז משרתים, נאָר אויך פּאַרפּעלקער און פּערזאָנען אויף קעסט,[7] האָבן מיר אויך אין אונדזער ציילונג (פגל' טאַב. II) באַרעכנט די צאָל באַלעבאַטישקייטן לויט דעם זעלבן פּרינציפּ פון אַ Haushaltung: חתונה געהאַטע קעסט־קינדער און עלטערן אויף קעסט האָבן מיר פאַררעכנט צווישן מיטגלידער פון די באַלעבאַטישקייטן. מיר באַקומען דעמאָלט אין אונדזערע 9 וואָיעוואָדשאַפטן די דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף אַ באַלעבאַטישקייט: די קלענסטע אין דער לובלינער און גניעזנער וואָיעוואָדשאַפט 4, די גרעסטע אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט, 4,7, דער דורכשניט פאַר אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפט 4,3 נפשות, און דער סך־הכל 4,2 נפשות אויף איין באַלעבאַטישקייט. (זע אויבן, טאַבעלע II).

לאָמיר איצט זען, ווי עס זעט אויס די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע לויט די יידן־ציילונגען אין די שכנותדיקע לענדער. אין האַלבערשטאַט אין לויט דער ציילונג פון 1699 געווען 639 יידישע נפשות אויף 97 באַלעבאַטישקייטן, 6.6 נפשות אויף איין באַלעבאַטישקייט.[8] אין פראַנקפורט אַם מיין זענען אין 1703 אָנגעציילט געוואָרן 2.364 יידישע נפשות מיט 436 באַלעבאַטישקייטן, ד. ה. 5,4 נפשות אויף איין באַלעבאַטישקייט.[9] פון הערצאָגטום קלעווע האָבן מיר ציפערן וועגן יידן אין 1787: 491 נפשות מיט 114 פאַמיליעס (נישט באַלעבאַטישקייטן), ד. ה. 4,3 נפשות אויף אַ פאַמיליע.[10] אין דער מאַרקגראַפשאַפט, וואָס איז געווען אַ טייל פון פירשטנטום באַדען, זענען אין 1790 געווען 2186 יידן, וואָס האָבן געהערט (אַריינגערעכנט 262 משרתים) צו 405 פאַמיליעס.[11] דאָרט איז בכן אויסגעקומען 5,4 נפשות אויף אַ פאַמיליע. אין מינכען זענען לויט אַמטלעכע רשימות אין 1786 געווען 26 יידישע פאַמיליעס מיט 119 נפשות (אריינגערעכנט

---

[7] רות קסטנברג־גלדשטיין, „מפקד יהודי ביהם שמחוץ לפראג“, 1724, ציון IX (תש״ד), ז. 5.

[8] Selma Stern, Der Preussische Staat und die Juden, vol. I, Berlin 1925, p. 103, 141.

[9] Karl Bücher. Die Bevölkerung von Frankfurt am Main in XV-ten Jahrhundert, Tübingen, 1886 ,p. 570.

[10] F. Baer, Das Protokollbuch der Landjudenschaft des Herzogtums Klewe, Berlin, 1922, p. 60.

[11] Adolf Lewin, Geschichte der badischen Juden, Karlsruhe 1909, p. 13.

31 משרתים); אין 1792 — 29 פאַמיליעס מיט 158 נפשות (דערפון 44 משרתים); אין 1798 — 35 פאַמיליעס מיט 220 נפשות (אין דעם כלל 54 משרתים);[12] דער קאָעפיציענט נפשות אויף א יידישער פאַמיליע האָט בכן באַטראָפן אין די דריי דאַטעס גאָכאַנאַנד 4.6, 5.4 און 6.3, אָבער אָן די משרתים, וועלכע באַטרעפן פון 25% ביז 28% פון דער צאָל נפשות, באַטרעפט דער שייכותדיקער קאָעפיציענט בלויז 3.8, 4 און 4.7.

וועגן שכנותדיקן בעמען און מערן פאַרמאָגן מיר אַזעלכע סטאַטיסטישע ידיעות: אין שטעטל פירניץ אין מערן האָט אין 1745 די צאָל יידישע נפשות באַטראָפן 262, די צאָל פאַמיליעס 56, הכלל 4,7 נפשות אויף אַ פאַמיליע.[13] עס איז אָבער נישט קלאָר, צי די דאָרטיקע פאַמיליעס קאָנען נישט באַטראַכט ווערן ווי באַלעבאַטישקייטן. אין דער פראָווינץ בעמען (אַחוץ פראָג) האָט די רעגירונג אין 1724 אדורכגעפירט אַ ציילונג פון יידן לויט געדרוקטע פרעגבויגנס, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסגעפילט ווערן דורך די באַאמטע פון די פריצים. אין צוויי קרייזן, כרודים און פראַכין זענען די צאָלן געווען אַזעלכע: אין ערשטן קרייז 883 נפשות און 173 באַלעבאַטישקייטן, ד. ה. 5,1 נפשות אויף אַ באַלעבאַטישקייט; אין צווייטן קרייז — 1881 נפשות אויף 349 באַלעבאַטישקייטן, ד. ה. כמעט 5,4 אויף אַ באַלעבאַטישקייט.[14] אין פראָג איז לויט דער אָפיציעלער ציילונג פון 1729 געווען 10.507 יידן אויף 2.335 ראשי־משפחות, ד.ה. 4,5 נפשות אויף א משפחה.[15] די דאָרטיקע משפחות קאָנען אויך באַטראַכט ווערן ווי באַלעבאַטישקייטן, וואָדעם אַלע פערזאָנען אויף קעסט זענען דאָרט פאַררעכנט געוואָרן צווישן פאַמיליע־מיטגלידער.

די פאַמיליע־סטאַטיסטיק פון יידן אין בעמען און אין דייטשלאַנד וועקט לכתחילה מער צוטרוי ווי די פאַמיליע־סטאַטיסטיק, וואָס קומט אויס לויט די יידן־ציילונגען אין פוילן. להיפוך צו פוילן זענען דאָרט יידן בדרך כלל געווען פאַראינטערעסירט צוצורעכענען וואָס מער פערזאָנען צו די פאַמיליעס, ווייל די דערלויבעניש פאַר יידן צו וווינען אויף זייער געביט פלעגט באַשטימען די צאָל יידישע פאַמיליעס. אַזוי איז למשל אין בעמען, אין 1726, קוים צוויי יאָר נאָך דער ציילונג ארויסגעגאַנגען א גזירה, אַז נישט מער ווי 8.600 יידישע פאַמיליעס מעגן זיך אויפהאַלטן אין לאַנד. די דורכשניטלעכע צאָל נפשות אין אַ יידישער פאַמיליע איז אַ סברה דאָרט געווען עפעס נידעריקער, ווי די, וואָס איז אָפיציעל

[12] Arthur Cohen — München, Die Münchener Judenschaft 1750 — 1861, **Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland**, Neue Serie, II. (1930), p. 262.

[13] Bertold Bretholz, Die Judenschaft einer mährischen Kleinstadt — Markt Pirnitz im 18-ten Jahrhundert, Jahrbuch der Gesellschaft für Geschichte der Juden in der Czecho-Slowakischen Republik, II (1930), p. 407,

[14] רות קסטנבערג־גאָלדשטיין, רצ"ו. ז' 11; דאָרט ווערט אויך ציטירט אַ טייל פון די אויבנגעבראַכטע ציפערן פאַר געגנטן פון דייטשלאַנד.

[15] Jaroslaw Prokeš, Die Prager Judenkonskription von Jahre 1729, אין ציטירטן „יאַרבוך". ב. IV (1932), ז. 315—317.

אָנגעגעבן געוואָרן אין דער ציילונג. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַ קהילה ווי מינכען, וווּ מען פֿלעגט אָנגעבן זיך ווי משרתים, כּדי צו מעגן וווינען אין דער שטאָט. בכל אופֿן דאַרפֿן מיר ביי אַ פֿאַרגלייך מיט פּוילן נישט נעמען פֿאַר אַ מאַסשטאַב דווקא דעם העכסטן קאָעפֿיציענט, וואָס מיר באַקומען אין האַלבערשטאַט, פֿראַנקפֿורט, מינכען, און אין איין קרייז אין בעמען, נאָר דעם דורכשניט־קאָעפֿיציענט פֿון די צוויי קרייזן אין בעמען און אין דער הויפּטשטאָט פּראָג, וואָס באַטרעפֿט 5 נפֿשות אויף אַ באַלעבאַטישקייט. דער קאָעפֿיציענט פֿאַר פּוילן, 4,3 נפֿשות אויף אַ באַלעבאַטישקייט (טאַבעלע II), דאַרף דעריבער קאָריגירט ווערן אויף בערך 19% — ביז 5 נפֿשות, על כּל פּנים נישט מער ווי אויף 20%. מיר קומען בכן צו צו עגלעכע רעזולטאַטן, וואָס ביים פֿאַרגלייך מיט דער ציילונג אין וואַרשעווער פּירשטענטום. דאָרטן האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז מיר דאַרפֿן קאָריגירן די ציילונג מינימום 12%,מאַקסימום 28%. די צאָל ייִדישע נפֿשות,אַריינגערעכנט קינדער אונטער אַ יאָר, לויט דער אָפֿיציעלער ציילונג פֿון 1764, דאַרף בכן פֿאַרגרעסערט ווערן בערך אויף 20%, כּדי צו דערגרייכן די אמתע צאָל.

אויב מיר רעכענען צו דעם דאָזיקן קאָרעקטיוו פֿון 20 פּראָצענט, באַקומען מיר אַזאַ צאָל פֿאַר די ייִדן אין דער פּוילישער מלוכה אין 1764:

	ייִדן איבער אַ יאָר אַלט	לפי ערכדיקע צאָל זייגקינדער (6,35%)	ס"ה אויפֿן יסוד פֿון דער ציילונג	לפי ערכדיקע צאָל פֿאַרלייקנטע נפֿשות 20%	קרוב לאמת צאָל ייִדן
קרוין־פּוילן	430,009	27,305	457,314	91,463	548,777
ליטע	157,649	10,010	167,659	33,532	201,191
ס"ה פּוילישע מלוכה	587,658	37,315	624,973	124,995	749,968

די משמעותדיקע צאָל ייִדן אין דער פּוילישער מלוכה האָט בכן אין 1764 באַטראָפֿן בערך 750,000,[16] אַ דריי פֿערטל מיליאָן, דערפֿון ארום 550.000 אין קרוין־פּוילן און איבער 200,000 אין ליטע.

די דאָזיקע צאָל ייִדן אין פּוילן פֿאַרן יאָר 1764 לייגט זיך אויך אויפֿן שכל אין ליכט פֿון אַ באַרעכענונג, וואָס דער פּוילישער שטאַטסמאַן טאַדעוש טשאַצקי האָט געמאַכט ארום 1791 וועגן דער צאָל ייִדן אויפֿן שטח פֿון דערמאָנטן פֿאַר־

[16] אָנגעמענדיק די צאָל 750.000, באַטרעפֿט די פּראָפּאָרציע פֿון פֿאַרלייקענונג 20 פּראָצענט לגבי דער אָנגעגעבענער צאָל נפֿשות (קרוב 625.000, אַריינגערעכנט די נישט געציילטע זייגקינדער) און 16,7 פּראָצ. לגבי דער אמתער צאָל נפֿשות (אַריינגערעכנט די פֿאַרלייקנטע). אויב מיר נעמען אפֿילו אין באַטראַכט, אַז די פּראָפּאָרציע פֿון זייגקינדער האָט אין דער אמתן נישט באַטראָפֿן 6,35 פּראָצ. נאָר מאַקסימום 4 פּראָצ., ווערט די פּראָפּאָרציע פֿון פֿאַרלייקענונג פֿאַר דער סטאַטיסטיק פֿון דער באַפֿעלקערונג דורך דעם נישט פֿאַרגרעסערט, וואָרעם פֿאַר דער ציילונג האָט מען די איבעריקע 2,35 פּראָצ. נפֿשות נישט פֿאַרהוילן, מען האָט זיי בלויז אָנגעגעבן פֿאַלש ווי זייגקינדער. נישט מער, די מלוכה־קאַסע האָט אָנשטאָט אַ היזק פֿון 20 פּראָצענט לגבי דעם, וואָס זי האָט אַריינגענומען, געליטן אַ היזק פֿון עטלעכע און צוואַנציק פּראָצענט.

קלענערטן פוילן, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרלוירן גרויסע טעריטאָריעס דורך דער ערשטער צעטיילונג אין 1772. טשאַצקי גיט איבער, אַז בעת דעם גרויסן סיים (1788—1792) איז מען געקומען צו דער באַגרינדעטער איבערצייגונג, אַז די פּוילישע מלוכה האָט דעמלט געציילט בערך 900,000 יידן. די דאָזיקע איבערצייגונג שטיצט טשאַצקי אויף אַזאַ חשבון: „די לעצטע ציילונג", מן הסתם אין 1791, האָט אויפגעוויזן אין פוילן און אין ליטע צוזאַמען 308,516 מענער ביי יידן. אויפן יסוד פון אַן אַנדערטהאַלבן צענדליק נאָכקאָנטראָלירונגען איז ער געקומען צום אויספיר, אַז די באמתע צאָל מענער ביי יידן האָט באַטראָפן לכל הפּחות 450.000, ממילא האָט די באמתע צאָל נפשות ביי יידן, מענער און פרויען צוזאַמען, באַטראָפן בערך 900,000.[17] די דאָזיקע ציפער איז אָבער לכל הדעות איבערגעטריבן, ווייל הגם די שפּעטערדיקע ציילונגען זענען געווען נאָך ווייניקער גענוי, ווי די ערשטע ציילונג פון 1764, האָט דאָך די צאָל אויסבאַהאַלטענע נפשות נישט באַטראָפן אַזש אַ דריטל פון דער באמתער צאָל, אַזוי ווי טשאַצקי נעמט אָן, נאָר לכל היותר א פערטל.[18] די צאָל יידן אין דער פוילישער מלוכה אין 1791 האָט בכן באַטראָפן בערך 800,000 נפשות.

אין 1772, אין דער תקופה צווישן דער ערשטער ציילונג פון יידן אין 1764 און דער לעצטער ציילונג אין 1791, איז פאָרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון פוילן; גאַליציע, אַ טייל ווייסרוסלאַנד און פאָמערן זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון דער מלוכה מיט בערך 270 טויזנט יידן; לויט די עסטרייכישער ציילונגען פון די יאָרן 1773—1774 האָט גאַליציע געהאַט העכער 200,000 יידן;[19] אויף די געביטן

---

[17]) Tadeusz Czacki, Rozprawa o Żydach i Karaitach, Wilno 1807; Kraków 1860, str. 117.

[18] זע אויבן, אין דער הקדמה, וו מיר ברענגען ראיות פון דער ציילונג פון יידן אין אוקראַינע אין די יאָרן 1787—1789, אַז די פּראָפּאָרציע פאַרלייקנטע נפשות, וואָס מען האָט אויסגעפינען לויט מסירות, האָט בלויז אין זעלטענע פאַלן באַטראָפן אַ דריטל פון דער גאַנצער צאָל נפשות; אין רוב פון די קהילות האָט די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע באַטראָפן פון 5 — 20 פּראָצענט.

[19] לויט א מיליטערישער ציילונג פון י. 1773 איז אויסגעקומען קרוב 225.000; די דאָזיקע ציילונג געהערט אָבער אָן ספק צו יענער קאַטעגאָריע „באַרימטע" ציילונגען אין 18-טן י"ה, וו מען האָט געפעלשט פון דער פאַרקערטער זייט, און צוליב ביוראָקראַטישן פּאַטריאָטיזם געוואָלט זיך באַווייזן מיט וואָס גרעסערע ציפערן. גענוג זיך וועגן דעם צו איבערצייגן ביים פאַרגלייך פון די רעזולטאַטן פון יענער ציילונג אין באַזונדערע קרייזן מיט דער ציילונג פון 1764: לעמבערגער קרייז 66.254 לגבי קאַרגע 37 טויזנט אין 1764. פּשעמישלער קרייז 47.658 לגבי 27 טויזנט אין 1764. מיט רעכט האַלט א. י. בראַווער די רעזולטאַטן פון יענער ציילונג פאַר אומגלויבלעכע און איבערגעטריבענע. זע:

A. J. Brawer, Galizien, wie es an Oesterreich kam, Wien, 1910, p. 25.

לויט אַ ציילונג פון 1774 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין גאַליציע באַטראָפן 171.851 נפשות, אין 1776 — 144,200 נפשות. אויפן יסוד פון דער צאָל משפחות, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין 1776 — 35,881, קאָריגירט בראַווער די צאָל נפשות ביז 175.000, אָננעמענדיק 5 נפשות אין אַ פאַמיליע (זע: בראַווער, דאָרטן, ז' 34). אויפן יסוד פון אונדזערע באַרעכענונגען קומט אָבער אויס, אַז שוין אין 1764 האָט גאַליציע געציילט נישט קיין סך ווייניקער ווי 190.000 נפשות (הגם די אָפיציעלע צאָל נפשות

פון מזרח=ווייסרוסלאַנד און ליוולאַנד, וואָס רוסלאַנד האָט צוגענומען אין 1772, האָט די אָפיציעלע צאָל יידן באַטראָפן אין 1774 25,018 מענער, ד. ה. בערך 50 טויזנט נפשות, אין דער ווירקלעכקייט מן הסתם גישט ווייניקער ווי 60,000; אין פאָמערן און אין שכנותדיקן אָפשניט פון גרויס=פוילן, וואָס איז דעמלט אריבערגעגאַנגען צו פרייסן, האָבן געוווינט בערך 10,000 יידן. אין 1764 האָט על כל פנים די צאָל יידן אויפן שטח פון די שפּעטער פאַרנומענע טעריטאָריעס געהאַט באַטראָפן מיט עטלעכע צענדליק טויזנט ווייניקער ווי מיט 8—9 יאָר שפּעטער, מן הסתם נישט קיין סך איבער 250 טויזנט נפשות. דעם פאַרלוסט פון 1772 האָט בכל אופן געדעקט מיט אן עודף דער נאַטירלעכער צוּוווקס אין משך פון העכער אַ פערטל יאָרהונדערט (זינט 1764) [20] אויף די פאַרבליבענע טעריטאָריעס פון פוילן און דערצו איז אין יענער צייט נאָך צוגעקומען א צופלוס דורך איינוואַנדערונג פון יידן פון גאַליציע און פון פרייסישן געביט קיין פוילן און פון אוקראַינישע יידן קיין ליטע. לויט אלע סברות, איז בכן די צאָל יידן אויף דער פאַרקלענערטער טעריטאָריע פון דער פוילישער מלוכה אין 1791 געווען עפּעס גרעסער, ווי אין 1764 אין דער גאַנצער אומצעטיילטער מלוכה.

נאָך אַ ראיה, הגם אויך אַן אומדירעקטע, אז דער קאָרעקטיוו פאַר דער ציילונג פון י. 1764 אין דער גרויס פון 20% איז נישט צו נידעריק באַרעכנט, קאָנען מיר ברענגען פון די שאַצונגען און ציילונגען פון דער צאָל יידן אין מערב=פוילן, וואָס די פרייסישע אָקופּאַנטישע מאַכט האָט אַדורכגעפירט אויף דער שוועל פון 18=טן און 19=טן י"ה. דער שטח, וואָס פרייסן האָט פארנומען אין דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן, אין 1793, האָט ארומגענומען די ווייטערדיקע גאַנצע וואָיעוואָדשאַפטן און „לענדער": פּויזנער, גניעזנער=קאַלישער, שיעראַדזער, ווילונער, איַנאָווראָצלאַווער, בריסק=קויאַווער, דאָבזשינער, פּלאָצקער און זאַקראָטשי=

איבער אַ יאָר האָט באַטראָפן בערך 150.000), ממילא האָט מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער די צאָל שוין דערגרייכט לכל הפחות 200,000, אויב נישט מער.

אין זיין אָפּהאַנדלונג „די צעשפּרייטונג פון יידן אין פוילן און ליטע" אין אויסגאַבע „מיר", XI, מאָסקווע 1914, באַרעכנט История Еврейскаго Народа, ד"ר י. שיפּער, אַז פוילן האָט פאַרלוירן אין 1772 אַ צאָל פון 189.000 יידן, דערפון 150.000 אין גאַליציע.

דעם אויספיר חזרט איבער ד"ר שיפער אין דער אויסגאַבע „Żydzi w Polsce Odrodzonej" T. II, 1932, p. 35. הגם מיט דער באַמערקונג, אַז מ'האָט געדאַרפט צורעכענען דעם נאַטירלעכן צוּוווקס זינט 1764. שיפּערס טעות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט די ציפערן אין דער ציילונג פון 1764 אָנגענומען אָן באַוואָרעניש, אחוץ דעם, וואָס ער האָט צוגערעכנט די צאָל זויגקינדער לויט אַ צו קליינער פּראָפּאָרציע פון 5—6 פּראָצענט. לויט דער פּראָפּאָרציע פון פארלייקנטע נפשות אין גאַנץ פוילן, האָט גאַליציע שוין אין 1764 דערגרייכט קרוב 190.000 נפשות.

[20] אין דער אויבן ציטירטער אָפּהאַנדלונג שטרייכט אונטער טאַדעוש טשאַצקי די גרויסע געבורטיקייט ביי יידן אין 18=טן י"ה ווי א באַקאַנטן פאַקט (דאָרטן, ז' 108).

מער (אַ טייל פון מאַזאָוויע). די יידישע באַפעלקערונג אויף דעם דאָזיקן שטח האָט אין יאָר 1764 באַטראָפן לויט דער ציילונג (אַלט מער ווי אַ יאָר) 49,648 נפשות (זע ווייטער, די רשימה פון דער יידישער באַפעלקערונג פון קרוין־פוילן לויט וואָיעוואָדשאַפטן). דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ טייל פון דער ראַוווער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס האָט אומגעטיילט, אין י. 1764 געהאַט פאַרצייכנט 5332 יידן. רעכענענדיק מאַקסימאַל, אַז קרוב אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט (בערך 2650 יידן אין י. 1764) איז אַריבער צו פּרייסן, באַקומען מיר פאַר דעם גאַנצן שטח, וואָס פּרייסן האָט פאַראייניקט אין י. 1793 אונטערן נאָמען „זיד־פּרייסן" (דרום־פּרייסן),[21] אַ צאָל פון קיילעכדיק 52,300 יידן אין י. 1764. צורעכנענדיק זייג־קינדער לויט דעם קאָעפיציענט 6,35% אין דער צאָל פון 3,300, באַטרעפט דער סך־הכל 55,600 נפשות. לויט דעם קאָרעקטיוו פון 20% פאַרלייקנטע נפשות, האָט די באמתע צאָל יידן אויף דעם שטח פון שפּעטערדיקן „דרום־פּרייסן" באַדאַרפט אין י. 1764 דערגרייכן כמעט 67,000 נפשות. אַנטקעגן דעם האָבן מיר אין דער פּרייסישער תקופה אזעלכע אָפיציעלע צאָלן יידן אין „דרום־פּרייסן": אין י. 1797, לויט דעם באַריכט פון דעם מיניסטער האָים — 70,517 נפשות; אין י. 1800 גיט אָן דער געאָגראַף העלשע פאַר דער זעלבער פּראָווינץ 83,924 יידן; אין י. 1805 ווייזן אויף די באריכטן פון די דריי קאַמער־פּרעזידענטן פון „זיד־פּרייסן" אַ צאָל פון 96,333 יידן.[22] אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען דווקא די לעצטע ציפער, וואָס איז די העכסטע, פאַר באַגלייבט, וועלן מיר אויך מוזן קומען צום אויספיר, אַז די צאָל 67,000 יידן אויף דעם זעלבן שטח אין י. 1764 איז על כל פנים א מאַקסימאַלע. עס קומט דאָך אויס, אַז דער נאַטירלעכער צוּוווקס אין משך פון אַ תקופה פון איבער פערציק יאָר האָט אפילו גישט באַטראָפן קיין העלפט!

אמת, גאָר אַנדערש זעט אויס דער פאַרגלייך פון דער ציילונג פון י. 1764 מיט אַ שפּעטערדיקער ציילונג פון אַ צווייטער אָקופּאַנטישער מאַכט אויף דער אַנדערער, דער מזרח־גרענעץ פון דער פּוילישער מלוכה, ממש כרחוק מזרח ממערב. אין י. 1772, ביי דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן, האָט רוסלאַנד צוגענומען, ווי שוין דערמאָנט, מזרח־ווייסרוסלאַנד און ליוולאַנד, א שטח, וואָס האָט לויט דער ציילונג פון י. 1766 פאַרמאָגט אַזאַ צאָל יידן:

---

[21] דעם טשענסטאָכאָווער ווינקל פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס איז אויך פאַרנומען געוואָרן דורך פּרייסן אין י. 1793, רעכענען מיר דאָ נישט אַריין, ווייל ער איז אָפּגעטיילט געוואָרן אין אַ באַזונדערער פּראָווינץ אונטערן נאָמען „ניי־אָסט־שלעזיען".

[22] די אַלע ציפערן ברענגט:

Jacob Jacobsohn, Die Stellung der Juden in den 1793—1795 von Preussen erworbenen polnischen Provinzen. Monatsschrift für die Geschichte und Wissenschaft des Judentums. Bd. LXIV, p. 209—226.

(ווייטער ציטירט: יאַקאָבסאָן, שטעלונג).

פּאָלאָצקער וואָיעוואָדשאַפט	6,689	
וויטעבסקער וואָיעוואָדשאפט		
(צוזאַמען מיטן פּאָוויאַט אַרשע) [23]	11,959	
ליוולאַנד	2,996	
מסטיסלאַוו (אמטשיסלאַוו), וואָיעוו.	2,615	
אַ טייל פון מינסקער [24] וואָיעוו.	2,000	(בערך)
	ס"ה 26259 נפשות	

צוזאַמען מיט 1667 זייגקינדער (6,35%) קומט אוים 27,926 נפשות און נאָכן צוציילן דעם קאָרעקטיוו פון 20% „נעלמים", 5,585 נפשות, איז דער סך־הכל בלויז עפּעס מער ווי 33,500. אָבער שוין די אָפיציעלע רוסישע ציילונג פון י. 4—1773, ווייזט אויף אויף דעם זעלבן שטח, אין די צוויי גובערניעס פּאָלאָצקער (וויטעבסקער) און מאָהילעווער, אַ יידישע באַפעלקערונג פון 25,018 שטייערצאָלער (מענער), ד. ה. בערך 50,000 נפשות. דערביי מעג מען דרייסט אָננעמען, אַז אויך דאָ זענען געווען בערך 20 פּראָצענט נעלמים און אַז אין אמת'ן האָט די יידישע באַפעלקערונג באַטראָפן א 60,000 נפשות.[25] דער כמעט טאָפּלטער צוּוואוקס אין משך פון קוים 8 יאָר. איז על כל פּנים א משונהדיקער. אמת, טיילווייז קאָן מען דעם צוּוואוקס דערקלערן דורך א צוּוואַנדערונג, וואָרעם עס איז גאָר נישט קיין ספק, אַז נאָך דער גזירה אומאַן (גאָנטע־פּאָגראָמען) אין אוקראַינע אין י. 1768 זענען יידן פון אוקראַינע געלאָפן זיך ראַטעווען קיין ליטע און ווייסרוסלאַנד. דאָס פאַרענטפערט אָבער נאָך אַלץ נישט אַזאַ פּראָפּאָרציע פון צוּוואוקס, וואָרעם די יידישע קהילות וואָלטן גאָר נישט אימשטאַנד געווען אויפצונעמען נאָכאַמאָל אַזויפיל פּליטים, וויפל נפשות זיי אליין זענען געווען. דער ביישפּיל פון מזרח־ווייסרוסלאַנד מוז ברענגען צום אויספיר, אַז אין ליטע און בפרט אין אירע ווייטסטע מזרח־געביטן ביי די גרענעצן איז די פּראָפּאָרציע נעלמים

---

[23] אַ קלייגער טייל פון פּאָוויאַט אָרשע איז געבליבן ביי פּוילן.

[24] פון דער מינסקער וואָיעוואָדשאַפט האָט רוסלאַנד פאַרנומען אין י. 1772 בלויז א טייל פון רעטשיצער פּאָוויאַט. דער דאָזיקער גאַנצער פּאָוויאַט האָט אין י. 1764 געציילט 4125 יידן. דערפון איז אָבער בלויז בערך אַ העלפט אַריבער צו רוסלאַנד, וואָרעם אין י. 1789 האָט דער פּוילישער טייל פון דעם דאָזיקן פּאָוויאַט לויט דער לוסטראַציע געציילט 2465 יידן. זע: י. אַלעקסאַנדראָוו, „די יידישע באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד אין דער צייט פון די צעטיילונגען פון פּוילן". „צייטשריפט", מינסק, ב. 4, 1930, ז. 49.

[25] דובנאָווס סברה, אַז די געציילטע זענען געווען ראשי־משפּחות און אַז די צאָל נפשות האָט אין אמתן באַטראָפן מער ווי 120.000 (זע: „דברי ימי עם עולם", ב. 7, ז. 153, הערה), איז נישט באַגרינדעט. אין דער ציילונג פון י. 1818, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן נאָך שטרענגע אזהרות פון דער מאַכט, האָבן די צוויי גובערניעס אויפגעוויזן ביי יידן 51.594 מענער און 26.586 פרויען, ד. ה. 78.180 נפשות. (באַרעכנט לויט די ציפערן, וואָס עס ברענגט Іолис Гессен. История... Т. I, 1925, p. 186. אוודאי דאַרף מען דאָ קודם כל אויסגלייכן די צאָל פרויען מיט דער צאָל מענער, און צוגעבן נאָך אַז עודף נעלמים, וואָס איז מסתם געווען פאַראַן, אָבער אויך דאַן וועט דער סך־הכל קרוב לאמת נישט באַטרעפן מער ווי 100.000. ממילא לייגט זיך גאָר נישט אויפן שכל, אַז מיט 40 יאָר פריער זאָל די אמתע צאָל האָבן באַטראָפן מער ווי 60.000.

געווען אַ סך גרעסער ווי אין קרוין־פּוילן. דער פאַקט אַליין, וואָס די ציילונג האָט זיך דאָרט געשלעפּט ביז 1766, איז מחייב, אַז דער אַדמיניסטראַציע אַפּאַראַט פון דער פעאָדאַלער פּוילישער מלוכה איז אין ליטע געווען אַ סך צעפּאָרענער און לעבערדיקער ווי אין קרוין־פּוילן.

לאָמיר איצט זען ווי אַזוי איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט די צאָל יידן אין פּוילן לויט די באַזונדערע פּראָווינצן אין ליכט פון דער ציילונג פון 1764. די ציפערן גיבן מיר אָן לויט די אָפיציעלע רעזולטאַטן און נישט צורעכענענדיק דעם באַשטימטן פּראָצענט קינדער ווייניקער ווי אַ יאָר אַלט, ווייל עס גייט אונדז דאָ וועגן דער פּראָפּאָרציע און נישט וועגן דער באמת'ער צאָל: [26]

מערב־פּוילן

וואָיעוואָדשאַפט (לאַנד)	צאָל יידן (עלטער ווי אַ יאָר)
פּאָמערן	2,731
מאַלבאָרגער (מאַריענבורגער)	[27] 87
כעלמינער (כעלמנאָ־קולם)	577
אינאָווראָצלאַווער (לעסלער)	1,422
בריסק־קויאַווער	1,267
דאָבזשינער	1,082
פּויזנער, צוזאַמען מיט וסכאָווער (פּרווישטאַט) לאַנד	[28] 19,913
קאַלישער, צוזאַמען מיט דער גנעזנער	[29] 12,995
שיעראַדזער	[30] 5,002
ווילונער	[31] 2,988
לונטשיצער	2,903
פּלאָצקער	3,960
מאַזאָווער	10,662
ראַווער	5,332

---

[26] די צאָלן פאַר קרוין־פּוילן גיבן מיר איבער לויט דעם סומאַרישן צוזאַמענשטעל, וואָס ר. קלעטשינסקי און פ. קולטשיצקי האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג „ליטשבאַ" לויט אַ כתב יד פון דער קזשעשאָוויצער ביבליאָטעק. דאָרט זון מיר האָבן אין די ציילונגס־רעגיסטערס געפונען אַן אַנדערע צאָל, אין אַלע פאַלן אַ גרעסערע, גיבן מיר אָן די צאָל פאַר דער געגעבענער וואָיעוואָדשאַפט אַ קאָריגירטע. די צאָלן פאַר ליטע (פון י. 1766) גיבן מיר אָן לויט די מאַטעריאַלן פון ביערשאַדסקי, וועלכע עס האָט פאַרעפנטלעכט קאָראַבקאָוו אין דער „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", ב. 4 (1911), ז. 541—562. די אַדמיניסטראַטיווע צעטיילונג פון ליטע, וואָס איז ביי קאָראַבקאָוו לויט דעטאַלירט לויט באַזונדערע פּאָוויאַטן, האָבן מיר צוזאַמענגענומען אין וואָיעוואָדשאַפטן אויפן יסוד פון צוזאַמענשטעל פון י. שיפּער אין זיין ציטירטער אָפּהאַנדלונג וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פון פּוילן און ליטע אין 18־טן י"ה, אין רוסישן זאַמלווערק „געשיכטע פון יידן אין פּוילן" (איבערגעחזרט אין „Zydzi w Polsce Odrodzonej", ב. 1, ז. 33).

[27] אין קלעטשינסקיס „ליטשבאַ" — 86.

[28] אין האַנטשריפטלעכן קאַטאַלאָג פון די אַקטן פון יידן־ציילונגען, וואָס האָט זיך געפונען אין מלוכהשן הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע, איז אין קעפּל אָנגעגעבן די צאָל

קליין־פוילן

וואָיעוואָדשאַפט (לאַנד)	צאָל יידן (עלטער ווי אַ יאָר)
קראָקעווער	[32] 18,677
צוויזמירער	42,972
לובלינער	[33] 20,191
פּאָדליאַשער	19,043

דרום־מזרח־פוילן (אוקראַינער פּראָווינצן)

וואָיעוואָדשאַפט (לאַנד)	צאָל יידן (עלטער ווי אַ יאָר)
בעלזער	9,787
בעלזער	16,442
רייסן, צוזאַמען מיטן העלימשער לאַנד	100,111
וואָלין	[34] 50,792
פּאָדאָליע	38,384
בראַצלאַווער	20,337
קיעווער	22,352
סך־הכל קרוין־פּוילן	[35] 430,009

פאַר דער פּוזנער וואָיעוואָדשאַפט 31.826 אָנשטאָט 19.826. עס קאָן אפילו נישט זיין קיין ספק וועגן דעם, אַז דאָס איז אַ גרייז.

[29]	אין קלעמשינסקים „לימשבאַ“		12.729
[30]	„	„	4.950
[31]	„	„	2.976
[32]	„	„	18.670
[33]	„	„	20.107

[34] לויט די טאַריפן, וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט קאַמאַנין, דוצ"ו, האָט וואָלין געציילט מער — 51.796 יידישע נפשות העכער אַ יאָר. דערפאַר אָבער זענען די צאָלן ביי קאַמאַנין עפּעס קלענער ביי די איבעריקע דריי אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן: אין פּאָדאָליע — 38.175, אין דער בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט — 20.271 און אין דער קיעווער — 21.600. לויט ווי מיר האָבן נאָכגערעכנט, איז די סומירונג ביי קאַמאַנין נישט פאַרלאָזלעך. די סומע פון די צאָלן פאַר איינצעלנע קהילות דעקט זיך גיבער מיט די ציפערן פון קלעמשינסקים „לימשבאַ“.

[35] לויט קלעמשינסקים „לימשבאַ“ קומט אויס 429.587 נפשות פאַר גאַנץ קרוין־פּוילן. דער חילוק באַטרעפט 422 נפשות אין סך־הכל.

דער סך־הכל פאַר ליטע באַטרעפט אין דער רשימה פון קאַראַבקאָוון 157.300, הכלל, אַ חילוק אין מינוס 349 נפשות לגבי דער אויבּיקער סומע 157,649, וועלכע קומט אויס לויטן צוזאַמענשטעל פון י. שיפּער. אין קאַראַבקאָווס רשימה פעלט אָבער דער סלוצקער פּאָוויאַט מיט 399 נפשות, ממילא איז זיין סך־הכל גאָר אין פּלוס מיט 50 נפשות.

מערב-ליטע (ליטווישע און ליטוויש-ווייסרוסישע פראָווינצן)

וואָיעוואָדשאפט (לאנד)	צאָל יידן (עלטער ווי אַ יאָר)
בריסקער	21,994
טראָקער	33,738
ווילנער	26,977
זאמעט	15,759
נאָוואָגראָדקער	21,500

מזרח=ליטע (ווייסרוסישע פראָווינצן)

וואָיעוואָדשאפט (לאנד)	צאָל יידן (עלטער ווי אַ יאָר)
מינסקער	13,422
אמטשיסלאווער	2,615
פאָלאָצקער	6,689
וויטעבסקער	11,959
ליוולאנד	2,996
סך=הכל ליטע	157,649
סך=הכל פוילישע מלוכה	587,658

אין דער דאָזיקער רשימה וואַרפט זיך באַלד אין די אויגן דער פאקט, אז אין די ראַנד=געביטן פון פוילן, בפרט אין צפון=מערב (די ערשטע 6 וואָיעוואָדשאפטן, ד. ה. די פראָווינצן פאָמערן און קויאַווע), איז די יידישע באַפעלקערונג געווען לפי ערך צום שיטערסטן. דעם אויבנאָן צווישן די וואָיעוואָדשאַפטן לויט דער צאָל יידן פאַרנעמען די וואָיעוואָדשאַפטן:

רייסישע	100,111
וואָלינער	50,792
צווזמירער	42,972
פאָדאָליער	38,384
טראָקער	33,738
ווילנער	26,977

די דאָזיקע 6 וואָיעוואָדשאַפטן האָבן אַרומגענומען 292,974 נפשות, ד. ה. בער=רך א העלפט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז אָנגעציילט געוואָרן אין אַלע 35 וואָיעוואָדשאַפטן פון דער פוילישער מלוכה. כדי אָבער צו באַקומען אַ קלאָרער בילד וועגן דער געדיכטקייט פון דער יידישער באפעלקערונג אין די פאר=

שידענע טיילן פון לאנד, האָבן מיר די וואָיעוואָדשאַפטן צוזאַמענגענומען אין די ווייטערדיקע געביטן:

1) מערב-פּוילן, וואָס נעמט אַרום פּאָמערן, קויאַוויע, גרויס-פּוילן און מאַזאָוויע;

2) קליין-פּוילן, ד. ה. דער דרום-מערבדיקער און צענטראַלער טייל פון קרוין-פּוילן (קראָקעווער, צויזמירער, לובלינער און פּאָדליאַשער געגנט);

3) דרום-מזרח-פּוילן, וווּ מיר האָבן אַריינגערעכנט אַלע וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס זענען געווען באַוווינט דער עיקר פון אוקראַינער;

4) מערב-ליטע, וווּ מיר האָבן אַריינגענומען די וואָיעוואָדשאַפטן מיט אַן אויסשליסלעך ליטווישער, אָדער מיט אַ געמישטער ליטוויש-ווייסרוסישער באַפעלקערונג;

5) מזרח-ליטע, מיט אויסשליסלעך ווייסרוסישע געביטן, אַריינגערעכנט דעם פּוילישן טייל ליוולאַנד, וואָס האָט אויך געהאַט אַ צאָל לעטישע באַפעלקערונג. די אָפיציעלע צאָל יידן אין די באַזונדערע פינף געביטן האָט באַטראָפן:

מערב-פּוילן	70,921
קליין-פּוילן	100,883
דרום-מזרח-פּוילן (אוקראַינער פּראָווינצן)	258,205
ס״ה קרוין-פּוילן	430,009
מערב-ליטע	119,968
מזרח-ליטע (ווייסרוסלאַנד)	37,681
ס״ה ליטע	157,649

לויט דער פּראָפּאָרציע קומט אויס, אַז יידן אין מערב-פּוילן האָבן באַטראָפן בלויז 16,5 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין קרוין-פּוילן; אין קליין-פּוילן 23,5 פּראָצענט און אין די אוקראַינער פּראָווינצן 60%. וואָס ווייטער קיין מזרח, אַלץ גרעסער איז די מאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויף יעדע 5 יידן אין קרוין-פּוילן האָבן 3 געוווינט אין די דרום-מזרח-פּראָווינצן, וווּ דער רוב באַפעלקערונג איז געווען אוקראַיניש. אפילו לגבי דער צאָל יידן אין דער גאַנצער פּויליש-ליטווישער מלוכה האָבן יידן פון די אוקראַינער פּראָווינצן באַטראָפן 44 פּראָצענט, ד. ה. מער ווי צוויי פינפטל, און אפילו מער ווי דריי זיבעטל. אויף יעדע 7 יידן אין דער גאַנצער פּויליש-ליטווישער מלוכה האָבן מער ווי דריי געהערט צו די אוקראַינישע פּראָווינצן.

אין ליטע איז די יידישע באַפעלקערונג געווען קאָנצענטרירט אין דעם מערב-טייל און 77% און בלויז 23% האָבן געוווינט אין די ריין-ווייסרוסישע מזרח-פּראָווינצן. מערב-ליטע אַליין האָט זיך אָבער אויך געפונען אין מזרח פון דער אַמאָליקער פּוילישער מלוכה. ד. ה. אַז דער שווערפּונקט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אין 18-טן י״ה נאָך מער ווי אין 17-טן י״ה פאַררוקט קיין מזרח, קיין אוקראַינע און ליטע. די לפּי-ערכדיקע שיטערע צאָל יידן אין מזרח-

טייל פון ליטע און ווייסרוסלאַנד — געפינט איר פּאַראַלעל אין דעם טייל פון די אוקראַינישע פּראָווינצן, וואָס איז געווען צום ווייטסטן ארויסגערוקט צו מזרח, דהיינו אין דער בראַצלאַווער און קיעווער וואָיעוואָדשאַפט: אין די דאָזיקע צוויי אוקראַינער וואָיעוואָדשאַפטן האָט די יידישע באַפעלקערונג באַטראָפן סך־הכל 42,689 נפשות, הכלל, נישט קיין סך מער, איידער אין מזרח־טייל פון ליטע, ווו די צאָל יידן איז געווען 37,681. דער „דראַנג קיין מזרח" פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער פּוילישער מלוכה איז בכן געווען אָפּגעשוואַכט אין זיין טעמפּ, ווען ער האָט דערגרייכט די סאַמע גרענעץ פון די מזרח־געביטן סיי אין אוקראַינע, סיי אין ווייסרוסלאַנד.[36]

לאָמיר איצט נאָך צעטיילן די יידישע באַפעלקערונג פון דער פּויליש־ליטווישער מלוכה אויסשליסלעך לויט די עטנאָגראַפישע געביטן און מיר וועלן באַקומען אזא סך־הכל:

	צאָל יידישע נפשות (עלטער ווי אַ יאָר)	% פון אַלע יידן אין דער מלוכה
פּוילישע געביטן (מערב־פּוילן און קליין־פּוילן)	171,804	29
אוקראַינישע געביטן	258,205	44
ליטוויש־ווייסרוסישע געביטן	157,649	27
ס"ה אין דער גאַנצער מלוכה	587,658	100

יידן אין עטנאָגראַפישן פּוילן האָבן בכן אין 1764 באַטראָפן נישט מער ווי 29%, ד. ה. אפילו נישט קיין דריטל, בלויז צוויי זיבעטל פון אלע יידן אין דער פּוילישער מלוכה. 71% פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן געוווינט אין מזרח־טייל פון דער מלוכה, אין אוקראַינע, ליטע און ווייסרוסלאַנד.

היות עס פעלט א סטאַטיסטיק פון דער אלגעמיינער באַפעלקערונג אין פּוילן אין יענער צייט, איז נישט מעגלעך צו מאַכן וועלכע נישט איז השערות וועגן דעם פּראָצענט, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט באַטראָפן לגבי דער גאַנצער

[36] די מזרח־געביטן סיי פון גרויספירשטנטום ליטע סיי פון אוקראַינע זענען געווען בכלל צום שוואַכסטן באַפעלקערט. אַזוי קומט אויס לויט דער ציילונג פון קוימענס (dymy), וואָס עס ברענגט הער דויטשער געאָגראַף בישינג, אַז די ווייסרוסישע פּראָווינצן האָבן געציילט בלויז אַרום 16 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון גאַנץ ליטע (18.590 לגבי בערך 114.000 פון גאַנץ ליטע); זע:
(A. F. Büsching ,Neue Erdbeschreibung, Hamburg 1770, Teil I, Bd. 2.
אויב יידן האָבן אין די ווייסרוסישע פּראָווינצן באַטראָפן 23 פּראָצענט פון דער צאָל יידן אין גאַנץ ליטע, איז עס נאָך אלץ א פּראָפּאָרציע, וואָס איז אַנדערטהאַלבן מאָל אזוי גרויס ווי ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. פּונקט אזוי באַטייליקן זיך די בראַצלאַווער און קיעווער וואָיעוואָדשאַפטן אין דעם אלגעמיינעם קאָפּשטייער פון די 4 אוקראַינישע פּראָווינצן (די צוויי וואָיעוואָדשאַפטן מיט וואָלין און פּאָדאָליע) בלויז בערך מיט 10 פּראָצענט (16.201 גילדן לגבי 153.027 גילדן פון גאַנץ אוקראַינע — באַרעכנט לויט די ציפערן פון בישינג דצ"ו), בעת די יידישע באַפעלקערונג פון דער בראַצלאַווער און קיעווער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפט דאָך 32 פּראָצענט (42.689 לגבי 131.865) אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל יידישע נפשות אין אַלע 4 וואָיעוואָדשאַפטן פון אוקראַינע.

באַפעלקערונג פון די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן אָדער אפילו גאַנצע פּראָווינצן. וואָס שייך די גאַנצע פּוילישע מלוכה, ווערט געשאַצט, אז זי האָט געציילט אין 1764 בערך 11 מיליאָן נפשות.[37] די ווארשיינלעכע צאָל יידן אין יענעם יאָר האָבן מיר אויבן באַרעכנט אין דער גרויס פון קיילעכדיק 750,000 נפשות. יידן האָבן בכן אין 1764 באַטראָפן קאַרגע 7% (גענויער 6,8%) פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער פּוילישער מלוכה. אין 1791 האָט די יידישע באַפעלקערונג אויף דער פאַרקלענערטער טעריטאָריע פון דער פּוילישער מלוכה געציילט, לויט דער דורך אונדז קאָריגירטן חשבון פון טאַדעוש טשאַצקי, בערך 800,000 נפשות. לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער מלוכה, וואָס ווערט געשאַצט אין דער הויך פון קנאַפע 9 מיליאָן נפשות (8,800,000),[38] האָבן יידן אין 1791 באַטראָפן קיילעכדיק 9%. אזא אויספיר איז אין הסכם מיט דער סברה, אז דער נאַטירלעכער צוווּקס ביי יידן איז געווען גרעסער ווי ביי דער באַפעלקערונג פון פּוילן בכלל.

בלויז אַזאַ אַנטויסעמיט ווי קאַמאַניין האָט געקאָנט אויסטראַכטן, אַז די עיקר סיבה פון דער לפי־ערך גרעסערער פּראָפּאָרציע יידן אין די מזרח־וואָיעוואָדשאַפטן פון אוקראַי־נע איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ערגערער לאַגע פון די פּויערים אין יענער געגנט. קאַמאַניין האָט אפילו אויפגעשטעלט אַ כלל, אַז וואָס ערגער עס לעבט זיך די פּויערים, אלץ בעסער לעבט זיך די יידן (זע: קאַמאַניין, דצ״ו, ז״ז 231—232). עס איז נישט קיין ספק, אַז די לפי־ערכדיק העכערע פּראָפּאָרציע יידן אין די מזרח־געביטן פון דער פּוילישער מלוכה איז געווען בלויז אַן אייַנצלפאַל פון אַ טענדענץ, וואָס באַמערקט זיך ביי יידן אין גאַנץ אייראָפּע אין משך פון מיטלאַלטער און אין פּוילן ביז צום סוף פון 18־טן י״ה: צוליב זייערע עקאָנאָמישע פונקציעס און צוליב דער אַרויס־שטויסונג דורכן אָרטיקן בירגערטום וואַנדערן יידן אין יענע צייטן פון מער עקאָ־נאָמיש־אַנטוויקלטע געגנטן אין שוואַכער אַנטוויקלטע געביטן, ווו עס איז דאָ מער פּלאַץ פאַר יידישע פּרנסות.

[37] צו אַזאַ אויספיר קומט דער היסטאָריקער פון סטאַניסלאַוו אויגוסטס צייטן, טאַדעוש קאָרזאָן, להיפך צו דער באַרעכענונג פון יאַאַכים לעלעוועל, וואָס האָט אָנגע־נומען פאַר דער באַפעלקערונג פון פּוילן אין 1764 די צאָל פון העכער 12 מיליאָן (12,289.000). זע:

Tadeusz Korzon, Wewnętrzne Dzieje Polski za Stanisława Augusta, וואַרשע 1897, ב. I, ז. 57, 63.

[38] זע: ט. קאָרזאָן, דצ״ו., ב. I, ז. 160.

III. די צעטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט שטאָט און דאָרף

1. די דאָרפס־יידן

טאַבעלע III

די טאַבעלע III ווייזט די צעטיילונג פון יידן אין קרוין=פוילן לויט שטאָט און דאָרף.

אחוץ דער מאַלבאָרגער וואָיעוואָדשאַפט מיט א מינימאַלער צאָל פון 87 יידן האָבן מיר געגויע ידיעות וועגן דער צעטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף שטאָט און דאָרף אין 15 וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס נעמען ארום א דריי פערטל פון דער צאָל יידן אין גאַנץ קרוין=פוילן. אין דריי פון די דאָזיקע וואָיעוואָדשאַפטן, דער צווינמירער, רייסישער און פּאָדאָליער, פעלן די רייסטערס פון א טייל פון זייער געביט: אין דער צווימירער וואָיעוואָדשאַפט פעלט פון ראָדעמער, כענטשינער און אָפּאָטשנער פּאָוויאַט, וואָס באַטרעפן צוזאמען ווייניקער ווי א דריטל פון דער צאָל יידן אין דער וואָיעוואָדשאַפט (13,231 נפשות לגבי 42,972); אין דער רייסישער וואָיעוואָדשאַפט פעלט פון פּשעמישלער און סאַנאָקער לאַנד, אויך ווייניקער ווי אַ דריטל נפשות פון דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט (31,117 לגבי 100,111), אין פון לעטיטשאָווער פּאָוויאַט אין פּאָדאָליע, וואָס האָט געציילט ווייניקער ווי א העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער וואָיעוואָדשאַפט (18,050 לגבי 38,384).

די פּראָפּאָרציע דאָרפס=יידן אין די אויסגעפאָרשטע פופצן וואָיעוואָדשאַפטן איז אזוי ווייט פארשידן, אז זי וואריאירט פון 1,2% אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט ביז 59%, ד. ה. קרוב דריי פינפטל, אין דער מאַזאָווישער וואָיעוואָדשאַפט. עס לאָזט זיך אָבער פעסטשטעלן פאר גאנצע געביטן פון קרוין=פוילן, אז אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן פון די דאָזיקע געביטן האַלט זיך די פּראָפּאָרציע דאָרפס=יידן בערך אין די זעלבע גרענעצן אָן גרויסע חילוקים.

אין גרויס=פוילן, אין דעם טייל, וואָס איז צום ווייטסטן אַרויסגערוקט צו מערב, ווי אין דער גנעזנער און קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט, איז דער פּראָצענט דאָרפס=לייט ביי יידן דער קלענסטער אין גאַנץ פוילן, 1,2 פּראָצענט אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט און 1,6 אין דער גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט. אזא מיני=

מאַלע פּראָפּאָרציע דאָרפס־יידן האָבן מיר אויך אין דער פּויזנער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ מיר האָבן געקאָנט פעסטשטעלן אויפן יסוד פון דער ציילונג אין 13 קהילות, וואָס מיר האָבן זיי נישט אריינגענומען אין דער טאַבעלע.

עס קאָן זיין, אַז דער באמתער פּראָצענט דאָרפס־יידן אין גרויס־פּוילן איז געווען עפּעס העכער, ווי דער, וואָס מיר האָבן בארעכנט אויפן יסוד פון די רובריקעם פון דערפער: סיי אין דער גנעזנער, סיי אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט איז פארצייכנט אין די רייסטערס, אז יידן פון די דערפער, אַרענדאַרן און בעלי־מלאכות, זענען צוגעשריבן געוואָרן צו די קהילות, צו וועלכע זיי האָבן אָנגעהערט. דער פאַקט אָבער, וואָס געוויסע דערפער ווערן אין די דאָזיקע וואָיעוואָדשאַפטן יאָ דערמאָנט, איז מחייב, אז די צאָל דאָרפס־יידן, וואָס מען האָט פאַרשריבן אין די שטעט, איז געווען אַ מינימאַלע.

אין דער אינאָוורעצלאַווער (לעסלער) וואָיעוואָדשאַפט, וואָס שטעלט פאָר אַ מין געאָגראַפישן איבערגאַנג צווישן גרויס־פּוילן און צענטראַל־פּוילן, איז די פּראָפּאָרציע דאָרפס־לייט ביי יידן שוין העכער און באַטרעפט 9 פּראָצענט; זי איז אָבער נאָך אַלץ נידעריקער ווי אין יעדער אַנדער וואָיעוואָדשאַפט מחוץ דעם מערב־טייל גרויס־פּוילן.

אין די וואָיעוואָדשאַפטן פון מזרח־טייל גרויס־פּוילן איז די פּראָפּאָרציע אין דורכשניט אַזוי הויך ווי אין צענטראַל־פּוילן, 31,5 פּראָצענט. דאָך איז נאָך אַלץ כאַראַקטעריסטיש דער חילוק אפילו צווישן די דריי וואָיעוואָדשאַפטן גופא: אין דער שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס ליגט מער צו מערב צו, באַטרעפט די פּראָפּאָרציע דאָרפסלייט בלויז 22,5 פּראָצענט; אין וויעלונער לאַנד 28 פּראָצענט און אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט, אין שכנות פון מאַזאָוויע, אין מזרח, דערגרייכט שוין אונדזער פּראָפּאָרציע 34 פּראָצענט.

אין צענטראַלן טייל לאַנד, אין קליין־פּוילן, איז די פּראָפּאָרציע דאָרפסלייט אין אַלע דריי וואָיעוואָדשאַפטן בערך אויף דער זעלבער הויך: אין דער קראָקעווער 31%, אין דער צווזמירער (מער ווי צוויי דריטל פון דער וואָיעוואָדשאַפט) 32% און אין דער לובלינער 30,5%, אין דורכשניט 31% פאַרן גאַנצן געביט.

דער העכסטער פּראָצענט דאָרפס־יידן אין גאַנץ קרוין־פּוילן איז — ווי דערמאָנט — אין דער וואָיעוואָדשאַפט מאַזאָוויע, וווּ ער באַטרעפט 59%. בערך נישט קיין סך קלענער איז דער פּראָצענט דאָרפסלייט ביי יידן אין פּאָדליאַשע, אויף דער גרענעץ פון מאַזאָוויע און ליטע, 55%.[1]

אין דער גרויסער וואָיעוואָדשאַפט רייסן (מזרח־גאַליציע) איז די פּראָפּאָרציע דאָרפסלייט ביי יידן באַדייטנדיק נידעריקער ווי אין צענטראַל־פּוילן און באַטרעפט פאַרן גאַנצן שטח (אחוץ דעם פּשעמישלער און סאַנאָקער לאַנד, ווי די פּראָפּאָרציע איז אומבאַקאַנט) בלויז 19%.

[1] די דאָזיקע פּראָפּאָרציע גיט אָן יצחק שיפּער אין זיין אָפּהאַנדלונג „די צעשפּרייטונג פון יידן אין פּוילן און ליטע" אין ציטירטן ווערק
История Еврейскаго народа, XI
זאַמלווערק אויף רוסיש וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן.

אין די 4 וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון וואָלין, פּאָדאָליע און אוקראַינע גופֿא באַטרעפֿט די פּראָפּאָרציע דאָרפֿסלייט אויפֿן גאַנצן שטח בכלל בלויז עפּעס ווייניקער ווי אין צענטראַל־פּוילן, נישט קיין גאַנצע 30% (גענוי 29,5). צווישן די באַזונדערע 4 וואָיעוואָדשאַפֿטן איז אָבער דער חילוק אין דער פּראָפּאָרציע א גאַנץ אָנזעעוודיקער; צום נידעריקסטן איז זי אין פּאָדאָליע — 23%, אין וואָלין באַטרעפֿט זי 28%, אין דער בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט מער צו מזרח צו — 31%, און אין דער קיעווער וואָיעוואָדשאַפֿט, וואָס איז צום ווייטסטן אַרויסגערוקט אין מזרח — 36%, הכלל אַ סך העכער ווי אין די צענטראַל־וואָיעוואָדשאַפֿטן.

דער חילוק אין דער פּראָפּאָרציע דאָרפֿסלייט ביי יידן צווישן די באַזונדערע געביטן פֿון פּוילן לאָזט זיך אין אַ גרויסע מאָס דערקלערן מיט דער פֿאַרשידענער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון די געביטן בכלל און דער פֿאַרשידענער רעכטלעכער און עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די יידן אין די דאָזיקע געביטן.

דער מערב־טייל פּוילן (די מערב־וואָיעוואָדשאַפֿטן אין גרויס־פּוילן) איז געווען עקאָנאָמיש צום העכסטן אַנטוויקלט און ממילא אויך צום שטאַרקסטן אורבאַניזירט. האַנדל, האַנטווערק און אַפֿילו אינדוסטריע (מוד־מאַנופֿאַקטור) זענען דאָרט געשטאַנען אויף אַזאַ הייך, אַז די פּריצים האָבן זייערע קאַפּיטאַלן בלויז צום קלענסטן טייל אינוועסטירט אין דער שענק־אינדוסטריע (בראַוואַרן, גוראַלניעס) און בכלל איז ליכט געקאָנט אויסקומען צו דעם ביסל קאַפּיטאַל פֿון יידישע אָרענדאַרן. יידישע אָרענדע האָט אויף יענעם שטח קיינמאָל נישט געשפּילט קיין באַדייטנדיקע ראָל, און אין 18־טן י"ה האָט זיך דאָרט פֿריי אָנגעהויבן דאָס אַרויסשטויסן יידן פֿון די אָרענדעס. שוין נאָך דער צעטיילונג, אין די יאָרן פֿון גרויסן סיים 1788—1792, האָבן די סיימיקעס פֿון דער שליאַכטע אויך אין די מזרח־וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון גרויס־פּוילן אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן פֿאַרבאָטן איבערצוגעבן יידן שענקען און אָרענדע.[2]

דער הויכער פּראָצענט דאָרפֿסלייט ביי יידן אין מאַזאָוויע און אין פּאָדליאַשע דערקלערט זיך מיט דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון יענע געביטן. ביי דער קלענער צאָל שטעט און שטעטלעך און דעם קליינעם פֿאַרנעם פֿון די שטעטלעך האָט אַ גרעסערער פּראָצענט יידן געמוזט זוכן באַשעפֿטיקונג און פּרנסה אין די דערפֿער. בפֿרט וואָס שייך מאַזאָוויע איז נאָך צוגעקומען דער אומשטאַנד, וואָס אַ גרויסע צאָל שטעט האָט דאָרט פֿאַרמאָגט די „פּריווילעגיע פֿון נישט טאָלערירן יידן“, וואָס האָט פֿאָרמעל געגאָלטן פֿאַר דער גאַנצער פּראָווינץ זינט 1527. בלויז אין די קליינע שטעטלעך און דערפֿער האָבן יידן דאָרט געקאָנט האָבן פֿרייהייט פֿון באַזעצן זיך, האַנדלען, האָבן שענקען און אָפּגעבן זיך מיט מלאכה אַדאַנק דעם שוץ פֿון די פּריצים, וואָס האָבן פֿון זיי געצויגן רווחים. אין אַזאַ שטעטל ווי טשיזשעוו האָבן יידן, סך־הכל 272 נפֿשות (העכער אַ יאָר אַלט), געוווינט אין 7 קוואַרטאַלן אונטערן שוץ פֿון 7 באַזונדערע פּריצים; אין קיניגלעכע שטעט אָדער קירכלעכע שטעט ווי לאָמזשע, טשערסק, זאַקראָטשים זענען קיין יידן בכלל נישט געווען. אין מאַזאָוויע און פּאָדליאַשע איז דער לאַנד־באַזיץ פֿון

---

[2] זע: ט. קאָרזאָן, דצ"וו., ב. 1, ז. 219.

דער שליאַכטע געווען מער צעברעקלט ווי אנדערשוואו אין פוילן. דער דאָזיקער שטח האָט פארמאָגט לפי ערך די גרעסטע מאַסע פאַראָרעמטע אדללייט, וואָס האָבן אין שטאָט געזוכט א באַשעפטיקונג אין האַנדל און מלאכה. די פּשוטע שליאַכטע איז אין די דאָזיקע צוויי פּראָווינצן געווען צום שטאַרקסטן אַנטי=יידיש געשטימט. די לפי ערך הויכע פּראָפּאָרציע דאָרפס=יידן אין דעם געביט איז בכן געווען גיכער א רעלאַטיווע דערשיינונג, אין רעזולטאַט פון דער קליינער צאָל שטאָט=ייִדן.

וואָס ווייטער קיין מזרח פון דער פּוילישער מלוכה, אלץ א גרעסערע ראָלע שפּילן אין דער ווירטשאַפט פון די פּריצים די ארענדעס פון ברויז, גוראַלניעס, קרעטשמעס, מילן אדגל. וואָס ווייטער קיין מזרח, אלץ גרעסער זענען אויך די גרויסע גיטער, לאַטיפונדיעס פון פּריצים, וואָס באַזיצן אייגענע שטעט און שטעטלעך אַמאָל אפילו אין די צענדליקער. וואָס ווייטער קיין מזרח, אַלץ מער איז אויך די באַפעלקערונג אין די קיניגלעכע שטעט א נאַציאָנאַל=געמישטע, פון פּאָלאקן, אוקראַינער און יידן, אַמאָל אויך מיט אַ צומיש פון ארמענער און ממילא איז אויך די נאַציאָנאַלע טאָלעראַנץ א גרעסערע.

אין די צענטראַל=וואָיעוואָדשאַפטן, אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן פון קליין=פוילן, איז שוין דער פּריצישער באַזיץ אויף אַזוי ווייט גרויס, און די ראָלע פון דער אַרענדע אזוי ווייט וויכטיק, אַז דאָרפסלייט ביי יידן באַטרעפן ביז 31 פּראָצענט, קרוב א דריטל פון דער יידישער באפעלקערונג.

די אַלע דערשיינונגען ווירקן אין דער העכסטער מאָס אויף דער „יידישער" צעטיילונג צווישן שטאָט און דאָרף אין די אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן, ד. ה. דייםן, וואָלין, פּאָדאָליע און אוקראַינע גופא. צוליב דער עקאָנאָמישער סטרוקטור און רעכטלעכער לאַגע (פּריצישער באַזיץ, ברייטע רעכט אויך אין קיניגלעכע שטעט) אין די אוקראַינישע געביטן האָבן דאָ יידן געהאַט גרויסע מעגלעכקייטן סיי בנוגע וווינרעכט און באַשעפטיקונג אין דער שטאָט, סיי בנוגע אַרענדעס אין די דערפער. ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, האָבן די אוקראַינישע פּראָווינצן קאָנצענטרירט דריי פינפטל פון אַלע יידן אין קרוין=פוילן. לויט דער אַבסאָלוטער צאָל באַטרעפן אויך די דאָרפס=יידן פון די אוקראַינישע געביטן נישט קיין סך קיין קלענערע פּראָפּאָרציע לגבי אלע דאָרפס=יידן אין קרוין=פוילן, העכער 56 פּראָצענט, קיילעכדיק 65,000 לגבי 115,665 (זע טאַב. III A). אָבער נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער גרויסער אַבסאָלוטער צאָל, זענען די דאָרפס=יידן אין די אוקראַינער פּראָווינצן שוואַכער פארטרעטן צווישן דער אלגעמיינער יידישער באפעלקערונג פון יענע געביטן, ווי אין די צענטראַלע וואָיעוואָדשאַפטן (קליין=פוילן), ווייל די איבערוואָג פון שטאָט=יידן איז דאָ גרעסער. מיר האָבן דאָ אַ פאַרקערטע דערשיינונג ווי אין מאַזאָוויע. דאָרט, אין מאַזאָוויע, באַטרעפט די נישט=באַדייטנדיקע אַבסאָלוטע צאָל דאָרפס=יידן א הויכן פּראָצענט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג צוליב דער קליינער צאָל שטאָט=יידן; דאָ, אין די אוקראַינישע פּראָווינצן, האָבן מיר אַ גאָר גרויסע צאָל דאָרפס=יידן, וואָס באַטרעפט אָבער — צוליב דער גרויסער איבערוואָג פון שטאָט=יידן — א קלענערן פּראָצענט צווישן דער אלגעמיינער יידישער באפעלקערונג פון שטח.

דער חילוק אין דער פּראָפּאָרציע דאָרפס־ייִדן לגבי דער ייִדישער באַפעלקע־רונג אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן פון אוקראַיִנישן געביט גיט זיך אָן ספק דערפון, וואָס גישט געקוקט אויף דער ענלעכקייט פון דער ייִדישער רעכטלעכער און געזעלשאַפטלעכער לאַגע, איז געווען א באַדייטנדיקער אונטערשיד צווישן זיי אין דער מדרגה פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אין דער וואָיעוואָדשאַפט רייסן, צום ווייטסטן צו מערב צו אין דעם אוקראַיִנישן געביט, איז דער האַנדל און די אורבאַניזאַציע געווען אויך שטאַרקער אַנטוויקלט. געפינען מיר דאָ מאַקע די צאָל דאָרפס־ייִדן די נידעריקסטע אין פּראָפּאָרציע — בלויז 19% פון דער ייִדישע באַפעלקערונג. אין פּאָדאָליע, ווייטער אין מזרח (טאַבעלע 13, III) איז די פּראָפּאָרציע דאָרפס־ייִדן העכער (23%), און אין וואָלין, צפון־מזרח, שוין 28,5%. אין דער בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט, נאָך ווייטער אין מזרח, באַטרעפט די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע שוין אַזוי פיל ווי אין צענטראַל־פּוילן (31%) און אין דער קיעווער וואָיעוואָדשאַפט, צום ווייטסטן אין מזרח, שוין ביי דער גרע־נעץ — 36 פּראָצענט.

פּונקט ווי בנוגע דער שיטערקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג בכלל, אַזוי אויך בנוגע דעם הויכן פּראָצענט דאָרפס־ייִדן געפינען מיר אַן אַנאַלאָגיע צווישן די מזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפטן פון אוקראַיִנע און די מזרחדיקע, אויסשליסלעך ווייס־רוסישע געביטן פון ליטע. אין ליטע האָבן האָרפס־ייִדן אין דער ווילנער וואָיע־וואָדשאַפט אין 1765 באַטראָפן 25% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג,[3] אָבער אין ווייסרוסלאַנד איז דער פּראָצענט דאָרפס־ייִדן געווען א סך גרעסער: אין 1772 האָבן דאָרפס־ייִדן פון וויטעבסקער גובערניע געציילט 9,280 נפשות און זיי האָבן באַטראָפן כמעט צוויי דריטל (65,14%) פון 14,155 נפשות אין 10 פּאָוויאַטן;[4] אין 1780 האָבן אין דער וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניע צוזאַמען, 44 פּראָ־צענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געוווינט אין דערפער (11.275 לגבי 25.516).[5]

די 18 וואָיעוואָדשאַפטן (מיט דער מאַלבאָרגער, פּויזנער און פּאָדלאַשער), ווו די פּראָפּאָרציע דאָרפס־ייִדן און שטאָט־ייִדן איז אונדז באַקאַנט אויף דעם גאַנצן אָדער אויף דעם רוב שטח פון א וואָיעוואָדשאַפט, נעמען ארום העכער 90% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין גאַנץ קרוין־פּוילן — 388,831 לגבי 430,000 (זע טאַבעלע III A). אין דעם איבעריקן צענטל קרוין־פּוילן קאָנען מיר מיט א גרויסע מאָס וואַרשיינלעכקייט באַרעכענען די פּראָפּאָרציע און צאָל דאָרפס־ייִדן לויט דער אַנאַלאָגיע פון שכנישע וואָיעוואָדשאַפטן. אַזוי האָבן מיר צוזאַ־מענגעשטעלט די טאַבעלע IIIA, ווו מיר זענען ארויסגעגאַנגען פון אַזעלכע הנחות: אין דער כעלמער וואָיעוואָדשאַפט, מזרח פון דער לובלינער, האָבן מיר

---

[3] פג"ל י. שיפּער, דצ"וו., די ציטירטע שטעלע.

[4] ב. קאַראַבקאָוו, אין „יעוורעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", ב. V, (1912), ז. 169—177.

[5] ד. אלעקסאַנדראָוו, „די ייִדישע באַפעלקערונג פון ווייסרוסלאַנד אין דער צייט פון די צעטיילונגען פון פּוילן", „צייטשריפט", מינסק, ב. IV, ז. 30—66.

אַנגענומען בלויז עפּעס אַ קלענערע פּראָפּאָרציע ווי אין די צענטראַלע וואָיעוואָד־שאַפטן, 30% אַנשטאָט 31%, אין דער בעלזער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס ליגט צווישן דער כעלמער און רייסן, האָבן מיר אַנגענומען אַ פּראָפּאָרציע אין דער מיט צווישןביידע, ד. ה. 19% און 30%, 25%. פאַר דער ראַווער וואָיעוואָדשאַפט, מזרח פון דער לובעטשיצער (34%), אין צפון פון דער צווזמירער (32%) האָבן מיר אַנגענומען די פּראָפּאָרציע 33% ווי די שייכותדיקסטע, און די זעלבע פּראָ־פּאָרציע האָבן מיר אַנגענומען פאַר דער פּלאָצקער וואָיעוואָדשאַפט אין צפון פון דער ראַווער. אין די וואָיעוואָדשאַפטן בריסק־קויאַווע און דאָבזשין, ביידע אי־בעריקנס מיט אַ גאַר קליינער יידישער באַפעלקערונג (1267 און 1082 נפשות), האָבן די פאַרהעלטעמנישן געמוזט זיין ענלעך ווי אין דער שכנותדיקער קויאַווער וואָיעוואָדשאַפט, אויך מיט אַ גאַר קליינער צאָל יידן (1422), ווו די פּראָפּאָרציע דאָרפס־יידן האָט באַטראָפן 9%. פאַר די וואָיעוואָדשאַפטן פּאָמערן און כעלמנאָ, וואָס האָבן געציילט צוזאַמען סך־הכל 3,308 נפשות, האָבן מיר נישט קיין שום שכנותדיק געביט ווי אַ יסוד פאַרן פאַרגלייך. באַקאַנט איז אָבער דער פאַקט, אַז אין די שטעט, וואָס זענען על פּי רוב געווען קיניגלעכע, האָבן יידן דאָרט נישט געטאָרט וווינען, און די קליינע עדה דאָרטיקע יידן איז געווען צעשפּרייט אין פּרי־וואַטע שטעטלעך און דערפער, ווו זי האָט געוווינט אונטערן שוץ פון די פּריצים. די וואַרשיינלעכע פּראָפּאָרציע דאָרפס־יידן פאַר די צוויי וואָיעוואָדשאַפטן האָבן מיר באַרעכנט אין דער הויך פון 40 פּראָצענט.

אין סך־הכל באַקומען מיר פון דעם צוזאַמענשטעל פון אַלע וואָיעוואָדשאַפטן, די, ווו די פּראָפּאָרציע און צאָל דאָרפס־יידן איז אונדז באַקאַנט, צוזאַמען מיט די, ווו מיר באַרעכענען די פּראָפּאָרציע לויט דער גרעסטער וואַרשיינלעכקייט, פאַר גאַנץ קרוין־פּוילן 26,9% ווי די פּראָפּאָרציע פון דאָרפסלייט ביי יידן, 115,665 דאָרפס־יידן לגבי 430,009 אַלע נפשות עלטער ווי אַ יאָר (זע טאַבעלע III A). די דאָזיקע פּראָפּאָרציע פּאַלט פולשטענדיק צונויף מיט דעם רעזולטאַט, וואָס מיר באַקומען וועגן דער צעטיילונג אויף שטאָט־יידן און דאָרפס־יידן אויף דעם שטח פון 15 וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס נעמט אַרום העכער צוויי דריטל יידן פון קרוין־פּוילן, און ווו די פאַרהעלטעמנישן זענען אונדז באַקאַנט אָן אַ שום בלויז: אויך דאָרט באַקומט זיך פאַרן גאַנצן שטח די פּראָפּאָרציע פון דאָרפס־יידן געגוי 26,9% (זע טאַב. III B). מיר קאָנען בכן אָננעמען מיט דער גרעס־טער וואַרשיינלעכקייט, אַז אין גאַנץ קרוין־פּוילן איז סך־הכל איז אויסגעפאַלן אויף הונדערט יידן 73 שטאָט־לייט (אַריינגערעכנט די באַוווינערס פון די קלענסטע שטעטלעך) און 27 דאָרפס־לייט. די דאָזיקע פּראָפּאָרציע איז נישט קיין סך העכער פון דער פּראָפּאָרציע, וואָס איז אויסגעפאַלן אין פּוילן אין אָנהייב XX יאָר־הונדערט, 25 פּראָצענט דאָרפישע באַפעלקערונג ביי יידן.

וועגן ליטע פעלן אונדז גענויע ידיעות אין דעם דאָזיקן פּרט. נעמענדיק אָבער אין אַכט, אַז אין ווייסרוסלאַנד איז דער פּראָצענט דאָרפס־יידן געווען אפילו העכער ווי אין מזרח־אוקראַינע און אַז דאָרט האָט געפעלט אַזאַ געביט ווי מערב־

גרויס=פּוילן מיט א מינימאַלער צאָל דאָרפס=יידן, קאָנען מיר אָננעמען מיט באַשטימטקייט, אז אין ליטווישן טייל פון דער פּוילישער מלוכה איז די פּראָפּאָרציע דאָרפס=יידן אין סך=הכל געווען העכער ווי אין קרוין=פּוילן. פאַר דער גאַנצער פּוילישער מלוכה וועלן מיר דערפאַר די פּראָפּאָרציע דאָרפס=יידן דאַרפן אָננעמען ווי 30—33 פּראָצענט, בערך ביז א דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

פון 15 וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס נעמען אַרום העכער צוויי דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קרוין=פּוילן, האָבן מיר אויך אַ בילד וועגן דער צעשפּרייטונג פון די דאָרפס=יידן (זע טאַב. III B). די נידעריקסטע צאָל נפשות, עלטער ווי אַ יאָר, אויף אַ דאָרף ווייזט אויף די שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט, 5.6.; די העכסטע — די וואָיעוואָדשאַפט רייסן, מיט 8,75 נפשות, אויב מען זאָל גישט רעכענען די קליינע איינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די שייכותדיקע צאָל איז אפילו עפּעס העכער, 8,8. אין באַזונדערע פּאָוויאַטן פון רייסן, ווי אין לעמבערגער און זשידיטשעווער, באַטרעפט די דורכשניטלעכע צאָל יידישע נפשות אויף א דאָרף קרוב 10 (9,8).

מען וואָלט געקאָנט אין פלוג מיינען, אז די צאָל יידישע נפשות, וואָס געפאַלט אויף אַ דאָרף, איז אָפּהענגיק פון דער מדרגה פון דער באַגלויבטקייט פון דער ציילונג, ד. ה., אז וואָס גענויער מען האָט אָנגעגעבן די צאָל פאַמיליע=מיטגלידער, בעיקר קינדער, אַלץ העכער קומט אויס די צאָל ייחן אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל דערפער, וואָס זיי האָבן באַוווינט. די דעמאָגראַפישע סטאַטיסטיק, וואָס מיר באַטראַכטן ווייטער גענויער, באַווייזט אָבער ווי פולשטענדיק אומבאַגרינדעט עס איז אזא השערה. אָט ווי עס זעט אויס א פאַרגלייך פון דער דורכשניטלעכער צאָל יידן אין א דאָרף מיט דער דורכשניטלעכער צאָל קעפּ, וואָס פאַלט אויס אויף א דאָרפישער יידישער פאַמיליע אין באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן:

וואָיעוואָדשאַפט	דורכשניטלעכע צאָל יידן אויף א דאָרף	דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף א דאָרפישער יידישער פאַמיליע
איינאָוראָצלאַווער	8,8	4,7
גנעזנער	5,7	4,1
קאַלישער	6,5	4,9
שיעראַדזער	5,6	3,9
ווילנער	7,6	4,1
לונטשיצער	6,7	4,0
מאַזאָווער	6,7	3,9
קראָקעווער	7,1	3,9
לובלינער	7,9	3,5

ווי מיר זעען פון דעם צוזאַמענשטעל, איז נישטאָ קיין שום שייכות צווישן דער דורכשניטלעכער צאָל יידן אויף א דאָרף מיט דער דורכשניטלעכער צאָל נפשות אויף א דאָרפישער פאַמיליע ביי יידן. נאָך דער איינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט,

וואָס קומט קוים אין באַטראַכט מחמת דער קליינער צאָל דאָרפס-יידן (132), ווייזט אויף די לובלינער וואָיעוואָדשאַפט די העכסטע צאָל יידן אויף אַ דאָרף (7,9), און דאָך איז אין דער זעלבער וואָיעוואָדשאַפט די דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף א דאָרפישער פאַמיליע דווקא די קלענסטע (3,5). די קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט האָט אזא דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף א דאָרפישער פאמיליע ווי די שיעראַדזער (3,9), בעת די דורכשניטלעכע צאָל יידן אויף א דאָרף באַטרעפט אין דער ערשטער 7,1 און איז דער צווייטער 5,6, די קלענסטע אין אלע וואָיעוואָדשאַפטן.

א געוויסע גראַדאַציע לויטן געאָגראַפישן שטח לאָזט זיך באַמערקן בנוגע דער דורכשניטלעכער צאָל יידן אין א דאָרף, הגם אויך דאָ זענען פאַראַן אויסנאַמען. אין מערב-פוילן, ווו סיי די געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל, סיי די אַבסאָלוטע צאָל יידן אין די דערפער איז די קלענסטע אין קרוין-פוילן, געפאלט אויך די קלענסטע צאָל יידן אויף א דאָרף (שיעראַדזער, גנעזנער און קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט). אַן אויסנאַם אויף דעם דאָזיקן שטח איז דאָס קליינע וויעלונער לאַנד. ווייטער קיין מזרח, אין דער לונטשיצער און מאַזאָווייער וואָיעוואָדשאַפט, איז די שייכותדיקע דורכשניטלעכע צאָל גרעסער (6,7); אין קליין-פוילן, קראָקעווער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט — נאָך גרעסער (7,1 און 7,9) און צום העכסטן אין רייסן (8,75). אין די 4 וואָיעוואָדשאַפטן פון וואָלין, פאָדאָליע און אוקראַינע איז בלויז אין פאָדאָליע דער דורכשניט נאָך העכער ווי אין רייסן (9,4), אָבער אויפן גאַנצן שטח פון אוקראַינע איז דער דורכשניט א סך נידעריקער ווי אין רייסן (7,3).[6] הגם בלויז עפּעס נידעריקער ווי אין דורכשניט אין קליין-פוילן (7,5).

אויף דעם גאַנצן שטח פון די 15 וואָיעוואָדשאַפטן האָבן 77,673 דאָרפס-יידן געוווינט אין 9,163 דערפער, ד. ה. דורכשניטלעך 8,5 נפשות אין א דאָרף. הגם עס פעלן אונדז ידיעות אין דעם פּרט וועגן א דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קרוין-פוילן, קענען מיר אָבער דאָך אָננעמען מיט גרויס וואַרשיינלעכקייט אויפן סמך פון דעם, וואָס די 15 וואָיעוואָדשאַפטן רעפּרעזענטירן אלע געאָגראַפישע געביטן פון לאַנד, אז בערך אזא דורכשניט איז אויסגעקומען פאַר גאַנץ קרוין-פוילן.

דעם דורכשניט, וואָס מיר האָבן באַקומען, דאַרפן מיר נאָך קאָריגירן, כדי צו דערגיין די באמתע דורכשניטלעכע צאָל יידן אין א דאָרף. מיר דאַרפן קודם כל

[6] אין זיין אָפּהאַנדלונג „די יידישע קהילות אין פוילן (אוקראַינע) ערב דער צעטיילונג פון דער פוילישער מלוכה“ אין „בלעטער פאַר יידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק“, נר. 1, בערלין 1923, ז"ז 21—24, גיט אָן יעקב לעשטשינסקי די צאָל דאָרפס-יידן אין די 4 אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן 47.860, די צאָל דערפער 5.016 און באַקומט אַ דורכשניט פון 9,5 נפשות אין אַ דאָרף. דער איינציקער מקור, וואָס לעשטשינסקי ציטירט אין דעם שייכות, איז קאַמאַנין, פון וועלכן מיר ברענגען אונדזערע ציפערן אין טאַב. IIIB. ווייזט אויס, אז לעשטשינסקי האָט צוגערעכנט דעם לעטיטשעווער פּאָוויאַט פון פאָדאָליע, פון וועלכן עס פעלן די ציילונגס-רעגיסטערס. דאַן איז אָבער אַ חידוש, פאַרוואָס די פּראָפּאָרציע איז ביי לעשטשינסקין אַרויסגעקומען העכער ווי ביי קאַמאַנין בנוגע דעם שטח אָן דעם לעטיטשעווער פּאָוויאַט, און פאַרוואָס די סומע באַטרעפט 47,860, אָנשטאָט 38.300.

צורעכענען די צאָל זייגקינדער (קינדער יינגער ווי א יאָר) לויט דער פּראָפּאָרציע 6% לגבי דער צאָל נפשות עלטער ווי א יאָר, וואָס קומט אויס אין דורכשניט ביי דאָרפס=יידן אין די געביטן, וו זייגקינדער זענען אָנגעגעבן געוואָרן (פֿאַרגלייך טאַב. I).[7] מיר וועלן דאַן באַקומען די דורכשניטלעכע צאָל 9 נפשות. די דאָזיקע צאָל דאַרפֿן מיר פֿאַרגרעסערן אויף 20%, לויט ווי מיר האָבן אָפּגעשאַצט די פּראָפּאָרציע פֿון נפשות, וואָס מען האָט פֿאַרלייקנט אין דער ציילונג. אין סך הכל קומט אויס, אז די דורכשניטלעכע צאָל יידישע נפשות אין א דאָרף אין קרוין=פּוילן האָט באַטראָפֿן 10,8. לויט דעם דאָזיקן חשבון קומט אויס דייטלעך, אַז אין די דערפֿער, וואָס זענען געווען באַוווינט פֿון יידן, איז אויסגעקומען דורכשניטלעך אין גאַנץ קרוין=פּוילן *צוויי יידישע פֿאַמיליעס אין א דאָרף*.

נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער צעברעקלונג פֿון דער דאָרפֿישער יידישער באַפֿעלקערונג, זענען יידן נישט אין אלע געגנטן פֿון פּוילן געווען באַזעצט אין דעם רוב דערפֿער. צום גרעסטן איז געווען די צאָל דערפֿער באַוווינט פֿון יידן אין די פֿיר אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפֿטן. אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט האָבן יידן געוווינט אין 810 דערפֿער, בעת די וואָיעוואָדשאַפֿט האָט געציילט 2,628 דערפֿער.[8] יידן האָבן בכן געוווינט אין קליין=פּוילן, אויב מיר זאָלן נעמען די קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿאַר א יסוד, בלויז אין 31 פֿון הונדערט דערפֿער, ד. ה. אפֿילו נישט אַ דריטל דערפֿער אויף יענעם שטח. א סך קלענער איז געווען דער פּראָצענט דערפֿער, וו עס האָבן געוווינט יידן אין דעם מערב=פּוילן, אין גרויס=פּוילן. עס איז אָפּגערעדט פֿון דער פּויזנער וואָיעוואָדשאַפֿט וו די צאָל דאָרפֿס=יידן איז געווען א מינימאַלע, קוים 2% פֿון אלע יידן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט. אפֿילו אויפֿן שטח פֿון דער הייַנטיקער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפֿט (וואָס נעמט ארום די אמאָליקע וואָיעוואָדשאַפֿטן לונטשיצער און שיעראַדזער מיט א טייל פֿון וויעלונער לאַנד און בלויז א קליינעם טייל פֿון דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפֿט), האָבן יידן אין 1764 געוווינט בלויז אין 431 דערפֿער, בעת די צאָל דערפֿער האָט דאָרט באַטראָפֿן (לויט דער ציילונג פֿון 1921) 8,788. יידן האָבן בכן געוווינט בלויז אין 5 פּראָצענט פֿון אלע דערפֿער אויף יענעם שטח. נישט געגוג, וואָס די צוויי יידישע פֿאַמיליעס אין אַ דאָרף זענען געווען בטל בשישים צווישן די אָרטיקע פּויערים, האָבן זיי נאָך געהאַט על פּי רוב צו גיין מיילן ווייט, כדי זיך צו טרעפֿן מיט א יידישן ישובניק פֿון אן אנדער דאָרף.

לויט די אויבנגעבראכטע קאָרעקטיוון האָט די צאָל יידן אין דער גאַנצער

---

[7] ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, איז דער פּראָצענט זייגקינדער ביי דאָרפֿס=יידן אויסגעקומען קלענער ווי אין די שטעט. לויט טאַב. 1 קומט אויס דער דורכשניט פֿאַר שטאָט און דאָרף צוזאַמען 6,5 פּראָצענט, אָבער אין די שטעט 6,8 פּראָצענט און אין די דערפֿער 6 פּראָצענט.

[8] די צאָל האָבן מיר באַרעכנט לויט דער קירכלעכער ציילונג פֿון 1787, וועלכע עס גיט איבער י. קלעטשינסקי פֿאַר דעם צפֿון=טייל פֿון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט. J. Kleczyński, Spis ludności dyecezyi krakowskiej z r. 1787, Kraków 1894. און א. בראַווער, דצ"ו., ז. 25, פֿאַר מערב=גאַליציע, דעם דרום=טייל פֿון דער אמאָליקער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט.

פוילישער מלוכה באַטראָפן אין 1764 בערך 750,000 נפשות. די צאָל דאָרפס־יידן אין דער גאַנצער מלוכה (31—33 פּראָצענט) האָט בכן באַטראָפן צווישן 230,000 און 245,000 נפשות. אין 1791 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין פארקלענערטן פוילן געציילט בערך 800,000 נפשות. די צאָל דאָרפס־יידן האָט לויט דער פּראָפּאָרציע פון 1764 דעמלט באַטראָפן פון 248,000 ביז 264,000 נפשות. די גאַנצע דאָרפס־באַפעלקערונג פון לאַנד (שליאַכטע, פויערים און יידן) האָט דעמלט געציילט ארום זיבן מיט אַ פערטל מיליאָן.[9] דאָרפס־יידן האָבן בכן באַטראָפן בערך דריי מיט א האַלבן פּראָצענט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג בכלל.

2. די שטאָטישע און קליינשטעטלדיקע יידן

טאַבעלע IV

די טאַבעלע IV באַווייזט די צעטיילונג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג: ביי יידן אין 15 וואָיעוואָדשאַפטן,[10] ווו עס איז אונדז באַקאַנט די צאָל יידן אין יעדן שטאָטישן ישוב. סך הכל האָבן מיר דאָ 210,520 נפשות אין עלטער העכער אַ יאָר, וואָס האָבן געוווינט אין 673 שטעט און שטעטלעך. אין דורכשניט קומט אויס 313 נפשות אויף אַ שטאָטישן יידישן ישוב אין די 15 וואָיעוואָדשאַפטן. מיר דאַרפן אָבער דערביי גערעדנקען, אַז אין דער דאָזיקער טאַבעלע האָבן מיר נישט אין אַכט גענומען נישט די צאָל זייגקינדער (נפשות ווייניקער ווי אַ יאָר אַלט) און אויך נישט די צאָל נפשות, וואָס זענען פאַרלייקנט געוואָרן פאַר דער ציילונג; לויט ווי מיר האָבן אויבן געזען (טאַב. I), איז די פּראָפּאָרציע נפשות, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן ווי זייגקינדער אין די שטעט, געווען העכער ווי אין די דערפער. אין די געגנטן, ווו די זייגקינדער זענען אָנגעגעבן געוואָרן, קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט און רייסן, באַטרעפט די דאָזיקע פּראָפּאָרציע ביי שטאָט־יידן אין דורכשניט פאַרן גאַנצן שטח 6,76%. דערצו דאַרפן מיר נאָך צורעכענען די צאָל פאַרלייקנטע נפשות אין דער פּראָפּאָרציע פון 20% (לגבי אַלע נפשות, אריינגערעכנט די זייגקינדער), וואָס מיר האָבן אויבן באַשטימט ווי די וואַרשיינלעכסטע. אין סך הכל דאַרפן מיר פאַרגרעסערן אַלע צאָלן יידן אין דער דאָזיקער טאַבעלע אויף 28%, כדי צוצוקומען צום נאָענטסטן צו דעם באמתן מצב. די צאָל יידן אין די 673 שטעט און שטעטלעך וועט דאַן אויסקומען אָנשטאָט 210,520 — 269,525. דער דורכשניט פון א שטאָטישן יידישן ישוב אויף דעם שטח פון די

---

[9] לויט ט. קאָרזאָן, רצ״ו. (ז. 320, טאַבעלע 62), האָט פוילן אין 1791 אויף אַ באַפעלקערונג פון קיילעכדיק 8,800.000 געציילט 6.365.000 פויערים, 725.000 שליאַכטע, אַרום 50.000 גלחים, 100.000 רוסישע סעקטאַנטן און 50.000 טאַטערן. אָננעמענדיק, אַז אַ צוויי דריטל פון דער שליאַכטע און אַ העלפט פון גלחים האָט געוווינט אין די דערפער, קומט אויס, אַז די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון דאָרף האָט באַטראָפן אַרום 7 מיליאָן, די גאַנצע דאָרפישע באַפעלקערונג, אריינגערעכנט די יידן, 7 מיט אַ פערטל מיליאָן בערך.

[10] ווי מיר האָבן באַמערקט אין דער טאַבעלע, פעלן אונדז ידיעות פאַר דער צווזמויער וואָיעוואָדשאַפט פון דעם צפון־טייל, פאַר דער וואָיעוואָדשאַפט רייסן — פון פּשעמישלער און סאַנאָקער לאַנד און פאַר פּאָדאָליע — פון לעטיטשאָווער פּאָוויאַט.

15 וואָיעוואָדשאַפטן וועט בכן באַטרעפן נישט 313, ווי אין דער טאַבעלע, נאָר 400. די דורכשניטלעכע גרויס פון אַ שטאָטישן יידישן ישוב אין די באַזונדערע קאַטעגאָריעס וועט אויסקומען אַזוי:

דורכשניט לויט דער ציילונג		קרוב לאמת
I — ביז 50 נפשות	24	31
II — 51 —100	75	96
III — 101—300	187	239
IV — 301—500	380	486
V — 501—1000	684	875
VI —איבער 1000	1818	2,327

פאַרשטייט זיך, אַז סיי די פּראָפּאָרציע פון דער צאָל שטעט און די באַזונדערע קאַטעגאָריעס לויט דער גרייס פון יידישן ישוב, סיי די קאָנצענטרירטקייט פון יידן אין די שטעט לויט די באַזונדערע קאַטעגאָריעס וואָלט אויסגעקומען אַ ביסל אַנדערש ביים באַרעכענען דעם קאָרעקטיוו פון זייגקינדער און פאַרלייקנטע נפשות פאַר יעדן שטאָטישן ישוב באַזונדער. טייל שטאָטישע ישובים פון נידעריקערע קאַטעגאָריעס וואָלטן באַדאַרפט איבערגערוקט ווערן אין העכערע קאַטעגאָריעס לויט דער צאָל נפשות. נישט געקוקט אָבער אויף דער דאָזיקער באַוואָרעניש, קאָן אויך די טאַבעלע פון שטאָטישע ישובים, לויט דער גאָמינעלער צאָל נפשות, אונדז זייער אַ סך לערנען, בפרט ביים באַטראַכטן דעם צוזאַמענשטעל פון דער דורכשניטלעכער צאָל נפשות אין אַ שטאָטישן יידישן ישוב לויט די קאַטעגאָריעס: עס ווייזט זיך ארויס, אז אפילו ווען מיר נעמען אין אַכט דעם קאָרעקטיוו פון 28%, בלייבט די דורכשניטלעכע צאָל נפשות אין אַ שטאָטישן יידישן ישוב אין יעדער קאַטעגאָריע אין די ראַמען פון דער זעלבער קאַטעגאָריע לויט דער גרייס, וואָס קומט אויס לויט דער נאָמינעלער צאָל.

די טאַבעלע באַווייזט קודם כל דעם גרויסן חילוק אין דער גרייס פון שטאָטישע יידישע ישובים אין די באַזונדערע געגנטן פון פוילן. די אַלע דערשיינונגען, וואָס מיר האָבן אויבן פעסטגעשטעלט וועגן דעם חילוק צווישן די באַזונדערע פראָווינצן סיי בנוגע דער גרייס און פּראָפּאָרציע פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל, סיי בנוגע דער פּראָפּאָרציע פון שטאָט־יידן און דאָרפס־יידן, קומען דאָ אויך צום אויסדרוק.

דעם קלענסטן דורכשניט אין דער צאָל יידישע נפשות, וואָס פאַלט אויס אויף אַ שטאָטישן ישוב, ווייזט אויף מאַזאָוויע — 168, אין גרויס־פוילן האָט אַ יידישער שטאָטישער ישוב געציילט אין דורכשניט 206 נפשות, אין קליין־פוילן, ווייטער צו מזרח, אַנדערטהאַלבן מאָל מער — 358, און אין רייסן אַזש 515. צווישן די באַזונדערע געגנטן פון דער רייסישער וואָיעוואָדשאַפט פאַרנעמט אין דעם פּרט דעם אויבנאָן דער לעמבערגער פּאָוויאַט, וו דער דורכשניט באַטרעפט 813 נפשות אויף אַ יידישן שטאָטישן ישוב: דאָס איז קודם כל דערפאַר, וואָס אין לעמבערגער

פּאָוויאַט האָבן זיך געפונען בראַד און לעמבערג, די צוויי גרעסטע יידישע קהילות אין פּוילן אין 18־טן י"ה. אין די 4 אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן איז שוין די דורכשניטלעכער גרייס פון א יידישער שטאָטישער קהילה אַ סך קלענער נישט בלויז ווי אין רייסן, נאָר אפילו ווי אין קליין־פּוילן; זי באַטרעפט דאָ בלויז 269 נפשות. די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון די דאָזיקע פּראָווינצן האָט דאָ איבערגעוויגן די רעכטלעכע לאַגע פון יידן, וואָס איז דאָ געווען א סך בעסער ווי אין קליין־פּוילן; די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט ווייזט ארויס איר ווירקונג ווי אַ פאַקטאָר אפילו ביים פאַרגלייך פון די 4 אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן מיטאַנאַנד; וואָלין אין צפון־מערב ווייזט אויף א דורכשניטלעכער צאָל יידישע נפשות אויף א שטאָט 313, פּאָדאָליע 305, די בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט, נאָך ווייטער אין מזרח, 256, און די קיעווער, צום ווייטסטן ארויסגערוקט אין מזרח, בלויז 187.

די קלענסטע יידישע שטאָטישע ישובים, אַזעלכע וואָס האָבן געציילט נישט מער ווי צו 50 נפשות, האָבן באַטראָפן אין פּראָפּאָרציע לגבי אַלע שטאָטישע יידישע ישובים אין דער געגעבענער פּראָווינץ: אין גרויס־פּוילן קרוב 31% (30,8%), אין מאַזאָוויע 27%, אין קליין־פּוילן 17,4%, אין רייסן 13,3% און אין די איבעריקע 4 אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן (וואָלין, פּאָדאָליע, בראַצלאַווער און קיעווער) 17,4%.

אַלע שטעטלעך מיט אַ יידישער באַפעלקערונג ביז 100 נפשות האָבן באַטראָפן אין פּראָפּאָרציע פון אַלע שטאָטישע יידישע ישובים: אין גרויס־פּוילן 51,4%, אין מאַזאָוויע 54%, אין קליין־פּוילן 27,2%, אין רייסן 18,8% און אין די איבעריקע 4 אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן 31,2%.

שטאָטישע קהילות ביז 300 נפשות האָבן געציילט אין פּראָפּאָרציע: אין גרויס־פּוילן 75,7%, אין מאַזאָוויע 81%, אין קליין־פּוילן 59,6%, אין רייסן 47,1% און אין די אנדערע 4 אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן 70,2%.

אויב מיר טיילן איין די שטאָטישע יידישע ישובים אויף צוויי קאַטעגאָריעס: ביז 500 נפשות און גרעסערע ווי 500 נפשות — באַקומען מיר אַזאַ צוזאַמענשטעל:

פּראָווינץ	צאָל שטאָטישע ישובים אין % ביז 500 נפשות	פון אַלע שטאָטישע ישובים מער ווי צו 500 נפשות
גרויס־פּוילן	91,7	8,3
מאַזאָוויע	93,5	6,5
קליין־פּוילן	76,5	23,5
רייסן	61,7	38,3
4 אוקראַינישע וואָיעוו.	85	15

דער סדר פון די פּראָווינצן לויט דער גרייס פון די שטאָטישע יידישע ישובים איז בכן אַזאַ: מאַזאָוויע, גרויס־פּוילן, קליין־פּוילן, רייסן. וואָס ווייטער פון צפון־מערב קיין דרום־מזרח, אַלץ קלענער איז פּראָפּאָרציאָנעל די צאָל קלענערע יידישע שטאָטישע ישובים און אַלץ גרעסער לפי ערך די צאָל גרעסערע יידישע

שטאָטישע ישובים. אין די 4 אוקראַיִנישע פּראָווינצן ווייטער אין דרום-מזרח איז שוין — צוליב די דערמאָנטע סיבות — די פּראָפּאָרציע אַן אַנדערע: די פּראָפּאָרציע פֿון קלענערע שטאָטישע יידישע ישובים איז דאָרט גרעסער ווי אין רייסן און קליין-פּוילן, הגם נאָך אַלץ נישט אַזוי גרויס ווי אין מאַזאָוויע און גרויס-פּוילן. צוליב דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון מאַזאָוויע איז דאָרט די צעברעקלונג פֿון יידישע שטאָטישע ישובים נאָך גרעסער ווי אין גרויס-פּוילן, ווייטער אין צפֿון-מערב; און אויסנאַם איז די קלענסטע קאַטעגאָריע שטאָטישע יידישע ישובים, ביז 50 נפֿשות, וואו גרויס-פּוילן גייט פֿאַר מאַזאָוויע. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין גרויס-פּוילן גייען אַריין אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע שטאָטישע יידישע ישובים אויך שטעט מיט אַ באַדייטנדיקער באַפֿעלקערונג, וו ייִדן זענען אָבער נישט צוגעלאָזט געוואָרן זיך צו באַזעצן, אחוץ געציילטע עטלעכע משפּחות.

פֿאַר גאַנץ קרוין-פּוילן גיט אונדז די טאַבעלע IV אַזאַ צעטיילונג פֿון שטאָטישע יידישע ישובים לויט דער גרייס: פֿון די 673 שטאָטישע יידישע ישובים האָבן 19,3% געציילט נישט מער ווי ביז 50 נפֿשות, 13,2% פֿון 51—100 נפֿשות, 32% פֿון 101—300 נפֿשות, 16,3% פֿון 300—500 נפֿשות, 15% פֿון 500—1000 נפֿשות און 4% איז באַשטאַנען פֿון שטאָטישע קהילות מיט מער ווי 1000 נפֿשות. לויט ערך צום גרעסטן איז בכן אין גאַנץ קרוין-פּויל, געווען די צאָל שטאָטישע יידישע ישובים פֿון 101—300 נפֿשות, מיט אַ דורכשניט פֿון 187 נפֿשות (פּאַקטיש בערך 240 נפֿשות). די שטאָטישע יידישע ישובים פֿון דער דאָזיקער גרייס האָבן באַטראָפֿן 32%, ד. ה. כמעט אַ דריטל פֿון אַלע שטאָטישע יידישע ישובים אין קרוין-פּוילן.

איבּ מיר סומירן, באַקומען מיר אַזאַ בילד: כמעט אַ דריטל (32,5%) פֿון אַלע שטאָטישע קהילות איז באַשטאַנען פֿון ישובים, וואָס האָבן געציילט נישט מער ווי 100 נפֿשות; קרוב צוויי דריטל (64,5%) פֿון אַלע שטאָטישע קהילות האָבן נישט געציילט מער ווי ביז 300 נפֿשות; די שטאָטישע קהילות, וואָס האָבן געציילט נישט מער ווי 500 נפֿשות, האָבן באַטראָפֿן 81%, מער ווי פֿיר פֿינפֿטל פֿון אַלע שטאָטישע יידישע ישובים אין קרוין-פּוילן.

הגם די קליינע שטאָטישע ישובים האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם רוב מנין פֿון דער צאָל יידישע שטאָטישע ישובים אין קרוין-פּוילן, איז אָבער די שטאָטישע יידישע באַפֿעלקערונג אין איר רוב געווען קאָנצענטרירט דווקא אין די גרעסערע שטאָטישע יידישע קהילות. בלויז עפּעס מער ווי איין דריטל שטאָטישע יידישע קהילות האָט טאַקע געציילט מער ווי צו 300 נפֿשות, אָבער די דאָזיקע קאַטעגאָריע האָט אַרומגענומען 76,5%, הכּלל מער ווי דריי פֿערטל פֿון דער גאַנצער שטאָטישער יידישער באַפֿעלקערונג. די צאָל שטאָטישע יידישע קהילות, וואָס האָבן געציילט מער ווי צו 500 נפֿשות, איז געווען ווייניקער ווי אַ פֿינפֿטל (19%) פֿון אַלע יידישע שטאָטישע ישובים אין קרוין-פּוילן, אָבער אין די דאָזיקע גרעסערע שטאָטישע ישובים האָבן געוווינט 56,5%, ד.ה. מער ווי אַ העלפֿט פֿון אַלע שטאָטישע ייִדן אין לאַנד.

שטאָטישע ישובים, וואָס האָבן געציילט מער ווי צו טויזנט יידישע נפשות, איז געווען אין אויסגעפאָרשטן טייל קרוין=פוילן נישט מער ווי 27, ד. ה. 4% פון אלע שטאָטישע יידישע ישובים. די 27 שטאָטישע ישובים האָבן אָבער קאָנצענטרירט 23,7%, ד. ה. קרוב א פערטל פון דער גאנצער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג אין לאנד. אין אמתן איז, פארשטייט זיך, די צאָל שטאָטישע יידישע קהילות איבער 1000 נפשות געווען גרעסער, וואָרעם מיר דארפן צורעכענען צי דער אָפיציעל אָנגעגעבענער צאָל נפשות סיי די צאָל זייגקינדער (אונטער אַ יאָר), סיי די צאָל נפשות, וואָס מען האָט פאַרהוילן. ווען מיר נעמען אין אכט דעם דאָזיקן קאָרעקטיוו, באַקומען מיר די רשימה שטאָטישע ישובים אין פוילן מיט מער ווי 1000 יידישע נפשות, וואָס מען קאָן געפינען אין טאַב. IV 1.

דאָ קומט אויס, אַז אין די 15 וואָיעוואָדשאַפטן פון קרוין=פוילן זענען געווען נישט 27, נאָר 51 שטעט, וואָס האָבן געציילט מער ווי צו 1.000 יידישע נפשות; צוזאמען מיט פויזן און ליסע אין דער פויזנער וואָיעוואָדשאַפט האָט די צאָל פון אזעלכע שטאָטישע קהילות באַטראָפן אין 16 וואָיעוואָדשאַפטן — 53.[11] די צעטיילונג פון די דאָזיקע שטעט לויט פראָווינצן איז אַזאַ: 7 אין גרויס=פוילן, 1 אין מאַזאָוויע (וואַרשע), 12 אין קליין=פוילן, 18 אין רייסן, 9 אין וואָלין, 4 אין פאָדאָליע און 2 אין דער קיעווער וואָיעוואָדשאַפט. 33 פון 53 גרעסערע שטאָטישע קהילות אין קרוין=פוילן, ד. ה. העכער דריי פינפטל, האָבן זיך בכן געפונען אין די אוקראַינישע פראָווינצן. פאַר דעם דרום=מזרח=טייל פון די אוקראַינישע געביטן איז אָבער ווידער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער קיעווער וואָיעוואָדשאַפט זענען געווען בלויז צווייַ שטאָטישע קהילות פון דער דאָזיקער גרייס און אין דער בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאפט אפילו קיין איינע נישט.

שטאָטישע קהילות, וואָס האָבן געציילט העכער 2.000 נפשות, זענען לויט דער ציילונג געווען 9 אין 16 וואָיעוואָדשאַפטן פון קרוין=פוילן: בראָד (7191, לויט קאָרעקטור — העכער 8,600), לעמבערג (6159, לויט קאָרעקטור — קרוב 7,400), ליסע (5,024, לויט קאָרעקטור — העכער 6,000), קראָקע (3,458, לויט קאָרעקטור — ארום 4,150), פינטשעוו (2,179, לויט קאָרעקטור — העכער 2,600), זאסלאוו (2,177, לויט קאָרעקטור — קרוב 2,600, דובנע (2,132, לויט קאָרעקטור — העכער 2550), פויזן (2,075, לויט קאָרעקטור — קרוב 2,500 און זשאָלקווע (2,017, לויט קאָרעקטור — העכער 2,400). היות מיר נעמען אויך אין אַכט די קאָרעקטור לויט דער פראָפאָרציע פון פארלייקנטע נפשות, קומען צו נאָך 3 שטעט מיט אַ באַפעלקערונג איבער 2 טויזנט נפשות: אָסטראָה (העכער 2,250, הגם 1890 לויט דער ציילונג), אַפּט (קרוב 2,150, הגם 1781 לויט דער ציילונג) און קראָטאָשין (העכער 2,100, הגם לויט דער ציילונג 1761 נפשות).

ווי מיר זעען פון דער דאָזיקער רשימה, האָבן טאַקע אין די גרעסטע שטעט פון קרוין=פוילן, ווי וואַרשע,[12] קראָקע, לעמבערג, פויזן, זיך געפונען יידישע

[11] אחוץ די טיילן פון די וואָיעוואָדשאַפטן צוויזמיר, רייסן און פאָדאָליע, וואָס גייען נישט אַריין אין דער רשימה.

[12] וואַרשע האָט געציילט לויט דעם רייסטער פון 1764 — 2,519 יידן, הגם בלויז 1274 ווי שטענדיקע באַוווינער.

קהילות, וואָס האָבן געהערט צו די גרעסטע שטאָטישע קהילות אין לאַנד. דאָך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה, אַז דער גרעסטער יידישער שטאָטישער ישוב אין גאַנץ קרוין־פוילן און אפילו אין דער גאַנצער פוילישער מלוכה האָט זיך געפונען ניט אין דער הויפּט־שטאָט און ניט אין קיין אַנדערער קיניגלעכער שטאָט, נאָר אין דער פריצישער שטאָט בראָד, און אַז אויך די דריטע שטאָטישע קהילה לויט דער גרייס איז געווען ליסע, אויך א פריוואַטער באַזיץ פון פריצים. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס דווקא אין די גרעסטע שטעט פון לאַנד האָבן יידן אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן סיי בנוגע דער רעכט צו באַזעצן זיך (וואַרשע), אָדער אויסברייטערן זייער קוואַרטאַל (קראָקע, לעמבערג, פויזן), סיי בנוגע דער פרייהייט צו האַנדלען און צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה. אויך אין א סך קלענערע שטעט, וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם קיניג און אין שטעט, וואָס האָבן געהערט צו דער קירך און צו קירכלעכע דיגניטאַרן, האָבן יידן בכלל ניט געטאָרט וווינען. אַזוי למשל האָבן יידן אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט געוווינט אין 41 שטעט און שטעטלעך, בעת לויט אַנדערע ציילונגען פון יענער צייט (פון 1773 און 1787), האָט די וואָיעוואָדשאַפט געציילט 76 שטעט און שטעטלעך.[13] יידן האָבן בכן געוווינט בלויז אין 54% פון אַלע שטעט און שטעטלעך אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט. לפי ערך נאָך קלענער איז געווען די פּראָפּאָרציע אויפן שטח פון דער היינטיקער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט. לויט דער ציילונג פון 1921, זענען אין יענעם שטח געווען 84 שטעט און שטעטלעך (42 שטעט און 42 שטאָטישע ישובים — (osady miejskie), בעת אין 1764 האָבן דאָרט יידן באַוווינט בלויז 43 שטעט און שטעטלעך, ד. ה. נאָר א העלפט: פון די היינטיקע 42 שטעט אין דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט האָבן יידן געוווינט אין 23. פון די איבעריקע 19 ווערן 16 בכלל ניט דערמאָנט אין די ציילונגס־רייסטערס און 3 ווערן יאָ דערמאָנט מיט דער באַמערקונג, אַז זיי פאַרמאָגן ניט קיין יידן: דאָס זענען די שטעטלעך סלופּצע, טולישקאָוו און זאַגוראָוו. ביי סלופּצע און זאַגוראָוו איז אויך פאַרנאָטירט געוואָרן די סיבה, דהיינו, אַז די שטעט זענען קירכלעך אייגנטום. מיר האָבן ידיעות, אַז קירכלעך אייגנטום זענען אויך געווען צווישן די 19 שטעט אָן יידן די ישובים: לאָדזש (דעמלט נאָך א דאָרף), טורעק און אוניעיעוו. עס איז אויך באַקאַנט, אַז אַחוץ די אַלע קירכלעכע ישובים האָבן צווישן די 19 שטעט ראַדאָמסק און וולוין (וויעלון) פאַרמאָגט בפירושע קיניגליכע פּריווילעגיעס פון ניט טאָלערירן יידן (de non tolerandis Judaeis): וולוין האָט די פּריווילעגיע באַקומען נאָך פון קיניג זיגמונט־אויגוסט אין 1566 און ראַדאָמסק פון קיניג וולאַדיסלאַוו IV אין דער ערשטער העלפט 17־טן י"ה. פון די 42 קלענערע שטאָטישע ישובים אין דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט ווערן יידן אין 1764 דערמאָנט בלויז אין 20; די איבעריקע 22 שטאָטישע ישובים זענען אָדער בכלל ניט פאַרצייכנט געוואָרן אין די רייסטערס, אָדער זיי

[13] די צאָל שטעט אין דרום־טייל פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט גיט אָן י. בראַווער, דצ"ו; אין צפון־טייל, י. קלעטשינסקי, דצ"ו. וועגן דער ציילונג פון 1787 (פגל. הערה 8).

האָבן פאַרמאָגט בלויז צו עטלעכע יידישע נפשות און דערפאַר זענען די דאָזיקע יידן פאַררעכנט געוואָרן דורך די צייל־רעוויזאָרן צווישן די דאָרפס־יידן.

ליידער איז נישט מעגלעך צו באַרעכענען דעם פּראָצענט, וואָס יידן האָבן באַטראָפן אין 1764 אין יעדער שטאָט באַזונדער לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, היות קיין ציילונגען פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זענען דעמלט נאָך נישט געווען. מיר קאָנען בלויז אָננעמען מיט א געוויסער וואַרשיינלעכקייט אַ לפי־ערכדיקע פּראָפּאָרציע לויט ציילונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט 25—30 יאָר שפּעטער. וואַרשע האָט אין 1792 געציילט 81,271 נפשות, דערפון 6,750 יידן, ד. ה. 8%.[14] אין 1764 איז אָבער דער פּראָצענט יידן אין וואַרשע געווען אומפאַרגלייכלעך קלענער, וואָרעם ערשט אין 1788, בעת דעם גרויסן סיים, האָבן יידן זיך דערוועגט אין גרעסערע צאָלן צו באַזעצן זיך אין דער הויפּטשטאָט. אין קראָקע האָט לויט דער קירכלעכער ציילונג פון 1787 די באַפעלקערונג געציילט 23,591 נפשות, דערפון יידן 3,653, ד. ה. 15,5%.[15] אין אמתן האָט אָבער די יידישע באַפעלקערונג אין קראָקע לויט אַלע סברות (אויפן יסוד פון דער פּראָפּאָרציע פון פאַרלייקנטע נפשות) שוין אין 1764 געציילט מער ווי 4,000 נפשות, ממילא אין 1787 א סך מער, הן אין אַבסאָלוטער צאָל, הן אין פּראָפּאָרציע. אין דעם צפון־טייל פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט (דעם טייל, וואָס איז נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון דער מלוכה אין 1772 געבליבן ביי פּוילן) האָבן יידן לויט דער זעלבער קירכלעכער ציילונג פון 1787 באַטראָפן 15% פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג (7,617 יידן לגבי דער אַלגעמיינער צאָל 50,986).[15] די אמתע פּראָפּאָרציע איז געווען אַ סך העכער, וואָרעם עס איז אַ סברה, אַז די קירכלעכע מאַכט האָט געהאַט וועניקער מעגלעכקייט גענוי צו ציילן די יידישע באַפעלקערונג, איידער די קריסטלעכע, פון וועלכער זי האָט געהאַט ביי זיך פאַרצייכנט די געבורטן און טויט פאַלן.[16] בכל אופן איז אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט די פּראָפּאָרציע פון יידן געווען באַזונדערס נידעריק צוליב דעם, וואָס דאָרט איז געווען א גרויסע צאָל קיניגלעכע שטעטלעך, וואָס האָבן, כידוע, פאַרמאָגט בדרך כלל פּריווילעגיעס „פון נישט טאָלערירן יידן". די זעלבע ציילונג פון דער קירכלעכער מאַכט באַווייזט אין דער צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט אַ פּראָפּאָרציע פון 23% יידן לגבי דער שטאָטישער באַפעלקערונג און אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט 33% יידן לגבי אַלע שטאָט־באַוווינער (15,602 לגבי 47,791).[17] הגם אויך דאָ איז די באמתע פּראָפּאָרציע פון יידן געווען א סך גרעסער, באַווייזט בכל אופן דער פאַרגלייך פון די דריי וואָיעוואָדשאַפטן אפילו לויט די נישט גענויע ציפערן, אַז צום קלענסטן איז די פּראָפּאָרציע יידן אין די שטעט

---

14 לויט מאַטעריאַלן פון ס. שימקעוויטש (אין כתב יד).

15 י. קלעטשינסקי, דצ"ו.

16 י. קלעטשינסקי באַמערקט אַליין, אַז די ציילונג, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די גלחים, איז וועניקער באַגלייבט בנוגע דער יידישער קליינשטעטלדיקער באַפעלקערונג. ער איז זיך אויך משער, אַז אין דער רובריקע זקנים זענען אין דער ציילונג פאַרצייכנט געוואָרן בלויז קאַטוילי קן, ד. ה. נישט יידן און נישט פּראָטעסטאַנטן.

17 י. קלעטשינסקי, דצ"ו.

אין מערב (קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט) און צום העכסטן אין מזרח (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט). דער כלל איז אוודאי נוגע דעם שטח מזרח־זייט פון די דריי קליין־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, ד. ה. די געביטן פון רייסן און אוקראַינע, ווו די פּראָפּאָרציע יידן לגבי דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז געווען גאָר הויך. דאָרטן, אין די פּראָווינצן פון רייסן און אוקראַינע, איז דאָך געווען די גרעסטע צאָל שטעט און שטעטלעך פּריוואַטער באַזיץ פון פּריצים און מאַגנאַטן. אין די פּריוואַטע שטעט האָבן אין גאַנץ פּוילן די יידן געהאַט א גרויסע איבערוואָג לגבי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אזוי איז געווען די לאַגע אפילו אין גרויסע פּריוואַטע שטעט, נישט נאָר אין בראָד אין רייסן, נאָר אויך אין אזעלכע שטעט אין מערב ווי פּינטשעוו און ליסע. אין די קליינע פּריוואַטע שטעט געפינען מיר אייך אין מערב, אין דער לונטשיצער, שיעראַדזער און וויעלונער וואָיעוואָדשאַפט, שטעטלעך, וואָס האָבן געציילט אַ העלפט יידן, און אפילו אזעלכע, ווו נישט־יידן האָבן קוים באַטראָפן א קליינעם פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין דאָברע האָט די גאַנצע באַפעלקערונג לויט דער שאַצונג פון 1788 [18] באַטראָפן 786 נפשות, אָבער אונדזער ציילונג פון 1764 ווייזט דאָרט אויף בערך 355 יידן (מיט זייגקינדער), קרוב אַ העלפט לגבי יענער צאָל. דזיאַלאָשין האָט לויט דער זעלבער שאַצונג אין 1788 געציילט 1512 נפשות, לויט דער ציילונג פון 1764 זענען דאָרט געווען 655 יידן. אין סטריקאָוו ווערט געשאַצט די באַפעלקערונג אין 1788 —642 נפשות, אין 1764 האָבן דאָרט געוווינט 515 יידן, ד. ה. מער ווי 80 פּראָצענט אפילו לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון 22 יאָר שפּעטער, און דורך דער צייט איז דאָך אויך די יידישע באַפעלקערונג געוואַקסן. לאַסק איז שוין געווען מיט אַ קליינעם רעשט הורבוים א יידישע שטאָט: די שאַצונג פון 1788 בארעכנט די דאָרטיקע באַפעלקערונג 1002 נפשות, בעת די ציילונג פון 1764 געפינט דאָרט העכער 940 יידן (אויב מיר רעכענען צו די זייגקינדער).

מחמת דער גרויסער איבערוואָג אין די פּריוואַטע שטעט און אין קליינע שטעטלעך בכלל האָבן יידן באַטראָפן דעם רוב צווישן דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג אין לאַנד. לויט טאַדעוש קאָרזאָן האָט די קריסטלעכע שטאָטישע באַפעלקערונג פון דער גאַנצער פּוילישער מלוכה, די „מיעשטשאַנעס“, באַטראָפן אין 1791 בערך 500.000.[19] די צאָל יידן אין פּוילן אין יענעם יאָר איז געווען, ווי מיר האָבן אויבן בארעכנט, בערך 800,000 נפשות (און נישט 900,000, ווי עס נעמט אָן קאָרזאָן לויט טשאַצקין). די פּראָפּאָרציע פון שטאָט־יידן לגבי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג האָט באַטראָפן אין פּוילן (מיט ליטע צוזאמען) לויט דער בארעכענונג אויפן סמך פון דער ציילונג פון 1764 בערך 66—70 פּראָצענט. די דאָזיקע פּראָפּאָרציע האָט זיך

---

[18] די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין אַ ריי שטעט אין פּוילן אין 1788 באַרעכנט קאָרזאָן (דצ"וו. ב. 1) אויפן סמך פון דער צאָל קוימענס, וואָס עס גיט אָן דער סטאַטיסטיקער פון 18־טן י"ה בישינג. קאָרזאָן באַרעכנט די צאָל נפשות דורך כפּלען די צאָל קוימענס אויף 6.

[19] ט. קאָרזאָן, דצ"וו., ב. I, ז. 312, 320.

אוודאי נישט פארקלענערט אין דער תקופה ביז 1791, נאָר אפשר גאָר פארגרע־סערט, איבערן ארויסשטויסן יידן פון ארענדעס. די צאָל שטאָטישע יידן אין 1790 האָט בכן באַטראָפן בערך 535,000—560,000, ד. ה. מער ווי די צאָל קריסט־לעכע שטאָט־בירגער, די מיעשטשאַנעס. אמת, לויט דעם חשבון פון קאָרזאָן, האָבן געמלט געלעבט אין פוילן אויך אַ 100,000 אַרמענער, גרעקן און באָיאַרן, אַן עלעמענט כמעט אויסשליסלעך א שטאָטישער. ווען מיר זאָלן צורעכענען די דאָזי־קע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די שטעט, וועט אויסקומען, אז די קריסטלעכע שטאָטישע באַפעלקערונג אין סך־הכל איז געווען עפּעס גרעסער אין צאָל ווי די יידישע. דער חילוק איז אָבער אויך אין דעם פאַל נישט קיין באדייטנדיקער, 600,000 לגבי 535—560 טויזנט, ד. ה. יידן און קריסטן אין סך־הכל האָבן צי־פערמעסיק זיך אויסגעגליכט אין די שטעט און שטעטלעך פון דער גאַנצער מלו־כה. דער דאָזיקער אויסגלייך אין צאָל האָט אָבער נישט געהאט קיין באדייטונג לגבי דעם פאַקט, וואָס דווקא אין די גרעסערע שטעט פון דער מלוכה, אין די צענטערס פון האנדל און מלאכה, זענען יידן געווען א מינדערהייט לגבי די שטאָט־לייט פון הערשנדיקן פאָלק, די מיעשטשאַנעס. שווער און ביטער האָבן שטאָטישע יידן זיך געראַנגלט אין יענע שטעט פאַר דעם רעכט צו האנדלען און צו באשעפ־טיקן זיך מיט מלאכה און אפילו פאַר דעם רעכט צו מעגן וווינען.

IV. די צעטיילונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג לויט געשלעכט און ציווילשטאַנד

די צעטיילונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג לויט געשלעכט און ציוויל־שטאַנד האָבן מיר אויסגעפֿאָרשט אין 8 וואָיעוואָדשאַפֿטן (טאַב. V A), דערפֿון אין דער צווזמירער בלויז אין 9 שטעט.

1) די צעטיילונג לויטן געשלעכט

די צעטיילונג לויט געשלעכט איז אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפֿטן אַזאַ: אויף 100 מענער (אין עלטער העכער א יאָר) געפֿאַלט פֿרויען:

וואָיעוואָדשאַפֿט	אין שטאָט	אין דאָרף	ס"ה
לובלינער	106	96	103
קראָקעווער	107	93,5	103
צווזמירער (אין 9 שטעט)	109	—	109
שיעראַדזער	97,5	92	96,5
וויעלונער	98,7	93	97
לונטשיצער	99	91,5	96,5
קאַלישער	100,3	—	100,3
מאַזאָוויער	94,3	88,2	90,6
ס'ה	103,7	92,4	100,3

אין דער גנעזנער און אינאָוראָצלאווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז ביי די נישט־חתונה־געהאַטע קינדער און דינסטן דאָס געשלעכט על פּי רוב נישט אָנגעגעבן, ממילא קאָן מען נישט מאַכן קיין שום אויספֿירן וועגן פּראָפּאָרציע מענער און פֿרויען. אין די איבעריקע 8 אויסגעפֿאָרשטע וואָיעוואָדשאַפֿטן איז כאַראַקטערים־טיש, אַז פּאָר שכנישע וואָיעוואָדשאַפֿטן באַקומט זיך א פּראָפּאָרציע, וואָס איז אידענטיש, אָדער כמעט אידענטיש. אין דער לובלינער און אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז די פּראָפּאָרציע פֿרויען די העכסטע פֿון אַלע 7 וואָיעוואָדשאַפֿטן און באַטרעפֿט איןביידע — 103 פֿרויען אויף 100 מענער. אין די דריי וואָיעוואָדשאַפֿטן שיעראַדזער, וויעלונער און לונטשיצער זענען געווען 96,5 פֿרויען אויף

100 מענער. ווייטער אין מערב, אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט, איז די פּראָפּאָרציע פרויען עפּעס גרעסער, ווי אין די שכנותדיקע דריי וואָיעוואָדשאפטן אין מזרח און באַטרעפט 100,3 אויף 100 מענער. ביי דער קאַלישער וואָיעוואָדשאפט דאַרף מען אָבער אין אכט נעמען דעם אומשטאַנד, וואָס דאָרטן איז די יידישע באַפעלקערונג כמעט נאָר א שטאָטישע (בלויז 78 יידישע נפשות פאַרצייכנט אין דערפער). אויב מען פאַרגלייכט די פּראָפּאָרציע פרויען אין דער דאָזיקער וואָיע־וואָיעוואָדשאַפט מיט דער שייכותדיקער פּראָפּאָרציע בלויז ביי שטאָטישע ייִדן אין די שכנותדיקע דריי וואָיעוואָדשאפטן, וואָס שטעלן היינט צוזאַמען די לאָדזשער וואָיעוואָדשאפט, איז דער חילוק אַ סך קלענער, נישט צווישן 100,3 און 96,5, נאָר צווישן 100,3 און 98,4. צום קלענסטן איז די פּראָפּאָרציע פרויען אין דער מאַזאָווישער וואָיעוואָדשאַפט, ווו זי באטרעפט 90,6 אויף 100 מענער.

א פאַרגלייך פון דער רשימה אויבן מיט טאַבעלע II, ווו מיר האָבן איבערגעגעבן דעם קאָעפיציענט פון נפשות אויף איין פאַמיליע אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן, באַווייזט, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין שום שייכות צווישן דער פּראָפּאָרציע פרויען און צווישן דער דורכשניטלעכער גרייס פון א פאַמיליע לויט דער ציילונג. אין דער לובלינער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, ווו די פּראָפּאָרציע פרויען איז די העכסטע, קומט טאַקע אויס אויף א יידישער פאַמיליע בלויז 3,2 און 3,4 נפשות, בעת אין דער לינטשיצער און קאַלישער וואָיעוואָדשאפט באַטרעפט דער קאָעפיציענט 3,7, אָבער אין דער מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט, ווו די פּראָפּאָרציע פרויען איז די נידעריקסטע, איז דער קאָעפיציענט נישט העכער, נאָר אפילו עפּעס קלענער און באַטרעפט אזוי פיל ווי אין דער ווילנער וואָיעוואָדשאפט — 3,6. עס וואָלט בכן געווען אָן אַ יסוד א סברה, אז די פּראָפּאָרציע פרויען איז אין א פאַרקערטער פאַרהעלטעניש צו דעם קאָעפיציענט פון דער צאָל נפשות אויף א פאַמיליע, די פּראָפּאָרציע פרויען און מענער האָט נישט צו טאָן מיט דער פולשטענדיקייט און באַגלייבטקייט פון דער ציילונג. פאַרקערט, דווקא דער פאַקט, וואָס די פּראָפּאָרציע מענער און פרויען אין שכנותדיקע וואָיעוואָדשאפטן איז כמעט אידענטיש, פאַרשטאַרקט די באַגלויבטקייט פון דער ציילונג אין פּרט פון דער צעטיילונג לויטן געשלעכט. ווייזט אויס, אַז דער אומשטאַנד, וואָס מען האָט אויסבאַהאַלטן פאַר דער ציילונג אַ גרויסן פּראָצענט נפשות, בפרט קינדער, האָט נישט געשטערט אָנצוגעבן בערך ריכטיק דאָס געשלעכט, לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער באמתער צאָל, ד. ה. אז די פּראָפּאָרציע האָט מען אָפּגעהיט אויך ביים פאַרהוילן נפשות.

אַ געוויסע געזעצמעסיקייט אין דער פּראָפּאָרציע מענער־פרויען לאָזט זיך יאָ באַמערקן אין שייכות מיט דער געאָגראַפישער לאַגע, און ממילא אויך מיט דער סטרוקטור פון ישובים אין דער מדרגה פון אורבאַניזאַציע.

אין אַלע 7 וואָיעוואָדשאַפטן איז די פּראָפּאָרציע פרויען אין דאָרף באַדייטנדיק קלענער ווי אין שטאָט, און אומעטום איז צווישן דאָרפס־יידן די צאָל פרויען קלענער ווי די צאָל מענער. סיי אין שטאָט סיי אין דאָרף איז די גראַדאַציע פון די וואָיעוואָדשאַפטן לויט מענער — פרויען אויסגעסדרט אין דעם זעלבן סדר. דער חילוק אין דעם דאָזיקן פּרט צווישן די איינצלנע געביטן איז אָבער ביי דער שטאָ־

טישער באַפעלקערונג גרעסער ווי ביי דער דאָרפישער. צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג גייט פאָרויס אין דער פראָפאָרציע פרויען די צוויזמירער, קראָקעווער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט מיט 109, 107 און 106 פרויען אויף 100 מענער. די מיטעלע פראָפאָרציע פון די גרויס=פוילישע 4 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפט צווישן 97,5 (שיעראַדזער) און העכער 100 (100,3 קאַלישער) און די מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט מיט דער קלענסטער פראָפאָרציע ווייזט אויף 94,3 פרויען אויף 100 מענער. דער חילוק צווישן די קליין=פוילישע און גרויס=פוילישע וואָיעוואָדשאַפטן בנוגע דער פראָפאָרציע פרויען ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג דערגרייכט בכן ביז 8% (די פראָפאָרציע צווישן 107,3 און דער אריטמעטישער מיט פאַר גרויס=פוילן 99) און צווישן קליין=פוילן און מאַזאָוויע 11,5% (די פראָפאָרציע צווישן 106,5 און 94,3). ביי דער דאָרפישער באַפעלקערונג באַטרעפט די פראָפאָרציע פרויען לגבי 100 מענער אין דער לובלינער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט 96 און 93,5, אין די דריי גרויס=פוילישע וואָיעוואָדשאַפטן פון 91,5 (לונטשיצער) ביז 93 (וויעלונער) און אין מאַזאָוויע 88,2. דער חילוק צווישן די צוויי קליין=פוילישע וואָיעוואָדשאַפטן און די דריי גרויס=פוילישע לגבי דער פראָפאָרציע פרויען איז בכן ביי דאָרפס=יידן אַ מינימאַלער, 2%; צווישן קליין=פוילן און מאַזאָוויע באַטרעפט דער חילוק בערך 7%.

די איבערוואָג פון מענער לגבי פרויען אין די דערפער איז א דערשיינונג, וואָס איז באַקאַנט אויך פון א ציילונג אין פוילן אין אָנהייב 19=טן י"ה. לויט דער ציילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום פון 1808 איז אויסגעקומען אין די דערפער ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג 98 פרויען אויף יעדע 100 מענער, און ביי דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג איז די פראָפאָרציע געווען 93,2.[1] לויט דעם סך=הכל פון די 6 וואָיעוואָדשאַפטן אין אונדזער ציילונג פון 1764, באַטרעפט די פראָפאָרציע פרויען ביי דאָרפס=יידן 92,4, ד. ה. בלויז מיט 0,8% ווייניקער ווי אין 1808. אויב מיר לאָזן אויס די קראָקעווער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס האָבןביידע אין 1808 נישט געהערט צום וואַרשעווער פירשטנטום, באַקומט זיך די שייכותדיקע פראָפאָרציע אויף דעם גאַנצן געביט 89,4 פרויען לגבי 100 מענער, מיט בערך 4% ווייניקער ווי אין 1808.

ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז אין 1808 אין וואַרשעווער פירשטנטום די ציילונג לויט געשלעכט געווען אַזאַ: ביי קריסטן 107,7 פרויען אויף 100 מענער, ביי יידן 97,9 פרויען אויף 100 מענער.[2] לויט אונדזער ציילונג פון 1764 קומט אויס ביי שטאָטישע יידן די שייכותדיקע פראָפאָרציע פון אַלע 8 וואָיעוואָדשאַפטן 103,7 פרויען אויף 100 מענער. אויב מיר לאָזן דאָ ווידער אויס די קליינפוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, די קראָקעווער, לובלינער און צויזמירער, באַטרעפט אין 1764 די פראָפאָרציע אין סך=הכל אין ד' 5 וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס זענען שפעטער אריינגעגאַנגען אין רשות פון וואַרשעווער פירשטנטום, 98,1 פרויען אויף 100 מענער, ד .ה. בלויז מיט 0,2 מער ווי אין 1808.

---

[1] זע: ה. גראָסמאַן, דצ"ו., ז. 12.

[2] דאָרטן גופא.

אין שייכות מיט דער ציילונג פון 1808 ווערט באַטראַכט ווי איינע פון די סיבות פון דער פאַרהעלטנישמעסיק קלענערער פּראָפּאָרציע פרויען אין דאָרף איידער אין דער שטאָט דער פאַקט, וואָס אין דאָרף זענען אין פּראָפּאָרציע געווען אַ סך ווייניקער דינסטמיידלעך. די פּראָפּאָרציע פרויען דינסטן לגבי מענער משרתים האָט אין וואַרשעווער פירשטנטום באַטראָפן ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג 71 לגבי 100 אין דאָרף, און 138 לגבי 100, ד. ה. כמעט צווייִמאָל אַזוי פיל, אין שטאָט.[3] אויך אין אונדזער ציילונג באַמערקט זיך, ווי מען קאָן זען פון טאַב. VA, ביי דאָרפס-יידן אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן אַן איבערוואָג פון דער צאָל מענלעכע באַדינערס לגבי דינסטמיידלעך, הגם די פאַרקערטע דערשיינונג אין די שטעט, די איבערוואָג פון דינסטמיידלעך לגבי מענלעכע משרתים, געפינען מיר דאָ בלויז אין עטלעכע וואָיעוואָדשאַפטן (לובלינער, קראָקעווער, וויעלונער).

די פּראָפּאָרציע פון מיידלעך-דינסטן לגבי יינגלעך-משרתים איז אָבער בלויז איין גורם, וואָס דערקלערט בלויז צום טייל די פאַרהעלטנישמעסיק גרעסערע פּראָפּאָרציע פרויען לגבי מענער אין די שטעט פון יענער צייט, סיי ביי יידן, סיי ביי נישט-יידן. פאַראַן אויך אַנדערע פאַקטאָרן, ווי עס באַווייזט באַשיימפערלעך לויט טאַב. VA די פּראָפּאָרציע אַלמנות, וואָס איז אין שטאָט מער ווי טאָפּלט אַזוי גרויס ווי אין דאָרף. וואָס שייך אַלמנות, באַמערקט זיך אויך אין די דריי קליין-פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן (לובלינער, קראָקעווער און אין 9 שטעט פון דער צויזמירער—טאַב. V A, און נאָך דייטלעכער די ווייטערדיקע טאַב. V E) די העכסטע פּראָפּאָרציע לגבי אַלע איבעריקע אויסגעפּאָרשטע וואָיעוואָדשאַפטן. פון דער אַנדערער זייט זעען מיר אין טאַב. VA, אַז מאַזאָוויע, וו די פּראָפּאָרציע פרויען לגבי מענער איז די קלענסטע צווישן אַלע וואָיעוואָדשאַפטן, ווייזט אויף אַ גרויסע איבערוואָג פון יינגלעך לגבי מיידלעך אין די רובריקעס נישט-חתונה-געהאַטע.

ווייזט אויס, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ ביאָלאָגישער דערשיינונג. עס איז אָנגענומען, אַז מיט דעם וווּקס פון אורבאַניזאַציע וואַקסט בכלל די פּראָפּאָרציע פרויען צווישן דער באַפעלקערונג. עס ווערט אפילו אָנגעצייכנט אַ ליניע, וואָס גייט אַדורך אין אייראָפּע פון צפון-מערב קיין דרום-מזרח און איז כאַראַקטעריסטיש מיט דער איבערוואָג פון פרויען אין צפון-מערב, וואָס פאַלט, ביז זי דערגייט צו אַן איבערוואָג פון מענער אין דרום-מזרח.[4]

אין ליכט פון דער דאָזיקער טענדענץ קאָן מען אפשר אויך אין אונדזער פאַל געפינען אַ יסוד פאַר דער דערקלערונג פון דעם חילוק צווישן דער צעטיילונג מענער—פרויען אין די באַזונדערע שטחים פון די 8 וואָיעוואָדשאַפטן. וואָס שייך דעם חילוק אין דער שייכותדיקער פּראָפּאָרציע ביי דאָרפס-יידן אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן, בלייבט די פראַגע אָפן. בנוגע אָבער דעם נאָך גרעסערן חילוק אין דער פּראָפּאָרציע פרויען און מענער ביי שטאָטישע יידן, איז אַ סברה

[3] דאָרטן גופא.

[4] ה. גראָסמאַן, דצ"ו, ז. 21, ציטירט די דאָזיקע טעאָריע לויט ג. מייר.

אַז די האָזיקע דערשיינונג האָט עפּעס אַ שייכות מיט דער מדרגה פון אורבאַניזאַציע אין די באַזונדערע געביטן. אין טאַב. IV האָבן מיר געזען, אַז פון די דריי פּראָווינצן, אין וועלכע עס גייען אריין די 8 וואָיעוואָדשאַפטן, איז די דורכשניטלעכע צאָל נפשות, וואָס פאַלט אויס אויף אַ יידישן שטאָטישן ישוב, די גרעסטע אין קליין=פוילן (358), אין גרויס=פוילן באַטרעפט זי אַ סך ווייניקער (206) און די קלענסטע איז די דורכשניטלעכע גרויס פון אַ יידישער שטאָטישער קהילה אין מאַזאָוויע (168). מן הסתם איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין דעם זעלבן סדר פון אַ פאַלנדיקער ליניע פון אורבאַניזאַציע איז די פּראָפּאָרציע פרויען לגבי מענער ביי די שטאָטישע יידן צום העכסטן אין קליין=פוילן (צווזמירער, לובלינער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט), קלענער אין גרויס=פוילן (שיעדאַדזער, וויעלונער, לונטשיצער און קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט) און צום קלענסטן אין מאַזאָוויע. ווייזט אויס, אַז וואָס קלענער די דורכשניטלעכע גרויס פון יידישן שטעטל, אַלץ ענלעכער זענען די פאַרהעלטענישן צו די לעבנס=באַדינגונגען פון דאָרפישע יידן, און ממילא אַלץ ענלעכער אויך די ביאָלאָגישע דערשיינונגען.[5]

2) די צעטיילונג לויטן ציווילשטאַנד

די צעטיילונג לויטן ציווילשטאַנד פאַר מענער און פרויען צוזאַמען געבן מיר איבער אין טאַב. V B.

טאַב. V B.

קודם=כל איז וויכטיק פעסטצושטעלן דעם פּראָצענט פון נישט=חתונה=געהאַטע לגבי אַלע געציילטע נפשות (אין עלטער מער ווי אַ יאָר). דער פּראָצענט נישט=חתונה=געהאַטע איז, פאַרשטייט זיך, פּונקט אַזוי פאַרשידן אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן, והגם נישט גענוי פּראָפּאָרציאָנעל, ווי די דורכשניטלעכע צאָל נפשות, וואָס פאַלט אויס אויף אַ פאַמיליע. דער סדר פון די וואָיעוואָדשאַפטן אין טאַב. VA איז בכן דער זעלבער ווי אין טאַב. II, וווּ מיר האָבן אויסגעשטעלט די רשימה לויטן קאָעפיציענט נפשות אויף אַ משפחה. אַחוץ דער אינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די צאָל יידן איז גאָר אַ קליינע, און דער צווזמירער, וווּ

[5] ה. גראָסמאַן, (רצ"ו, רצ"א) האַלט די איבערוואָג פון מענער לגבי פרויען ביי יידן אויף דער שוועל פון 18=טן און 19=טן י"ה פאַר אַ פעסטגעשטעלטן כלל און ממילא איז ביי אים אויך אַ קיימא=לן, אַז די שטערבלעכקייט ביי יידישע פרויען איז געווען גרעסער ווי ביי קריסטלעכע פרויען. ער פרוווט אפילו צו געבן דערפאַר אַ דערקלערונג אויפן יסוד פון פריע חתונות ביי דעמאָלטדיקע יידן, און דער פיזישער אויסשעפּונג פון יידישע פרויען צוליב דעם עול פון פרנסה ואדגל. זיין גאַנצע סברה פאַלט אָבער אָפּ אין ליכט פון דער רשימה וועגן דער צעטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויטן געשלעכט אין 8 וואָיעוואָדשאַפטן: אין די קליין=פוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, אין דער לובלינער, קראָקעווער און צווזמירער איז גאָר פאַראַן אַ באַדייטנדיקער איבערוואָג פון דער צאָל פרויען לגבי מענער און אפילו אין דער גרויס=פוילישער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט זענען דאָ מער פרויען ווי מענער.

מיר האָבן אַ חשבון בלויז פון עטלעכע שטעט, אָן דערפער, איז די קלענסטע פּראָפּאָרציע נישט־חתונה־געהאַטע אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט און באַטרעפט בלויז 41%. אין די איבעריקע וואָיעוואָדשאַפטן איז דער פּראָצענט נישט־חתונה־געהאַטע אין די גרענעצן צווישן 46 און 47, מיטן אויסנאַם פון דער לובלינער און קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט, ווו דער פּראָצענט איז העכער און דערגרייכט אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט 50,5. היות אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן איז די צאָל און פּראָפּאָרציע אלמנים און אַלמנות פאַרשידן, קומט אויס, אַז דער קאָעפיציענט פון נפשות אין אַ משפחה איז נישט געניי אין פּראָפּאָרציע צו דעם פּראָצענט נישט־חתונה־געהאַטע. די אלמנים און אלמנות האָבן מיר גערעכנט, פונקט ווי אין טאַב. II, ווי באַזונדערע ראשי־משפחות, הגם נישט ווי זעלבשטענדיקע באַלעבאַטישקייטן.

מיר דאַרפן אָבער אין אכט נעמען, אַז די גאַר נידעריקע פּראָפּאָרציע נישט־חתונה־געהאַטע אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, 41 פּראָצענט פון אַלע נפשות, איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס אין עטלעכע קהילות, צווישן זיי די גרעסטע קהילה אין דער וואָיעוואָדשאַפט, לובלין, איז די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע אַזאַ אומגעוויינלעך נידעריקע, אַז זי וואַרפט זיך לכתחילה אין די אויגן ווי אַ פאַלשע (פגל. טאַב. V 11). אין די שטעט קומט אויס אין די ערשטע 25 ישובים די פּראָפּאָרציע פון נישט־חתונה־געהאַטע 43,3% פון אַלע נפשות (העכער אַ יאָר), אין די איבעריקע 11 ישובים באַקומט זיך די פּראָפּאָרציע נישט־חתונה־געהאַטע בלויז 27,5%! אויך אין די דערפער פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט איז דאָ אַ חילוק צווישן די 26 קהילות, ווו די פּראָפּאָרציע נישט־חתונה־געהאַטע באַטרעפט 48% און די איבעריקע 5 קהילות, ווו זי באַטרעפט בלויז 38 %. אין סך הכל פון די שטעט און דערפער, ווו די פּראָפּאָרציע איז לפי ערך אַ קאָרעקטע (אין 25 שטעט פון 36 אין דער וואָיעוואָדשאַפט און אין 26 קהילות דאָרפס־יידן פון 31 קהילות), קומט אויס די פּראָפּאָרציע פון נישט־חתונה־געהאַטע נישט 41, נאָר 45% פון אַלע נפשות.

אויב מיר נעמען בכן פאַר אַ מאָס נישט די גאַנצע לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, נאָר די איבערוויגנדיקע מערהייט קהילות (קרוב 72% פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער וואָיעוואָדשאַפט), ווו די ציילונג ווייזט נישט אויף קיין בפירושע פעלשונג שוין אויפן ערשטן קוק, קומט אויס, אַז די פּראָפּאָרציע נישט־חתונה־געהאַטע אין דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט (45%) איז שוין כמעט נישט היגטערשטעליק לגבי דער פּראָפּאָרציע 46—46,5, וואָס איז שייך דעם רוב פון די איבעריקע וואָיעוואָדשאַפטן. די פּראָפּאָרציע נישט־חתונה־געהאַטע פאַר דעם שטח פון אַלע 11 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפט נאָך דער דאָזיקער קאָרעקטור (אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) נישט 45% נאָר 46,1%. אויב מיר זאָלן אפילו אויך עלימינירן די איבאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט אי מחמת איר גאָר קליינער צאָל נפשות (1290 שטאָטישע יידן), אי מחמת איר אויסערגעוויינטלעך קליינער פּראָפּאָרציע נישט־חתונה־געהאַטע (40%), וואָס וועקט לכתחילה נישט קיין צוטרוי, באַקומען מיר אַלץ בערך די זעלבע פּראָפּאָרציע פאַר די איבעריקע 10

וואָיעוואָדשאַפטן, 46,2% נישט=חתונה=געהאַטע לגבי דער צאָל אָנגעגעבענע נפשות.

איידער מיר באַטראַכטן די באַגלייבטקייט פון דער דאָזיקער פּראָפּאָרציע, לאָמיר נאָך זיך אָפּשטעלן אויף דעם חילוק אין פּרט פון דעם פּראָצענט נישט=חתונה=געהאַטע צווישן שטאָטישע און דאָרפישע ייִדן. אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן זעען מיר ביי דער דאָרפישער ייִדישער באַפעלקערונג אַ גרעסערן פּראָצענט נישט=חתונה=געהאַטע (קינדער און דינסטן), איידער ביי דער שטאָטישער.

אין די שטעט איז די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע די קלענסטע אין דער צויזמירער, מאַזאָווער און אינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט (40%—41%), די העכסטע איז זי אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט (50,5%). די אָפּטסטע פּראָפּאָרציע פון נישט=חתונה=געהאַטע ביי שטאָטישע ייִדן איז 44% (אין דריי וואָיעוואָדשאַפטן), בעת די פּראָפּאָרציע פאַר אַלע 10 וואָיעוואָדשאַפטן איז 43,3.

אין די דערפער איז די נידעריקסטע פּראָפּאָרציע נישט=חתונה=געהאַטע אין ווילונער לאַנד — 47,5%, די העכסטע אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט — 52,3%. די פּראָפּאָרציע ביי דאָרפס=ייִדן אין סך=הכל אין אַלע 10 וואָיעוואָדשאַפטן איז 49,6% נישט=חתונה=געהאַטע לגבי אַלע געציילטע נפשות.

דער חילוק אין דער פּראָפּאָרציע נישט=חתונה=געהאַטע צווישן דאָרפס=ייִדן און שטאָטס=ייִדן איז אין סך=הכל 49,6% ביי די ערשטע לגבי 43,3% ביי די לעצטע. די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע איז נאָך ביי דאָרפס=ייִדן מיט 14,5% העכער ווי ביי שטאָט=ייִדן.

דער חילוק צווישן דאָרף און שטאָט אין פּרט פון נישט=חתונה=געהאַטע איז אַ כלל אין דער דעמאָגראַפיע אויך פון דער היינטיקער צייט. אויך פאַר יענער תקופה האָבן מיר אחוץ אונדזער ציילונג אַ באַשטעטיקונג פאַר דער דאָזיקער רערשיינונג אין אַ ציילונג פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, דער דערמאָנטער ציילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום פון 1808. דאָרט איז אויסגעקומען די פּראָפּאָרציע נישט=חתונה=געהאַטע לגבי אַלע געציילטע נפשות אין די שטעט 55,7% און אין דאָרף 59,5%.[6] די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע ביי דער דאָרפס=באַפעלקערונג איז נאָך מיט 10,7% העכער ווי ביי דער שטאָט=באַפעלקערונג. דער חילוק צווישן שטאָט און דאָרף איז דאָ נאָך ביי דער אַלגעמייגער באַפעלקערונג באַדייטנדיק קלענער ווי ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג אין 1764.

דעם חילוק צווישן דאָרפס=ייִדן און שטאָט=ייִדן בנוגע דער פּראָפּאָרציע פון נישט=חתונה=געהאַטע קאָנען מיר אַנאַליזירן מער בפּרטיות לויט דער צעטיילונג אויף מענער און פרויען באַזונדער. די פּראָצענטועלע סומירונג אין טאַב. VA באַווייזט אונדז, אַז דער חילוק צווישן שטאָט און דאָרף בנוגע דער פּראָפּאָרציע פון נישט=חתונה=געהאַטע איז גרעסער ביי מענער ווי ביי פרויען. ביי מענער באַטרעפט די פּראָפּאָרציע נישט=חתונה=געהאַטע 45,2% אין שטאָט און 52% אין דאָרף, בעת נישט=חתונה=געהאַטע פרויען באַטרעפן אין שטאָט 40,2% און

---

[6] ה. גראָסמאַן, דצ"ו, ז. 22—23.

אין דאָרף 45,2% פון אַלע פּרויען. אמת, אויב מיר נעמען אין באַטראַכט בלויז קינדער ביי עלטערן (אָן משרתים און דינסטן), איז די פּראָפּאָרציאָנעלע איבערוואָג פון דאָרף לגבי דער שטאָט דווקא גרעסער ביי טעכטער ווי ביי זין: די זין באַטרעפן אין שטאָט 40,4% און אין דאָרף 42,5% פון אַלע מענער, בעת די פּראָפּאָרציע טעכטער קומט אויס אין שטאָט בלויז 35,6%, און אין דאָרף דערגרייכט זי 41,6%. אויב די פּראָפּאָרציאָנעלע איבערוואָג פון גישט-חתונה-געהאַטע אין דאָרף לגבי דער שטאָט איז פונדעסטוועגן דווקא ביי מענער גרעסער ווי ביי פרויען, איז עס אַ פועל-יוצא קודם-כל פון דעם שווין דערמאָנטן חילוק צווישן דער פּראָפּאָרציע משרתים לגבי דינסטן אין שטאָט און אין דאָרף. די פּראָפּאָרציע מיידלעך-דינסטן איז אין דאָרף קלענער ווי אין שטאָט, 3,6% לגבי 4,6%, און בעיקר, די משרתים יינגלעך באַטרעפן אין דאָרף 9,5% פון אַלע מע-נער, בעת אין שטאָט איז די פּראָפּאָרציע אַ העלפט קלענער, 4,8%.

פאַר שטאָט-יידן און דאָרפס-יידן צוזאַמען קומט אויס (ווי מיר האָבן שווין פריער געבראַכט פון טאַב. V B) דער פּראָצענט נישט-חתונה-געהאַטע 45%, און לויטן קאָרעקטיוו פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט — 46,1% לגבי אַלע געציילטע נפשות. אפילו ווען מיר זאָלן צורעכענען 6,35% זייגקינדער (פגל. אויבן, קאַפּ. II), וועט נאָך אַלץ אויסקומען דער פּראָצענט נישט-חתונה-געהאַטע נישט מער ווי 49,3% פון אַלע נפשות.[7] דאָס איז לכל הדעות אַ סך נידעריקער ווי אין דער אמתן. אין דער דערמאָנטער ציילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום פון 1808, ווו זייגקינדער זענען אריינגערעכנט געוואָרן, באַטרעפט די פּראָפּאָרציע נישט-חתונה-געהאַטע אין שטאָט און אין דאָרף צוזאַמען פאַר דער גאַנצער באַפעל-קערונג 58,6%;[8] אין 1810, אויפן פאַרגרעסערטן שטח פון וואַרשעווער פירשטנ-טום, באַטרעפט די פּראָפּאָרציע טאַקע ווייניקער, 55,6%, אָבער נאָך אַלץ אַ סך מער, איידער עס קומט אויס לויט אונדזער יידן-ציילונג פון 1764. אמת, מען דאַרף אין אכט נעמען, אַז די באַפעלקערונג פון וואַרשעווער פירשטנטום איז באַשטאַנען אין העכער 77% פון דאָרפסלייט, בעת ביי די יידן אין פויל סוף 18-טן י״ה איז די פּראָפּאָרציע שטאָטלייט און דאָרפסלייט געווען בערך אַ פאַר-קערטע. מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז צוליב דעם מנהג פון פריע חתונות איז די פּראָפּאָרציע נישט-חתונה-געהאַטע ביי יידן אין יענער צייט ממילא פאַקטיש גע-ווען קלענער ווי ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער דווקא דער דאָזיקער מנהג פונקט ווי דער פרומער לעבנס-דרך גורם געווען, אַז די געבורטיקייט ביי יידן איז געווען גרעסער ווי ביי נישט-יידן, אַ דערשיינונג, וואָס ווערט באַשטעטיקט לויט אַלע ידיעות. עס איז שווין אָפּגערעדט דערפון, אַז אויך די ציילונג פון וואַרשעווער פירשטנטום איז טאַקע צוליב דער קליינער פּראָפּאָרציע קינדער נישט פולשטענדיק באַגלייבט.

---

[7] די דאָזיקע פּראָפּאָרציע באַקומען מיר צוציילנדיק די זייגקינדער צו דער צאָל נישט-חתונה-געהאַטע און דעם פּראָצענט זייגקינדער צו יעדע 100. די פּראָפּאָרציע נישט-חתונה-געהאַטע וועט דאַן אויסקומען

$$(46{,}1 + 6{,}35) = 52{,}45 : (100 + 6{,}35) = 106{,}35 = 49{,}3$$

[8] ת. גראָסמאַן, דצ״וו, ז. 22 א. וו., 72 א. וו.

אויבן, אין צווייטן קאַפּיטל, זענען מיר אויפֿן יסוד פֿון אַנאַליז פֿון קאָעפֿיציענט פֿון נפשות אויף אַ פֿאַמיליע געקומען צום אויספֿיר, אַז די צאָל נפשות, וואָס עס ווייזט אויף די ציילונג פֿון 1764, צורעכענענדיק 6,35% נישט געציילטע זייגקינדער, דאַרף ווערן פֿאַרגרעסערט אויף בערך 20%, כדי צו דערגרייכן די באמתע צאָל. מיר האָבן אויך באַגרינדעט די סברה, אַז די פֿאַרלייקנטע נפשות זענען כמעט אויסשליסלעך באַשטאַנען פֿון נישט-חתונה-געהאַטע. די פּראָפּאָרציע פֿון דער באמתער צאָל נישט-חתונה-געהאַטע לגבי דער באמתער צאָל יידן אין פּוילן אין 1764 דאַרפֿן מיר נבן שאַצן העכער פֿון 55%.[9]

3) דאָס עלטער פֿון חתונה-געהאַטע

די באַזונדערע קאַטעגאָריעס חתונה-געהאַטע לויטן עלטער האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט פֿעסטצושטעלן בלויז אין צוויי גאַנצע וואָיעוואָדשאַפֿטן, אין דער לובלינער און מאַזאָוויער, אין אַ טייל פֿון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט און אין 3 שטעט פֿון דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפֿט (טאַב. VC). די דאָזיקע קאַטעגאָריעס זענען אָבער אַזוי רעלאַטיוו, אַז מען דאַרף די רעזולטאַטן אָננעמען מיט גרויס באַוואָרעניש. ווי זיידעס און באָבעס האָבן מיר גערעכנט אויסנאַמען צירן בלויז די פֿאַרפֿעלקער (פּונקט ווי אלמנים און אלמנות), ביי וועמען עס זענען געווען צוגעשריבן אייניקלעך, אָדער חתונה געהאַטע קינדער אָן אייניקלעך, פּונקט אַזוי ווי עלטער-זיידעס און עלטער-באָבעס זענען מיט באַשטימטקייט בלויז די, ביי וועמען עס זענען צוגעשריבן אוראייניקלעך, אָדער חתונה געהאַטע אייניקלעך. בנוגע סתם חתונה-געהאַטע, צו וועלכע עס זענען צוגעציילט בלויז נישט-חתונה-געהאַטע קינדער, אָדער וואָס זענען פֿאַרשריבן בכלל אָן קינדער, איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט פֿעסטצושטעלן די עלטער-קאַטעגאָריע. עס איז דערפֿאַר נישט קיין חידוש קודם-כל, וואָס די רובריק עלטער-זיידעס און עלטער-באָבעס, צוזאַמענגעשטעלט לויט דעם דערמאָנטן סיסטעם פֿון עלטער-קלאַסיפֿיקאַציע, ציילט אַזוי ווייניק נפשות אין אַלע וואָיעוואָדשאַפֿטן: סך-הכל 8 אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט, 7 אין מאַזאָוויע, 5 אין אויסגעפֿאָרשטן טייל פֿון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט און 2 אין 3 שטעט פֿון דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפֿט: עס איז געווען אומפֿאַרגלייכלעך זעלטענער, אַז עלטער-זיידעס זאָלן לעבן צוזאַמען מיט זייערע אוראייניקלעך, איידער זיידעס מיט זייערע אייניקלעך.

די פּראָפּאָרציע פֿון די באַזונדערע עלטער-קאַטעגאָריעס לגבי דער צאָל חתונה-געהאַטע האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אין טאַב. VC.

טאַב. VC

מיר זעען, ווי שוין דערמאָנט, אין אַלע 4 וואָיעוואָדשאַפֿטן אַן אויסערגעוויינלעך נידעריקע פּראָפּאָרציע פֿון עלטערזיידעס — עלטערבאָבעס, פֿון 0,1% אין

[9] לויט דעם חשבון [=21,3+106,35] 70,6: [=21,3 (=106,35 20%)+49,3] 55,3=127,65 ווי אַ פֿאַרגלייך מיט דער נייער צייט קאָן מען נעמען די דייטשע מלוכה, וו לויט דער פֿאָלקס-ציילונג פֿון 1900 איז אויסגעקומען אויף נישט חתונה-געהאַטע 59,5% פֿון דער באַפֿעלקערונג.

-ער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, ביז 0,3% אין דער מאַזאָוויער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט. די פּראָפּאָרציע ייִדעס—באָבעס איז צום נידעריקסטן אין דער מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט, צום העכסטן אין אויסגעפאָרשטן טייל פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, 15,3%, אין סך־הכל 13,1%. די נידעריקע פּראָפּאָרציע פון דער דאָזיקער עלטער־קאַטעגאָריע אין מאַזאָוויע דערקלערט זיך מיילוויז דערמיט, וואָס אין דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט איז דאָס רוב פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, דריי פינפטל, באַשטאַנען פון דאָרפסלייט (פגל. טאַב. III). מיר קענען געמלער זען אפילו אויפן יסוד פון קליינעם צוזאַמענשטעל פון דער טאַבעלע VC, אז די פּראָפּאָרציע באָבעס—ייִדעס אין די דערפער איז אומעטום קלענער ווי אין די שטעט: אין די שטעט וואַריאירט די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע צווישן 16% אין אַ טייל פון דער קראָקעווער און צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט און 13,6% אין דער מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט און באַטרעפט אין סך־הכל 14,3% פון אַלע חתונה־געהאַטע. אין די דערפער איז די העכסטע פּראָפּאָרציע אויף דעם זעלבן שטח פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט 14,3% און די קלענסטע ווידער אין דער מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט, בלויז 9,2% פון אלע חתונה־געהאַטע, אין סך־הכל 11,7%. אפילו ביי עלטער־ייִדעס—עלטער־באָבעס, נישט געקוקט דערויף, וואָס בלויז אַזאַ מינימאַלע צאָל פון זיי קאָן פעסטגעשטעלט ווערן לויט דער ציילונג, קאָן מען באמערקן, אז אין קיין איינער פון די דריי אויסגעפאָרשטע וואָיעוואָדשאַפטן איז זייער פּראָפּאָרציע אין די דערפער נישט העכער ווי אין די שטעט: אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט איז די פּראָפּאָרציע עלטער־ייִדעס—עלטער־באָבעס אין שטאָט און אין דאָרף די זעלבע, און אין דער לובלינער און מאַזאָווייער וואָיעוואָדשאַפט איז די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע אין די דערפער אַ העלפט און אַ פערטל דערפון וואָס אין שטאָט.

ווי דערמאָנט, איז די באמתע פּראָפּאָרציע ייִדעס—באָבעס בלי שום ספק געווען אַ סך גרעסער, איידער זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער טאַבעלע: צו דער צאָל, וואָס מיר זענען געווען ביכולת צו אידענטיפיצירן ווי ייִדעס—באָבעס, קומט נאָך צו א צאָל, וואָס מיר האָבן צוליבן פעלן פון וועלכע עס איז אָנווייזן אין די ציילונגס־רייסטערס געמוזט אריינשטעלן אין דער רובריק פון סתם חתונה־געהאַטע. אָבער אויך ביי דער דאָזיקער אומפולשטענדיקייט פארמאָגן אַ באַדייטונג אונדזערע אויספירן בנוגע דעם חילוק, וואָס עס ווייזן ארויס אין דעם פּרט די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן און קודם־כל וועגן דעם חילוק צווישן שטאָט און דאָרף אין דעם דאָזיקן שייכות פון עלטער־צוזאַמענשטעל פון חתונה־געהאַטע פערזאָנען.

די קאַטעגאָריע חתונה־געהאַטע זין און איידעמס פארדינט א סך מער אויפמערקזאמקייט צוליב איר באדייטונג פאר דער פּראָפעסיאָנעלער סטאַטיסטיק. די פּאָרפעלקער, וואָס זענען פארשריבן געוואָרן צוזאמען מיט זייערע עלטערן, אָדער שווער און שוויגער (על פי רוב אפילו צוזאמען אין איין דירה), זענען אָן ספק באַשטאַנען אָדער פון קעסט־קינדער, אָדער פון מיטהעלפער אין דער פרנסה פון די עלטערן, און בלויז אין זעלטענע פאַלן זענען זיי געווען עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק. מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו קלאַסיפיצירן אין 5 גאַנצע וואָיעוואָד-

שאַפֿטן: לובלינער, שיעראַדזער, וויעלונער, לונטשיצער און מאַזאָוויע און אין טייל פֿון דער קראָקעווער און צויזמירער וואָיעוואָדשאַפֿט. די פּראָפּאָרציע פֿון די דאָזיקע ייִנגע פֿאַרפֿעלקער לגבי דער אַלגעמיינער צאָל חתונה=געהאַטע אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפֿטן ווייזט אונדז די טאַבעלע:

טאַב. V D

אין אַלע וואָיעוואָדשאַפֿטן, אחוץ דער קראָקעווער, איז די פּראָפּאָרציע פֿאַרפֿעלקער ביי עלטערן (אויף קעסט) באַדייטנדיק העכער אין שטאָט ווי אין דאָרף.

אין שטאָט באַטרעפֿט די דאָזיקע פּראָפּאָרציע 14,7% אין סך=הכל פֿון 7 וואָיעוואָדשאַפֿטן, אין דאָרף אין סך=הכל פֿון 6 וואָיעוואָדשאַפֿטן 10,7%. צום גרעסטן איז דאָ דער חילוק צווישן שטאָט און דאָרף אין וויעלונער לאַנד, ווו דאָס פֿאַרהעלטעניש איז אין שטאָט 14,2% און אין דאָרף 6,3%. אָבער אויך אין סך=הכל פֿון אַלע וואָיעוואָדשאַפֿטן איז די פּראָפּאָרציע פֿאַרפֿעלקער ביי עלטערן (קעסט זין און קעסט איידעמס) אין שטאָט אנדערהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי אין דאָרף. דער דאָזיקער חילוק איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון אומזעלטענער אין פֿאַרמעגלעכקייט, וואָס איז דווקא אין דאָרף בדרך כלל געווען גרעסער ווי ביי שטאָטיידן, נאָר פֿון לעבנס=שטייגער.

בסך=הכל אין שטאָט און אין דאָרף באַטרעפֿט דער פּראָצענט פֿאַרפֿעלקער ביי עלטערן לגבי אַלע חתונה=געהאַטע אין 6 וואָיעוואָדשאַפֿטן 12,5%. לגבי אַלע חתונה=געהאַטע צוזאַמען מיט אלמנים און אַלמנות, ד. ה. לגבי אַלע ראשי=משפּחות, באַטרעפֿט די צאָל פֿאַרפֿעלקער ביי עלטערן (אריינגערעכנט די וויניציקע ייִנגע אלמנים און אלמנות אויף קעסט ביי עלטערן) 11%.

די דאָזיקע רעזולטאַטן באַקומען מיר רעכנענדיק דעם סך=הכל פֿון די פֿאַרפֿעלקער ביי עלטערן אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפֿטן אין כלל גענומען. אויב מיר אַנאַליזירן אָבער די טאַבעלעס פֿון די וואָיעוואָדשאַפֿטן לויט באַזונדערע שטעט און קהילות דאָרפֿס=ייִדן, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר דאַרפֿן די ציפֿערן שטאַרק קאָריגירן.

אין דער שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפֿט זענען פֿאַראַן שטעט ווי וואַרטאַ און פּיעטרקאָוו און א קהילה דאָרפֿס=ייִדן לאַסק, ווו קיין פֿאַרפֿעלקער ביי עלטערן (איידעמס און חתונה=געהאַטע זין) זענען בכלל ניט פֿאַרצייכנט (פֿגל טאַב.V5). אין דער מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿעלט די זעלבע קאַטעגאָריע חתונה=געהאַטע פֿאַרפֿעלקער ביי עלטערן אין די דריי שטעט קאַלושין, טשעכאַנאָוו, סטאַוויסק און אין פֿיר קהילות דאָרפֿס=ייִדן: טשעכאַנאָוו, סטאַוויסק, זאמבראָוו, שניאַדאָווע (פֿגל. טאַב. V8). אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט זענען בכלל ניט פֿאַרצייכנט קיין איידעמס און חתונה=געהאַטע זין אין דער גרויסער קהילה לובלין (455 חתונה=געהאַטע מענער און פֿרויען), און אויך ניט אין די דערפֿער פֿון די קהילות יאַנאָווע, מארקושאָוו, זאקליקאָוו (פֿגל. טאַב. V 11). אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט זענען, פֿון 15 שטעט מיט ספּעציפֿיצירטע קאַטעגאָריעס פֿון חתונה=געהאַטע, בלויז אין 7 פֿאַרצייכנט איידעמס און חתונה=געהאַטע זין (קזשאַנאָוו, פּיליץ, זאַטאָר, נייסאַנץ, זשמיגריד, דוקלע, באָבאָוו) און פֿון 6 קהילות דאָרפֿס=ייִדן בלויז אין 3 (נייסאַנץ, זשמיגריד, דוקלע), (פֿגל. טאַב. V 9).

עלימינירנדיק אין די אויסגערעכנטע 4 וואָיעוואָדשאַפטן די שטעט און קהי־לות דאָרפס־יידן, וווּ קיין איידעמס און חתונה־געהאַטע זין זענען בכלל נישט פאַר־צייכנט געוואָרן, באַקומען מיר אַזאַ חשבון, (וואָס מיר האָבן פאַרצייכנט אין קלאַ־מערן אין טאַב. V D):

אין סך־הכל פון אַלע וואָיעוואָדשאַפטן (7 ביי שטאָט־יידן, 6 ביי דאָרפס־יידן) קומט אויס די פּראָפּאָרציע פאַרפעלקער ביי עלטערן לגבי אַלע חתונה־געהאַטע: ביי שטאָט־יידן 17,2% (אָנשטאָט 14,7%), ביי דאָרפס־יידן 12% (אָנשטאָט 10,7%) און־איז שטאָט און דאָרף צוזאַמען 14,9% (אָנשטאָט 12,5%), אין פּראָפּאָרציע לגבי אַלע חתונה־געהאַטע צוזאַמען מיט אַלמנים און אַלמנות באַטרעפט דער פּראָ־צענט פאַרפעלקער ביי עלטערן (צוזאַמען מיט די ווינציקע אַלמנים און אַלמנות ביי עלטערן): ביי שטאָט־יידן 14,1% (און נישט 13,0), ביי דאָרפס־יידן 11,8% (קאָ־ריגירט פון 9,8) און אין סך־הכל אין שטאָט און דאָרף 13,1% (אָנשטאָט 11).

דעם דאָזיקן לעצטן סך־הכל וועלן מיר דאַרפן אין אכט נעמען אין דער סטאַטיסטיק פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקע־רונג: דעם פאַקט, וואָס בערך אַ זיבנטל פון אַלע ראשי־משפחות ביי שטאָט־יידן און מער ווי אַ צענטל ביי דאָרפס־יידן, בסך הכל 13% צוזאַמען אין שטאָט און דאָרף, איז באַשטאַנען פון יונגע פאַרפעלקער ביי עלטערן.

4) אלמנים, אלמנות, און געגטע

די אבסאָלוטע צאָלן אַלמנים און אַלמנות פון טאַב. VA[10] גיבן מיר איבער אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע אין פּראָצענטער: אַלמנים אין פּראָצענט לגבי דער צאָל מענער, אַלמנות אין פּראָצענט לגבי דער צאָל פרויען און אַלע פערזאָנען אין אַלמנות־צושטאַנד, מענער און פרויען (אַריינגערעכנט געגטע מענער, גרושות און עגונות) אין פּראָצענט לגבי דער צאָל נפשות.

טאַב. V E.

אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן איז די צאָל אַלמנים (און געגטע מענער) אַ מיני־מאַלע און באַטרעפט כמעט אומעטום, אחוץ דער קלייבער אינאָווראָצלאַווער וואָ־יעוואָדשאַפט, סך הכל 1 פּראָצענט פון אַלע מענער צוזאַמען אין שטאָט און דאָרף, ד. ה. בערך אַ האַלבן פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער קליינער פּראָצענט וואַריאירט צווישן שטאָט און דאָרף, אָבער נישט אַזוי ווייט, מען זאָל קאָנען באַמערקן אַ באַשטימטע טענדענץ פאַרן גאַנצן שטח: אין דריי פון די זעקס וואָיעוואָדשאַפטן, ווו עס האָבן זיך געפונען דאָרפס־יידן, איז דער פּראָצענט אַלמנים אין שטאָט בערך צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין דאָרף, אין אַנדערע דריי וואָיעוואָדשאַפטן איז, פאַרקערט, די פּראָפּאָרציע אַלמנים אין דאָרף גרעסער ווי אין שטאָט, הגם נאָר אין איין וואָיעוואָדשאַפט איז זי צוויי מאָל גרעסער.

דער פּראָצענט אַלמנות (אַריינגערעכנט די מינימאַלע צאָל גרושות און עגו־נות) איז אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן עטלעכע מאָל גרעסער ווי אַלמנים. אין סך הכל

---

[10] די אבסאָלוטע צאָלן פאַר דער אינאָווראָצלאַווער און גניעזנער וואָיעוואָדשאַפט האָבן מיר איבערגעגעבן אין טאַב. V2 און V3.

קומט אויס, אַז די צאָל אלמנות צווישן דער באַפעלקערונג איז זעקס מיט אַ האַלבן מאָל אַזוי גרויס, ווי די צאָל אַלמנים. די פּראָפּאָרציע אלמנות וואַריאירט צווישן 4% פון אַלע פרויען אין דער ווילונער וואָיעוואָדשאַפט און 8% אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט. אין סך הכל באַטרעפן אלמנות 6,5% פון דער צאָל פרויען, ד. ה. בערך 3,3% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. דער חילוק אין פּראָצענט אלמנות אין שטאָט און אין דאָרף ווארפט זיך אין די אויגן. אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן איז דער פּראָצענט אלמנות אין די שטעט אַ סך גרעסער ווי אין די דערפער. אין גאַנצן אויסגעפּאָרשטן שטח קומט אויס, אַז די פּראָפּאָרציע אלמנות (לגבי דער צאָל פרויען) איז אין די שטעט מער ווי צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין דאָרף (7,5% לגבי 3,5%).

עס איז אויך כדאי צו באַמערקן, אַז אין די דריי קליינפּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, לובלינער, קראָקעווער און צוזמירער (3 שטעט), איז די פּראָפּאָרציע אלמנות די העכסטע, און באַטרעפט אין דורכשניט פאַרן גאַנצן שטח ביי שטאָטיידן 9% פון אלע פרויען. אויף דעם זעלבן שטח פון קליין-פּוילן איז אויך די פּראָפּאָרציע פרויען לגבי מענער העכער, ווי אין גרויס-פּוילן און אין מאַזאָוויע. פאַרשטייט זיך, אַז האָט שייכות צווישן די צוויי דערשיינונגען איז ווי אַ סיבה און פּועל-יוצא: די גרויסע צאָל אלמנות איז אַ גורם פון איבערוואָג פון פרויען לגבי מענער.

היות אלמנים (און געגטע) באַטרעפן בלויז 1 פּראָצענט פון אַלע מענער, ד. ה. נישט מער ווי בערך אַ האַלבן פּראָצענט פון אלע נפשות, איז די פּראָפּאָרציע פּעראַנגען אין אלמנות-צושטאַנד און געגטע לגבי דער אַלגעמיינער צאָל נפשות פון ביידע מינים בעיקר אַ רעזולטאַט פון דער צאָל אַלמנות. די דאָזיקע פּראָפּאָרציע באַטרעפט אין סך הכל פאַר אלע וואָיעוואָדשאַפטן 4% אין די שטעט, 2,2% אין דאָרף, און צוזאַמען אין שטאָט און דאָרף 3,8%. די זעלבע קליין-פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער פּראָפּאָרציע אלמנות, ווייזן ממילא אויך אויף דעם העכסטן פּראָצענט פון מענער און פרויען אין אלמנות-צושטאַנד.

זייער באַלערנדיק איז דער פאַרגלייך פון דער פּראָפּאָרציע פּערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד, לויט דער ציילונג פון יידן אין פּוילן אין 1764, מיט די שייכותדיקע רעזולטאַטן פון דער ציילונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער פירשטנטום אין 1808. דאָרט איז דער חילוק צווישן שטאָט און דאָרף אין פּרט פון דער פּראָפּאָרציע פּערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד נאָך עטלעכע מאָל גרעסער ווי אין אונדזער יידן-ציילונג. פּערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד און געגטע באַטרעפן דאָרט 4,6% איז די שטעט און בלויז 0,7%, ד. ה. זעקס און אַ האַלבן מאָל ווייניקער, אין דאָרף.[11] אמת, אין סך-הכל פאַר שטאָט און דאָרף קומט דאָרט אויס אויף פּערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד (צוזאַמען מיט געגטע) נישט מער ווי 1,6%,[12] ד. ה. אין פּראָפּאָרציע מיט מער ווי אַ העלפט ווייניקער ווי אין אונדזער-

---

[11] ח. גראָסמאַן, רצ״ו, רצ״א.

[12] דאָרטן גופא.

ציילונג פון יידן אין 1764. עס פארשטייט זיך אָבער, אז דאָס איז דער רעזולטאַט דערפון, וואָס 77% פון דער באפעלקערונג אין ווארשעווער פירשטנטום איז באַשטאַנען פון דאָרפסלייט. ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז די פּראָפּאָרציע פערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד אין וואַרשעווער פירשטנטום נישט נידעריקער, גאָר אפילו העכער, ווי ביי שטאָטישע יידן אין פוילן לויט אונדזער ציילונג: 4,6 לגבי 4,3%, נישט געקוקט דערויף, וואָס ביים רוב פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג — ביי די קאַטוילים, זענען קיין געגטע בכלל נישט געווען.[13]

מיר מוזן קומען צום אויספיר, אַז אין פרט פון דער סטאַטיסטיק פון פערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד איז לכתחילה נישטאָ קיין גרונד צו שטעלן אונטער אַ ספק די באַגלויבטקייט פון אונדזער ציילונג. ווייזט אויס, אז אויב מען האָט זיך אפילו אין געוויסע פאלן מתיר געווען צו פארלייקענען די צאָל קינדער, האָט מען זיך נישט דערוועגט צו דערקלערן פאר אלמנם אָדער אלמנות חתונה-געהאטע פערזאָנען, אי צוליב דעם, וואָס אין דעם פאל וואָלט מען א פעלשונג לייכט און שנעל געקאָנט אַנטדעקן, אי צוליב דעם איינגלייבעניש „אל תפתח פה לשטן“.

צווישן דער צאָל פערזאָנען אין אלמנות און אין געגטן צושטאַנד איז גאָר זעלטן פאַרצייכנט געוואָרן די קאַטעגאָריע פון געגטע און פאַרלאָזענע. אַזוי איז למשל אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט צווישן 97 מענער אָן פרויען בלויז איינער באַצייכנט ווי אַ געגטער („גרוש“) און בלויז 2 ווי אַזעלכע, וואָס די ווייבער האָבן זיי פאַרלאָזן. צווישן 655 פרויען אָן מענער אין דער זעלבער וואָיעוואָדשאַפט איז בלויז איינע בפירוש באַצייכנט ווי אַ גרושה און 12 ווי עגונות. ווייזט אויס, אז ביי דער ציילונג האָט מען אין דעם פרט נישט מדקדק געווען און א צאָל מענער און פרויען געגטע אָדער פאַרלאָזענע איז סתם פאַרשריבן געוואָרן אָן אַ שום נאָענטער באַצייכענונג. מעגלעך אויך, אַז אין די פוילישע ציילונגס-רייסטערס, וואָס זענען, ווי דערמאָנט, אַן איבערזעצונג פון העברעישן אָריגינאַל, האָט דער שרייבער פאַרשריבן ווי אלמנים און אלמנות פערזאָנען, וואָס זענען געהאַט געווען פאַרצייכנט ווי גרושים און גרושות.

וואָס שייך די עלטער-קאַטעגאָריעס פון די פערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד, האָבן מיר פונקט ווי בנוגע חתונה-געהאַטע געהאַט אַ מעגלעכקייט זי אַרויסצודריגען בלויז אין צוויי גאַנצע וואָיעוואָדשאַפטן, דער לובלינער און מאַזאָווער, און 3 שטעט פון דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט און אין אַ טייל קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, און דאָס אויך נישט מיט קיין גענויקייט. בנוגע אַ באַדייטנדיקער צאָל אלמנים און אלמנות האָבן מיר נישט געקאָנט פעסטשטעלן די עלטער-קאַטעגאָריעס און מיר האָבן באַצייכנט זייער עלטער ווי אומבאַקאַנט, אָבער די איבע-

[13] אין דייטשלאַנד מיט אַ רוב פּראָטעסטאַנטן איז לויט דער ציילונג פון 1900 אויסגעקומען אויף פערזאָנען אין אלמנות-שטאַנד און געגטע 5,7% פון דער באפעלקערונג.

כדאי דאָ אויך צו דערמאָנען, אַז אין דער דערמאָנטער ציילונג פון יידן אין דער מאַרקגראַפשאַפט פראָווינץ פון באַדען אין 1790, זענען פאַרצייכנט געוואָרן 20 אלמנים און 61 אלמנות אויף אַ צאָל פון 2,186 נפשות (אַדאָלף לעווין, דצ"ו, דצ"א). דאָרט איז בכן אויסגעקומען אויף פערזאָנען אין אלמנות-צושטאַנד 3,7%, הכלל נישט קיין סך הויכיקער ווי ביי שטאָט-יידן אין אונדזער ציילונג.

דיקע האָבן מיר אידענטיפֿיצירט אויפֿן יסוד פֿון אוראייניקלעך, אייניקלעך און קינדער, וואָס זענען צו זיי צוגעשריבן (אלמנס און אלמנות אָן קינדער האָבן מיר עלימינירט אין דער קאַטעגאָריע פֿון אומבאַקאַנטן עלטער). פֿאַרשטייט זיך, אַז צווישן די אלמנס און אלמנות מיט קינדער, וואָס מיר האָבן פֿאַררעכנט אַלע צו דער קאַטעגאָריע טאַטעס און מאַמעס, איז נאָך אַלץ פֿאַראַן אַ צאָל, וואָס לויטן עלטער געהערן זיי צו דער קאַטעגאָריע זיידעס און באָבעס, אָדער פֿאַרמאָגן חתונה־געהאַטע קינדער און אייניקלעך, וואָס זענען פֿאַרשריבן געוואָרן באַזונדער.

מיט דער דאָזיקער באַוואָרעניש זענען די רעזולטאַטן אַזעלכע:

די צאָל אלמנס איז נישט בלויז אין פּראָפּאָרציע, נאָר אויך אין אַבסאָלוטע צאָלן אַזוי קליין, אַז עס זענען נישט באַרעכטיקט קיין שום אויספֿירן אויפֿן סמך פֿון די 4 וואָיעוואָדשאַפֿטן, ווו די עלטער־קאַטעגאָריעס זענען פֿאַרצייכנט. צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים איז די פּראָפּאָרציע עלטער־זיידעס צווישן אלמנס אומפֿאַרגלייכלעך גרעסער, ווי צווישן חתונה־געהאַטע מענער, און באַטרעפֿט אין אַ טייל געביטן (לובלינער און צווזמירער וואָיעוואָדשאַפֿט) אַזוי פֿיל, אָדער כמעט אַזוי פֿיל אין אַבסאָלוטע צאָלן, ווי צווישן חתונה־געהאַטע מענער. דאָס איז נישט געקוקט דערויף, וואָס חתונה־געהאַטע האָבן באַטראָפֿן מער ווי 50% פֿון אַלע מענער, בעת אַלע אלמנס אין סך־הכל האָבן דערגרייכט בלויז 1% פֿון דער מענלעכער באַפֿעלקערונג. וואָס שייך די פּראָפּאָרציע פֿון זיידעס און טאַטעס צווישן די אלמנס, איז אומעטום אין די שטעט, און, מיטן אויסנאָם פֿון דער מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט, אויך אין דערפֿער, די צאָל טאַטעס גרעסער ווי די צאָל זיידעס.

די עלטער־קאַטעגאָריעס פֿון אלמנות (און גרושות) האָבן מיר לויט דער פּראָפּאָרציע באַרעכנט אין די זעלבע 4 וואָיעוואָדשאַפֿטן.

טאַב. V F.

פֿון דער טאַב. VF זעען מיר, אַז איז אַלגעמיין איז אין אַלע וואָיעוואָדשאַפֿטן אין שטאָט און דאָרף צוזאַמען די צאָל באָבעס צווישן אלמנות גרעסער ווי די צאָל מוטערס. אויך אין סך־הכל באַטרעפֿט די פּראָפּאָרציע באָבעס צווישן אלמנות 40,7%, בעת פֿון מוטערס 31,9%. די איבערוואָג פֿון באָבעס צווישן אלמנות איז פֿולקאָם פֿאַרשטענדלעך, אי צוליב דער גרעסערער שטערבלעכקייט פֿון מענער אין הויכן עלטער, אי צוליב דער גרעסערער מעגלעכקייט פֿון יונגע אלמנות חתונה צו האָבן נאָכאַמאָל. אויב מיר באַטראַכטן אָבער די צוויי קאָמפּאָנענטן פֿון דעם דאָזיקן סך־הכל, שטאָט און דאָרף באַזונדער, ווייזט זיך אַרויס די פּראָפּאָרציע פֿון די צוויי עלטער־גרופּעס צווישן אלמנות פֿאַרשידן: אין דאָרף, ווו אויך די פּראָפּאָרציע עלטער־באָבעס צווישן אלמנות איז אומעטום גרעסער ווי אין שטאָט, איז אויך אומעטום, אין אַלע וואָיעוואָדשאַפֿטן די פּראָפּאָרציע באָבעס גרעסער ווי די פּראָפּאָרציע מוטערס. אין סך־הכל פֿון דריי וואָיעוואָדשאַפֿטן קומט אויס אין דאָרף 56,3% באָבעס לגבי 18% מוטערס צווישן אלמנות, ד. ה. די צאָל באָבעס איז מער ווי דריי מאָל גרעסער פֿון דער צאָל מוטערס. פֿאַרקערט, אין שטאָט איז אין דריי וואָיעוואָדשאַפֿטן די צאָל מוטערס צווישן אלמנות גרעסער ווי די צאָל באָבעס און בלויז אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז דאָס פֿאַרהעלטעניש

פּאַרקערט. אין סך־הכּל פון אַלע 4 וואָיעוואָדשאַפטן קומט אויס אין שטאָט די פּראָפּאָרציע מוטערס לגבי באָבעס 40,3% לגבי 36,3. א טיילווייזע דערקלערונג פאַר דעם חילוק אין דעם דאָזיקן פרט צווישן שטאָט און דאָרף דאַרף מען מן הסתם זוכן אין דעם פאַקט, וואָס אין דאָרף איז בכלל די צאָל אלמנות אין סך־הכּל (פגל. די פריערדיקע טאַבעלע V E) א העלפט קלענער אין פּראָפּאָרציע לגבי אַלט־נפשות ווי אין דער שטאָט. דאָס איז מן־הסתם א פועל־יוצא דערפון, וואָס אין דאָרף איז אי די שטערבלעכקייט בכלל און ממילא אויך די שטערבלעכקייט פון מענער קלענער ווי אין שטאָט, אי די מעגלעכקייט פון אן אלמנה חתונה צו האָבן איז גרעסער. דער חילוק צווישן דער פּראָפּאָרציע באָבעס און מוטערס צווישן אלמנות אין שטאָט און דאָרף האָט אָבער אַפילו, ווען מען נעמט אין אַכט די פאַרשידענע לעבנס־באַדינגונגען, נישט געקאָנט זיין אין דער אמתן אַזוי גרויס, ווי ער קומט ארויס אין דער טאַבעלע. ווייזט אויס, אז די עיקר־דערקלערונג דאַרף מען זוכן אין דער רובריק אלמנות אין אומבאקאנטן עלטער. אין דער לובלינער און אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאפט איז די פּראָפּאָרציע אלמנות אין אומבאשטימטן עלטער אין שטאָט א סך גרעסער (אין דער ערשטער וואָיעוואָדשאַפט צוויי מאָל אַזוי גרויס, אין דער צווייטער דריי מאָל אזוי גרויס) ווי אין דאָרף און בלויז אין דער מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאפט איז די דאָזיקע קאַטעגאָריע פון אומבאַשטימטן עלטער אין דאָרף נישט קלענער, נאָר אפילו עפּעס גרעסער, לויט דער פּראָפּאָרציע, ווי אין שטאָט. נישט אַנדערש, נאָר אַ גרויסע צאָל אלמנות, וועמענס עלטער מיר האָבן נישט געקאָנט באַשטימען צוליב דעם, וואָס צו זיי זענען נישט צוגעשריבן קיין שום קינדער און אייניקלעך, האָט געהערט לויטן עלטער צו דער קאַטעגאָריע באָבעס.

V. דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון ייִדן אין קרוין־פּוילן

די ידיעות וועגן פּראָפעסיאָנעלער סטאַטיסטיק, וואָס מיר געפינען אין די ציילונגס־רייסטערס, זענען בלויז א טפל, וואָס שייך דעם דירעקטן צוועק פון דער ציילונג. די ציילונג האָט, כידוע, געהאַט אויסשליסלעך פיסקאַלע צילן און דער קאָפּשטייער אויפן סמך פון דער ציילונג האָט געדאַרפט אָפּגעצאָלט ווערן דורך דער קהילה אין באַטרעף פון צוויי גילדן פון יעדן קאָפּ (מיטן אויסנעם פון זייגקינדער) אָן חילוק פון געשלעכט, עלטער, באַשעפטיקונג, אָדער פאַרמעגלעכקייט. אויב די ציילערס האָבן פאַרצייכנט דעם ציוויל־שטאַנד און פאַמיליע־שטאַנד, האָבן זיי עס געטאָן בלויז צוליבן אידענטיפיצירן די געציילטע פּערזאָנען. פונקט אזוי לשם אידענטיפיקאַציע האָבן די ציילערס פאַרצייכנט די באַשעפטיקונג פון די ראשי־משפחות, און דאָס איך ניט ווי א כלל, נאָר אין טייל פאַלן.

דאָס געזעץ האָט בפירוש געפאָדערט צו פאַרצייכענען אין דער ציילונג דעם נאָמען און צונאָמען פון אַלע נפשות (y wszystkich... de nomine et cognomine wiernie spisali, קיין פאַמיליע־נעמען זענען דעמאָלט בײַ ייִדן, פונקט ווי בײַם רוב ניט־ייִדן, ניט געווען בנמצא, אחוץ פּאַטראָנימיקא, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן ביז היינט אין א גרויסער צאָל פאַמיליע־נעמען (מאָשקאָוויטש — בן משה, אַבראַמאָוויטש — בן אברהם אד״ג.). א טייל פלעגן נאָך אחוץ דעם פאָטערס נאָמען, אָדער אָנשטאָט אים, אָנגערופן ווערן מיט צונעמען, לויט פערזענלעכע גייסטיקע אָדער נאָך אָפטער פיזישע אייגנשאַפטן: לויט דער פאַרב (דער שוואַרצער, דער ווייסער, דער רויטער, דער געלער), לויט א מום (לאָמער, הויקער), לויט כאַראַקטער־שטריכן (דער שרייער, פּיסק, שווייגער) און ענלעכע צונעמעניש. זיי זענען געווען א נויטווענדיקייט אין קהלות, וואָס זענען געווען אזוי גרויס, אז דורך דעם פּאַטראָנימיק אליין איז ניט געווען גענוג צו באַשטימען די פּערזאָן. צו דעם צוועק פלעגט מען לרוב באַנוצן צונעמעניש, וואָס האָבן באַצייכנט די באַשעפטיקונג. בלויז אין די גרעסטע קהלות איז אָט דער סיסטעם פון אידענטיפיצירן געווען זעלטענער אין געברויך, ווייל צוליב דער גרויסער צאָל פּערזאָנען פון דער זעלבער באַשעפטיקונג האָט ער ניט דערגרייכט דעם צוועק.

היות מסחר איז געווען לפי ערך א סך ווייניקער דיפערענצירט אין באַזונדערע צווייגן, ווי מלאכה, איז ממילא אויסגעקומען, אַז בעלי־מלאכות פלעגן א סך אָפטער ווי סוחרים אָנגערופן ווערן לויט דער פּראָפעסיע: א בעל־מלאכה איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אונטערן נאָמען פון זיין מלאכה־צווייג, ווי שניידער,

קירזשנער, היטלמאַכער, בלעכער אאַז. פונקט ווי מען האָט א בעל־מלאכה נישט באַצייכנט סתם, „דער בעל־מלאכה“, אזוי פלעגט מען נישט געבן קיינעם א צונעמעניש סתם „סוחר“, בפרט, אז מסחר איז געווען אי די פּאָפּולערסטע, אי די טראַדיציאָנעלסטע באַשעפטיקונג ביי ייִדן. אויב אָבער דער סוחר האָט זיך ספּע־ציאַליזירט אין א באַזונדערן צווייג פון האַנדל, איז זיין באַשעפטיקונג שוין יאָ גע־ווען א יסוד פאַר אידענטיפיקאַציע. עס זענען געווען צונעמענישן: דער מעלער, דער קאַשע־סוחר, דער זעלצער, דער לייוונט־שניטער אדגל. פרייע פּראָפעסיעס, קהלה־אַמטן, פערזענלעכע באַדינערס, זענען צוליב זייער פאַרצווייגונג געווען פונקט אזאַ קוואַל פון צונעמענישן ווי מלאכה: מלמד, שמש, חזן, שדכן, בדחן, סאַרווער, קלעזמער (סתם, אָדער פידלער, באַס, צימבל), באַלבירער, וואַרטאָרער, קברן אדגל.

ווי מיר האָבן שוין פעסטגעשטעלט, זענען די לכתחילהדיקע ציילונג־רייסטערס צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך קהל אַליין אין העברעיש, דורכגעוועבט מיט ייִדיש, און ערשט דערנאָך האָט מען זיי איבערגעזעצט אויף פּויליש. די ציילונג־רייסטערס, וואָס זענען, מיט עטלעכע אויסנאַמען (וואַרשע, צויזמירער וואָיע־וואַדשאַפט), צו אונדז דערגאַנגען בלויז אין דער פּוילישער איבערזעצונג, אנט־האַלטן ובכן סטאַטיסטישע ידיעות וועגן פּראָפעסיעס בעיקר אין שייכות מיט צו־נעמען, אַדער אידענטיפיקאַציע־באַצייכענונגען. היות קיין גענויע כללים און אָנווייזונגען וועגן אין דעם פּרט נישט געגעבן געוואָרן, איז די פּראָפּאָרציע פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס פאַרשידן אין די באַזונדערע קהילות. געווען קהילות, וווּ דער שרייבער האָט זיך געפליסט אָנצוגעבן די פּראָפעסיעס ווי ווייט מעגלעך פון יעדן ראש־משפּחה, בפרט ביי בעלי־מלאכות. געווען אָבער נאָך מער אַזעלכע קהילות, וווּ דער שרייבער האָט פאַרצייכנט די פּראָפעסיעס אַזוי ווי כלאחר־יד, דרך אגב, מן הסתם בלויז אין די פאַלן, וווּ דער צונאָמען לויט דעם פאַך איז געווען ווי צוגעוואַקסן צו דער פּערזאָן. אוודאי זענען דערביי אויך געווען טעכנישע מאָמענטן און אָביעקטיווע אומטערשידן, וואָס האָבן נישט געהאַט צו טאָן מיט דער אינדיווידועלער פּינקטלעכקייט פון דעם רייסטער־צונויפשטעלער. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן זענען אין דעם פּרט קלענערע שטאָטישע קהלות בעסער אַרויסגעקומען, ווי די קהלות איז גרעסערע שטעט: אין א גרויסער קהלה, אזאַ ווי לובלין, אָדער קראָטאָשין, איז פון איין זייט נישט יעדער איינער געווען באַקאַנט אין שטאָט און ממילא נישט געווען באַקאַנט די קהלה־באַאַמטע מיט זיין צונאָמען, פון דער אנדערער זייט, האָט זיך ביי א גרויסער קהלה געפאָדערט אַ סך מער שרייבערישע טירחה, כדי דעם רוב ראשי־משפּחות צו פאַרצייכענען מיט זייערע פּראָפעסיעס. אויף אַלע קהלות, אָן א חילוק פון דער גרייס, איז אָבער חל דער כלל, אַז בעלי־מלאכות זענען די, וואָס ווערן דערמאָנט צים אָפטסטן מיט זייערע פּראָפעסיע־באַצייכענונגען, און סוחרים צום זעל־טנסטן.

נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער אומפּינקטלעכקייט, קאָנען מיר פון דער ציילונג גאָר א סך אַרויסלערנען וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון די שטאָטישע ייִדן אין פּוילן, און דאָס באַווייזט דער אַנאַליז פון די טאַבעלעס, וואָס מיר האָבן צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון די פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס.

די אַלע דערמאָנטע חסרונות פון דער צייִלונג בנוגע דער פּראָפעסיאָנעלער סטאַטיסטיק האָבן א שייכות בלויז צו די שטאָטישע ייִדן. ביי דאָרפס־ייִדן איז די באַצייכענונג פון דער פּראָפעסיע אין רוב וואָיעוואָדשאַפטן כמעט אַ פולשטענדיקע. אין דאָרף זענען ייִדישע פּרנסות אין פאַרגלייך מיט דער שטאָט געווען זייער ווייניק דיפערענצירט, וואָרעם דער רוב מנין ובנין איז דאָ באַשטאַנען פון אַרענדאַרן, קרעטשמערס און שענקערס, מיט א קליינעם צוגאָב פון בעלי־מלאָכות. דער שרייבער פון צייִלונגס־רייסטער האָט בכן געהאַט אַ לייכטע אַרבעט צו פאַרצייכענען די פּרנסה פון די ראָשי־משפחות, בפרט, אַז להיפוך צו שטאָטישע ייִדן זענען דאָרפס־ייִדן געווען מחויב אַליין זיך צו שטעלן פאַר דער צייִלונגס־קאָמיסיע און אָנצוגעבן אַלע פרטים וועגן זיך און זייערע פאַמיליעס.

להיפוך צום כלל, וואָס איז אָנגענומען אין דער מאָדערנער סטאַטיסטיק, האָבן מיר אין די טאַבעלעס וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור אין אכט גענומען בלויז די ראָשי־משפחות און איבערגעלאָזט די נישט־התונה־געהאַטע עקאָנאָמיש אַקטיווע געזעלן און לערנייִנגלעך, ווי אויך באַדינערס און דינסטן. די צאָל געזעלן און לערנייִנגלעך, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן אין דער צייִלונג, וואַרפט זיך אין די אויגן דערמיט, וואָס זי איז נישטאמתדיק קליין. ממילא, ווען מיר וואָלטן זיי צוגערעכנט צו די באַזונדערע צווייגן פון מלאכה, וואָלטן מיר נישט באַקומען קיין פולשטענדיק בילד פון דעם צוזאַמענשטעל פון דער ייִדישער מלאכה, נאָר פאַרקערט, די פּראָפאָרציע פון די באַזונדערע צווייגן פון מלאכה וואָלט אַרויסגעקומען ווייניקער אמתדיק: די געציילטע עטלעכע צווייגן מלאכה, ווו עס זייִנען פאַרצייכנט — בלויז אין אַ טייל שטעט און בלויז ביי אַ טייל בעלי־מלאָכות — געזעלן און לערנייִנגלעך, וואָלטן אַרויסגעקומען גרעסער אין דער פּראָפאָרציע ווי אין דער אמתן, בעת די צווייגן מלאכה, ווו קיין געזעלן און לערנייִנגלעך זענען נישט דערמאָנט אין דער צייִלונג (הגם זיי זענען בלי שום ספק געווען), וואָלטי אין פּראָפּאָרציע אויסגעקומען ווינציקער, ווי זייער באמתער חלק. וואָס שייך דינסטן, קאָן מען בלויז בנוגע די מיידלעך באַשטימען מיט זיכערקייט, אַז זיי זענען געווען פאַרנומען ביי שטוב־ווירטשאַפט, בעת ביי מענלעכע „משרתים“, בפרט אין די שטעט, פעלט יעדער אָנווייז וועגן זייער אייגנטלעכער פונקציע: מיר קאָנען זיך בלויז משער זיין, אַז זיי זענען נישט געווען פאַרנומען אין דער באַלעבאַטישקייט. א סברה, אַז אַ טייל פון זיי זענען געווען „פאַראָבקעס“ (שמייסערים, פורמאַנעס) און אַ טייל האַנדלס־אָנגעשטעלטע, און נאָך אַנדערע האָבן אויסגעפירט ביידע פונקציעס צוזאמען. אחוץ עטלעכע געציילטע פאַלן, ווו די פונקציעס ווערן אָנגעגעבן, פעלט יעדער יסוד צו באַשטימען, אין וועלכער פון די צוויי רובריקן האַנדל און טראַנספּאָרט זיי דאַרפן צוגערעכנט ווערן.

צוליב די אַלע טעמים האָבן מיר געהאַלטן פאַר גלייכער אויסצוטיילן די באַדינערס און דינסטן ווי אויך די געזעלן (און לערנייִנגלעך) און באַטראַכטן זיי ווי אַ באַזונדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע. דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג קומט אַרויס דורכדעם נאָך מער אומפולשטענדיק, אָבער דערפאַר אייִנדייטיקער און זיכערער ווי אַ סטאַטיסטיש בילד פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון די ראָשי־משפחות.

נישט אלע משפּחות אין דעמאָגראַפישן זין זענען געווען עקאָנאָמישע אײנסן. פון אלמנים און אלמנות האָבן מיר פאררעכנט צווישן ראשי=משפּחות בלויז די, וואָס זענען פארשריבן אין באַזונדערע דירות, ווי בעלי=בתים, לאָקאַטאָרן (קאָמאָרניקעס) אָדער סובלאָקאַטאָרן. דאַקעגן די אלמנים און אלמנות אין הויכן עלטער (זיידעס, באָבעס), וואָס זענען צוגעשריבן צו משפּחות, האָבן מיר צוגעציילט צו עקאָנאָמיש=פּאַסיווע. מיר האָבן אויך ארויסגעלאָזט פון חשבון פון ראשי=משפּחות די אײדעמס און חתונה=געהאַטע זין, וואָס זענען צוגעשריבן צו זייערע עלטערן און שווערס. ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָבן זיי אין רוב פאַלן געלעבט אויף קעסט. ד. ה. זיי זענען געווען עקאָנאָמיש פּאַסיוו. נאָר אויפן יסוד פון אַזאַ ווי ווייט מעגלעך גענויער[1] באַשטימונג פון דער צאָל ראשי=משפּחות אין עקאָנאָמישן זינען, האָבן מיר געקאָנט מאַכן סטאַטיסטישע אויספירן וועגן דער פּראָפּאָרציע פארצייכנטע פּראָפעסיעס אין יעדער שטאָט און וואָיעוואָדשאַפט, ווי אויך וועגן דער פּראָפּאָרציע באַזונדערע ווירטשאַפט=צווייגן און פאכן לגבי דער גאַנצער (חתונה=געהאַטע) עקאָנאָמיש=אַקטיווער באַפעלקערונג.

מחמת דער לגמרי פאַרשידענער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור וועלן מיר באַטראַכטן באַזונדער די שטאָטישע און באַזונדער די דאָרפישע יידישע באַפעלקערונג.

---

[1] פאַראַן גאַנצע שטעט און אפילו וואָיעוואָדשאַפטן, בפרט אין די מערב=געביטן, וווּ די ציילונגס=רעגיסטערס טיילן נישט אויס די משפּחות מיט אַ גענוגנדער גענויקייט, כדי צו קאָנען פעסטשטעלן דעם עלטער און ממילא די עקאָנאָמישע אַקטיווקייט פון אלמנים און אלמנות, אָדער די ייִנגערע פּאָרפעלקער, וואָס האָבן געלעבט אויף קעסט. אין די דאָזיקע פאַלן האָבן מיר בלית=ברירה אלע חתונה=געהאַטע און פאראלמנטע געמוזט פאַררעכנען ווי עקאָנאָמיש=אַקטיווע ראשי=משפּחות.

A די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון שטאָט־ייִדן

די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון שטאָט־ייִדן האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אויסצופאָרשן אין די ווייטערדיקע 10 וואָיעוואָדשאַפטן: איוואַנאָוראָצלאַווער, גנעזנער, קאַלישער, שיעראַדזער, וויעלונער, לוטשיצער, מאַזאָוויער, קראָקעווער, צוויזמירער (דרום־טייל פון דער וואָיעוואָדשאַפט) און לובלינער. מיר האָבן בכן אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פון גרויספּוילן (אַחוץ דער פּויזנער וואָיעוואָדשאַפט), מאַזאָוויע און כמעט גאַנץ קליין־פּוילן (אַחוץ דעם צפון־טייל פון דער צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט).

אין סך־הכל האָבן מיר דאָ אַ געביט מיט 264 שטעט און שטעטלעך, באַוווינט פון אַ ייִדישער באַפעלקערונג פון 73,457 נפשות (עלטער ווי אַ יאָר), ד. ה. העכער 23%, כמעט אַ פערטל פון דער ייִדישער שטאָטישער באַפעלקערונג אין גאַנץ קרוין־פּוילן, וואָס האָט באַטראָפן לויט דער ציילונג בערך 314 טויזנט נפשות, (פגל. טאַב. III A).

מיר גיבן איבער, צוזאַמענגעשטעלט אין טאַבעלעס, די באַרופן, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אויף דעם דאָזיקן געביט אין יעדן שטאָטישן ישוב.

טאַב. VI.

די ציפערן פון די דאָזיקע בפרטיותדיקע צוזאַמענשטעלן האָבן לײדער נישט אין אַלע פאַלן אַ סטאַטיסטישע באַדייטונג. אין יעדערער פון די 10 וואָיעוואָדשאַפטן איז אין אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך די צאָל ראשי־משפחות מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס אַזוי קליין, אַז זי באַטרעפט גאָר אַ קליינעם פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל משפחות אין געגעבענעם אָרט. מיר האָבן דערפאַר אויסגעקליבן די שטעט און שטעטלעך, וווּ די פּראָפעסיעס זענען פאַרצייכנט געוואָרן לכל הפחות ביי אַ פערטל פון דער צאָל משפחות, און פון זיי צוזאַמענגעשטעלט באַזונדערע טאַבעלעס. דאָס וויעלונער לאַנד, וווּ עס געפינט זיך נישט קיין איין ייִדישער שטאָטישער ישוב מיט אַזאַ מינימום פון פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס, האָבן מיר ביי דעם דאָזיקן אָפּקלייב לחלוטין עלימינירט.

טאַב. VI A, VI B.

די צאָל שטעט מיט אַ פּראָפעסיאָנעלער סטאַטיסטיק פון מינימום 25% איז פאַרשידן אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן. לויט דער פּראָפּאָרציע לגבי דער גאַנצער שטאָטישער ייִדישער באַפעלקערונג פון דער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפן די דאָזיקע שטעט אַזאַ פּראָצענט: צום קלענסטן איז דער שייכותדיקער פּראָצענט אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט (15%); אין די צוויי אַנדערע קליין־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, לובלינער און צוויזמירער (דרום־טייל), אין מאַזאָוויע און אין

דער גרויס־פּוילישער לאַנדשיצער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפן די שטעט מיט אַזאַ באַפרידיקנדיקער סטאַטיסטיק פון 36% ביז 38% פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג; אין די איבעריקע 4 גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן איז די פּראָפּאָרציע פון אַזעלכע שטעט די העכסטע, און באַטרעפט אין 3 פון זיי 68% — 70% פון שטאָטישע יידן, אין דער גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט 48%. אין סך־הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן (טאַב. VI B) געפינען זיך אין די שטעט מיט א מינימום 25% משפחות מיט פאַרצייכנטע באַרופן 28,434 נפשות (עלטער ווי א יאָר), ד. ה. 40%, אָדער צוויי פינפטל פון דער גאַנצער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג אויף די דאָזיקע געביטן (71,296 אין צאָל). לגבי דער צאָל 248 שטאָטישע יידישע ישובים אין די 9 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפט די צאָל 82 שטעט, מיט א באַפרידיקנדיקער פּראָפּאָרציע פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס, בערך 37,5%.

מיר וועלן נאָך באַטראַכטן די פראגן, צי דאָס געביט, וואָס מיר נעמען ארום אין דער אויספאָרשונג, און וואָס באַטרעפט קרוב א פערטל פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג אין גאַנץ קרוין־פּוילן, איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן לאַנד, אָדער צי איז די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון שטאָט־יידן אין די אנדערע געביטן געווען פאַרשידן מחמת די פאַרשידענע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. בכל אופן איז פאַר דעם אויסגעפאָרשטן געביט פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן די סטאַטיסטיק פון די שטעט מיט אַ באַפרידיקנדיקער פּראָפּאָרציע פון פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס גאָר באַלערנדיק. דאָס איז נישט סתם צוויי פינפטל פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג פון דעם דאָזיקן געביט, נאָר פולשטענדיק רעפּרעזענטאַטיווע צוויי פינפטל, וואָס נעמען ארום אַלע קאַטעגאָריעס שטעט לויט דער גרייס.

אנגעהויבן פון 25%, וואָס מיר האָבן גענומען ווי א מינימום, איז די פּראָפּאָרציע ראשי־משפחות מיט אָנגעגעבענע פּראָפעסיעס א פאַרשידענע אין די באַזונדערע שטעט און וואָיעוואָדזשטוועס. דווקא צווישן די גאָר קליינע שטעטלעך געפינען זיך כמעט אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן אַזעלכע, ווו דריי פערטל, אָדער אפילו אַלע אָרטיקע משפחות זענען פאַרצייכנט געוואָרן מיט זייערע פּראָפעסיעס. די דאָזיקע קליינע שטעטלעך ציילן אָבער על פי רוב ווייניקער ווי צו איין צענדליק משפחות, אזוי אז לויט זייער סטרוקטור דאַרפן זיי גיכער באַטראַכט ווערן ווי דאָרפישע יידישע ישובים. צווישן די שטאָטישע ישובים אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט טרעפן מיר אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן זעלטן אזעלכע, ווו א העלפט פון דער צאָל משפחות איז אָנגעגעבן מיט זייערע פּראָפעסיעס. די געציילטע שטעט פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע (כמעט אַלע אין דער קאַלישער, שיעראַדזער און צויזמירער וואָיעוואָדשאַפטן), אזעלכע ווי קאַליש, קויל, דוואַרט, בלאַשקי, צויזמיר, אַפּט, זענען דערפאַר נאָך ווערטפולער ווי א יסוד פאַר אַלגעמיינע אויספירן וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון שטאָטישע יידן.

צוזאמענציילנדיק אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס ווייזן אויף א מינימום פון 25% משפחות מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס, האָבן מיר באַקומען אַזאַ סך־הכל פון דער פּראָפּאָרציע משפחות מיט דער אַנגעוויזענער פּראָפעסיע אין באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן (פגל. טאַב. VI B): די קלענסטע פּראָפּאָרציע איז דער קראָקע־

ווער וואָיעוואָדשאַפט, 31%, די העכסטע אין דער שיעראדזער וואָיעוואָדשאַפט, 52%, אחוץ דער קלייגער אינאָוראָצלאווער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די פּראָפּאָרציע איז נאָך העכער, 53%. אין די איבעריקע 6 וואָיעוואָדשאַפטן דערגרייכט די פּראָפּאָרציע ראשי-משפחות מיט פּארצייכנטע פּראָפעסיעס פון 35,5% ביז 46% פון אַלע משפחות אין די שטעט מיט אַ מיניטום פון 25% פּארצייכנטע פּראָפעסיעס פון די געגעבענע וואָיעוואָדשאַפטן. אין סך-הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפט די צאָל פון פּראָפעסיע-פּארצייכנטע משפחות 2892 לגבי סך-הכל 7066 שטאָטישע משפחות, ד. ה. 41%, בערך צוויי פינפטל פון אַלע שטאָטישע משפחות.

די פּראַגע וועגן די פּראָפעסיעס פון די איבעריקע דריי פינפטל שטאָטישע משפחות קאָנען מיר מיט א באַשטימטן גראַד וואַרשיינלעכקייט פּאַרענטפערן ערשט נאָכדעם, ווי מיר וועלן האָבן אַנאַליזירט דעם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די צוויי פינפטל משפחות, וואָס זייערע פּרנסות זענען יאָ פּארצייכנט געוואָרן.

די פּארצייכנטע פּראָפעסיעס האָבן מיר איינגעטיילט לויט הויפּט-צווייגן פון פּרנסות אין:

ארענדע און שענקערײַ

האנדל

טראַנספּאָרט

מלאכה

פרייע פּראָפעסיעס, באַאַמטע און פארשידענע.

די טאַבעלע (טאַב. VI B) גיט אונדז א סך-הכל פון דער פּראָפּאָרציע הויפּט-צווייגן פון פּרנסה אין די 9 וואָיעוואָדשאַפטן. דער חילוק צווישן דעם דורכשניט פון די פּראָפּאָרציעס פון די פּרנסה-צווייגן פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן און צווישן די פּראָפּאָרציעס אין סך-הכל פון דער אויסגעפּאָרשטער קאַטעגאָריע שטעט אין אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן איז א בערך אומבאַדייטנדיקער.

אויב מיר זאָלן טאַקע נעמען ווי א יסוד די פּאַקטיש פּארצייכנטע פּרנסות, קומט אויס פאַר גרויס-פּוילן, מאַזאָוויע און קליין-פּוילן אזא צוזאַמענשטעל:

פון יעדע 100 ראשי-משפחות אין די שטעט האָבן זיך פּארנומען:

	אין דורכשניט פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן	אין סך-הכל פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן
אַרענדע און שענקערײַ	4	3,4
האַנדל	2,3	2,8
טראַנספּאָרט	0,4	0,4
מלאכה	26,2	24,3
פרייע פּראָפעסיעס און אַנדערע	10	10
ס"ה משפחות מיט פּאַרצייכנטע באַרופן	43	41
משפחות אָן אַ שום פּאַרצייכנטן באַרוף	57	59
ס"ה משפחות	100	100

דער ווערט פון די דאָזיקע צאָלן איז שוין אויפן ערשטן בליק בלויז א רעלאַ־טיווער. אין אַזאַ וואָיעוואָדשאַפט ווי די איגאָווראַצלאַווער, הגם טאַקע גאָר אַ קליינע (1,290 נפשות), איז בכלל קיין שום סוחר נישט פאַרצייכנט געוואָרן, אין דער גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט — ווייניקער ווי 1 פּראָצענט (0,7%) משפּחות, נישט מער ווי 6 סוחרים אויף א צאָל 816 ראשי־משפחות. באַשעפטיקטע אין טראַנ־ספּאָרט, בעלי־עגלות, שמייסערם, ווערן אין 5 פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן בכלל נישט דערמאָנט. אויפן יסוד פון סך־הכלען־צוזאַמענשטעל וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז די פּראָפּאָרציע פון אָרענדע — 3—4 פּראָצענט, מלאכה — 24—26 פּראָצענט און פרייע פּראָפעסיעס — בערך 10 פּראָצענט פון ראשי־משפחות, זענען יאָ קרוב לאמת. אויך אַזאַ אויספיר וואָלט אָבער געווען לחלוטין אָן א יסוד; גענוג א קוק צו געבן אויף די בפרטיותדיקע טאַבעלעס פון שטעט אין די באַזונדערע וואָיע־וואָדשאַפטן.

אין דעם רוב שטעט און שטעטלעך פון די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן ווערן אָרענדאַרן, שענקער און קרעטשמער בכלל נישט דערמאָנט און אויך אין די קליין־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן איז פאַראַן א צאָל שטעט און שטעטלעך, ווו דער דאָזיקער פּרנסה־צווייג איז בכלל נישטאָ אין ציילונגס־רייסטער.

בעלי־מלאכות ווערן יאָ דערמאָנט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון די אָפּגע־קליבענע טאַבעלעס (מיט א מינימום פון 25% משפחות מיט אן אָנגעוויזענער פּראָפעסיע), אחוץ צוויי פאַלן (דאָס שטעטעלע גניעווקאָוו אין דער איגאָווראַצ־לאַווער וואָיעוואָדשאַפט און די פּאַרשטאָט פון לובלין פּיאסק), אָבער די ספּעצי־פיקאַציע פון דעם דאָזיקן צווייג לויט באַזונדערע מלאכות באַווייזט באַשיינפּער־לעך, אז די רשימה איז אן אומפולשטענדיקע. פאַראַן א ריי פאַרשפּרייטע מלא־כות ביי יידן אין יענער צייט, וואָס האָבן זיך טראַדיציאָנעל דערהאַלטן ווי יידישע מלאכות ביז צום הייַנטיקן טאָג, און דאָך פעלן זיי אין די ציילונגס־רייסטערס נישט נאָר פון רוב שטעט און שטעטלעך, נאָר אפילו פון גאַנצע וואָיעוואָדשאַפטן. אַזאַ מלאכה ווי גלעזעריי איז אין גרעסטן רוב שטאָטישע ישובים נישט פאַרצייכנט געוואָרן, אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט ווערט זי סך־הכל דערמאָנט אין איין שטעטל (פון שטעט מיט אַ מינימום 25% פאַרצייכנטע בארופן), זשאַרנאָ־וויעץ, דווקא א קליינער ישוב, און אין אַלע 10 שטעט פון דער טאַבעלע אין מאַזאָ־וויע ווערט זי אפילו איין מאָל אויך נישט געבראַכט. אייגנבינדערס האָבן אפילו על פי סברה זיך געמוזט געפינען אין יעדער קהלה פון עטלעכע הונדערט נפשות, וואָרעם די דאָזיקע אַרבעט פלעגט מען אין יענע צייטן אוודאי בלויז בשעת הדחק איבערגעבן א קריסטלעכן האַנטווערקער. לויט דער פּרייסישער רשימה פון 1793, געפינען מיר טאַקע אין מעזריטש מיט 563 יידישע נפשות 5 ראשי־משפחות פאַר־צייכנט ווי אייגנבינדער.[2] דאָך פעלן זיי אין אונדזערע ציילונגס־רייסטערס פון 1764 לגמרי אין גאַנצע 3 פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן (אין די שטעט מיט א מינימום

---

[2] פגל.

Heppner A. und Herzberg G., Aus Vergangenheit und Gegenwart der Juden und der judischen Gemeinden in den Posner Landen, Kos-min — Bydgoszcz 1909—1929, p. 623.

25% פאַרצייכנטע באַרופן) און אין אַ טייל פון די איבעריקע ווערן זיי אויפן שטח פון אַ גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט פאַרצייכנט בלויז 2 מאָל (קראָקעווער) אָדער גאָר 1 מאָל (אינאָווראָצלאַווער, קאַלישער). עס וואָלט דאָך געווען אַן אבסורד אָנצונעמען, אַז דאָס איז געווען דער פאַקטישער צושטאַנד, אַז אייגנבינדערס האָבן זיך געטראָפן בלויז אין געוויסע וואָיעוואָדשאַפטן, אָדער אַז אין אַזאַ וואָיעוואָדשאַפט ווי די קראָקעווער, וווּ עס זענען טאַקע נישט פאַראַן מער ווי 7 שטאָטישע ישובים מיט אַ מינימום פּראָפעסיע־סטאַטיסטיק, האָבן אין דער קהלה זשמיגריד יאָ געאַרבעט 2 אייגנבינדער און אין דוקלע, אַ קהלה כמעט אַזוי גרויס, קיין איינער נישט.

נאָך אַ שטאַרקערע ראיה וועגן דעם פראַגמענטאַרישן כאַראַקטער פון דער צאָל פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות איז דער ביישפיל פון בעקער און קצבים. מען דאַרף גאָר נישט אָנקומען צו סברות, אַז פּוילישע ייִדן אין 18־טן י"ה האָבן זיך בדרך כלל נישט מתיר געווען קיין גוייש געבעקס („פת עכום"), און אַז הגם מען פלעגט על פי רוב באַקן ברויט אין דער היים, זענען געווען אין יעדער באַדייטנדיקער קהלה אויך פּראָפעסיאָנעלע בעקער, פּונקט ווי עס זענען געווען אין יעדער שטאָט קריסטלעכע בעקערס. די ציילונג אַליין באַווייזט, אַז עס איז אַזוי געווען. אין דער ציוזמירער וואָיעוואָדשאַפט (דרום טייל) זענען אין אַלע 18 שטעט, וואָס פאַרמאָגן אַ פּראָפעסיאָנעלע סטאַטיסטיק (פון 25% און מער), פאַרצייכנט געוואָרן בעקערס, דערצווישן אין אַזאַ שטאָטישן ישוב ווי דעמביץ, מיט 753 נפשות, 5 אין אַ צאָל. ווידער האָבן מיר אָבער גאַנצע וואָיעוואָדשאַפטן, ווי אינאָווראָצלאַווער, גנעזנער, מאַזאָווער, וווּ קיין איין בעקער איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן און אַנדערע, וווּ זייער צאָל איז אומגלייבלעך קליין: סך הכל 3 אין אַזאַ וואָיעוואָדשאַפט ווי די קאַלישער, אָדער אין דער שיעראַדזער—5 בלויז אין איין שטאָט, לאַסק; דאַקעגן אין די אַנדערע 12 שטעט און שטעטלעך גאָרנישט. די סטאַטיסטיק פון קצבים איז נאָך מער באַלערנדיק וועגן דער אומפולשטענדיקייט פון מלאכה־פאַרצייכענונגען אין דער ציילונג, וואָרעם זי באַווייזט, אַז אפילו וואָס שייך מלאכות, וואָס זענען יאָ בערך אין אַלע באַדייטנדיקע קהלות פאַרצייכנט געוואָרן, איז אָפט די צאָל ראשי־משפחות, וואָס זענען אָנגעגעבן געוואָרן מיט דער דאָזיקער באַשעפטיקונג, אַזוי קליין, אַז זי איז לכתחילה אומגלייבלעך. עס איז שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס אויך קצבים פעלן לגמרי אין אַ טייל גרעסערע שטאָטישע קהלות, אפילו אין אַזאַ ווי למשל לובאַרטאָוו (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 764 פאַרשריבענע נפשות. צי איז אָבער יאָ באַגלייבט, אַז כמיעלניק (צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 1132 נפשות זאָל האָבן געציילט נישט מער ווי 6 קצבים, קראַשניק (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 921 נפשות נישט מער ווי 4, אָדער זשמיגריד (קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט), 683 נפשות, נישט מער ווי איינעם, בעת אין אינאָווראָצלאַוו, מיט 804 נפשות, זענען פאַרנאָטירט געוואָרן 27 ראשי־משפחות ווי קצבים או, אין בעלזשיץ (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט), מיט 514 נפשות, ווייזט אויף דער רייסטער 7 קצבים?

פּונקט אַזוי ווי אין פרנסה־צווייג מלאכה, זענען באַשיימפערלעך די בלויזן אין די פאַרצייכנטע צאָלן פון באַשעפטיקטע אין פרייע פּראָפעסיעס, באַאַמטנטום, פערזענלעכע דינסטלייסטונגען, באַדינערס אאַוו. רבנים זענען אין רוב קה־

לות נישט פאַרצייכנט געוואָרן בכלל. אויך שמשים פעלן בכלל אין אַ גאַנצער ריי גאַנץ באַדייטנדיקע קהילות, הגם אפילו אַזאַ לפי ערך קליינע קהילה ווי גלוסק (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 268 נפשות האָט לויטן עדות פון דער זעלבער ציילונג פאַרמאָגט 3 שמשים. לחלוטין צו קליין איז אויך די צאָל פאַרצייכנטע מלמדים, ווידער אפילו בלויז לויט דער קאָנפראָנטאַציע פון די ציילונגס-רייסטערס גופא. פאַראַן קהלות אין דער גרייס פון 200 ביז 300 נפשות און אפילו אַזאַ קהלה ווי פייזערן (קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 454 נפשות, וווּ עס איז בכלל נישט פאַרצייכנט קיין איין מלמד; אַזעלכע קהלות ווי קאַליש (809 נפשות) און קראַשניק (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 921 נפשות ווייזן נישט אויף מער ווי צו 7 מלמדים, בעת קאָצק מיט בלויז 489 נפשות האָט אויך לויט דער ציילונג גופא געהאַט אַזאַ צאָל מלמדים. חזנים ווערן אחוץ די צוויי וואָיעוואָדשאַפטן, צוויזמירער און לובלינער, בכלל זעלטן פאַרצייכנט אין אַ שטאָט; אין רוב וואָיעוואָדשאַפטן געפינען מיר זיי נישט מער ווי 1 ביז 3 אויף אַ גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט. נישט קיין ספק אָפטער ווערן דערמאָנט קלעזמאָרים און דאָרט, וווּ זיי ווערן יאָ אויסגערעכנט, ווערט די קליינע צאָל נישט קיין צוטרוי. אויב למשל אין אַזאַ שטעטל ווי לוקאָוו (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 543 נפשות זענען פאַרשריבן געוואָרן 4 קלעזמער, לאָזט זיך נישט גלייבן, אַז פינטשעוו, כמעט 4 מאָל אַזאַ גרויסע קהלה (2,049 נפשות), זאָל באמת נישט האָבן געציילט מער ווי 3 קלעזמער, וואָס ווערן אָנגערופן מיט די נעמען אין ציילונגס-רייסטער. גאָר אַ זעלטנקייט זענען אין די ציילונגס-רייסטערס די כאַראַקטערים-טישע אַלט-יידישע פּראָפעסיעס פון שדכנים, בדחנים, בעדער אאַז. וואָס שייך דער פאַרשפּרייטער פרנסה פון באַלבירערס (שערערס — על פּי רוב אויך פעלדשער), איז אפשר דאָס שטעטל דוואָרט (וואַרטאַ, שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט), מיט גאַנצע 5 אַזעלכע פּראָפעסיאָנאַליסטן צווישן 69 ראשי-משפחות (262 נפשות), געווען אַן אויסנאַם. ווי זעט אָבער אויס אין פאַרגלייך מיט דעם אַזאַ גרויסע קהלה ווי קראָטאָשין (קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט, 1,156 נפשות) מיט בלויז 3 פאַרצייכנטע באַלבירערס, אָדער פינטשעוו (2,049 נפשות) מיט בלויז 2 באַלבירערס.

די אַלע באַטראַכטונגען באַווייזן אָן אַ שום ספק, אַז נישט בלויז די צווייגן פון האַנדל און טראַנספּאָרט, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין אַ מינימאַלער פּראָפּאָרציע, קוים עפּעס מער ווי 3% פון אַלע ראשי-משפחות פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג, זענען לחלוטין פראַגמענטאַר און צופעליק איבערגעגעבן געוואָרן אין דער ציילונג; אויך די צווייגן פון אַרענדע-שענקערײַ, מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס, וואָס נעמען אַרום אין די אויסגעפאָרשטע שטעט און שטעטלעך פון די 9 וואָיעוואָדשאַפטן סך-הכל אַרום צוויי פינפטל פון אַלע ראשי-משפחות, נייטיקן זיך אין אַ באַדייטנדיקן קאָרעקטיוו, דורכויס אין פּלוס: אי בעלי-מלאכות האָבן, על כל פּנים אויף דעם פון אונדז אויסגעפאָרשטן שטח, באַטראָפן מער ווי 26% פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג, אי די פּראָפעסיאָנאַליסטן האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע ווי 10 פּראָצענט. די קרוב דריי פינפטל ראשי-משפחות, ביי וועלכע עס איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן קיין שום פּראָפעסיע, זענען לחלוטין נישט באַשטאַנען פון פרנסהלאָזע מענטשן,

אָדער מענטשן אָן אַ שום באַשטימטער באַשעפטיקונג.[3] פּונקט ווי די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעל-אַנאָנימע מאַסע האָט אין זיך לכל הדעת אַנטהאַלטן די גרויסע צאָל סוחרים און הענדלער, וואָס האָבן לויט אַלע פאַראַנענע ידיעות צונויפגעשטעלט איינעם פון די וויכטיקסטע, אויב נישט דעם גאָר וויכטיקסטן צווייג פון יידישע פּרנסות אין דעמלטיקן פּוילן, אַזוי דאַרף מען צווישן איר זוכן די אָן אַ ספק פעלנדיקע צאָל בעלי-מלאכות, כלי-קודש, משרתי הקהלה, פּראָפעסיאָנאַליסטן אאַזוו. אוודאי איז נישטאָ קיין פאַרגלייך צווישן דעם סטאַטיסטישן חיסור בנוגע די סוחרים פון איין זייט און בעלי-מלאכות און פּראָפעסיאָנאַליסטן פון דער אַנדערער זייט. ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָט דער אופן גופא פון פאַרצייכענען די ראשי-משפחות מיט זייערע צונעמענישן מיט זיך געבראַכט, אַז סוחרים זענען בלויז אין גאָר זעלטענע פאַלן פאַרצייכנט געוואָרן לויט זייערע פּרנסות, בעת בעלי-מלאכות און פּראָפעסיאָנאַליסטן גאַנץ אָפט. מיר דאַרפן דערפאַר אָנווענדן אין ביידע פאַלן גאָר אַ פאַרשידענעם קאָרעקטיוו, אָבער אין אַ דערגאַנצונג נייטיקן זיך ביידע גרופן-באַשעפטיקונגען.

כדי צו קענען אַרויסדרינגען אַ באַגרינדעטן אויספיר וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון שטאָטישע יידן אין 1764, לאָמיר זיך צוקוקן גענויער צו די שייכותדיקע צאָלן אין די דאָזיקע שטעט, ווו די פאַרצייכנטע באַשעפטיקונגען נעמען אַרום לכל הפחות אַ העלפט פון אַלע ראשי-משפחות אין שטאָט. מיר וועלן אויך באַגרענעצן די דאָזיקע רשימה צו אַזעלכע שטאָטישע ישובים, וואָס ציילן לכל הפחות צו 100 נפשות (עלטער ווי אַ יאָר). כדי צו האָבן פאַרגלייך-ציפערן פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן, וועלן מיר אויך אַריינעמען עטלעכע שטעט פון די וואָיעוואָדשאַפטן מאַזאָווער, קראָקעווער און לובלינער, הגם אין די דאָזיקע וואָיעוואָדשאַפטן איז אחוץ קליינטשיקע שטעטלעך כמעט נישטאָ קיין שטאָטישער ישוב, ווו די פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס זאָל דערגרייכן אַ העלפט פון אַלע משפחות. צום סוף וועלן מיר נאָך צושטעלן בראָד, לויט דער ציילונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ מאָנאָגראַפיע,[4] ווי אויך די שטעטלעך שמיאַלע און קאַניאָוו, די איינציקע אין אוקראַינע, ווו עס זענען (אין 1764) פאַרצייכנט געוואָרן די באַשעפטיקונג פון רוב ראשי-משפחות אין שטעטל.[5]

טאַב. VI C

אַ פאַרגלייך פון די שטעט צווישנאַנאַנד ווייזט, אַז בדרך כלל, מיט ווינציקע אויסנעמען, איז דער חלק פון מלאכה אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צום פּראָצענט פאַרצייכנטע באַשעפטיקונגען: וואָס גרעסער די פּראָפּאָרציע משפחות אין שטאָט, וואָס זייערע פּרנסות זענען אָנגעגעבן געוואָרן, אַלץ אַ העכערער פּראָצענט פאַלט אויס אויף דעם אָנטייל פון מלאכה אין פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל. דאָס

[3] צו אַזאַ טעותדיקער מיינונג, אַז די משפחות אָן פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס אין קהלות, ווו אַ גרויסער פּראָצענט איז פאַרצייכנט געוואָרן, זענען באַשטאַנען פון מענטשן אָן אַ באַשטימטן בארוף, איז גוטה געווען יצחק שיפּער אין זיינע סטאַטיסטישע צוזאַמענשטעלן פאַר יענער תקופה.

[4] D. Wurm, Z dziejów żydowstwa brodzkiego, Brody 1935.

[5] לויט קאַמאַנין, דצ"ו, דצ"א.

איז פאַרשטענדלעך אין ליכט פון דעם, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, אז די צונעמעניש־ן לויט באַשעפטיקונג זענען געווען צום מערסטן פאַרשפרייט לגבי בעלי־מלאכות. דאָך איז בולט אין דער רשימה דער חילוק צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן אין פרט פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור.

דער צוזאַמענשטעל פון טאַב. VI-C לויט פּראָווינצן, ווייזט אויף אַזאַ פּראָפּאָרציע פון די באַזונדערע פרנסה־צווייגן:

	לאַנדווירטש., אַרבעט א.ז.וו.	מסחר	טראַנספּאָרט	מלאכה	פרייע פּראָפ. אַנגעשט. א.א.	אָן באַשט. פּראָפ.	משפחות ראשי ס״ה
גרויס־פּוילן	1,8	6,1	—	41,8	12,4	38	100
מאַזאָוויע	15,2	0,7	—	19	13	52	100
קליין־פּוילן	3,1	4,8	1	24	11	56	100
רייסן (בראָד)	2,8	3	3,2	20,6	12,5	58	100
אוקראַינע	28	3,6	2	26,5	14,5	23,5	100
ס״ה 22 שטעט	3,5	4,3	1,5	27	12,2	51,6	100

אין די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן איז אַרענדע לפי ערך גאָר אומבאַדייטנדיק ווי א פרנסה־צווייג, האנדל איז דאָ פאַרצייכנט אין העכסטן פּראָצענט פון אַלע פּראָווינצן, הגם אויך דאָ איז פאַראן שטעט, וווּ קיין סוחרים ווערן בכלל נישט דערמאָנט, און מלאכה דערגרייכט מער ווי צוויי פינפטל (קרוב 42%) און אין צוויי שטעט אפילו א העלפט און מער (אין קויל 57% פון אַלע ראשי־משפחות. אין מאַזאָוויע פאַרנעמט אַרענדע גאָר דעם צווייטן פּלאַץ צווישן יידישע באַשעפטיקונגען, האנדל איז גאָר אומבאַדייטנדיק, און אויך מלאכה באַטרעפט דאָ די קלענסטע פּראָפּאָרציע צווישן אַלע פּראָווינצן (19%). אין די שטעט פון קליין־פּוילן איז אַרענדע מער פאַרצייכנט ווי אין גרויס־פּוילן, אָבער באַטרעפט נאָך אַלץ פּונקט ווי דאָרט דעם אומבאַדייטנדיקסטן פרנסה־צווייג. האנדל, הגם בלויז פראַגמענטאַר און ספּאָראַדיש פאַרצייכנט, איז בכלל אופן גאָך גרויס־פּוילן אויפן צווייטן אָרט און מלאכה באַטרעפט אין סך הכל פון 7 שטעט 24% (דערין אויך זשמיגרוד, וווּ אַלע פאַרצייכנטע פרנסות באַטרעפן סך־הכל נישט מער ווי 26% פון דער צאָל משפחות). אין די צוויי אוקראַינישע שטעטלעך איז די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור ענלעך צו מאַזאָוויע: דעם אויבנאָן פאַרנעמט אַרענדע, האנדל איז בלויז אין איינעם פון די צוויי שטעטלעך פאַרצייכנט, מלאכה איז מער פאַרטרעטן ווי אין מאַזאָוויע און אפילו עפּעס העכער ווי אין קליין־פּוילן.

דער דאָזיקער חילוק אין פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון שטאָטישע יידן לויט פּראָווינצן איז נישט קיין צופעליקער, אפילו אויב עס גייט וועגן מאַזאָוויע און אוקראַינע, וואָס זענען אין דער רשימה קוים פאַרטרעטן דורך צוויי שטעטלעך, יעדע באַזונדער. די פריער־געבראַכטע סך־הכלדיקע טאַבעלע פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן (טאַב. VI B), וואָס מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע שטאָטישע ישובים מיט א מינימום פון 25% משפחות, וווּ ס'איז באַצייכנט די פּראָפעסיע,

באַשטעטיקט בדרך כּלל דעם חילוק צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן (אחוץ אוק־ ראינע, וווּ עס פֿעלן די שייכותדיקע ציפֿערן). לויט יענער טאַבעלע שטעלט זיך צונויף די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון די פּראָווינצן אַזוי:

	אַרענדע און שענקערײַ	מסחר	טראַנספּאָרט	מלאכה	פֿרייע פּראָפֿ. אָנגעשט. א.א.	פּראָפֿ. נישט פּאַרצ.	ס״ה ראשי משפּחות
גרויס־פּוילן	1,7	2,7	—	29,3	10	56	100
מאַזאָוויע	14,2	2,3	—	19	8	57	100
קליין־פּוילן	3,8	3	0,5	20,6	10,2	62	100

איבער דעם גאָר נידעריקן פּראָצענט פּאַרצייכנטע פּראָפֿעסיעס אין דער קראָ־ קעווער וואָיעוואָדשאַפֿט קומט דאָ אויס די פּראָפּאָרציע פֿון מלאכה פֿאַר גאַנץ קליין־פּוילן אין סך הכּל כּמעט אַזוי קליין ווי אין מאַזאָוויע. בנוגע אַרענדע גייט אויך דאָ מאַזאָוויע אויפֿן ערשטן פּלאַץ, און בנוגע מסחר און מלאכה אויפֿן לעצטן אָרט. גרויס־פּוילן פֿאַרנעמט אויך אין דעם צוזאַמענשטעל דאָס ערשטע אָרט לויט דער פּראָפּאָרציע פֿון מלאכה. אין האַנדל איז דאָ די העגעמאָניע פֿון גרויס־פּוילן נישט ניכּר, אַזוי ווי אין דער רשימה פֿון גרעסערע שטעט, ווייל אין די קלענע־ רע שטעט איז אויך אין דער דאָזיקער פּראָווינץ האַנדל בכלל נישט פֿאַרצייכנט געוואָרן. פֿרייע פּראָפֿעסיעס באַטרעפֿן אין אַלע דריי פּראָווינצן, פּונקט ווי אין די 22 שטעט פֿון טאַב. VI־C, בערך אַ צענטל פֿון אַלע ראשי־משפּחות. ווייזט אויס, אַז דער דאָזיקער פּרנסה־צווייג איז צוליב אידענטיפֿיקאַציע אומעטום צום גענויסטן פֿאַרצייכנט געוואָרן.

דער בולטסטער חילוק צווישן די פּראָווינצן בנוגע פּרנסה־צוזאַמענשטעל קומט אויס לויט ביידע טאַבעלעס אין דער פּראָפּאָרציע פֿון אַרענדע־שענקערײַ און מלאכה. עס איז בולט, אַז די דאָזיקע צוויי פּרנסה־צווייגן שטייען לגבי אַנאַנד אין אַ פֿאַרקערטער פּראָפּאָרציע. די סיבה פֿון אַזאַ פֿאַרהעלטעניש איז נישט שווער צו דערגיין:

אין גרויס־פּוילן, בפֿרט אין די מערבֿ־וואָיעוואָדשאַפֿטן, פּויזנער, גנעזנער, קאַלישער, אינאָווראָצלאַווער, זענען בכלל קיין דאָרפֿס־יידן נישט געווען, אָדער זיי האָבן באַטראָפֿן גאָר אַ קליינעם טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. דער עודף פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג האָט דאָרט בכן נישט געקאָנט געפֿינען קיין אָפּפֿלוס אין דאָרפֿס־אַרענדע און שענקערײַ. די זעלבע עקאָנאָמישע און פּאָ־ ליטישע פֿאַרהעלטעניש (העכערע אַנטוויקלונג פֿון דער ווירטשאַפֿט, אומוויליקייט פֿון די פּריצים איבערצוגעבן יידן אַרענדעס)[6] האָבן אָבער אויך גורם געווען,

[6] אין מעזריטש (גרויס־פּוילן) זענען אין י. 1793 אַלע 34 בראַנפֿן־אַרענדאַרן און שענקער געווען נישט־יידן; פּונקט אַזוי איז נישט געווען קיין איין ייד צווישן די דאָזיקע באַרופֿן אין קראָטאָשין (פֿגל. העפּפּנער־הערצבערג, דצ״ה, ז. 571, 623). ס'איז נישט קיין צופֿאַל דערפֿאַר, וואָס שוין אין אונדזער ציילונג פֿון י. 1764 ווערט אין קראָטאָשין נישט דערמאָנט קיין איין ייד אין אַרענדע אָדער שענקערײַ (פֿגל. טאַב. VIA).

אז אויך אין די שטעט איז די מעגלעכקייט פון יידן צו פארנעמען זיך מיט
ארענדע און שענקעריי געווען א קלענערע ווי אין אנדערע פּראָווינצן; דער עלע=
מענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט נישט געפונען פאר זיך קיין אָרט
אין האנדל, האָט בכן בלית ברירה געמוזט זיך ווענדן צו מלאכות, בפרט אַז די
העכערע עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פון יענער פּראָווינץ האָט ממילא געשאפן
א גרעסערן אָפּזאצמארק פאר מלאכה און היים=אינדוסטריע.[7] אין דער אָפּגע=
שטאַנענער פּראָווינץ מאַזאָוויע, ווו דער רוב יידן איז גאָר געווען באַזעצט אויף
דערפער, זענען די פארהעלטענישן אין פרט פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוק=
טור פון שטעטלדיקע יידן ממילא געווען פונקט דער היפך פון גרויס=פוילן:
אי דער עודף פון יידן, וואָס האָט נישט געפונען קיין באַשעפטיקונג אין האַנדל,
האָט געהאַט די ברירה צו זוכן פרנסה אין דאָרף, אי אין די שטעטלעך גופא זע=
נען די מעגלעכקייטן פון באַקומען אן ארענדע, אָדער עפענען אַ שענק געשטאַנען
אָפן. אין שייכות מיט דער שוואכער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער פּראָ=
ווינץ זענען די שטאָטישע ישובים דאָ געווען זייער צעברעקלט. אין די קליינע
שטעטלעך איז אָבער אין גאנץ פוילן ארענדע און שענקעריי געווען פּראָפּאָרציאָנעל
א סך מער פארשפרייט ווי אין די גרעסערע שטעט; דאָס באַווייזן די בפרטיותדי=
קע טאַבעלעס פון יידישע פרנסות אין באַזונדערע שטאָטישע ישובים
(טאַב. 10—1 VI). אין אוקראַינע זענען די פארהעלטענישן סיי אין פרט פון עקאָ=
נאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט, סיי אין פרט פון פארשפרייטונג פון דאָרף=ארענדעס,
געווען ענלעך צו מאַזאָוויע, הגם דאָרט זענען געווען גרויסע שטאָטישע קהלות,
וואָס זענען אויך געווען צענטערס פון יידישער מלאכה= און האנדל. קליין=פוילן
פארנעמט אין פרט פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור דעם מיטלאָרט צווישן גרויס=
פוילן פון איין זייט און די פּראָווינצן מאַזאָוויע און אוקראַינע פון דער אנדערער
זייט. ארענדע און שענקעריי זענען דאָ אויך ביי שטאָטישע יידן א באדייטנדי=
קערער פרנסה=צווייג ווי אין גרויס=פוילן, האַנדל איז פאראן אין א קלענערער פּראָ=
פּאָרציע ווי דאָרט, און מלאכה איז באדייטנדיק ווייניקער פארשפרייט.

ווי דערמאָנט, באַווייזן די בפרטיותדיקע טאַבעלעס פון שטעט און שטעטלעך,
אז אין אלע וואָיעוואָדשאַפטן איז בולט דער חילוק צווישן דעם פּראָפעסיאָנעלן
צוזאמענשטעל אין די שטאָטישע ישובים לויט דער גרייס. אין די גאָר קליינע
שטעטלעך, ביז 100 נפשות, איז אומעטום די פּראָפּאָרציע אַרענדארן און שענקערס
לפי ערך באַדייטנדיקער, ווי אין די גרעסערע. ביי דער קליינער צאָל יידישע פא=
מיליעס, מאַקסימום א צוויי צענדליק, קומט אויס, אז עטלעכע ארענדאַרן, קרע=

[7] לויט דעם אָפיציעלן באַריכט פון סוף 18=טן י"ה פון פּרייסישן שטייער=ראַט אין
פּויזן, טימראַטה, קומט אויס, אַז נישט ווייניקער ווי אַ דריטל פון דער שטאָטישער
באַפעלקערונג אין „זידפּרויסן", ד. ה. גרויס=פוילן, איז באַשטאַנען פון שניידערס. זע:
יאַקאָבסאָן, שטעלונג, מאָנאַטסשריפט, 1921, ז. 44.

היות ווי שניידערס באַטרעפן אין אונדזער ציילונג אין גרויס=פוילן מער ווי
אַ העלפט פון אַלע יידישע בעלי=מלאכות, קומט אויס, אַז בעלי=מלאכות פון אַלע צווייגן
צוזאַמען האָבן ביי יידן אין גרויס=פוילן צום סוף 18=טן י"ה שוין באַטראָפן נישט
ווייניקער ווי דריי פינפטל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

שמערס און שענקערס באַטרעפֿן אַ פֿערטל און אַמאָל אַפֿילו מער ווי אַ דריטל פֿון אַלע ראשי=משפּחות אין שטעטל. אין די קלײנע שטעט, בערך ביז 300 נפֿשות, איז דער פּראָצענט אַרענדאַרן לפֿי ערך אַ קלענערער. דערפֿאַר איז אָבער באַדײַטנדיק די פּראָפּאָרציע בעלי=מלאכות. דער האַנדל פֿאַרנעמט דעם גרעסטן חלק אין די מיטעלע און גרויסע שטעט, הגם דאָס פּראָפּאָרציע=פֿאַרהעלטעניש פֿון האַנדל און מלאכה אין די גרויסע שטאָטישע ישובֿים איז פֿאַרשידן, לויט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿון דער שטאָט. בראָד, וואָס מיר האָבן אַרײַנגענומען אין דער רשימה פֿון שטעט (זע טאַב. VI C), די גרעסטע קהלה אין דעמאָלטיקן פּוילן (6740 פֿאַרצײַכנטע נפֿשות), איז אַ בײַשפּיל פֿון אַ האַנדלס=צענטער. הגם 42% פֿון די ראשי=משפּחות זענען פֿאַרצײַכנט געוואָרן מיט זײערע פּראָפֿעסיעס, קומט דאָרט אויס אויף בעלי=מלאכות נישט מער ווי אַ 20% פֿון אַלע ראשי=משפּחות. די צאָל באַשעפֿטיקטע אין האַנדל איז אין בראָד פֿאַרצײַכנט געוואָרן בלויז אין דער פּראָפּאָרציע פֿון 3%, עס איז אָבער אָן אַ ספֿק, אַז סוחרים האָבן דאָרט פֿאַרנומען אַ סך אַ גרעסערן חלק צווישן ייִדישע באַשעפֿטיקונגען ווי בעלי=מלאכות. ווילנע איז אַ בײַשפּיל פֿון אַ גרויסער שטאָטישער ייִדישער קהלה מיט אַן איבערוואָג פֿון בעלי=מלאכות איבער סוחרישע עלעמענטן. לויט דער צײלונג פֿון 1765 האָט ווילנע פֿאַרמאָגט אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון 3,395 נפֿשות. פֿון 743 עקאָנאָמיש=אַקטיווע ראשי=משפּחות זענען 359 פֿאַרצײַכנט ווי בעלי=מלאכות,[8] ד.ה. 48,3%. קרעמערס און מעקלערס זענען דאָרט פֿאַרצײַכנט געוואָרן בלויז 18% פֿון אַלע ראשי=משפּחות. הגם אויך דאָרטן איז די פֿאַקטישע צאָל באַשעפֿטיקטע אין מסחר געווען גרעסער ווי עס איז אָנגעגעבן אין דער צײלונג, וואָרעם אַ באַדײַטנדיקע פּראָפּאָרציע פֿאַמיליעס איז פֿאַרצײַכנט געוואָרן אָן אַ פּראָפֿעסיע, איז דאָך נישט קײן ספֿק, אַז די צאָל סוחרים איז על כּל פּנים געווען קלענער ווי די צאָל בעלי=מלאכות.

די קלײנע שטעטלעך (ביז 100 נפֿשות), הגם זײ האָבן פֿאַרגעשטעלט קרובֿ אַ דריטל פֿון אַלע שטאָטישע ישובֿים אין פּוילן, האָבן אַרומגענומען קוים 4,5% פֿון דער שטאָטישער ייִדישער באַפֿעלקערונג און קומען כּמעט נישט אין באַטראַכט בײַם באַשטימען די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון שטאָטישע ייִדן. מיר זענען דערפֿאַר באַרעכטיקט בײַם אַנאַליז פֿון דער דאָזיקער סטרוקטור צו נעמען פֿאַר אַ יסוד די טאַבעלע פֿון 22 שטעט אין 10 וואָיעוואָדשאַפֿטן, בפֿרט אַז די באַרוף=פֿאַרצײַכנטע משפּחות נעמען דאָרט אַרום, מיט אַ צוויי=דריי אויסנאַמען, אַ העלפֿט און מער פֿון דער צאָל עקאָנאָמיש=אַקטיווע ראשי=משפּחות. דער סך הכּל, וואָס מיר באַקומען פֿון יענער טאַבעלע פֿאַר אַלע פּראָווינצן, גרויס=פּוילן, מאַזאָוויע, קלײן=פּוילן און אוקראַינע (פֿגל. אויבן, ז. 94) קומט אויס אַזאַ:

אַרענדע און שענקערײַ	מסחר	טראַנספּאָרט	מלאכה	פֿרײַע פּראָפֿעסיעס אָנגעשטעלטע א. א. פּרנסות	פּראָפֿעסיע נישט פֿאַרצײַכנט
3,5	4	1,5	27	12	52

[8] זע: ישראל קלויזנער „תולדות הקהלה העברית בווילנה“, ווילנע 1928, ז. 52—54.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער סך הכל איז נישט מער ווי אַן אָנשפּאַר זיך צו אָריענטירן, בפרט אז עס קומט אויס, אז 52% ראשי־משפחות זענען פאַרצייכנט געוואָרן אָן א שום באַשעפטיקונג. כדי צו דערגיין די פאַקטישע פּראָפּאָרציע פון די פרנסה־צווייגן, לאָמיר קודם כל נעמען ווי אן אויסגאַנגס־פּונקט דעם פרנסה־צווייג, וואָס איז צום שטאַרקסטן רעפּרעזענטירט אין דער ציילונג — מלאכה. דער סך הכל פון אונדזער ציילונג פאַר גאַנץ קרוין־פּוילן ווייזט, אַז 27% עקאָנאָמיש־אַקטיווע ראשי־משפחות (ד. ה. אָן איידעמס און עלטערן אויף קעסט) איז געווען פאַרנומען מיט מלאכה (אויפן יסוד פון דער רשימה פון שטעט מיט אַ מינימום 50% באַרוף־פאַרצייכנטע משפחות; אויפן יסוד פון דער סטאַטיסטיק פון שטעט מיט אַ מינימום 25% אָנגעגעבענע פּראָפעסיעס, באַקומט זיך בלויז 24%). מיר האָבן אָבער שוין אויפגעוויזן מיט ראיות ברורות, אז די צאָל בעלי־מלאכות איז נישט קיין פולע, און אז אפילו אין די שטעט פון גרויס־פּוילן מיט דעם העכסטן פּראָצענט בעלי־מלאכות, בערך צוויי פינפטל פון אלע ראשי־משפחות, פעלט דאָס רוב פון קצבים, כמעט אלע בעקערס, אָפּגערעדט פון אנדערע מלאכות, ווי גלעזערס. אייגבינדערס א.א.וו.[9] ווי ווייט אָבער די דאָזיקע מלאכות זענען געווען פאַרשפּרייט, קאָן מען זען אפילו אין ליכט פון דער ציילונג, וווּ בלויז קצבים און בעקערס באַטרעפן 17,5% פון אלע פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות (פגל טאַב־C.VI G. מיר מעגן בכן שאַצן, אַז לכל הפחות אַ 15 פּראָצענט ביז אַ זעקסטל פון דער צאָל בעלי־מלאכות איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן אין די ציילונג־רייסטערס לויט די פּראָפעסיעס, נאָר געפינט זיך צווישן די ראשי־משפחות אָן א שום באַצייכענונג פון באַשעפטיקונג. לגבי דער צאָל פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות באַטרעפט ממילא דער היסור בערך א פינפטל. די באמתע פּראָפּאָרציע בעלי־מלאכות אין גאַנץ פּוילן האָט בכן לויט אלע סברות באַטראָפן מער ווי 27 פּראָצענט, נישט ווייניקער ווי 30—33 פּראָצענט פון אלע ראשי־משפחות ביי שטאָטישע יידן.

כמעט דעם זעלבן רעזולטאַט באַקומען מיר, אָנווענדנדיק דעם זעלבן קאָרעקטיוו, אויב מיר שטעלן צוזאַמען די פּראָפּאָרציע בעלי־מלאכות אין די באַזונדערע פּראָווינצן פון קרוין־פּוילן, פאַרשטייט זיך, לויט דער ספּעציפישער וואָג פון יעדער פּראָווינץ אין שייכות מיט דער גרייס פון איר יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג. פאַר גרויס־פּוילן קומט אויס די פּראָפּאָרציע בעלי־מלאכות אין סך־הכל פון 10 שטעט (טאַב. VI־C) 41,8%. היות אין די דאָזיקע שטעט באַטרעפן די פאַרצייכנטע באַרופן מער ווי דריי פינפטל פון אלע ראשי־משפחות, איז דווקא דער

---

[9] אויך בנוגע ווילנע ווערט באַשיימפערלעך באַוויזן דורכן מחבר פון דער מאָנאָגראַפיע, אַז די פאַקטישע צאָל בעלי־מלאכות איז געווען גרעסער, ווי עס איז אָנגעגעבן אין דער ציילונג, הגם די פּראָפּאָרציע פון מלאכה באַטרעפט דאָרט, ווו מיר האָבן באַרעכנט, 48% פון אַלע ראשי־משפחות. ישראל קלויזנער באַמערקט, אַז די ציילונג פון 1764 ווייזט אויף 16 בלעכערס, פון 1784—17 בלעכערס, בעת דער יידישער צעך פון בלעכער אין דער שטאָט האָט געציילט אין 1785 נישט ווייניקער ווי 42 מייסטערס. וואָס שייך גאָלדשמידן און קופּערשמידן, רעכנט אויס די ציילונג פון 1765 — 23, פון 1784 — 22, בעת דער צעך פון ביידע פּראַפעסיעס האָט געהאַט אין יענער צייט לכל הפחות 29 מיטגלידער. זע: ישראל קלויזנער, דצ"ו., דאָרטן.

דאָזיקער רעזולטאַט באַגלייבט אין גישט די פּראָפּאָרציע בעלי־מלאכות אין 47 גרויס־פּוילישע שטעט, וואָס באַטרעפט בלויז 29,3% (טאַב. VI B). אין מאַזאָוויע איז די פּראָפּאָרציע בעלי־מלאכות לויטביידע סך־הכלען די זעלבע, 19%, אין קליין־פּוילן באַטרעפן בעלי־מלאכות אין צוזאמענשטעל פון 7 שטעט 24% (טאַב. VI־A), אין סך הכל פון 35 שטעט און שטעטלעך בלויז 20,6%. אויך דאָ, ווי אין גרויס־פּוילן, דאַרפן מיר באַטראַכטן פאַר רעפּרעזענטאַטיוו גיכער די העכערע פּראָפּאָרציע, 24%, אי על פּי סברה, היות די שטאָטישע יידישע ישובים זענען דאָ געווען גרעסער ווי אין מאַזאָוויע און האָבן פאַרמאָגט מער שטריכן פון שטאָטישער ווירטשאַפט, אי צוליב דעם פאַקט, וואָס אפילו ביים געקליבענעם צוזאמענשטעל פון בלויז 7 שטעט, איז נאָך אלץ דער רוב ראשי־משפחות געבליבן אָן א שום פאַרצייכנטער באַשעפטיקונג. פאַר אוקראַינע פאַרמאָגן מיר פון י. 1765 פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס בלויז אין צוויי שטעטלעך (טאַב. VI־A); מיר קאָנען בכן זיך נישט סומך זיין אויף דער פּראָפּאָרציע בעלי־מלאכות, וואָס באַטרעפט דאָ 26,5%, נאָר מיר וועלן אָננעמען פאַר מער קרוב לאמת די קלענערע פּראָפּאָרציע, וואָס באַקומט זיך אין שכנותדיקן רייסן — פאַר בראָד, 20,6%. א סמך דערפאַר געפינען מיר אויף א שטח פון אוקראַינע לויט דער ציילונג פון י. 1789: אין 21 שטעט און שטעטלעך פון זשיטאָמירער קרייז באַטרעפן בעלי־מלאכות אין יענעם יאָר 18,5% פון אלע ראשי־משפחות ביי יידן (פגל. די ווייטערדיקע טאַבעלע VI D). פאַר אלע אוקראַינישע פּראָווינצן (אוקראַינע גופא, פּאָדאָליע, וואָלין און רייסן) דאַרף מען דערפאַר באַשטימען די פּראָפּאָרציע בעלי־מלאכות אין דער הויך פון בערך 20%. אָנגעמענדיק, אז די נישט־פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות האָבן באַטראָפן בערך א פינפטל פון דער צאָל פאַרצייכנטע, וועלן מיר באַקומען אזא צוזאמענשטעל לויט די באַזונדערע פּראָווינצן:

	פּראָצענט פון דער יידישער שטאָט־באַפעלקערונג אין גאַנץ קרוין־פּוילן [10]		פּראָפּאָרציע פון בעלי־מלאכות לגבי אלע ראשי־משפחות אין שטאָט (פאַרגרעסערט אויף 20%)
גרויס־פּוילן (אָן מאַזאָוויע)	16,5	×	825 = 50 (= 20% + 41.8)
מאַזאָוויע און פּאָדליאַשע [11]	4	×	92 = 23 (= 20% + 19)
קליין־פּוילן (אחוץ פּאָדליאַשע)	18	×	522 = 29 (= 20% + 24)
אוקראַינישע פּראָווינצן	61,5	×	1476 = 24 (= 20% + 20)
ס"ה קרוין־פּוילן	100		2915 : 100 = 29

וואָס שייך די פּראָפּאָרציע פון האַנדל, האָבן מיר נישט קיין דירעקטן אָנשפּאַר אין דער ציילונג, וואָרעם אפילו אין אזעלכע שטעט ווי קאַליש, קויל,

[10] אויפן יסוד פון דער טאַבעלע III A.

[11] וועגן דעם, אז פּאָדליאַשע, אין שכנות מיט מאַזאָוויע, האָט געהאַט אַן ענלעכע עקאָנאָמישע סטרוקטור, זאָגט עדות אפילו דער פאַקט אליין, וואָס אין ביידע וואָיעוואָדשאַפטן זענען דאָרפסלייט געווען אַ מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

לובאַרטאָוו, וואָס זענען כמעט א יוצא מן הכלל לויט דער צאָל און פּראָפּאָרציע פאַרצייכנטע סוחרים און קרעמער, איז דער שייכותדיקער פּראָצענט נישט העכער ווי 20% פון אלע ראשי־משפּחות. לויט אלע פאַראַנענע ידיעות איז אָבער האַנדל (אין אלע זיינע פאָרמען, אריינגערעכנט מאַרק־זיצעריונס, גאַסן־הענדלער, מעקלער, אאוו.) דעמלט געווען די פאַרשפּרייטסטע פּרנסה ביי יידן אין פּוילן, מער נאָך ווי מלאכה. מיר קאָנען בכן באַשטימען מיט גרויס וואַרשיינלעכקייט, אז בערך 35—38% פון אלע ראשי־משפּחות שטאָטישע יידן האָבן געצויגן זייער חיונה פון האַנדל.

די פּראָפּאָרציע פון אַרענדע, וואָס באַקומט זיך אין סך־הכל פון 22 שטעט (טאַב. VI־C) נישט מער ווי 3,5% פון אלע פּרנסה־צווייגן ביי שטאָטישע יידן, איז, פאַרשטייט זיך, נישט מאָסגעבנדיק. אין די באַזונדערע פּראָווינצן, גרויס־פּוילן, מאַזאָוויע, קליין־פּוילן און אוקראַינע, באַטרעפט די פּראָפּאָרציע 1,8, 15,2, 3,1 און 28. אויב פאַר גרויס־פּוילן מעגן מיר אָננעמען די פּראָפּאָרציע פאַר קרוב לאמת, דאַרפן מיר פאַר מאַזאָוויע, וואָס איז דאָ רעפּרעזענטירט בלויז דורך צוויי שטעטלעך, גיכער אָננעמען די עפּעס־נידעריקערע פּראָפּאָרציע, וואָס קומט אויס אין סך־הכל פון 10 שטעטלעך, דהיינו 14,2% (טאַב. VI B). אויך פאַר קליין־פּוילן ליגט זיך גיכער אויפן שכל דער סך־הכל פון 35 שטעטלעך אין טאַב. VI B, 3,8% די גרויס פאַר אַרענדע, איידער דער סך־הכל פון 7 שטעט און שטעטלעך, וואָס באַטרעפט בלויז 3,1%. פאַרקערט, וואָס שייך אוקראַינע, איז די פּראָפּאָרציע פון 28% אויפן יסוד פון בלויז צוויי שטעטלעך (שמיאלע און קאַניאָוו) לחלוטין צו הויך. לויט דער דערמאָנטער ציילונג פון 1789 אין 21 שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע, וואָס מיר ברענגען ווייטער אין א טאַבעלע (טאַב. VI D), האָט די פּראָפּאָרציע פון אַרענדע און שענקעריי צווישן יידישע פּרנסות דאָרט באַטראָפן אין סך־הכל נישט מער ווי 17,4 פּראָצענט. אמת, אז אין משך פון די 25 יאָר זינט 1764 איז אין אוקראַינע פאָרגעקומען א געוויסער ארויסשטויסונגס־פּראָצעס פון יידן פון אַרענדע, אָבער דערפון זענען געטראָפן געוואָרן בעיקר די דאָרפס־יידן, וואָס ביי זיי איז די צאָל אַרענדעס געפאַלן בערך א צענטל.[12] ביי שטאָטישע יידן זענען די אַרענדעס פאַרמינערט געוואָרן אין א קלענער מאָס, און דאָס אויך בלויז אין א טייל פון די פּריצישע שטעטלעך. די פאַרמינערונג האָט על כל פּנים נישט באַטראָפן מער ווי 5%, ממילא איז די פּראָפּאָרציע אַרענדאַרן ביי שטאָטישע און קליינשטעטלדיקע יידן אין אוקראַינע אין 1765 א סברה נישט געווען מער ווי אזויפיל העכער לגבי 1789, ד. ה. 18% אָנשטאָט 17%. דער חשבון פאַר די באַזונדערע פּראָווינצן וועט בכן אויסקומען אזוי:

---

[12] בעת אין י. 1765 איז אין אוקראַינע אין פּראָצענט דערפער געווען אָן יידן, איז אין 1778 שוין געווען 7 פּראָצענט אַזעלכע דערפער, און אין משך פון ווייטער־דיקע 6 יאָר, ביז 1784, איז די צאָל קריסטלעכע אַרענדאַרן געשטיגן אויף אַנדערטהאַלבן מאָל. פגל. ר. מאַהלער, די יידן אין אַמאָליקן פּוילן, אין זאַמלבוך „יידן אין פּוילן“, ב. 1, ניו־יאָרק 1946, ז. 358 א. וו.

	פראָצענט פון דער יידישער שטאָט=באַפעלקערונג אין קרוין=פוילן		פראָפּאָרציע פון ארענדאַרן און שענקערס (לגבי אלע ראשי=משפחות) אין שטאָט	
גרוים=פוילן (אָן מאַזאָוויע)	16,5	×	1,8	30
מאַזאָוויע און פּאָדליאַשע	4	×	14,2	57
קליין=פוילן (אַחוץ פּאָדליאַשע)	18	×	3,8	68
אוקראַינישע פּראָווינצן	61,5	×	18	1107
קרוין=פוילן	100	:	13 =	1262 : 100

לויט דעם דאָזיקן חשבון קומט בכן אויס, אַז בדרך כלל איז אין גאַנץ קרוין=פוילן אויסגעפאַלן 13% פון אַלע ראשי=משפחות ביי שטאָטישע יידן אויף דעם פרנסה=צווייג ארענדע און שענקעריי. אמת, אין אלע פראָווינצן אויך אין די אוקראינישע זענען געווען גאָר גרויסע קהילות, ווי לעמבערג, בראָד, וו ארענדע און שענקעריי איז געווען באַגרענעצט אין פּראָפּאָרציע בלויז צו עטלעכע פּראָצענט פון דער צאָל משפחות. דערפאר זענען אָבער פון דער אנדערער זייט געווען שטעטלעך, בפרט אין אוקראינע און אפילו אין רייסן (מזרח=גאַליציע), וו ארענדע און שענקעריי איז געווען די פרנסה פון רעלאַטיוון רוב ביי יידן.

טראַנספּאָרט האָט מאַקע אין גרעסערע שטעט פאַרנומען 3—4 פּראָצענט צווישן יידישע פּרנסות. היות אָבער אין קליינע שטעט איז אין שייכות מיט דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון האַנדל אויך דער טראַנספּאָרט (בעלי=עגלות, טרעגער) געווען פּראָפּאָרציאָנעל ווייניקער פאַרשפּרייט ווי א באַזונדערע פרנסה, קומט אויס אין סך=הכל פאַר דער גאַנצער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג (טאַב. VI=C) נישט מער ווי 1,5% אויף דעם חלק פון דעם דאָזיקן פרנסה=צווייג.

די פּראָפּאָרציע פרייע פּראָפעסיעס און אָנגעשטעלטע, צוזאַמען מיט באַדינערס און פאַרשיידענע פּרנסות באַטרעפט 10—12 פּראָצענט (10% אין אלע שטעט מיט א מינימום פון 25% אָנגעגעבענע פּראָפעסיעס, און 12% אין די שטעט מיט א מינימום 50% אָנגעגעבענע פּראָפעסיעס). אויך דאָ איז בולט די אומפולשטענדיקייט פון די פאַרצייכנטע צאָלן, אויפן ביישפּיל פון שמשים, מלמדים און אנדערע באַרופן, וואָס האָבן נישט געקאָנט פעלן אין א יידישער קהלה. היות דער דאָזיקער פרנסה=צווייג, אָדער אייגנטלעך קאָנגלאָמעראַט פון פאַרשיידענע פּרנסות, איז אין דער ציילונג פונקט אזוי פאַרהעלטנישמעסיק גוט רעפּרעזענטירט ווי מלאכה (צוליב דער שווין אָנגעוויזענער פאַרבינדונג פון די דאָזיקע פּראָפעסיעס מיט פאַמיליע=צונעמען), מעגן מיר אויך דאָ אָננעמען לכל הפחות דעם זעלבן פּראָצענט נישט=פאַרצייכנטע, בערך א פינפטל פון דער פאַרצייכנטער צאָל. מיר דאַרפן אָבער אויך די דאָזיקע פּראָפּאָרציע נאָך העכערן צוליב דעם, וואָס דאָ קומען אריין אויך עלעמענטן אָן א באַשטימטער באַשעפטיקונג, לומפּן=פּראָלעטאַריער און בעטלער. די פּראָפּאָרציע פרייע פּראָפעסיעס און ענלעכע פּראָפעסיעס האָבן בכן לויט אלע סברות באַטראָפן נישט 10—12, נאָר בערך 16—18 פּראָצענט.

זיי א פועל־יוצא פון די אלע באטראכטונגען, וועלן מיר קרוב לאמת מעגן אננעמען אזא פראפעסיאנעלן צוזאמענשטעל פאר דער שטאטישער יידישער באפעלקערונג אין קרוין־פוילן:

ארענדע און שענקערײ	מסחר	טראנספארט	מלאכה	פרייע פראפעסיעס פארש. פרנסות און אומבאש. פרנסות
אין % פון אלע ראשי־משפחות				
13—15	35—38	2—3	30—33	16—18

אן אומדירעקטע באשטעטיקונג פאר די דאזיקע אויספירן וועגן פראפעסיאנעלן צוזאמענשטעל פון דער שטאטישער יידישער באפעלקערונג אין קרוין־פוילן אין 1764 י. געפינען מיר אין די רעזולטאטן פון שפעטערדיקע ציילונגען, צום סוף 18־טן י"ה, אויף א טייל געביטן און אין א טייל שטעט פון פוילן. בפרט קומען אין באטראכט פאר א פארגלייך די פרייסישע סטאטיסטיק אין גרויס־פוילן אין 1793, נאך דער צווייטער צעטיילונג פון דער פוילישער מלוכה, און די ציילונג פון יידן אין פוילן אין 1789, פון וועלכער עס זענען פארעפנטלעכט געווארן די דאטעס בנוגע אוקראינע. מיר האבן פון די דאטעס צוזאמענגעשטעלט די ווייטערדיקע טאבעלע.

טאב. VI D

ווי מיר זעען פון דער טאבעלע, באשטעטיקן אפילו די פראגמענטארישע ציילונגען פון די שפעטערדיקע יארן אין אלגעמיינע שטריכן דאס בילד פון 1764. אמת, באלד נאך 1764 האט די רעכטלעכע לאגע פון יידן אין פוילן זיך געביטן צום שלעכטן, איבער דער גזירה פון סיים פון 1768, וואס האט פארווערט יידן צו פארנעמען זיך מיט שענקעריי, האנדל און מלאכה מחוץ די גרענעצן, וואס זענען דערלויבט געווארן לויט די אפמאכן פון די קהלות מיט די שטאט־מאגיסטראטן.[13] די גזירה איז אבער חל געווען, ווי מיר זעען, אויף אלע דריי הויפט־באשעפטיקונגען אין דער זעלבער מאס. מיר זעען פון דער טאבעלע, אז אין גרויס־פוילן איז נאך אלץ מלאכה דער ווייט־פארשפרייטסטער פרנסה־צווייג, וואס נעמט ארום (אין 3 פון 7 קהלות פון דער טאבעלע), פונקט ווי אין 1764, אפילו מער ווי א העלפט פון דער צאל עקאנאמיש־אקטיווע ראשי־משפחות. האנדל פארנעמט אויך דארט דעם צווייטן ארט נאך מלאכה. אויך אין אוקראינע, ווי מיר קאנען זען פון סך־הכל פון 21 שטעט אין זשיטאמירער פאוויאט אין 1789, איז מלאכה רעלאטיוו דער גרעסטער פרנסה־צווייג לויט דער צאל באשעפטיקטע; זי באטרעפט אבער נישט מער ווי 18,5% פון אלע ראשי־משפחות און אפילו ווען מיר זאלן נעמען אין באטראכט, אז העכער א דריטל (36.7%) פון ראשי־משפחות איז דארט נישט פארצייכנט געווארן מיט קיין שום פראפעסיע, וועלן מיר אויך די שייכותדיקע פראפארציע פון מלאכה נישט דארפן העכערן מער ווי ביז 25—30 פראצענט. ארענדע און שענקעריי באטרעפט אין די זעלבע אוקראינישע שטעט און

[13] פגל. ר. מאהלער, דצ"ו, דארט.

שטעטלעך אין סך־הכל כמעט אזא פראָפאָרציע פון ראשי־משפחות, ווי די פאַרצייכנטע צאָל בעלי־מלאכות, 17,4%. ווי א היפוך פון דער גאָר שטאַרקער פאַרשפרייטונג פון שענקעריי און ארענדע, געפינען מיר אין די זעלבע אוקראַינישע שטאָטישע קהלות האַנדל לפי ערך מיט א דריטל ווייניקער רעפרעזענטירט, נישט מער ווי קאַרגע 12% (11,7%). הגם מיר דאַרפן בנוגע האַנדל דאָ מאַכן די זעלבע באַוואָרעניש וואָס בנוגע מלאכה, דהיינו אין אַכט נעמען מער ווי א דריטל משפחות, וואָס זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן מיט קיין שום פראָפעסיע, וועט אויך מיט דער דאָזיקער קאָרעקטור די פראָפאָרציע פון האַנדלס־עלעמענטן אויסקומען קלענער ווי פון בעלי־מלאכות.

ענלעך ווי אין טיף אוקראַינע, האָבן ווייזט אויס אויסגעזען די פאַרהעלטענישן אין פראָפאָרציאָנעלן צוזאַמענשטעל אין די שטעטלעך אין מזרח־גאַליציע. לויט דער עסטרייכישער ציילונג פון 1772, האָבן אין שטעטל יאַלאָוויעץ (730 יידן) אויף 200 ראשי־משפחות 60, ד. ה. 30%, זיך פאַרנומען מיט ארענדע און שענקעריי און 14, ד. ה. 7%, מיט האַנדל. אין אן אנדער מזרח־גאַליציש שטעטל, זאַלעשטשיק (בערך 700 יידן), זענען פאַרצייכנט געוואָרן 32 ארענדאַרן און שענקערס, ד. ה. בערך (די צאָל ראשי־משפחות איז נישט אָנגעגעבן) 16% און 26, ד. ה. ארום 13%, הענדלער.[14]

צוליב א פאַרגלייך האָבן מיר אין דער טאַבעלע אויך אריינגענומען 9 שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד לויט די רוסישע „רעוויזיע־ציילונגען“ פון 1794—1795. שענקעריי און אַרענדע איז דאָרט געווען א פרנסה, וואָס האָט באַשעפטיקט כמעט צוויי דריטל (64,1%) פון אלע ראשי־משפחות. היות אָבער די דאָזיקע „רעוויזיע“ נעמט ארום, ווי עס ווייזט אויס, אויך די דאָרפישע אַרענדאַרן, קרעטשמערס און שענקערס אין די סביבות, קומט אויס, אז אין די שטעטלעך גופא האָבן געשעפט חיונה פון משקאות־פאַרקויף ארום 25—30% משפחות (דאָרפס־יידן האָבן אין יענער געגנט באַטראָפן בערך 40% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג). ווייסרוסישע שטעטלעך זענען בכן נאָך מער געווען ענלעך צו דערפער, איידער די שטעטלעך אין צענטראַל־אוקראַינע.

די הויכע פראָפאָרציע פון ארענדע און שענקעריי אין די ווייסרוסישע שטעטלעך פאָרט זיך דאָרט, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, מיט א גאָר נידעריקער פראָפאָרציע פון מסחר, קוים 5% (4,8%), מער ווי א העלפט קלענער, ווי די פאַרצייכנטע פראָפאָרציע אין אוקראַינע. אויך מלאכה קומט אויס דאָרט נידעריקער ווי אין אוקראַינע, הגם זי דערגרייכט דאָך אין סך־הכל פון אלע 9 שטעטלעך 13,6%. כאַראַקטעריסטיש איז די גאַנץ באַדייטנדיקע פראָפאָרציע פערזאָנען,

[14] זע: י. שיפער, דצ"ו, ז. 261—262. לויט זיין שיטה, וואָס מיר האָבן דערמאָנט, באַטראַכט שיפער די ראשי־משפחות אָן פאַרצייכנטע פראָפעסיעס ווי מענטשן אָן באַשטימטע פרנסות און באַרעכנט ממילא די שייכותדיקע פראָפאָרציע פון פרנסה־צווייגן אין פאַרהעלטעניש בלויז צו דער צאָל משפחות מיט אָנגעגעבענע פראָפעסיעס. לויט דעם כלל, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגענומען, האָבן מיר די פראָפאָרציע איבערגערעכנט אין שייכות צו אַלע פערזאָנען, וואָס ער באַצייכנט ווי „מענער אין עקאָנאָמיש־אַקטיוון עלטער“.

באַשעפטיקטע אין טראַנספּאָרט (בעלי=עגלות) — 4.5% פון אַלע ראשי=משפחות. אין אַנדערע געגנטן פון פוילן, וווּ מלאכה האָט פאַרנומען מער ווי א דריטל פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג, איז ממילא אויך דער אַנטייל פון טראַנספּאָרט רעלאַטיוו געווען א קלענערער. מיר קאָנען אָבער פון די צאָלן בנוגע ווייסרוסלאַנד אַרויסלערנען, אַז על כל פנים איז אונדזער שאַצונג פון 2% פון ראשי=משפחות אויף טראַנספּאָרט אין 1764 נישט קיין צו הויכע: האַנדל, וואָס איז אין דורכשניט אין גאַנץ קרוין=פוילן געווען דער גרעסטער פרנסה=צווייג, האָט זיך געניטיקט אין טראַנספּאָרט נישט ווייניקער ווי אַרענדע און שענקעריי.

אויך די סטאַטיסטיק פון די דריי גרעסערע שטאָטישע קהלות קוטנע, וואַרשע און קראָקע ווייזט אויף דערשיינונגען, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט אין דער ציילונג פון 1764. אין קוטנע, וווּ מיר האָבן כמעט א פולשטענדיקע סטאַטיסטיק פון משפחות לויט באַשעפטיקונגען (בלויז 5,4% ראשי=משפחות זענען פאַרצייכנט געוואָרן אָן שום פּראָפעסיע), באַטרעפן בעלי=מלאכות 45% פון אַלע עקאָנאָמיש=אַקטיווע ראשי=משפחות, בעת די באַשעפטיקטע אין האַנדל שטעלן צונויף נישט מער ווי א העלפט דערפון (23,3%). עס ווייזט זיך בכן אַרויס, אַז נישט נאָר אין גרויס=פוילן אין ענגערן זינען, נאָר אויך אין שכנותדיקע געביטן האָט אין מיטעלע קהלות די צאָל בעלי=מלאכות דערגרייכט פון צוויי פינפטל ביז א העלפט פון אַלע יידישע משפחות אין שטאָט. קוטנע קאָן בכן קלאַסיפיצירט ווערן אין דער זעלבער קאַטעגאָריע ווי איינאָווראָצלאַוו, אויך אויף דעם זעלבן שטח, וווּ עס זענען אין 1764 פאַרצייכנט געוואָרן 41% פון אַלע ראשי=משפחות ווי בעלי=מלאכות. וואַרשע און קראָקע שטעלן פאָר אין די 90=ער יאָרן צוויי פאַרשיידענע טיפּן: פון איין זייט א האַנדלס=שטאָט, און פון דער צווייטער זייט — א שטאָט מיט א רעלאַטיווער איבערוואָג פון מלאכה, ווי מיר האָבן עס באַשטימט אויפן יסוד פון דער ציילונג בנוגע ווילנע און בראָד: אין וואַרשע קרוב 27% באַשעפטיקטע אין מלאכה לגבי 25% אין האַנדל, אין קראָקע בלויז קנאַפּע 21% אין מלאכה לגבי 51% אין האַנדל. אין דער אמתן איז בכל אופן דער חילוק אין דער פּראָפּאָרציע פון האַנדל צווישן דיביידע קהלות נישט געווען אַזוי גרויס, וואָרעם אין וואַרשע האָבן מיר קרוב 35% משפחות, וואָס זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן מיט קיין שום פּראָפעסיע, בעת אין קראָקע באַטרעפט די דאָזיקע אומבאַשטימטע גרופּע בלויז קנאַפּע 11%. עס איז אויך ווערט צו באַמערקן דעם פאַקט, אַז אפילו אין אַזא כאַראַקטעריסטישער האַנדלסשטאָט ווי קראָקע באַטרעפט אויך די צאָל בעלי=מלאכות קרוב 21%, וואָס דאָס איז בערך די זעלבע פּראָפּאָרציע ווי לויט דער פאַרצייכנטער צאָל בעלי=מלאכות אין דעם גרויסן האַנדלס=צענטער בראָד (20,6%) אין דער ציילונג פון 1764.

אין פלוג האָט מען געקאָנט אָפּפרעגן אונדזערע אויספירן וועגן פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן אין 1764, אָנווייזנדיק אויף דעם באַקאַנטן פאַקט, אַז א באַדייטנדיקער פּראָצענט יידן אין יענע צייטן איז בכלל געווען פרנסהלאָז, אָדער אָן א שום באַשעפטיקונג. מען וואָלט געקאָנט זיך פאַררופן אויף די צאָלן, וואָס עס גיט אָן דער באַרימטער

פוילישער שטאַטסמאַן טאַדעוש טשאַצקי. לויט זיי קומט אויס, אַז לכל הפּחות 8% פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, אין שטאָט און דאָרף צוזאַמען, האָט זיך אַרומגעדרייט אָן אַ שום פּרנסה און אַ טייל פון זיי האָט געלעבט פון בעטלעריי.[15] מיר דאַרפן אָבער קודם כל אין אַכט נעמען, אַז טשאַצקי האָט געמאַכט זיין פעסטשטעלונג אין דער צייט פון גרויסן סיים (1788—1792), ד. ה. כמעט מיט אַ דרייסיק יאָר שפּעטער פון אונדזער ציילונג, ווען אַ גרויסע מאַסע יידן איז דערפירט געוואָרן צום אויסטערלישן דלות דורך דער דערמאָנטער גזירה פון סיים פון 1768, דורך די גירושים מצד דער פּרייסישער אָקופּאַציע און מצד עסטרייך אין גאַליציע און קודם כל דורך אַרויסשטויסן יידן פון אַרענדע און שענקעריי. דער עיקר אָבער דאַרפן מיר אין זינען האָבן, אַז אונדזער קלאַסיפיקאַציע פון פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל איז נישט קיין סאָציאַלע, נאָר אַן עקאָנאָמישע, לויט דער פּראָפעסיע. דער האָזיקער כלל איז אָנגענומען אין דער מאָדערנער סטאַטיסטיק ביי פאָלקס-ציילונגען, וו אפילו מענטשן, וואָס זענען עטלעכע יאָר אַרבעטלאָז, ווערן קלאַסיפיצירט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל לויט זייערע פּראָפעסיעס און נישט ווי אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע.

דער דלות, די אומסטאַביליקייט און אומזיכערקייט פון יידישע פּרנסות אין יענער צייט האָט אויך כאַראַקטעריזירט די דערשיינונג, וואָס די צאָל ראשי-משפּחות מיט טאָפּלטע און אפילו עטלעכע באַשעפטיקונגען איז געווען לפי ערך אַ סך גרעסער ווי היינט. פון דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע וועגן דער קהלה קוטנע לויט דער פּרייסישער ציילונג פון 1796 ווערן מיר געוואָר וועגן דעם אַ סך פּרטים: שענקעריי איז דאָרט געווען פאַרשפּרייט ווי אַ ביי-פּרנסה נישט בלויז ביי סוחרים, נאָר אויך ביי בעלי-מלאכות, ווי אַ גאָלדשמיד (אחוץ דעם האַנדלטער נאָך מיט בשמים...), אַ היטלמאַכער, 2 שניידער און 3 קירזשנער. אַזאַ פּראָפעסיע ווידער ווי זאַלץ-קאָכן איז געווען די פּרנסה פון שענקער, קרעמער און באַלבירער. מיר געפינען דאָרט קרעמער, וואָס פאַרנעמען זיך אין סעזאָן מיט מלאכה און פאַרקערט, בעלי-מלאכות, וואָס זענען גלייכצייטיק קרעמער. די דערשיינונג, אַז פרויען פון מלמדים, חזנים, שמשים אדגל. פלעגן „צואַרבעטן" ווי מאַרקזיצערינס, איז געווען שוין דעמאָלט באַקאַנט און אַ סברה נישט ווייניקער פאַרשפּרייט ווי אין יידישע שטעטלעך אין 20-טן י"ה. אין די ציילונג-רעיסטערס אין מאַזאָוויע האָבן מיר געפונען עטלעכע מאָל פאַרצייכנט דאָרפס-אַרענדאַרן, וואָס זענען גלייכצייטיק געווען שניידערס. וועגן דעם, אַז דאָרפס-שענקערס און קרעטשמערס אין 18-טן י"ה האָבן זיך ווי אַ כלל פאַרנומען אויך מיט קרעמעריי, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן סיי אויפן יסוד פון דער ליטעראַטור פון יענער צייט, סיי אויפן יסוד פון אַרכיוו-דאָקומענטן. עס לייגט זיך דערביי אויפן שכל, אַז אויך אין שטעט און שטעטלעך, הגם אין אַ קלענערער מאָס, האָבן שענקערס און קרעטשמערס זיך פאַרנומען מיט קרעמעריי ווי מיט אַ צווייטיקער פּרנסה. גרויסע אַרענדאַרן האָבן אויך געפירט אַ מסחר אויף אַ ברייטן פאַרנעם, בפרט מיט פּראָדוקטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אַרענדע, ווי האָלץ,

---

[15] ט. טשאַצקי, דצ"ו, ז. 119.

אַש, סמאָלע אא״וו. בנוגע אוקראַינע, וווּ מיר געפינען אַן אומגעוויינלעך הויכע פּראָפּאָרציע אַרענדאַרן און שענקערס ביי א לפי ערך קליינער צאָל פּערזאָנען פאַרצייכנטע ווי הענדלער, קאָנען מיר אָננעמען ווי א קיימא־לן, אַז א באַדייטנדיקער טייל שטאָט־יידן, וואָס האָבן געהאַלטן שענקען און קרעטשמעס, האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט האַנדל און קרעמעריי. דער פאַקט, וואָס זיי זענען אַלע פאַרצייכנט געוואָרן ווי שענקערס, איז אָבער דאָך דער דעצידירנדיקער בנוגע דעם אופן ווי מיר דאַרפן זיי פּראָפעסיאָנעל קלאַסיפיצירן.

פונקט ווי די אָפטע טאָפּלטקייט פון באַשעפטיקונגען, אַזוי דאַרף אויך די אומבאַשטימטקייט נישט זיין קיין מניעה צו קלאַסיפיצירן לויט פּראָפעסיע. בפרט וואָס איז שייך די באַשעפטיקטע אין מסחר, קאָנען מיר פעסטשטעלן מיט זיכערקייט, אַז דאָס רוב פון דער דאָזיקער גרופּע איז נישט באַשטאַנען פון סוחרים אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט, נאָר דווקא פון קליינע קרעמער, הענדלער, מעקלער, גאַסנהענדלער, מאַרקזיצער אדגל.[16] זייער געדריקטע סאָציאַלע לאַגע ביים אָבער נישט דעם פאַקט פון זייער אָביעקטיווער צוגעהעריקייט צו א באַשטימטער פּראָפעסיע און בכל אופן באַרעכטיקט זי אונדז נישט זיי צו קלאַסיפיצירן ווי מענטשן מיט אומבאַשטימטע פּרנסות. פאַרקערט, מיר קאָנען אָננעמען מיט דעם גרעסטן גראַד וואַרשיינלעכקייט, אַז דער גרעסטער טייל פּערזאָנען מיט אומבאַשטימטע און אומזיכערע פּרנסות זענען באַשטאַנען פון האַנדלס־עלעמענטן. „כאַפּן א פאַרדינסטל“ דורך קויפן „א מציאה“, אָדער פאַרמיטלען, איז געווען מעגלעך אפילו אָן שום פּראָפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציעס, בעת א מלאכה האָט געפאָדערט פאַך־קענטענישן און אפילו נישט קוואַליפיצירטע שוואַרצע אַרבעט פון טאָג־לוינער, האָלצהעקער, וואַסער־שעפּער, טרעגער אא״וו, איז מעגלעך געווען נאָר פאַר פיזיש שטאַרקע פּערזאָנען, שוין אָפגערעדט דערפון, וואָס אַזאַ באַשעפטיקונג איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דער נידעריקסטער אין דער סאָציאַלער היעראַרכיע.

די סטאַטיסטיק פון יידן אין זשיטאָמירער פאָוויאַט אין אוקראַינע פון 1789 באַשטעטיקט אין דער פולסטער מאָס אונדזער באַהויפּטונג, אַז די ראשי־משפּחות, ביי וועלכע עס זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן די פּראָפעסיעס, טאָרן בשום אופן נישט באַטראַכט ווערן פאַר פּערזאָנען אָן א באַשטימטער פּראָפעסיע. פון 725 ראשי־משפּחות (36,7% פון אַלע ראשי־משפּחות), וואָס זענען אין די 21 אוקראַינישע שטעט און שטעטלעך נישט פאַרצייכנט געוואָרן מיט קיין שום פּראָפעסיע, זענען בלויז 108, ד. ה. בערך א זיבנטל, געווען לאָקאַטאָרן („קאָמאָרניקעס“), די איבעריקע ווערן בפירוש באַצייכנט ווי „בעלי־בתים“ (gospodarze) מיר זענען בכן באַשיינפּערלעך, אַז אפילו דאָרטן, וווּ קרוב צוויי דריטל פון אַלע משפּחות איז באַצייכנט לויט פּראָפעסיעס, באַשטייען די איבעריקע אויך נישט פון פּראָפעסיאָנעל אומבאַשטימטע עלעמענטן. זיי האָבן אפילו סאָציאַל נישט געהערט צו ראַנד־עלעמענטן, וואָרעם ווי בעלי־בתים האָבן זיי געהאַט אייגענע דירות און דאָס רוב מן־הסתם אויך אייגענע הייזער. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומבאַשטימטע

[16] זע: ר. מאַהלער, יידן אין אַמאָליקן פוילן, „יידן אין פוילן“, ז. 202—208.

עלעמענטן, וואָס ווערן אין יענער ציילונג אָפּט באַצייכנט ווי „לויזע" (luźni) זענען דאָרט פאַררעכנט געוואָרן אין אַ באַזונדערער רובריק צוזאַמען מיט פּראָפעסיאָנאַלן און משרתים אונטער דעם קעפּל „משרתים" (służący). די דאָזיקע רובריק באַטרעפט אין סך הכל 15.7% פון אַלע ראשי־משפחות, בעת די רובריק פון סתם „בעלי־בתים" מיט אַ קליינעם צוגאָב פון סתם לאָקאַטאָרן נעמט אַרום קרוב 37% פון דער שטאָט־באַפעלקערונג, הכלל מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל ווי יענע.

לאָמיר איצט באַטראַכטן בפרטיות די באַזונדערע פּרנסה־צווייגן פון שטאָט־ייִדן, אויך ווי ווייט זיי ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דער ציילונג.

1. אַרענדע און שענקערײַ

טאַב. VI E

די רשימה פון באַשעפטיקטע אין אַרענדע און שענקערײַ איז לחלוטין נישט קיין פולשטענדיקע. נישט בלויז אין די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, ווו אַרענדע איז נישט אומעטום געווען פאַרפּאַכט צו ייִדן, געפינען מיר אַ גרויסע צאָל שטעט, ווו אַרענדאַרן ווערן נישט דערמאָנט, נאָר אפילו אין אַזעלכע וואָיעוואָדשאַפטן ווי די מאַזאָווער און לובלינער, ווו אַרענדע איז געווען אַלגעמיין פאַרשפּרייט, זענען דאָ שטעט, ווו אַרענדאַרן זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן. מיר האָבן אָבער דירעקטע ראיות, אַז אַרענדאַרן זענען געווען אויך אין אַזעלכע שטעט, ווו זיי ווערן אין דער ציילונג גאָרנישט דערמאָנט. אין ציילונגס־רייסטער פון קאָצק ווערן בלויז דערמאָנט 5 שענקערס און 1 ווייגער, בעת מיר ווייסן פון אַנדערע מקורים, אַז אין 1766 האָבן דאָרט געהאַלטן די שטאָטישע אַרענדע צוויי אַרענדאַרן מיט די נעמען גרשונקע און נאָטקע.[17] פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר אין דער ציילונג פון כמעט אַלע וואָיעוואָדשאַפטן אַזעלכע שטעט און שטעטלעך, ווו עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן צו עטלעכע אַרענדאַרן. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט זענען פאַרצייכנט געוואָרן 9 אַרענדאַרן אין לובלין, 7 אין לובאַרטאָוו, און אפילו אין אַזאַ שטעטלע ווי ביסקופּיץ, מיט 53 נפשות, אַזש 3 אַרענדאַרן. פּונקט אַזוי געפינען מיר אין דאָברע (שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט) אויף 81 ראשי־משפחות 3 אַרענדאַרן, אין יאַראָטשין (קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 69 משפחות — 5 אַרענדאַרן, אין קאָדשיעוש (גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט) מיט 156 משפחות — 4 אַרענדאַרן, אין פּינטשעוו (צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט) — 6 אַרענדאַרן, אין דוקלע (קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט) — 4 אַרענדאַרן אא"וו. אין מאַזאָוויע איז אין 9 פון 25 שטעטלעך פאַרצייכנט געוואָרן מער ווי צו איין אַרענדאַר. אין אַזאַ שטעטל ווי זאַראָמב (113 נפשות) — אַזש 11. מען קאָן אָננעמען, אַז אַחוץ אין דריי אין מערב אַרויסגערוקטע גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן (פּויזנער, גנעזנער און קאַלישער) האָבן זיך געפונען ייִדישע אַרענדאַרן כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל אין פּוילן.

17 Janina Bergerówna, Księżna Pani na Kocku i Siemiatyczach, Lwów, 1936, p. 397.

אחוץ אַרענדאַרן זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין דער ציילונג קרעטשמערס, שענקערס, ברעַערס, ווייַנערס און נאמנים, אין אַ פאַרשידענער פּראָפּאָרציע אין באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן. לאָמיר זען, וואָס די דאָזיקע טערמינען באַצייכענען און וואָס איז דאָס שייכות פון די דאָזיקע פּרנסות צו אַרענדע.

א) אַרענדאַרן

דער טערמין אַרענדאַר איז אין דער ציילונג נישט קיין גענוי באַשטימטער. די גענויע באַדייטונג פון וואָרט אַרענדע איז פּאַכט און אַן אַרענדאַר איז ממילא דער, וואָס פּאַכט פון פריץ איינע צי מערערע פון זיינע הכנסות. וואָס שייך שטאָטישע אַרענדאַרן קומט אין באַטראַכט די אַרענדע פון ברויהויז, גוראַלניע, קרעטשמע, שענק; מאַרק־אָפּצאָל („טאַרגאָווע"), וועג־אָפּצאָל („מויט"), אַדורכפאָר־אָפּצאָל (przewozowe) און אין זעלטענע פאַלן אויך מילן. די אַלע הכנסות פון דער שטאָט זענען לרוב פאַרפּאַכט געוואָרן צו איין אַרענדאַר, אָדער עטלעכע שותּפים. אין אונדזערע ציילונג־רעגיסטערס געפינען מיר אין פאַרשידענע וואָיעוואָדשאַפטן אַרענדאַרן, וואָס ווערן באַצייכנט בפירוש מיטן נאָמען גענעראַל־אַרענדאַר (ערשקאַ נחומאָוויטש אין לוקאָוו, לובלינער וואָיעוואָדשאַפט), אָדער זיי ווערן אָנגערופן דער אַרענדאַר (מיט דער הא הידיעה) פון דער שטאָט. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט ווערט דערמאָנט דער לובאַרטאָווער אַרענדאַר (שלמה קאַשיאָוויטש) און דער מאַרקושאָווער אַרענדאַר (קעלמאַן קוטיאַלאָוויטש); אין דער מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט — דער ראָזשאַנער אַרענדאַר; אין דער צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט — דער סטאָפּניצער אַרענדאַר.

וואָס פאַראַ גרויסע פינאַנסיעלע אונטערנעמונג עס איז געווען די הויפּט־אַרענדע פון דער שטאָט, קאָן מען זען פון בייַשפּיל פון קאָצק: פאַר דער שטאָטישער אַרענדע האָבן אין 1767 די דריי שותּפים דוד יאַקובאָוויטש, אבוש און וואָלף באַצאָלט דער פירשטין יאַבלאָנאָווסקאַ 14.700 גילדן, בעת די אַרענדע פון „מויט" (וועג־אָפּצאָל) צוזאַמען מיט מילן האָט געקאָסט אין זעלבן יאָר בלויז 1400 גילדן. אין סך הכל האָבן די הכנסות פון די שטאָטישע אַרענדעס פון די גיטער פון דער דערמאָנטער פירשטין איבערגעשטיגן די הכנסות פון די דאָרפישע אַרענדעס: די גיטער פון דער פירשטין יאַבלאָנאָווסקאַ, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער סעמיאַטיטש, קאָצק, ווייסאָקיע ליטעווסק, וואָלין, סטרעליסק, קוקיזאָוו (לעמבערגער געגנט), מאַריאַמפּאָל און יעזופּאָל (סטאַניסלאַווער געגנט), האָבן אין 1773 אַרייַנגעבראַכט פון שטאָטישע אַרענדעס 103.987 גילדן און פון דאָרפישע 97.755 גילדן.[18]

אין אַ טייל פון די שטעט, וו עס זענען פאַרצייכנט אין דער ציילונג שטאָט־אַרענדאַרן, ווערן אויך דערמאָנט סתם אַרענדאַרן, ווי למשל אין לובאַרטאָוו, לוקאָוו, ראָזשאַן. עס איז אַ סברה, אַז אין רוב פון די פּריצישע שטעט און שטעט־

[18] יאַנינאַ בערגער, דצ"ו, ז. 397.

לער אין פּוילן האָבן עקזיסטירט שטאָט־אַרענדאַרן און זיי האָבן ערשט איבערגענומען אייניקע הכנסות, ווי דאָס ברייהויז (ברויז), גוראַלניע, קרעטשמעס, שענקען, אָדער אונטערפּאַכטער, וואָס האָבן זיך אויך גערופן אַרענדאַרן, אָדער קרעטשמערס און שענקערס. אין דער שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט ווערט דערמאָנט אין הוקאַרט (וואַרטע) וועגן די דאָרטיקע 4 אַרענדאַרן, און אין זאַבראָווענן די דריי אַרענדאַרן, אַז זיי זענען געזעסן אין גוראַלניעס (בראָנפן־ברענערייען). אין דער לענטשיצער וואָיעוואָדשאַפט ווערט באַצייכנט דער אַרענדאַר אין בזשעזשין (לאָדזשער געגנט) ווי דער מאַרק־אָפּצאָל־אַרענדאַר (Arendarz targowy).

אין מאַזאָוויע, וווּ די צאָל אַרענדאַרן איז גאָר אַ הויכע און וווּ אַפילו אין קליינע שטעטלעך געפינען זיך צו עטלעכע אַרענדאַרן, איז אַ סברה, אַז דאָס רוב פון זיי האָט געפּאַכט קרעטשמעס און שענקען און נישט קיין ברייהייזער און גוראַלניעס. הגם אַ טייל שטעטלעך זענען צעטיילט געווען צווישן עטלעכע פּריצים (זאַראָמב מיט 11 אַרענדאַרן איז געווען דער פּריוואַט־באַזיץ פון 5 פּריצים!), ליגט זיך שווער אויפן שכל, אַז אין יעדן טייל פון שטאָט באַזונדער זאָל האָבן געווען אַ גוראַלניע אָדער אַ ברייהויז. אויך דער פאַקט גופא, וואָס מיר האָבן אין די מאַזאָווישע שטעטלעך אויף 44 אַרענדאַרן סך הכל 7 קרעטשמערס און 6 שענקערס (פגל. טאַבעלע), איז אַן אומדירעקטע ראיה, אַז די אַרענדאַרן אַליין האָבן געהאַלטן קרעטשמעס און שענקען. אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט ווערן אין 2 שטעט אַרענדאַרן דערמאָנט ווי ברייהויז־אַרענדאַרן: אין דוקלע ווערט פאַרצייכנט וועגן איינעם פון די דאָרטיקע 4 אַרענדאַרן, אַז ער זיצט אין ברייהויז פון די מלוכה־פּיצאַנצן (w browarze skarbowym) און אין פּיליץ איז פאַרשריבן דער איינציקער דאָרטיקער אַרענדאַר ווי „אַרענדאַר פון פּיליצער ברייהויז“. עס ווייזט אויס, אַז נישט בלויז אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, נאָר אין קליין־פּוילן בכלל האָט דאָס רוב אַרענדאַרן אין די שטעט געפּאַכט ברייהייזער. דאָס קאָן מען אַרויסדרינגען אויך פון פאַקט, וואָס עס ווערן דערמאָנט אין 3 שטעט פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט (ווישניץ, האָלאָשיץ און זשאַרנאָוויץ) 5 בירקאָכער (Piwowar) ראשי־משפּחות און בלויז 2 „ברענער“ (בראָנפן־ברענער). דער עיקר איז אָבער, וואָס אין דער זעלבער געגנט איז דער טערמין אַרענדאַר מן הסתם באַנוצט געוואָרן אין שטאָט אין דער זעלבער באַדייטונג ווי אין דאָרף. און וואָס שייך דאָרף־אַרענדאַרן, געפינען מיר אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט צווישן 233 ראשי־משפּחות, וואָס זענען פאַרשריבן געוואָרן מיט דער דאָזיקער באַשעפטיקונג, 135 סתם אָן אַ נאָענטער באַצייכענונג, 75 מיט דעם צונאָב, אַז זיי זיצן אין ברייהויז און 23, אַז זיי זיצן אין דער קרעטשמע. אויך אין דער צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט זענען די פאַרהעלטענישן געווען ענלעך: הגם בפירוש ווערט וועגן שטאָטישע אַרענדאַרן דערמאָנט בלויז אין צוויי פאַלן, אין כמיעלניק (וועגן איינעם צווישן 3) און אין פּרשעצלאַוו (וועגן איינציקן אַרענדאַר), אַז זיי וווינען אין ברייהויז, ווערט וועגן די דאָרפישע אַרענדאַרן דאָס רוב בפירוש דערמאָנט, אַז זיי האַלטן ברייהייזער. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר, וואָס אַן אמת, אין לובלין אויף 9 אַרענדאַרן 7 באַצייכנט ווי קרעטשמע־אַרענדאַרן און בלויז 2 ווי ברייהויז־אַרענדאַרן; דערפאַר אָבער אין

ליבאַרטאָוו זענען פון 7 אַרענדאַרן 1 שטאָט-אַרענדאַר (אין דער פּריצישער „אויסטעריע“, אין גאַסטהויז), 2 אָן א גענויערער באַצייכענונג און 4 אין ברייהייזער, און אין אַנדערע שטעט ווערן אַרענדאַרן און קרעטשמערס בכלל נישט דערמאָנט, בעת אין צוויי שטעטלעך פּיאַסקי (ביי לובלין) און ראַכאָוו ווערט וועגן צוויי אַרענדאַרן (אין פּיאַסקי איינער צווישן 7, און ראַכאָוו איינער פון 2) יאָ אָנגעגעבן, אַז זיי האַלטן ברייהייזער. אין די דערפער פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט האָבן, ווי עס באַווייזט דער ביישפּיל פון דער קראַשניקער קהלה, די אַרענדאַרן דאָס רוב געהאַלטן ברייהייזער, הגם עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן ברייהויז, אָדער אָן אַ ברייהויז, געפּאַכט איינע אָדער עטלעכע קרעטשמעס. וואָס שייך אוקראַינע, פעלן אונדז ידיעות פון 1764, וואָס זאָלן אונדז באַרעכטיקן געניי צו באַשטימען די פונקציע פון די דאָרטיקע שטאָטישע אַרענדאַרן. פון די צוויי שטעטלעך, ווו עס איז פאַרצייכנט געוואָרן די פּראָפעסיאָנעלע סטאַטיסטיק אין 1764, האָט אין קאַניאָוו דער איינציקער פאַרשריבענער אַרענדאַר אויך געהאַלטן אַ שענק, וואָרעם צווישן זיינע דריי פאַרהייראַטע משרתים (szafarz) ווערט איינער באַצייכנט ווי אַ משרת אין דער שענק. אין שמילע זענען פאַרצייכנט געוואָרן 6 אַרענדאַרן, דערפון איינער ווי דער „מויטניק“ (mytnik) און אַ צווייטער ווי אַ מעד-אַרענדאַר (miodownik).

די ציילונג פון 1789 אין זשיטאָמירער פּאָוויאַט פון אוקראַינע (קיעווער וואָיעוואָדשאַפט) ווייזט אָן, אַז די שטאָט-אַרענדעס זענען דאָרט געווען זייער צעברעקלט: אויב אין 18 שטעט און שטעטלעך פון דעם פּאָוויאַט זענען פאַרצייכנט געוואָרן 52 קרעטשמערס, 297 שענקערס און קיין איין אַרענדאַר, איז אַ סברה, אַז דאָס רוב דאָרטיקע שטעטלדיקע אַרענדאַרן האָבן געהאַלטן אין פּאַכט צו איי קרעטשמע אָדער שענק.

אין סך-הכל קאָנען מיר אויספירן וועגן דער קאַטעגאָריע אַרענדאַרן ביי שטאָטישע ייִדן אין דער ציילונג פון 1764, אַז זי האָט באַצייכנט פאַרשידענע פונקציעס אין באַזונדערע געגנטן פון פּוילן. ווייזט אויס, אַז אין רוב שטעט און שטעטלעך זענען געווען איינצלנע אַרענדאַרן, אָדער שותפים, וואָס האָבן געהאַלטן אין פּאַכט די גאַנצע אַרענדע פון דער שטאָט. די אַנדערע אַרענדאַרן, איינגעטלעכע סוב-אַרענדאַרן, האָבן אין גרויס-פּוילן לרוב געהאַלטן גוראַלניעס, אין מאַזאָוויע — איינצלנע קרעטשמעס, אין קליין-פּוילן — ברייהייזער, צום טייל אויך קרעטשמעס און שענקען און אין אוקראַינע — לרוב קרעטשמעס און שענקען.

ב) קרעטשמערס און שענקערס

די צאָל קרעטשמערס און שענקערס אין די שטעט איז אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן פאַרצייכנט געוואָרן גאָר ווייניק, מיטן אויסנאַם פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט און פון אוקראַינע, ווו די צאָל שענקערס איז אַ גאַנץ באַדייטנדיקע. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט האָבן מיר אויף 61 אַרענדאַרן אין די שטעט 26 שענקערס און אין די צוויי שטעטלעך פון אוקראַינע 10 שענקערס לגבי 7

אַרענדאַרן. די דאָזיקע צוויי שטעטלעך אין אוקראַינע זענען אָבער געווען טיפּישע, ווי מען קאָן זען פון דער ציילונג פון זשיטאָמירער פּאָוויאַט אין 1789: די צאָל שענקערס אין 18 שטעט און שטעטלעך באַטרעפט דאָרט, ווי דערמאָנט, 297. הגם די ציילונג אין פּרט פון ארענדע און שענקעריי אין אין גאַנץ פּוילן אַ פראַגמענטאַרע, איז אָבער נישט מוטל בספק, אַז שענקעריי און קרעטשמעריי איז טאַקע אין אמתן אין אוקראַינע געווען אַ סך מער פאַרשפּרייט ביי שטאָט־יידן ווי אין אַנדערע געגנטן פון פּוילן. אַחוץ דעם מעגן מיר זיך אויך משער זיין, אַז אַ טייל קרעטשמערס און שענקערס, בפרט אין אַזעלכע וואָיעוואָד־שאַפטן מיט אַ הויכער פּראָפּאָרציע אַרענדאַרן ווי מאַזאָוויע און לובלינער, זענען אַריין אין דער ציילונג אונטער דער באַצייכענונג אַרענדאַרן דערפאַר, וואָס די שענק און קרעטשמע איז ביי זיי געווען אַ טייל פון דער אַרענדע.

צו די געציילטע קרעטשמערס האָבן מיר אויך פאַררעכנט די ווייניקע האָטעל־באַזיצערס, וואָס ווערן ספּאָראַדיש דערמאָנט אין עטלעכע וואָיעוואָד־שאַפטן (לונטשיצער, שיעראַדזער, לובלינער, קיעווער). די גאַסטהייזער (על פּי רוב הייסן זיי austerya, אין אוקראַינע: אויך dom zajezdny — אַן אַריינפאָר־הויז) זענען פּריצישע (לובאַרטאָוו) און אויך מלוכהשע (אָוורוטש אין אוקראַינע).

ג. ברענערס און וויינערס

די באַצייכענונגען „בראָנפן־ברענער“, „ברענער“ (gorzelany, gorzelnik) און ווייַנער (אין די יידיש־העברעישע אָריגינאַלן פון די ציילונג־רעגיסטערס אין דער זשיטאָמירער וואָיעוואָדשאַפט: „וואַנער“, אויף פּויליש על פּי רוב winiarz אַמאָל winnik, אין אוקראַינע בדרך כלל winnik) האָבן מן הסתם לכתחילה באַצייכנט די זעלבע צוויי פונקציעס: דאָס ברענען און דעסטילירן דעם בראָנפן אָדער בירקאָכן. מיט דער צייט איז ווייזט אויס פאָרגעקומען אַ דיפערענצירונג פון די טערמינען. א ברענער האָט געהייסן בעיקר א בראָנפן־ברענער און א „וואַ־נער“—א בירקאָכער. היות אָבער אין א טייל געגנטן זענען געווען מער פאַרשפּרייט גוראַלניעס, אין אַנדערע — ברויהייזער (בראָוואַרן), האָט מען סיי דעם ספּעציאַליסט פון בראָנפן־ברענען, סיי דעם בירקאָכער אָנגערופן מיט דעם זעלבן טערמין לויט דער פונקציע, וואָס איז געווען מער פאַרשפּרייט אין דער באַשטימטער געגנט: אין א געגנט פון גוראַלניעס—„ברענער“, אין א געגנט פון ברויהייזער—„ווייַנער“. נאָר אַזוי לאָזט זיך דערקלערן, פאַרוואָס אין די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן ווערן אויפגעציילט צו עטלעכע ברענערס, אָבער קיין איין „ווייַנער“. אין דער מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט איז פאַרקערט: מיר געפינען דאָרט פאַרצייכנט בסך הכל 12 ווייַנערס אָבער קיין איין „ברענער“. אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט ווערט בלויז דערמאָנט איין „ווייַנער“ (אין דוקלע, נישט קיין באַוויבטער), פון די 7 ראשי משפחות פון דער דאָזיקער פּראָפעסיע ווערט איינער אָנגערופן „ברענער“ (palarz אין ווישניץ), 5 „בירקאָכער“ (piwowar) און איינער — „בראָנפן־ברענער“ (gorzelnik). אין דער זשיטאָמירער וואָיעוואָדשאַפט זענען

6 פון דער קאַטעגאָריע באַצייכנט ווי „ווייגער“ און 10 (אַלע אין פינטשעוו) ווי „בראָנפּן־ברענער“ gorzelnik. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר בלויז „ווייגער“ און דווקא אין א גרויסער צאָל און פּראָפּאָרציע, אָבער פונקט ווי אין מאַזאָוויע, ווערן דערפאַר נישט דערמאָנט קיין „ברענער“, נאָר אויפן גאַנצן שטח איין ביר־ברייער (piwowar). אויך אין די צוויי שטעטלעך אין דער קיעווער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר בלויז „ווייגער“ און קיין איין „ברענער“.

עס איז בכן אָן ספק, אַז „ווייגער“ און „ברענער“ האָבן אין פאַרשידענע געגנטן פון פוילן באַדייט דאָס זעלבע, און עס האָבן אויך געמוזט זיין פאַלן, פונקט ווי נאָך אין 20־טן י״ה, אַז דער זעלבער פאַכמאַן האָט זיך פאַרנומען אי מיט ברייען ביר אי מיט ברענען בראָנפן. מיר מעגן דערפאַר די דאָזיקע ביידע רובריקן באַטראַכטן ווי איינע. אויספאַלנדיק איז די גאָר קליינע צאָל פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן, באַזונדער אין מאַזאָוויע, וווּ מיר האָבן בלויז 12 ווייגער, ווייניקער ווי אַ דריטל אין פאַרגלייך מיט דער צאָל אַרענדאַרן (44), בעת אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט איז די צאָל ווייגער אפילו באַדייטנדיק גרעסער ווי די צאָל אַרענדאַרן: 78 לגבי 61. ווייזט אויס, אַז דאָס איז בלויז אַ רעזולטאַט פון דער אומפּינקטלעכקייט פון דער ציילונג, וואָרעם עס ליגט זיך נישט אויפן שכל, אַז אפילו אין מאַזאָוויע, וווּ די אַרענדאַרן זענען בדרך כלל געווען אָרעמער ווי ערגעץ־אַנדערש, זאָלן זיי זיך האָבן געקאָנט באַגיין אָן פאַכמענער בעלי־מלאכות. אין סך הכל באַטרעפט די צאָל ברענער און ווייגער אין די אויסגעפאָרשטע וואָיעוואָדשאַפטן ביי שטאָט־יידן 138, ד. ה. איבער 33% פון אלע ראשי־משפחות, וואָס האָבן געצויגן זייער חיונה פון אַרענדע און שענקעריי.

אויך דער אומפּראָדוקטיווסטער צווייג פון פרנסות ביי שטאָט־יידן, אַרענדע און שענקעריי, האָט בכן, ווי מיר זען, אַנטהאַלטן בערך אַ דריטל פּראָדוקטיווע עלעמענטן, באַשעפטיקטע אין אינדוסטריע פון משקאות ווי לוין־ארבעטער[19]. וואָס שייך אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, דאַרפן מיר צו די ווייגער און ברענער נאָך צורעכענען אַ גרויסן טייל שענקער, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט ביי די אַרענדאַרן, משרתים און פאַראַבקעס, ווי אויך נאמנים (wiernik), ד. ה. קאַסיר־פאַרוואַלטער, שרייבער. אין דער ציילונג ווערן דערמאָנט נאמנים ביי אַרענדאַרן בלויז צוויי אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט. דאָס איז אָבער ווידער בלויז נאָך א ביישפּיל פון דער אומגענויקייט פון דער ציילונג: עס לאָזט זיך נישט

[19] אין אונדזער ארבעט „סטאַטיסטיק פון די יידן אין דער לובלינער וואָיעוואָד־שאַפט“ („יונגער היסטאָריקער“, ב. II, וואַרשע, 1929) האָבן מיר טעותדיק אַרויסגערוקט די השערה, אַז די „ווייגער“ זענען געווען קעלנער, שענק־אָנגעשטעלטע. ערשט דער אַנאַליז פון דער ציילונג אין אַנדערע וואָיעוואָדשאַפטן האָט אונדז איבערגעצייגט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט בראָנפן־ברענער און ביר־ברייער. דער נאָמען „ווייגער“, וואָס איז מסתמא א קיצור פון בראַנטווייגער, ד. ה. בראָנפן־מאַכער, איז אזוי פאַרפירעריש, אַז דער פוילישער היסטאָריקער האַנדעלסמאַן האָט אים דערקלערט פשוט ווי א באַצייכענונג פון אַ ווייַן־שענקער. אין אמתן ווערט אין יענער צייט אין פוילן (בפרט אין אוקראַינע) אפילו די גוראַלניע אָנגערופן „ווייגערניי“ (winnica).

גלייבן, אַז אין אַנדערע וואָיעוואָדשאַפטן זענען קיין גאַמנים ביי אַרענדאַרן בכלל נישט געווען באַשעפטיקט, אָדער אַז אין דער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ זיי ווערן יאָ דערמאָנט, זאָלן זיי טאַקע האָבן געווען בלויז אין 2 שטעטלעך (זשימיגראָד און בייטש). דאָס זעלבע איז שייך מעסטער (miern'k), פון וועלכע בלויז איינער (אין מאָדליבאָרזשיץ, לובלינער וואָיעוו.) ווערט דערמאָנט בפירוש ווי אָנגעשטעלט ביי אַן אַרענדאַר.

2. האַנדל און טראַנספּאָרט

די ווינציקע ראשי-משפחות, וואָס ווערן דערמאָנט אין די ציילונג-רעגיסטערס ווי באַשעפטיקטע אין האַנדל, קאָן מען צעטיילן אויף אַזעלכע קאַטעגאָריעס: סוחרים (kupiec), קרעמערס (kramarz), הענדלערס (targownik, przekupień, handlujący, handlarz) און מעקלערס. זייער צעטיילונג לויט וואָיעוואָדשאַפטן ווייזט די טאַבעלע:

טאַב. VI F

די איבערוואָג פון קרעמערס איבער סוחרים אין רוב פון די וואָיעוואָדשאַפטן שפּיגלט אָפּ אפילו ביי דער קליינער צאָל דאָס באַמתע פאַרהעלטעניש: בלויז אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט זענען פאַרצייכנט די צוויי קאַטעגאָריעס אין א פאַרקערטער פאַרהעלטעניש: 35 סוחרים און בלויז 8 קרעמער, און דאָס איז זיכער נישט מער ווי א צופעליקייט פון דער פאַרצייכענונג, אָדער א נישט געהעריג גאָמעניקלאַטור. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט קומט אויך אויס מער סוחרים ווי קרעמערס, אין רעזולטאַט פון דער פּאָזיציע פון לובאַרטאָוו, ווו עס זענען פאַרצייכנט 11 קרעמער און 20 סוחרים. אָבער פון די דאָרטיקע 20 סוחרים זענען איינגעלנע בלויז 12 פאַרשריבן געוואָרן ווי סוחרים ממש (kupiec), בעת 8 זענען באַצייכנט געוואָרן ווי סוחרימלעך (kupczyk), וואָס קאָן אויך באַדייטן הענדלערס. די צאָל הענדלערס איז אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן אין סך הכל פאַרצייכנט געוואָרן אַ נישטיקע, בעת אין דער אמתן איז זייער צאָל געווען נישט קלענער ווי פון איינגעלנע סוחרים.[20] פון די 35 פאַרצייכנטע מעקלערס איז כמעט אַ העלפט, 16, אין דער צוזאָמירער וואָיעוואָדשאַפט, און פון די 16 זענען 15 בלויז אין דער שטאָט אָפּט. די קהלה אין פּינטשעוו איז געווען ממש אַ הדרים גרעסער ווי אין אָפּט און דאָך ווערט דאָרט דערמאָנט נישט מער ווי 1 מעקלער. דער ביישפּיל פון דער צאָל מעקלערס באַווייזט נאָך בולטער ווי די קליינע צאָל פון אַלע אַנדערע האַנדל-קאַטעגאָריעס, אַז בנוגע דער פּראָפּאָרציע פון האַנדל אין יידישן פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל קאָנען מיר פון דער ציילונג אין סך הכל לחלוטין גאָר נישט אַרויסלערנען. בלויז איינצעלנע שטעט, ווי קאַליש, אָסטראָוו, קויל אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט און לובאַרטאָוו אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, [21] קאָנען געבן אַ געוויסן יסוד סיי פאַר דער באַרעכענונג

[20] זע: ר. מאַהלער, די יידן אין אַמאָליקן פּוילן, „יידן אין פּוילן“, ז. 203—204.
[21] פגל. טאַבעלע VI.

פון דער פּראָפּאָרציע פון האַנדל לגבי אַנדערע באַשעפטיקונגען, סיי פאַר דעם צוזאמענשטעל פון די קאַטעגאָריעס פון האַנדל גופא.

וואָס שייך די איינצלנע בראַנזשעס פון האַנדל, ווערן צום אָפטסטן דערמאָנט טאַבאַק=קראָמען (tabacznik), 18 צווישן 91 קרעמערס. עס קאָן אָבער געמאָלט זיין, אַז די „טאַבאַטשניקעס" זענען געווען נישט בלויז קרעמערס, נאָר אויך אויסאַרבעטער פון טאַבאַק צום רייכערן און שמעקן. פון אַנדערע בראַנזשעס ווערן ספּעציפיצירט 4 לייוונט=סוחרים (płóciennik), 1 וואָלשטאָף=סוחר (sukiennik), 2 באַוול=סוחרים, 1 גאַלאַנטעריע=סוחר, 1 אייזן=סוחר, 7 בשמים=סוחרים, 4 זעלצערס, 1 פּולווער=הענדלער, 1 טאַנדייט=הענדלער, 2 גרויפּן=פאַרקויפערינס (krupiarka) און 1 קאַשע=פאַרקויפערין (kasiarka). אין קראַשניק ווערט דערמאָנט אַ בראַקער (brakarz), ד. ה. האָלץ=סאָרטירער, דער איינציקער, וואָס ווערט דערמאָנט אין גאַנץ פּוילן.

ווי ווייט די דאָזיקע בראַנזשעס זענען בלויז אַ ברוכטייל פון דער פילפאַביקער סקאַלע פון האַנדלס=צווייגן ביי יידן אין פּוילן אין יענער צייט, קאָן מען זיך איבערצייגן, ווען מען פאַרגלייכט זי מיט דער ספּעציפיקאַציע פון מסחר=צווייגן אין וואַרשע אין 1792, מיט די תקנות וועגן קראָקע פון דראָהאָביטשער קהל פון 1753, אָדער מיט די סטאַטוטן פון אַזאַ קליינער שטאָטישער קהלה ווי סאָקאָלאָוו [22]. געוויס אָנצוווייזן, אַז מעל=סוחרים ווערן בכלל אין דער ציילונג פון די אַלע וואָיעוואָדשאַפטן נישט דערמאָנט, בעת אין בראָד אַליין זענען אין דער ציילונג פאַרצייכנט געוואָרן 9 „מעלער" און מיר ווייסן, אַז עס האָט דאָרט עקזיסטירט אין יענער צייט אַ באַזונדערע חברה „מוכרי קמח".

וואָס שייך טראַנספּאָרט, איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז דער דאָזיקער פּרנסה=צווייג איז צום ערגסטן רעפּרעזענטירט אין דער ציילונג. אויב מיר געפינען אָבער בעלי=עגלות פאַרצייכנט נישט בלויז אין גרויסע קהלות (קראָמאָשין 6, אַפּט 3, לובאַרטאָוו 9), נאָר אויך אין קלענסטע, ווי קאַלינאָווששיזנע (אונטער לובלין, 3), איז נישט קיין ספק, אַז אין די איבעריקע שטעט זענען זיי פשוט אַרויסגעלאָזט געוואָרן. דאָס זעלבע איז שייך טרעגערס, וואָס זענען פאַרצייכנט בלויז אין איין וואָיעוואָדשאַפט, אין דער קאַלישער, אין די שטעט פּייזערן (3) און קראָטאָשין (6). פון דער ציילונג פון בראָד זעען מיר, אַז די באַשעפטיקטע אין טראַנספּאָרט האָבן באַטראָפן אַן אָנזעעוודיקע צאָל צווישן די עקאָנאָמישאַקטיווע ראָשי=משפחות. דאָרט זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין 1764 — 15 בעלי=עגלות, 31 טרעגערס, 5 ביר=פורמאַנעס, 2 וואַסער=פירערס („וואָזשי=וואָדעס") [23] און 1 שליח, ס"ה 3,3% פון אַלע (1641) ראָשי=משפחות אין שטאָט. אין די

[22] זע: שאַצקי, עקאָנאָמישע שריפטן פון „ייוואָ", ב. 1, ז. 80—87. פאַרגלייך אויך ר. מאַהלער „יידן אין פּוילן", דצ"וו, ד.צ.אָ.

[23] די וואָזשי=וואָדעס (וואַסערפירערס) האָבן געמוזט זיין זייער פאַרשפּרייט אין 18=טן י"ה, אויב נאָך אין 20=טן י"ה פלעגן אין אַ טייל געגנטן פון פּוילן (גאַליציע) אַלע בעלי=עגלות פון משא=וואָגנס, אָן א חילוק פון אַרט סחורה, אָנגערופן ווערן מיט דעם דאָזיקן טערמין. אין 1764 ווערט אַחוץ בראָד בלויז 1 וואָזשיוואָדע פאַרצייכנט אין דער שטאָט אינאָוראָצלאַוו.

פריער דערמאָנטע שטעט באַטרעפן די 9 בעלי=עגלות אין לובאַרטאָוו העכער 4 פּראָצענט פון אַלע (218) ראשי=משפחות אין שטאָט, אין קראַסנאָשין — 6 בעלי=עגלות, ניט מער ווי 1,2% פון 499 אָרטיקע פאַמיליעס. אין ווילנע זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין 1765 14 בעלי=עגלות — קנאַפע 2% פון 743 עקאָנאָמיש=אַקטיווע ראשי=משפחות.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די אָפיציעלע אַקטן פון דער פרייסישער אָקופּאַציע איז גרויס=פוילן צום סוף 18=טן און אָנהייב 19=טן י״ה זענען פול מיט שבחים פאַר די יידישע בעלי=עגלות ווי די בעסטע און די פאַרשפרייטסטע אין לאַנד; זיי פלעגן פאָרן 10—12 מייל (מזרח=אייראָפעישע מייל) אַ טאָג. אין שייכות דערמיט זענען עטלעכע מאָל ביי דער פרייסישער רעגירונג איינגעגעבן פּראָיעקטן, מען פלעגט צו באַנוצן יידן און מיליטער ווי פורמאַנעס און אין „ביי=אָבנ=פרייסן“ (ביאַליסטאָקער געגנט) האָט די אַדמיניסטראַציע אפילו שוין געהאַט אויסגעאַרבעט פּלענער אַריינצוציען יידן אין דער קאַוואַלעריע.[24]

3. מלאכה

הגם מלאכה איז אין פאַרהעלטעניש צו אַנדערע פּרנסה=צווייגן צום אָפטסטן פאַרצייכנט אין דער ציילונג, איז אויך דאָ, ווי מיר האָבן שוין אויבן באַוויזן, די ציילונג אומפולשטענדיק. ניט געקוקט אָבער דערויף, וואָס געוויסע מלאכות זענען אין גאַנצן ניט דערמאָנט אין דער ציילונג, אָדער קומען פאָר גאָר זעלטן, זענען די רעזולטאַטן זייערע באַלערנדיק וועגן דער פּראָפּאָרציע פון איינצעלנע מלאכה=צווייגן. מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ טאַבעלע פון מלאכות לויט באַזונדערע צווייגן אין אַלע שטעט און שטעטלעך (פון 9 וואָיעוואָדשאַפטן), ווו די צאָל משפחות מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס באַטרעפט לכל הפחות 25% (זע טאַבעלע VI G).

עס וואַרפט זיך קודם כל אין די אויגן די גרויסע פּראָפּאָרציע פון שניידערס. אפילו אין דער לובלינער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די פּראָפּאָרציע שניידערס איז לפי ערך די קלענסטע, באַטרעפט זי אויך פון 27% ביז 32% פון אַלע בעלי=מלאכות אין די וואָיעוואָדשאַפטן. צום גרעסטן איז די פּראָפּאָרציע פון שניידערס אין דער אינאָוראָצלאַווער און גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט, ווו זי דערגרייכט ביז 52% און מער פון כלל בעלי=מלאכות. אין סך=הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפן די שניידערס 42%, מער ווי צוויי פינפטל פון אַלע פאַרצייכנטע יידישע בעלי=מלאכות.

אויך אין די קרובהשע נאָדל=פאַכן, קירזשנעריי און היטלמאַכעריי, איז די פּראָפּאָרציע אַ גאָר באַדייטנדיקע. אַן איבערבליק פון די דאָזיקע צוויי פאַכן אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן באַווייזט אָבער באַשיימפערלעך, אַז דאָרט, ווו עס איז פאַרצייכנט אַ גרויסע צאָל קירזשנערס, פעלן אינגאַנצן היטלמאַכערס,

---

[24] י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג אאו., מאָנאַטסשריפט, ב. 65 (1921), ז. 50.

אָדער זיי זענען דאָ בלויז געציילטע, און אַזוי אויך פאַרקערט: אין די וואָיעוואָדשאַפטן מיט אַן אָנזעעוודיקער צאָל היטלמאַכער איז די צאָל קירזשנערס אַ מינימאַלע. עס קאָן נישט זיין קיין ספק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דערשיינונג פון נאָמענקלאַטור און נישט מיט קיין סטאַטיסטישער פראַגע. אַן איבעריקע ראיה דערפאַר איז דער פאַקט, וואָס די באַצייכענונג קירזשנער קומט פאָר הערכויס אין די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, בעת אין מאַזאָוויע און אין די דריי קליין־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן זענען היטלמאַכער די פאַרשפּרייטסטע פּראָפעסיע. נישט אַנדערש, נאָר אין יענער צייט פּונקט ווי היינט פלעגט לרוב דער זעלבער בעל־מלאכה טאָן סיי די אַרבעט פון קירזשנעריי (פעלצן און פוטערס), סיי אויסאַרבעטן פוטערנע היטלען; אין גרויס־פּוילן האָט זיך די באַצייכענונג גענומען פון קירזשנעריי; אין מאַזאָוויע און קליין־פּוילן האָט זיך פאַרשפּרייט די באַצייכענונג היטלמאַכער[25]. צום העכסטן איז די פּראָפּאָרציע פון קירזשנערס און היטלמאַכערס אין דער שיעראַדזער, קראָקעווער און צווישנמירער וואָיעוואָדשאַפט, ווו זי באַטרעפט פון 24—31%, ד. ה. א פערטל און מער פון דער צאָל פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות; צום קלענסטן איז אין דער אינאָוורעצלאַווער און גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט, ווו קירזשנער — היטלמאַכער שטעלן צוזאַמען פון 9 ביז 10% פון אַלע בעלי־מלאכות. עס איז אפשר נישט קיין צופאַל, אַז אין די זעלבע צוויי וואָיעוואָדשאַפטן געפינען מיר די העכסטע פּראָפּאָרציע פון שניידערס: מעגלעך, אַז אַ צאָל דאָרטיקע קירזשנערס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען ווי אַ ביי־פאַך מיט שניידעריי, זענען פאַרצייכנט געוואָרן ווי שניידערס. אין סך הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפן קירזשנערס און היטלמאַכערס קרוב 19% (18,8) פון אַלע בעלי־מלאכות.

די דריי באַקליידונג־פאַכן צוזאַמען, שניידער, קירזשנער און היטלמאַכער, באַטרעפן סיי אין דורכשניט, סיי אין סך הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן מער ווי 61%, מער ווי דריי פינפטל פון אַלע יידישע בעלי־מלאכות. די האָזיקע גאָר הויכע פּראָפּאָרציע קאָנען מיר אויך אָפּשאַצן פון שטאַנדפּונקט פון דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג. מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ טאַבעלע פון די באַזונדערע מלאכה־צווייגן אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל עקאָנאָמיש־אַקטיווע ראשי־משפחות בכלל (זע טאַב. VI H).

טאַב. VI H

פון דער דאָזיקער טאַבעלע זעען מיר, אַז 15% פון אַלע ראשי־משפחות פון שטאָטישע יידן פון די 9 וואָיעוואָדשאַפטן זענען געווען פאַרנומען אין דער באַקלייד־אינדוסטריע. די בעלי־מלאכות פון נאָדל־פאַכן (שניידער, קירזשנער און היטלמאַכער) זענען בכן געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז 3 פון יעדע 5 יידישע בעלי־מלאכות האָבן זיך פאַרנומען מיט די דאָזיקע פאַכן, און פון די דאָזיקע פאַכן האָט

[25] אַרום 1800 גיט אָן דער ציטירטער ל. קרוג 251 יידישע קירזשנער און בלויז 51 יידישע היטלמאַכער אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט און אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט — 172 יידישע קירזשנער און 16 יידישע היטלמאַכער.

געצויגן חיונה כמעט יעדער זעקסטער שמאַטעשער און שמעטלדיקער ייד אין גאַנץ פּוילן.

דער חלק פון די נאָדל=פאַכן און בפרט פון שניידעריי אין דער יידישער מלאכה איז געווען פאַרשידן אין די שטעט לויט זייער גרייס. די בפּרטיותדיקע מאַבעלעס באַווייזן, אַז אין די קליינע שטעטלעך באַטרעפן די בעלי=מלאכות פון באַקלייד=צווייג פון צוויי פינפטל ביז דריי פערטל און מער פון אַלע אָרטיקע בעלי=מלאכות; אין די גרעסערע שטעט — על פי רוב פון צוויי פינפטל ביז אַ העלפט. אין בראָד באַטרעפן אין 1764 די 123 שניידערס און 34 קירזשנערס 47% פון די 336 בעלי=מלאכות אין שטאָט; אין ווילנע זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין זעלבן יאָר 94 שניידערס און 82 קירזשנערס, און זיי האָבן באַטראָפן 55% לגבי די 317 פאַרצייכנטע דאָרטיקע בעלי=מלאכות.

אחוץ געציילטע וועבער אין גאַנץ פּוילן, זענען פאַרצייכנט אין דער רשימה פון טעקסטיל=צווייג בלויז זאָקנמאַכער און העפטער (דערצווישן אויך פּרויען העפטערינס) און אויך די דאָזיקע צוויי פאַכן אין אַ מינימאַלער צאָל, סך הכל אַנדערטהאַלבן פּראָצענט פון אַלע יידישע בעלי=מלאכות. גאַנץ אָנזעעוודיק זענען דערפאַר די צוויי קרובישע פאַכן פון גאַלאַנטעריע, שמוקלעריי און פאַסמאַניקעריי. ווייזט אויס, אַז אין דער צווייטער העלפט 18=טן י"ה זענען די צוויי פאַכן געווען על פּי רוב פאַראייניקט, און דער שמוקלער פלעגט אויסאַרבעטן סיי גאַלאָנען און שנירלעך, סיי אַנדערע מינים גאַלאַנטעריע. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די צאָל פאַסמאַניקעס איז לפי ערך גאָר אַ קליינע אין דער ציילונג, דאַקעגן איז גאָר אָפט דערמאָנט דער שמוקלער, אפילו אין די קליינע קהלות. אין סך הכל באַטרעפט דער צווייג פון גאַלאַנטעריע אין רוב וואָיעוואָדשאַפטן אַ פּראָפּאָרציע פון 6 ביז 10 פּראָצענט, אחוץ דער לונטשיצער (4%) און לובלינער (2%). אין סך הכל פון אַלע וואָיעוואָדשאַפטן שטעלן צוזאַמען די צוויי גאַלאַנטעריע=פאַכן בערך 7% פון אַלע יידישע בעלי=מלאכות. אין בראָד זענען פאַרצייכנט געוואָרן 28 שמוקלערס, ד. ה. 8% (8,3%) פון דעם כלל בעלי=מלאכות. אין ווילנע באַטרעפן די 29 שמוקלערס און 7 פאַסמאַניקעס בערך 11,5% פון 316 בעלי=מלאכות. אין די אויסגעפאָרשטע 9 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפן אין עטלעכע גרעסערע קהלות די שמוקלער און פאַסמאַניקעס: אין קאַליש (10) 12,6%, אין קראָטאָשין (7) 11%. דאַקעגן אין דער צוזמירער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, וו דער סך=הכל פאַר אַלע שטעט איז לפי ערך אַ נידעריקער, איז אויך אין די גרויסע קהלות די פּראָפּאָרציע פון די צוויי פאַכן אַ קלענערע: אין אַפּט (10) 8%, אין פינטשעוו (5) 3%; אין קראַשניק (2) 6%, אין לוקאָוו (1) 3% און אין לובאַרטאָוו איז צווישן 43 בעלי=מלאכות קיין איין שמוקלער און פאַסמאַניק נישט פאַרצייכנט. ווייזט אויס, עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן נידעריקן פּראָצענט פון די צוויי פאַכן און צווישן דער נידעריקער פּראָפּאָרציע פון פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס. פון דאַנען קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז נישט בלויז די צאָל, נאָר אויך די פּראָפּאָרציע פון שמוקלעריי איז אין דער אמתן געווען גרעסער ווי די (7%), וואָס עס ווייזט אויף די ציילונג, ד. ה., אַז צווישן די בערך 9% פון דער שטאָ=

טישער באַפעלקערונג, וואָס מען דאַרף לויט אונדזער חשבון צוציילן צו בעלי=מלאכות, האָט זיך אויך געמוזט געפינען אַ באַדייטנדיקע צאָל שמוקלערס.[26]

די דריי צווייגן: באַקלייד=אינדוסטריע (שניידער, קירזשנער, היטלמאַכער), טעקסטיל (שטריקעריי און העפטעריי) און גאַלאַנטעריע איז כדאי צוזאַמענצונעמען ווי קרובהשע צווייגן: דאָס איז אין סך הכל באַקלייד=גאַלאַנטעריע מיט אַ צוגאָב פון אַזעלכע טעקסטיל=פאַכן, וואָס זענען לויט דער פּראָדוקציע נענטער צו גאַלאַנטעריע ווי צו וועבעריי. מיר באַקומען אַזאַ רעזולטאַט: 70% פון אַלע יידישע בעלי=מלאכות זענען געווען פאַרנומען אין באַקלייד, גאַלאַנטעריע און קרובהשע פאַכן.

דער חילוק לגבי דער היינטיקער סטרוקטור פון דער יידישער אינדוסטריע באַשטייט קודם כל אין דער גרויסער איבערוואָג פון דער באַקלייד=אינדוסטריע (אין 1921 האָט די באַקלייד=אינדוסטריע באַשעפטיקט אַרום צוויי פינפטל פון אַלע יידישע אַרבעטער אין פּוילן), אַחוץ דעם אויך אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער באַקלייד=אינדוסטריע גופא: להיפוך צו דער מאָדערנער צייט, ווו שוסטער (שטעפער) גייען אויפן צווייטן אָרט נאָך שניידעריי, איז אין פּוילן אין 18=טן י"ה קיין יידישער שוסטער כמעט ווי נישט געווען. דער איינציקער שוסטער, אויף וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַלע אויסגעפאָרשטע וואָיעוואָדשאַפטן, איז געווען אַ האָרפּס=בעלי=מלאכה אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. אין דער שוין פאַרעפנטלעכער ציילונג פון יידן פון אוקראַינע פון זעלבן יאָר האָבן מיר געפונען פאַרצייכנט בלויז איין שוסטער אין דערמאָנטן שטעטל שמיאַלע (קיעווער וואָיעוואָדשאַפט). ערשט אין די שפּעטערדיקע ציילונגען פון יידן אין פּוילן באַווייזן זיך אין פאַרשידענע געגנטן צו עטלעכע שוסטערס. אין ווילנע ווייזט אויף די ציילונג פון יידן פון 1784 — 10 שוסטערס; אין וואַרשע זענען אָנגעציילט געוואָרן אין 1792 — 6 יידישע שוסטער; אין וויעלון (גרויס=פּוילן) איז פאַרצייכנט געוואָרן אַ יידישער שוסטער אין 1772 און אין די דערמאָנטע שטעטלעך פון דער מינסקער גובערניע ווערן אין 1795 דערמאָנט צו איינצעלע שוסטערס אין בערעזינע און פּוכאָוויטש.

הגם מיר זענען באַרעכטיקט צו דער השערה, אַז די 2 פאַרצייכנטע שוסטערס אין 1764 אין דער לובלינער און קיעווער וואָיעוואָדשאַפט זענען נישט געווען די איינציקע אין פּוילן, איז גאָר נישטאָ קיין ספק וועגן דעם, אַז זייער צאָל אין לאַנד איז געווען אַ נישטיקע. אפילו אין גרויס=פּוילן, ווו מלאכה איז געווען ביי יידן אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט, זענען אַרום 1800 יאָר אָנגעציילט געוואָרן אין גאַנצן פּויזנער דעפּאַרטאַמענט נישט מער ווי 6 יידישע שוסטערס (לגבי בערך 2,500 קריסטלעכע שוסטערס) און אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט נישט מער ווי 3

[26] אין גרויס=פּוילן האָבן די יידישע פּאַסמאַניקעס אין 1800 נאָך אַלץ אַ גרויסע איבערוואָג איבער די קריסטלעכע: אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט ווערן איבערגעציילט 50 יידן „פּאַזאַמענטירער" לגבי 22 קריסטן און אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט 44 יידן און בלויז 3 קריסטן אין זעלבן פאַך. זע: י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג א.א.וו. מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 46.

(לגבי 965 קריסטלעכע שוסטער).[27] שוסטעריי איז אפשר דער בולטסטער ביישפיל, וויאזוי די יידישע מלאכה בכלל און אירע באזונדערע צווייגן בפרט זענען אין זייער אנטוויקלונג קודם כל געווען אפהענגיק פון דער רעכטלעכער לאגע. אין דער שניידער=אינדוסטריע און אנדערע גאָרל=פאַכן האָבן יידן געהאט אַ דריסת הרגל אַדאַנק דעם רעליגיעזן אומשטאַנד, דעם איסור פון שעטנז; ממילא האָט זיך שניידעריי אנטוויקלט ביי יידן נישט נאָר פאַרן אייגענעם געברויך, נאָר יידן האָבן באטראפן דעם רוב מנין ובנין פון דעם מלאכה=צווייג אין לאנד. בנוגע שוסטערס האָבן די קריסטלעכע צעכן שטרענג אָפּגעהיט זייער מאָנאָפּאָל און בשום אופן נישט צוגעלאָזט יידן צו דער ארבעט.

איבער די זעלבע סיבות פון היתר צוליב רעליגיע איז ביי יידן געווען שטארק פארשפרייט דאָס קצבים=פאך און אויך דאָס בעקער=פאַך, הגם אין א סך אַ קלענערער מאָס, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זענען בעקערס מחוץ דער צווזמירער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט בלויז ספּאָראַדיש פארצייכנט געוואָרן אין געציילטע שטעט און שטעטלעך. עס קאָן אָבער נישט זיין קיין ספק, אַז בעקערס האָבן זיך געפונען אין אלע באַדייטנדיקע קהלות, הגם עס פלעגן אויך זיין פאַלן, ווו יידן האָבן זיך מתיר געווען צו עסן ברויט פון גוישע בעקערס.[28] אין ווילנע זענען פארצייכנט געוואָרן אין 1764 12 בעקערס, קרוב 4% (3,8%) פון דער צאָל בעלי=מלאכות אין שטאָט; אין בראָד — 18 בעקערס, קרוב 5,5 פּראָצענט פון דער צאָל דאָרטיקע בעלי=מלאכות. אין די דאָ אויסגעפאָרשטע וואָיעוואָדשאפטן געפינען זיך בעקער אין א באדייטנדיקער פּראָפּאָרציע. אין עטלעכע גרעסערע קהלות, אחוץ צוויי — אלע אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט: אין לאַסק 5, העבער 7% (69 בעלי=מלאכות); אין זשמיגראָד (קראָקעווער וואָיעוואָד.) 3 צווישן 25 בעלי=מלאכות; אין אפּט 8, — 6,5% פון 123 פאַרצייכנטע בעלי=מלאכות; אין פינטשעוו 7 צווישן 100 בעלי=מלאכות, אין כמיעלניק 4 צווישן 35 בעלי=מלאכות; פון קלענערע קהלות אין דער זעלבער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט: אין דאָמבראָווע 4 צווישן 28 בעלי=מלאכות און אין דעמביץ, אויך אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט, 5 אויף 25, ד. ה. אַ פינפטל. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט איז כאַראַקטעריסטיש די פּראָפּאָרציע אין די צוויי קליינע שטאָטישע קהלות: גלוסק מיט 3 בעקערס אויף 15 בעלי=מלאכות און קאַלינאָווטשיזנע—3 צווישן 20.

אין סך הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאפטן (אין 3 פון זיי, אין דער אינאָווראָצלאַווער, גנעזנער און מאזאָווער איז קיין איין בעקער נישט פארצייכנט) זענען אַבער נישט מער פארצייכנט ווי 63 בעקערס, ד. ה. 3,7% פון אלע 1720 בעלי=מלאכות. עטלעכע מאָל גרעסער ווי די צאָל בעקערס איז די צאָל קצבים אויפן גאַנצן שטח פון די 9 וואָיעוואָדשאפטן. מיר געפינען זיי אפילו אין גאָר קליינע

[27] זע: י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג אאוו., אין מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 46, ווו ער ציטירט די ציפערן פון 1800 לויט לעאָפּאָלד קרוג.

[28] כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַל פון שטעטל ביכאָוו, אין דער געגנט פון דיסנע, אין אָנהייב 18=טן י״ה. יידן האָבן אָנגעקלאָגט די דאָרטיקע גוישע בעקערן בארבאָרעדערפאָר, וואָס אין דעם ברויט, וואָס זיי האָבן ביי איר געקויפט פאַר 3 גראָשן, האָבן זיי געפונען חזיר=האָר. דאָס געריכט האָט פאַרמשפּט די בעקערן צו 30 שטיק. זע: Otton Hedemann: Dzisna i Druja, Wilno 1934, p. 421.

שטעטלעך, גישט זעלטן אפילו צו עטלעכע אין שטעטל. ווי א ביישפיל קאָן דינען אַזאַ שטעטל ווי פּיאָנטעק אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט, מיט 101 נפשות, וווּ מיר טרעפן 3 קצבים צווישן 11 דאָרטיקע בעלי־מלאכות, אָדער דוואָרט (ווארטע) אין דער שיעראַדזער וואָיעוואָדשאפט, מיט 262 יידן, וווּ עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן 7 קצבים צווישן 28 בעלי־מלאכות, ד. ה. 25%. אויך צווישן מיטעלע און גרעסערע קהלות, בפרט אין די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן, גע־פינען זיך אזעלכע, וווּ די צאָל קצבים באַטרעפט א פינפטל און אפילו א פערטל פון דער צאָל פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות: איגאָווראָצלאַוו (27 קצבים, 25% פון כלל בעלי־מלאכות), קויל (9 קצבים, 24%), קראָטאָשין (14 קצבים, 22%), ווְרעשן (11 קצבים, 20%). אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאפט באַטרעפט די צאָל קצבים אין די צוויי גרויסע קהלות אפט און פינטשעוו 10% פון אַלע פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות. אין די צוויי גרויסע קהלות מחוץ אונדזערע 9 וואָיעוואָדשאַפטן, בראָד און ווילנע, באַטרעפט די פּראָפּאָרציע קצבים לגבי אַלע בעלי־מלאכות: אין דער ערשטער 10% (33 צווישן 336 בעלי־מלאכות), אין דער צווייטער קנאַפּע 5% (15 צווישן 316).

אין סך־הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן זענען פאַרצייכנט געוואָרן 239 קצבים, וואָס באַטרעפט קרוב 14% (13,7%) פון אַלע 1720 בעלי־מלאכות אויף דעם שטח. צוזאַמען מיט די 63 ספּאָראַדיש פאַרצייכנטע בעקערם האָבן מיר אין די 9 וואָיעוואָדשאַפטן 292 ראשי־משפחות באַשעפטיקטע אין דער דערנערונגס־אינדוסטריע, ד.ה. 17 מיט א האַלבן פּראָצענט פון אַלע בעלי־מלאכות. צום העכסטן איז די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע אין רוב גרויס־פּוילישע און אין דער צווזמירער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, פון 15 ביז 24%. אין די גרויס־פּוילישע וואָיע־וואָדשאַפטן איז די הויכע פּראָפּאָרציע א רעזולטאַט פון דער גרויסער צאָל פאַר־צייכנטע קצבים.[29] אין די צוויי קליין־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן איז די פּראָ־פּאָרציע קצבים אליין א סך קלענער, דאָרט זענען אָבער פאַרצייכנט געוואָרן בע־קערס מער ווי אין יעדער אַנדערע וואָיעוואָדשאַפט. די קלענסטע פּראָפּאָרציע קצבים און בעקערס ווייזן אויף די וואָיעוואָדשאַפטן לונטשיצער און מאַזאָוויער, אין דער ערשטער 10% פון אַלע בעלי־מלאכות, מאַזאָוויע בלויז 6%. אין דער מאַ־זאָוויער וואָיעוואָדשאַפט האָט די נידעריקע פּראָפּאָרציע פון דערנערונגס־אינדוס־טריע אָן א ספק אַ שייכות מיט דער לפי ערך קליינער צאָל פון בעלי־מלאכות בכלל, וואָס איז דאָרט פאַרצייכנט געוואָרן, בלויז 19% פון אַלע ראשי־משפחות.

בדרך כלל, אויפן שטח פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן איז די דערנערונגס־מלאכה געווען נענוג שטאַרק פאַרשפּרייט אפילו לויט די אומפולשטענדיקע צאָלן פון די ציילונג־רייסטערס. די פאַרצייכנטע קצבים און בעקערס באַטרעפן מער ווי 4% (4,3%) פון אַלע ראשי־משפחות בכלל ביי שטאָטישע יידן (פגל. טאַב. VI H). ווען מיר נעמען אָבער אין אכט, אז בעקערס זענען בלויז ספּאָראַדיש פאַרצייכנט

[29] צום סוף פון 18־טן י"ה האָט די צאָל יידישע קצבים אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט באַטראָפן 238 און אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט בערך 100 (זע: י. יאַקאָבסאָן, די שטע־לונג אאוו., מאָנאַטסשריפט, 1921, ז. 46), ד. ה. בערך 8% פון אלע 4164 יידישע בעלי־מלאכות אין „זידפּרייסן" אין 1797 (פגל. דאָרטן, ז. 42).

געוואָרן און אפילו קצבים זענען אין אַ טייל קהלות פאַרצייכנט געוואָרן אין אַן אומגלויבלעך קליינער צאָל, און אַמאָל ווערן זיי בכלל נישט דערמאָנט (לובאַרטאָוו, אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט), מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז די פּראָפּאָרציע פון די האָזיקע מלאכה=צווייגן איז אין אמתן אין דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור געווען באַדייטנדיק גרעסער. קצבים און בעקערס האָבן בכן גאָר א באַדייטנדיקן חלק צווישן די בעלי=מלאכות, וואָס מיר דאַרפן צורעכענען, כדי צו באַקומען די פאַקטישע פּראָפּאָרציע פון די באַזונדערע פּרנסה=צווייגן ביי שטאָטישע יידן אין פּוילן.

די מלאכות פון באַקלייד=גאַלאַנטעריע און דערנערונג זענען געווען בעצם די פאַרשפּרייטסטע יידישע מלאכות אין פּוילן: פּערזאָנען, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די דאָזיקע מלאכה=צווייגן, באַטרעפן אין סך=הכל 87,4%, ד. ה. קיילעכדיק בערך ניין צענטל פון אַלע יידישע בעלי=מלאכות אין לאַנד.

פון די איבעריקע מלאכה=צווייגן איז געווען דער אנזעעוודיקסטער גאָלדשמידעריי. גאָלדשמידן געפינען מיר פאַרצייכנט סיי אין די גרויסע, סיי אין די קליינע קהלות, באַזונדערס אין קליין=פּוילן. אין 7 שטעט און שטעטלעך פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט טרעפן מיר 10 גאָלדשמידן, 14% פון דער ווינציקער צאָל 73 בעלי=מלאכות, וואָס ווערן בכלל דאָרט דערמאָנט. דווקא אין ליכט פון פאַקט, וואָס גאָלדשמידן געפינען זיך אפילו אין די קלענסטע שטעטלעך, וואַרפט זיך נאָך מער אין די אויגן די קליינע צאָל בעלי=מלאכות פון דעם דאָזיקן צווייג אין גרעסערע קהלות. אויב אזא שטעטל ווי גלוסק, אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, מיט 268 נפשות, האָט געציילט דריי גאָלדשמידן, ליגט זיך נישט אויפן שכל, אַז א שטאָטישע קהלה ווי לובאַרטאָוו מיט 764 נפשות זאָל נישט האָבן פאַרמאָגט מער ווי איין יוּוועליער (אגב, דער איינציקער יוּוועליער, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אין דער ציילונג פון אלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן!) און קיין איין גאָלדשמיד. אויב אין דער צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט האָט זיך געפינען א גאָלדשמיד אין אַזא שטעטל ווי טשודעץ, מיט 171 נפשות, איז שווער צו גלייבן, אַז אין פּינטשעוו, דער גרעסטער קהלה אין דער זעלבער וואָיעוואָדשאַפט, מיט 2,049 נפשות, זאָל נישט האָבן געווען מער ווי 3 גאָלדשמידן, בפרט, אַז אין אָפּט, וואָס איז געווען קלענער לויט דער צאָל נפשות (1,675), זענען יאָ פאַרצייכנט געוואָרן 7 בעלי=מלאכות פון דעם פאַך. אין גרויס=פּוילן איז אין אַזא באַדייטנדיקער קהלה ווי קאַליש (809 נפשות) קיין גאָלדשמיד בכלל נישטאָ אין דער ציילונג, און קראָטאָשין, צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי קאַליש (1,656 נפשות), ווייזט אויף בלויז צוויי. אויך דאָ איז באַלערנדיק דער פאַרגלייך מיט די 2 גרויסע יידישע קהלות מחוץ דעם געביט פון די 9 וואָיעוואָדשאַפטן. אין ווילנע געפינען מיר פאַרצייכנט (אין 1765) 18 גאָלדשמידן, קרוב 5,7% פון אלע בעלי=מלאכות, און אין בראָד, דער גרעסטער יידישער קהלה אין דער מלוכה, אויך די זעלבע צאָל און בלויז אומבאַדייטנדיק ווייניקער אין פּראָפּאָרציע (18 לגבי 336 בעלי=מלאכות). די פּראָפּאָרציע גאָלדשמידן לגבי אַלע פאַרצייכנטע בעלי=מלאכות אין די 9 וואָיעוואָדשאַפטן, 4%, איז בכן קרוב לאמת, נאָר די אַבסאָלוטע צאָל 71 נייטיקט זיך אין א באַדייטנדיקער פאַרגרעסערונג.

די 17 קאָטלערס, וואָס זענען פאַרצייכנט אין די שטעט מיט א מינימום 25% באַרוף-פאַרצייכנטע משפחות, באַטרעפן אין סך-הכל בלויז 1% פון דער צאָל בעלי-מלאכות. זיי ווערן בכלל נישט דערמאָנט אין די ערשטע עטלעכע, די גרויס-פוילישע וואָיעוואָדשאַפטן.

וואָס שייך כעמישע אינדוסטריע, געפינען מיר זייפן-זידערס (mydlarz) און ליכטציִערס (świcarz), סך-הכל 13 אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן, 0.8% פון כלל בעלי-מלאכות; אין 5 וואָיעוואָדשאַפטן (אין שטעט מיט א מינימום 25% ראשי משפחות מיט פאַרצייכנטע באַרופן) ווערן זיי בכלל נישט דערמאָנט.

גאָר קליין קומט אויך אַרויס די צאָל גלעזערס, ס"ה 38, 2,2% פון אלע בעלי-מלאכות. אין אזא גרויסער קהלה ווי אַפּט איז בכלל קיין איין גלעזער נישט פאַרצייכנט געוואָרן, און אין דער גאָר גרעסערער קהלה פּינטשעוו — בלויז איינער. דאַקעגן אין בראָד, ווו די סטאַטיסטיק פון מלאכה איז אויך בלויז א פראַגמענטאַרע, זענען פאַרצייכנט געוואָרן 7 גלעזערס, און אין דער אַ העלפט אזוי גרויסער קהלה — ווילנע — 11 (3,5% פון אלע דאָרטיקע בעלי-מלאכות). אין גרויס-פוילן האָבן בכל אופן אין 1800 יאָר קריסטן געהאַט אַן איבערוואָג איבער ייִדן אין גלעזעריי.[30]

פון צווייג פאָליגראַפישע אינדוסטריע האָבן מיר אין די טאַבעלעס פון אונדזערע 9 וואָיעוואָדשאַפטן סך-הכל 16 איינבינדער, 4 גראַווירערס („פּאַציר-שטעכער“ — pieczątkarz) און 2 דרוקערס (אין כאָדזשיעזש — גנעזנער וואָיעוו. און אין בעלזשיץ, לובלינער וואָיעוו.) — סך-הכל 22 בעלי-מלאכות (1,3% פון אלע בעלי-מלאכות). מיר האָבן שוין פריער, ביים אַנאַליז פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטאַטיסטיק, באַוויזן, אַז די קליינע צאָל איינבינדערס איז איינע פון די בולטע ראיות פון דער אומפינקטלעכקייט פון דער ציילונג. אפילו אין גרויס-פוילן האָבן ייִדן גאָר אַרום 1800 געהאַט אין איינבינדעריי אַן איבערוואָג איבער קריסטלעכע בעלי-מלאכות.[31]

אין דער רובריק פאַרשידענע מלאכות האָבן מיר אַריינגענומען סיי אַזעלכע מלאכות, וואָס קומען פאָר זעלטן אין די ציילונג-רעגיסטערס, סיי מלאכות, וואָס זענען נישט ספּעציפיצירט. פאַראַן פאַלן, ווו מיר האָבן געקאָנט בלויז אַרויסדרינגען, אַז דער ראש-המשפחה איז א בעל-מלאכה אויף דעם יסוד, וואָס ביי אים זענען צוגעשריבן איינער אָדער מערערע געזעלן. דערפון נעמט זיך, וואָס די לעצטע רובריק פון דער טאַבעלע, פאַרשידענע מלאכות, באַטרעפט אין צוויי וואָיעוואָדשאַפטן, לענטשיצער און מאַזאָוויער, א גאָר הויכן פּראָצענט, אין דער ערשטער — 24% (12 צווישן 50 באַלמעלאָכעס) און אין דער צווייטער — 7,7%. היות אָבער ביידע וואָיעוואָדשאַפטן ווייזן אויף אין דער ציילונג א לפי ערך גאָר

---

[30] אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט — 28 יידישע און 52 נישט יידישע; אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט — 9 יידן און 16 קריסטן פאַרנומען מיט גלעזעריי. י. יאַקאָבסאָן, דצ"ו, מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 46.

[31] אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט — 31 יידן און 20 קריסטן איינבינדערס, אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט — 9 יידישע און 10 קריסטלעכע איינבינדערס. י. יאַקאָבסאָן, דצ"ו, מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 46.

קליינע צאָל בעלי-מלאכות, בײַט זיך װייניק דער סך-הכּל פֿון דער רובריק „פֿאַרשידענע מלאכות“, װאָס באַטרעפֿט פֿאַר אַלע װאָיעװאָדשאַפֿטן 3,7% פֿון אַלע בעלי-מלאכות.

ניט געקוקט אויף דער זעלטנקייט פֿון די פֿאַרשידענע מלאכות, איז כּדאַי זיך צו באַקענען מיט דער פֿולער רשימה, ערשטנס דערפֿאַר, װאָס אַ טייל פֿון זיי זענען אין דער אמתן געװען מער פֿאַרשפּרייט, װי עס װערט אָפּגעשפּיגלט אין דער ציילונג, און אויך כּדי צו באַקומען אַ פֿול בילד פֿון דעם שלל פּאַכן, װאָס ייִדן זענען שוין דעמאָלט אַרײַנגעדרונגען אין זיי. צוליב איבערזיכטלעכקייט נעמען מיר אַרײַן אין דער קלאַסיפֿיקאַציע אויך די מלאכות, װאָס זענען שוין פֿריער באַהאַנדלט געװאָרן װי די הויפּט-צװײַגן בײַ ייִדן אין פּוילן, דהײַנו פֿון דער באַקליידונג-, און גאַלאַנטעריע-אינדוסטריע, שפּײַז-אינדוסטריע, באַאַרבעטונג פֿון אייזן מעטאַלן און עטלעכע קלענערע.[32]

צוליב אַ פֿאַרגלײַך גיבן מיר אויך אָן ידיעות, װאָס מיר פֿאַרמאָגן װעגן די זעלטענערע מלאכות בײַ ייִדן אין פּוילן לויט שפּעטערדיקע ציילונגען אין 18-טן י״ח.[33]

I. מינעראַל-אינדוסטריע

ציגל-ברענער — 1 אין קאַליגאָװשטשיזנע, פֿאָרשטאָט פֿון לובלין.

זאַלץ-קאָכער — 1 אין אָפּט, צװיזמירער װאָיעװ.; 1 אין קלימענטאָװ (דאָרט); 1 אין לוקאָװ (לובלינער װאָיעװ.); 1 אין מאָדליבאָזשיץ (דאָרט). זיי װערן אָנגערופֿן „זעלצער“ (solarz), עס איז אָבער מעגלעך, אַז זיי זענען געװען ניט בלויז זאַלץ-קאָכערס, נאָר אויך זאַלץ-קרעמערס; אין קוטנע װערן אין יאָר

---

[32] אין ביזאַהעריקן אַנאַליז פֿון די באַזונדערע אינדוסטריע-צװײַגן האָבן מיר גענומען אין באַטראַכט צאָלן בלויז פֿון די שטאָטישע קהלות, װוּ די פּראָפּאָרציע ראשי-משפּחות מיט פֿאַרצייכנטע באַרופֿן האָט באַטראָפֿן לכל הפּחות 25% פֿון אַלע משפּחות. דאַקעגן אין דער װײַטערדיקער איבערזיכט גיבן מיר אָן פֿאַר אַ רײַ מלאכות דעם סך הכּל פֿון אַלע שטעט אין די 9 װאָיעװאָדשאַפֿטן, אַרײַנגערעכנט אַפֿילו שטעט מיט אַ מינימאַלער צאָל משפּחות, װוּ עס איז באַצייכנט די פּראָפֿעסיע.

[33] די סטאַטיסטיק פֿון פּרייסיש-אָקופּירטן טייל פֿון פּוילן נעמען מיר פֿון דערמאָנטן װערק פֿון העפּפּנער-הערצבערג — בנוגע באַזונדערע שטעט, פֿון יאַקאָב יאַקאָבסאָן — בנוגע דעם גאַנצן געביט. די צאָלן אין שײַכות מיט דער מינסקער גובערניע אין 1794 גיט איבער אַלעקסאַנדראָװ, דצ״ו. די פּראָפֿעסיעס-סטאַטיסטיק פֿון ייִדן אין װאַרשע אין 1792 נעמען מיר פֿון דער ניט-פֿאַרעפֿנטלעכטער מאָנאָגראַפֿיע פֿון ס. שימקעװיטש, װאָס איז טײלװײַז אויסגענוצט געװאָרן אויך דורך יצחק שיפּער אין זײַן ציטירטן װערק װעגן געשיכטע פֿון ייִדישן האַנדל. מיר גיבן אויך אָן עטלעכע ציפֿערן פֿון ציילונגען פֿון ייִדן אין װאַרשע אין אַנדערע יאָרן, װאָס מיר האָבן באַאַרבעט לויט אַרכיװ-מאַטעריאַלן. די צאָלן װעגן ייִדן אין בראָד פֿון 1764 נעמען מיר פֿון דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפֿיע פֿון ד. װורם, װעגן ייִדן אין װילנע אין זעלבן יאָר און אין 1784 — פֿון דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפֿיע פֿון ישׂראל קלױזנער.

1796 דערמאָנט 7 ראשי־משפּחות, וואָס האָבן זיך פּאַרנומען מיט זאַלץ־קאָכן ווי א ביי־פּרנסה.

פּאָטאַזש־ברענער (potażnik) — 2 אין אָסטראָוו (קאַלישער וואָיעוו.), 3 אין קאָזשמין (דאָרט), 1 אין בוזשעניטשקע (וויעלונער וואָיעוו.). אין באַרעק (קאַלישער וואָיעוו.) ווערן אין יאָר 1800 אויפגעציילט 4 יידן פּאָטאַזש־ברענער, אין יאַראָטשין — 1; אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט, אין זעלבן יאָר — ס"ה 9 לגבי 1 קריסט, וואָס האָט זיך פּאַרנומען מיט דער דאָזיקער מלאכה; אין דערפער ווערן זיי אויך אין 1764 דערמאָנט אין דער ציילונג און לויט אלע ידיעות איז די דאָזיקע מלאכה געווען פאַרשפּרייט ביי יידן אין פּוילן שוין אין 16־טן י"ה.

שטיין־שניידער (kamieniarz) — 5 אין ווילנע; עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז מצבה־קריצער האָבן זיך געפינען אין אַלע באַדייטנדיקע קהלות אין פּוילן.

טעפּער — אין 1764 נישט דערמאָנט; אין 1792 — 1 אין וואַרשע.

II. מעטאַל־אינדוסטריע

שלייפער — 1 אין ראַדזין (לובלינער וואָיעוו.).

סטעלמאַכער — אין 1764 נישט דערמאָנט; אין 1794 — 2 אין קליטשעוו, מינסקער גובערניע.

שמידן — 2 אין בראָד; אין 1773 — 1 אין באַרטשין (גנעזנער וואָיעוו.).

מעסינגער — 5 אין ווילנע (ווי אויבן דערמאָנט, איז זייער צאָל געווען אין דער אמתן גרעסער און זיי האָבן געהאַט א צעך, צוזאַמען מיט גאָלדשמידן); 2 אין בראָד.

שווערדן־מאַכער — 2 אין בראָד.

בלעכער — 1 אין דאָמבראָווע (צוזמירער וואָיעוו.), 1 אין בראָד, 16 אין ווילנע; אין 1792 — 1 אין וואַרשע; אין 1793 — 1 אין קעמפּן (וויעלונער לאַנד).

שלאָסער — אין 1764 בלויז 1 אין א דאָרף אין דער לובלינער וואָיעוו.; אין ליסע (לעשנאָ) האָט אין 18־טן י"ה עקזיסטירט א יידישער צעך פון שלאָסערס, די אָפיציעלע סטאַטיסטיק ברענגט אָבער פאַר 1800 פאַרן גאַנצן פּויזנער דעפּאַרטאַמענט בלויז 3 יידישע שלאָסערס לגבי 151 קריסטלעכע שלאָסערס.

דראָט־אַרבעטער — אין 1764 נישט דערמאָנט; אין 1795 איז איינער פאַרצייכנט אין דער ציילונג פון יידן אין וואַרשע.

קעסלער (קאָטלער) — אין פאַרשידענע געגנטן אין פּוילן: 1 אין פּיאָנטעק (לונטשיצער וואָיעוו.); 5 אין מאַזאָוויע (1 אין גראָיעווע, 1 אין שניאַדאָווע, 2 אין מאַקאָווע, 1 אין אָסטראָווע); 8 אין דער צווזמירער וואָיעוו. (אַפּט, באָליאַנעץ, אולאַנאָווע, דזשיקאָוו, מעליץ, כמיעלניק, טשודעץ, דעמביץ); 7 אין דער לובלינער וואָיעוו. (צו איינעם אין באַראַנאָוו, טשעמיערניק, קאַלינאָווטשיזנע, לובאַרטאָוו און לוקאָוו און 2 אין קוראָוו); 1 אין דער קראָקעווער וואָיעוו. (אין דוקלע); 3 אין בראָד און 1 אין קאַניאָוו (קיעווער וואָיעוו.) — ס"ה 26; אין

ווארשע זענען אין 1792 פֿאַרצייכנט געוואָרן 2 יידן קעסלער. די פֿאַמיליע=נעמען קעסלער און קאָטלער זענען אויך עדות וועגן דער פֿאַרשפּרייטונג און טראַדיציע פֿון דער דאָזיקער מלאכה ביי יידן.

אַמערניק (amernik) האַמערער, קופּערשמיד — 1 אין מאָדליבאָזשיץ (לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט).

III. באַאַרבעטונג פֿון איידעלע מעטאַלן און זייגערמאַכעריי

גאָלדשמידן זענען די איינציקע פֿון דעם דאָזיקן אינדוסטריע=צווייג, וואָס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן אין דער ציילונג פֿון 1764, און דאָס דווקא אין אַ לפֿי ערך באַדייטנדיקער צאָל — 71 (4% פֿון אַלע פֿאַרצייכנטע בעלי=מלאכות) אין די שטעט מיט אַ מינימום פֿון 25% פֿאַרצייכנטע פּראָפֿעסיעס און 116 אין סך הכל אין אַלע שטעט און שטעטלעך. אין 1800 זענען אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט אויפֿגעציילט געוואָרן 22 יידישע און 19 קריסטלעכע גאָלדשמידן און אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט — 14 יידן און 4 קריסטלעכע גאָלדשמידן.

יווועלירן זענען שוין דעמלט געווען באַקאַנט ווי אַ באַזונדער פֿאַך, אַ ראיה דער איינציקער יווועליר (אייגנטלעך אַן אלמנה פֿון אַ יווועליר), וואָס איז פֿאַרשריבן געוואָרן אין לובאַרטאָוו (לובלינער וואָיעוו.).

קליוועד — 2 אין זלאָטאָווע (פֿלאָטוי — גנעזנער וואָיעוו.).

שיידער — ווי אַ ספּעציעל פֿאַך ווערט פֿאַרצייכנט צום ערשטן מאָל אין ווארשע, 9 אין 1792. דאָס זעלבע איז שייך:

זייגערמאַכער, אין 1764 בכלל נישט פֿאַרצייכנט; אין 1792 — 1 אין ווארשע. צום סוף פֿון 18=טן י״ה ווערן דערמאָנט איינצעלע יידישע זייגערמאַכערס אין גרויס=פּוילן.

IV. כעמישע אינדוסטריע.

וואַקס=אויסאַרבעטער — אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט: 1 אין לובלין און 1 אין אָסטראָווע. זיי ווייזן אין דער וואַקסעריי (woskoboynia) וואָס פֿלעגט געהערן צו דער שטאָט, פּונקט ווי די שטאָט=וואָג. מען טאָר זיך משער זיין, אַז יידן האָבן אויך אין אַנדערע שטעט אין פּוילן געדונגען פֿון דער שטאָט די וואַקס=אויסאַרבעטונג. אין 1794 איז פֿאַרצייכנט 1 וואַקסמאַכער אין סמילאָוויטש (מינסקער גובערניע).

ליכטציער — ווי אַ באַזונדער פֿאַך ווערט דערמאָנט אין קליין=פּוילן: 1 אין פּינטשעוו, 3 אין כמיעלניק, 1 איןווישניץ (קראָקעווער וואָיעוו.) און 1 אין קזשאַנאָוו; דאָס פֿאַך האָט אָבער אויך געמוזט זיין פֿאַרשפּרייט אין אַנדערע געגנטן פֿון פּוילן, וואָרעם אין בראָד ווערן אין 1764 פֿאַרצייכנט 3 ליכטציער און אין קוטנע (1796) — 2. מעגלעך, אַז אין אַ טייל שטעט זענען זיי פֿאַרצייכנט געוואָרן ווי זייפֿנזידערס.

זייפנזידערס — זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין 6 וואָיעוואָדשאַפטן (אויך אין שטעטלעך מיט אַ מינימום פּראָפּעסיע-סטאַטיסטיק), אָבער בלויז צו איינציקע אין דער גנעזנער, שיעראַדזער און לענטשיצער וואָיעוואָדשאַפט, 2 אין דער קראָקעווער, 8 אין דער צווזמירער און 1 אין דער לובלינער, — ס"ה 14. אין בראָד זענען אין זעלבן יאָר פאַרצייכנט געוואָרן 2 זייפנזידערס, אין ווילנע קיין איינער נישט. דער ביישפּיל פון דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט, ווי אויך דער פאַקט, וואָס מיר געפינען זיי פאַרצייכנט אפילו אין קליינע שטעטלעך, ווייזט אָן, אַז אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ פאַרשפּרייט פאַך פון יידישער מלאכה.

קראַכמאַלניקעס — פון דעם דאָזיקן פאַך איז בלויז איינער פאַרצייכנט געוואָרן אין בראָד.

סאַלעטרע-רייניקער — 3 אין בראָד און 1 אין שמיאַלע (קיעווער וואָיעוו.) זענען פאַרצייכנט געוואָרן ווי לוטראָווניקעס (lutrowniki) ¹), עס איז אָבער נישט זיכער, צי דאָס איז די באַצייכענונג פאַר סאַלעטרע-רייניקער, אָדער בראָנפן-דעסטילאַטאָרן. אין שפּעטערדיקע ציילונגען ווערט דאָס דאָזיקע פאַך דערמאָנט אין וואַרשע.

פאַרבער — 1 אין קאַזמארק (קראָקע), 1 אין אַפּט, 2 אין בראָד; אין 1784 ווערן פאַרצייכנט 2 פאַרבערס אין ווילנע און אין 1792 — 1 אין וואַרשע; אין 1796 — 1 אין קוטנע. דאָס פאַך איז אָבער אין יענער צייט געווען בנמצא אויך אין קליינע קהלות; אין 1794 זענען פאַרצייכנט געוואָרן צו איינציקע פאַרבערס אין צוויי שטעטלעך פון דער מינסקער גובערניע פאַהאָסט און פּוכאָוויטש.

סמאָלאַרעס און דזשעגעכץ-ברענער — 1 אין פינטשעוו (smolarz), 1 אין שמיאַלע (קיעווער וואָיעוו.) — דזשעגעכץ-ברענער (dziegciarz) און 1 אין קאַניאָוו (דאָרט, אויך דזשעגעכץ-ברענער). פון אנדערע מקורים ווייסן מיר, אַז אין שייכות מיט האָלץ-מסחר איז דאָס פאַך געווען ביי יידן פאַרשפּרייט.

V. טעקסטיל־אינדוסטריע

וועבער — בלויז 1 אין בראָד; אין 1800 גיט אָן דער סטאַטיסטיקער קריג, אַז צווישן די 2.451 „טוכמאַכער" אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט איז נישט געווען קיין איין ייד, און צווישן 200 אין זעלבן מלאכה-צווייג אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט — בלויז 1 ייד.

זאָקנמאַכער — אין גרויס-פּוילן בכלל נישט פאַרצייכנט, אין מאַזאָוויע 1, אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט 5 און אין דער לובלינער 6. אין בראָד זענען פאַרצייכנט געוואָרן 4.

העטמער — פאַרקערט ווי זאָקנמאַכער, זענען מער געווען פאַרשפּרייט אין גרויס-פּוילן: 4 אין קאַליש, 2 אין וויטקאָוו (גנעזענער וואָיעוו.), 1 אין לענטשיץ און 4 אין לאַסק; אין קליין-פּוילן ווערן דערמאָנט 5 אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט (דערפון 3 אין פינטשעוו) און 2 אין דער לובלינער. אין ווילנע זענען פאַרצייכנט געוואָרן 5 העטמער.

מיט העפּטעריי האָבן זיך פאַרנומען אויך פרויען (לוקאָוו, לובלינער וואָיעוו. ווימקאָוו, גנעזנער וואָיעוו.). אין סוף 18=טן י"ה, אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט, איז אין גרויס=פּוילן אויפגעקומען אַ גאַנצע היים=אינדוסטריע פון העפּטעריי און שפּיצן=מאַכער, וואָס האָט באַשעפטיקט הונדערטער יידישע פרויען;[34] אין אַ מייל שטעט, ווי פילענע (ווילען), משאַרנקאָוו, קראָנע און שענלאַנקע האָבן די פּרייסן שוין אין 1772 אָנגעטראָפן יידישע מיידלעך, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שפּיצן=מאַכן.

שפּיצן=מאַכער — אין 1764 נישט דערמאָנט. אין 1796 — 1 אין קוטנע, און אין דער זעלבער צייט אַ גרויסע צאָל שפּיצן=מאַכערינס אין גרויס=פּוילן. (פגל. העפּטער).

וואָל=קעמער — שוין אין מיטלאַלטער דערמאָנט ביי יידן אין פּוילן; אין 1764 נישט פאַרצייכנט. אין 1800 — 4 דערמאָנט אין מיעשקאָוו (פּויזנער געגנט), און אין גאַנצן פּויזנער דעפּאַרטאַמענט — 54 לגבי 180 קריסטן פון זעלבן מלאכה=צווייג.

אַפּרעטור — אין בראָד זענען 12 בעלי=מלאכות באַצייכנט fularz, ד. ה. רייניקער פון וואָלשטאָף און ווייסערס פון לייוונט.

סאמעט=מאכער (pilśniarz). — 1 אין מעליץ.

VI. לעדער־אינדוסטריע

גאַרבער — 2 אין גראָדזשיסק (פּויזנער וואָיעוו.), 2 אין סטריקאָוו (לונטשיצער וואָיעוו.), 6 אין פינטשעוו, 2 אין וויעניאַווע (לובלינער וואָיעוו.). אין 1784 זענען פאַרצייכנט געוואָרן 2 אין ווילנע, אין 1796 — 1 אין קוטנע, אין 1800 — 1 אין באָרעק. דערפון אליין אָבער, וואָס אין דער תקופה פון מלך סטאַניסלאַוו אויגוסט האָבן יידן געגרינדעט עטלעכע גאַרבעריי=פאַבריקן, קאָן מען אַרויסדרינגען, אַז דאָס איז נישט געווען קיין זעלטן פאַך ביי יידן אין פּוילן אין יענער צייט.

קאָרע=אַרבעטער (kornik) — דערמאָנט איינער אין קאַליניאָווטשיזנע (פאַרשטאָט פון לובלין). דאָ קאָן זיך נאָר האַנדלען וועגן גאַרבעווען פעל מיט האָלצרינד (קאָרע).

זאָטלער — 2 אין פינטשעוו; אין 1793 — 1 אין קעמפּען (וויעלונער לאַנד).

כאָמאָנט=מאַכער (chomonciarz) — 1 אין פינטשעוו.

רימער — 8 אין בראָד; אין 1792 — 1 אין וואַרשע.

קאַנטשיק=מאַכער — 1 אין קראַשניק (לובלינער וואָיעוו.).

---

[34] Jacob Jacobsohn, Jüdische Spitzenklöpperinnen im Netzedistrict, Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland, I (1929—30) p. 152—162.

בערשטער — 1 אין אָסטראָווע (לובלינער וואָיעוו.); ער ווערט באַצייכנט ווי אַ חזיר־האָר־אַרבעטער (szczeciniarz).

פּילץ־מאַכער — אין 1764 נישט פאַרצייכנט; אין 1796 — 2 אין קוטנע.

פּאַרמעט־אַרבעטער — 1 אין קאָצק (לובלינער וואָיעוו.), 6 אין בראָד.

VII. האָלץ־אינדוסטריע

סטאָליארעס — 1 אין בראָד; אין 1792 — 1 אין וואַרשע. סטאָליארעס זענען אָבער ווייזט אויס שוין אין 1764 געווען יידן אין אַ באַדייטנדיקער צאָל, נישט געקוקט אויף די מניעות ומצד די קריסטלעכע צעכן: אין 1773 שרייבט דער געהיימער פינאַנס־ראַט רהאָדען אין זיין באַריכט צום גרויסקאַנצלער וועגן דעם דיסטריקט אין גרויס־פּוילן נעמצע (נאָטעטש), אַז וואָס פּאַרא באַלמעלאָכעס ער זאָל נישט דאַרפן, קומט צו גיין אַ ייד און רעכנט אויס צווישן אַנדערע אויך סטאָליארעס.[35]

טישלערעס — 6 אין בראָד.

טאָקער — 1 — אַפּט, 1 — לובלין, 3 — בראָד; אין 1796 — 2 אין קוטנע.

שניצער — 1 — מאַקאָווע (מאַזאָוויע), 1 — ראַדזין (לובלינער וואָיעוו.), 1 — ווילנע.

בעדנער — 1 — קאַליגאָווישטשיזנע (פּאַרשטאָט פון לובלין), 1 — ווילנע.

סענק־האַקער (sękarz) — 1 — ווינע (מאַזאָוויע), 1 — שמיאלע (קיעווער וואָיעוו.).

VIII. דערנערונג־אינדוסטריע

קצבים — באַטרעפן ווי דערמאָנט אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן קרוב 14% פון אַלע פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות.

מנקרים — ווערן דערמאָנט בפירוש, אחוץ קצבים: 1 אין אַפּט, 1 אין פינטשעוו, 2 אין דוקלע, 3 אין קראָטאָשין. אין בראָד זענען פאַרצייכנט אין 1764 8 ראשי־משפחות ווי zylownik. די זעלבע באַצייכענונג פאַר מנקרים געפינען מיר אין קראָטאָשין; אין קליין־פּוילן ווערן זיי באַצייכנט trebicarz, trybacz — לויט דעם יידישן טערמין „טרייבערער“. אין ווילנע זענען אין 1784 פאַרצייכנט 4 מנקרים.

קישקע־פאַרקויפער (flaczarz) — ווערט דערמאָנט 1 אין קאַליש.

---

[35] דער „געהיימער פינאַנץ־ראַט“ קאָן זיך דערפון גאָר נישט אָפּחידושן, וואָרעם אין דייטשלאַנד זענען בעלי־מלאכות ביי יידן אין יענער צייט געווען זעלטן. זע: י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג אַא"ו, מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 47.

בעקער — באַטרעפן קרוב 4% פון אַלע פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות, הגם זיי זענען אין די מערסטע שטאָטישע קהילות און אפילו אין 3 וואָיעוואָדשאַפטן בכלל נישט פאַרצייכנט געוואָרן.

בייגל־בעקער — פאַרצייכנט בלויז איינער אין בזשעזשין (לונטשיצער וואָיעוו.).

צוקער־בעקער — 1 אין דער לובליגער וואָיעוו., 1 אין פיגטשעוו, 1 אין במיעלניק, ביידע פאַרצייכנט (piernikarz), 1 אין בראָד (cukiernik). אין וואַרשע ווערן צוקער־בעקערס דערמאָנט אין שפּעטערדיקע ציילונגען פון 18־טן י״ה.

אייל־טרייבער — אין 1764 נישט דערמאָנט, נאָר שפּעטער: 1794 אין פּאָהאָסט (מינסקער גוב.), 1792 אין וואַרשע.

טאַבאַק־אַרבעטער — זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן — 16, אַחוץ דעם 1 אין ווילנע. עס איז אָבער אַ ספק, צי דאָס זענען געווען טאַבאַק־אַרבעטער, צי זיי האָבן בלויז געהאַלטן טאַבאַק־קראָמען.[36]

IX. באַקליידונג און גאַלאַנטעריע

ווי דערמאָנט, נעמט אַרום די באַקליידונג און גאַלאַנטעריע 70% פון אַלע 1720 פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן (אין שטעט מיט 25% ראָשי־משפחות מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס). דאָ געהערן:

שניידער,
היטלמאַכער,
קירזשנערס,
שמוקלער,
פּאַסמאַניקעס.

די זעלטענע מלאכות ביי יידן פון דעם דאָזיקן אינדוסטריע־צווייג זענען:

שוסטערס — ווי דערמאָנט, בלויז 1 אין שמיאלע (קיעווער וואָיעוו.), אַחוץ נאָך אַ דאָרפס־ייד אין דער לובליגער וואָיעוואָדשאַפט.

גאַרטל־מאַכער — ווערן נישט דערמאָנט אין 1764. אין 1796 — 1 אין קוטנע.

הענטשקע־מאַכער — נישט דערמאָנט אין 1764; ווערן געברענגט אין שפּעטערדיקע ציילונגען אין וואַרשע אין 18־טן י״ה, ווי אויך 4 אין קעמפּען אין 1793 און 6 אין קראָטאָשין אין זעלבן יאָר.

---

[36] ישראל קלוויזנער ברענגט אין זיין מאָנאָגראַפיע „תולדות הקהלה העברית בווילנה“, ווילנע 1938, ז. 52—54, אין דער פּראָפעסיאָנעלער סטאַטיסטיק — איינעם אַ טאַבאַק־מאַכער (עושה טבק). ווייזט אָבער אויס, אַז אויך אין דער ציילונג פון ווילנע איז אין פוילישן רעיסטער געשטאַנען tabacznik.

געצעלטן־מאַכער — 2 אין בראָד, 1 אין ווילנע, 3 אין וואַרשע (סוף 18־טן י״ה).

האָרן־אַרבעטער — 3 אין ווילנע.

קאַמען־מאַכער — 2 אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט (קראַשניק, ראַדזין); אין קוטנע פאַרצייכנט 3 אין 1796.

קנאָפּ־מאַכער — 1 אין לאָבזעניץ (גנעזנער וואָיעוו.); אין וואַרשע אין 1792 — 3, אין ליסע, אין 1795 — 4, אין וואָלשטיין, סוף 18־טן י״ה — 1; אין דער זעלבער צייט (1800) איז דאָס פּאַר אין גאַנץ גרויס־פּוילן געווען כמעט אויסשליסלעך יידיש: אין פּויזנער דעפּאַרטאַמענט—52 קנאָפּמאַכערס יידישע און בלויז 6 קריסטלעכע; קאַלישער דעפּאַרטאַמענט — 25 יידן קנאָפּ־מאַכער און 3 קריסטן.

שפּילקע־מאַכער — 1764 נישט פאַרצייכנט; 1784 אין ווילנע — 1.

X. דרוקעריי און פּאָליגראַפישע אינדוסטריע

דרוקער — אין 1764 זעלטן פאַרצייכנט: צו איינציקע אין באָדזשיעזש, מאַרגאָנין (ביידע אין דער גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט), זשאַרקי (קראָקעווער וואָיעוו.), בעלזשיץ (לובלינער וויעוו.). אין אורוטש (אוקראַינע) איז פאַרצייכנט 1 דרוקער אין דער ציילונג פון 1773. אין אַזאַ שטאָט ווי לובלין, וואָס איז אַמאָל געווען באַרימט מיט אירע יידישע דרוקערייען, איז קיין איין דרוקער נישט פאַרצייכנט געוואָרן: צום סוף פון 17־טן יאָרהונדערט האָט זיך דאָרט פאַרמאַכט די לעצטע יידישע דרוקעריי און קיין נייע איז נישט געעפנט געוואָרן.

גראַווירער („פּאַציר־שטעכער") — צו איינציקע אין לאָבזעניץ (גנעזנער וואָיעוו.), קראָטאָשין (קאַלישער), לאַסק (שיעראַדזער), בילגאָריי (לובלינער), לובלין, אַפּט און אָסטראָוויעץ, ס״ה 7 אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן. אין זעלבן יאָר 1 אין בראָד (באַצייכנט אַלס rytownik). אין די ציילונגען פון יידן אין וואַרשע קומען פאָר צו עטלעכע גראַווירער.

איינבינדער — סך הכל אין 10 וואָיעוואָדשאַפטן (צוזאַמען מיט ווילנער לאַנד) 26, אָבער אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט פעלן זיי אינגאַנצן, אין דער אינאָווראָצלאַווער, קאַלישער, שיעראַדזער און ווילנער זענען זיי פאַרצייכנט בלויז צו איינעם, און אין דער מאַזאָוויער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט בלויז צו 2; צו עטלעכע געפינען זיך בלויז אין דער גנעזנער (6), צווימירער (7) און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט (5). עס איז קלאָר, אַז אַ גרויסע צאָל איינבינדערס איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן.

קאַרטן־מאַכער — אין 1764 נישט דערמאָנט; אין 1800 אין יוטראַשין (פּויזנער געגנט) זענען אַלע אָרטיקע 5 קאַרטן־מאַכערס געווען יידן.

XI. בוי אונדוסטריע

גלעזער זענען פאַרצייכנט געוואָרן 38 אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן בלויז אין די שטעט. ווו עס זענען אָנגעגעבן געוואָרן מינימום 25% ראשי=משפחות מיט זייערע פּראָפעסיעס. דאַקעגן אַלע איבעריקע צווייגן פון דער בוי=אינדוסטריע זענען אָדער בכלל נישט פאַרצייכנט געוואָרן, אָדער צו 1—2.

מוליאַרעס — אין 1792 ווערט איין מוליאַר דערמאָנט אין דער וואַרשעווער קהלה. אַז יידן האָבן אָבער שוין אין 1764 געאַרבעט אין דער בוי=אינדוסטריע, קאָן מען זען פון ביישפּיל פון ווילנע, ווו עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן:

קאַלך=אַרבעטער — (ווייסערס) 2.

טינק=אַרבעטער — 2.

קוימענקערער — ווערן אין 1764 פאַרצייכנט: 1 אין אַפּט, 2 אין ווילנע.

ברונעם=גראָבער — 1 אין בראָד.

מאָלער — ווערן אין 1764 בכלל נישט דערמאָנט.

ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, זענען א טייל פון די אויסגערעכנטע פאַרשידענע מלאכות געווען פאַרשפּרייט ביי יידן א סך מער איידער דאָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער ציילונג. מיר האָבן עס געזען אויפן ביישפּיל פון אַזאַ מלאכה, ווי סטאָלעריי. עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען קעסלערס, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין דער ציילונג סך הכל 26 און וואָס פאַקטיש זענען זיי לויט אַלע סברות געווען בנמצא אין יעדער קהלה, אַפילו פון מיטלער גרייס. ווי ווייט יידישע קעסלערס זענען דעמלט געווען באַטראַכט פאַר מומחים אין זייער פאַך, קאָן מען אַרויסדרינגען פון אַזאַ פאַל: ווען די פירשטין יאַבלאָנאָווסקאַ האָט אין 1773 אויפגעשטעלט צוויי פאַבריקן פאַר אייזן=מכשירים („אַמערניעס") אין אירע פּריוואַטע שטעט אין שיעמיאַטיץ און אין א שטעטל אין וואָלין (קאַרפּיטאָווקע), האָט זי באַשטימט צוזאַמען מיט איר אויפזעער דעם שליאַכטיץ (מישייקאָווסקי) א יידישן קעסלער, ער זאָל האָבן די השגחה איבער דער אַרבעט פון האַמערער amernik און פון די קעסלערס.[37] בכלל האָבן די פּריצישע אונטערנעמערס פון מאַנופאַקטור=פאַבריקן אין דער תקופה פון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט זיך אָפט באַנוצט מיט יידישע בעלי=מלאכות ווי פאַכמענער, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסלערנען די מלאכה די אומקוואַליפיצירטע פּויערים=אַרבעטער.[38]

די אויבּיקע רשימה באַווייזט, אַז עס איז נישטאָ קיין איין אינדוסטריע=צווייג, ווו יידן זאָלן נישט האָבן געאַרבעט שוין אין 1764, און אַז כמעט אין אַלע פאַכן פון יעדן אינדוסטריע=צווייג באַזונדער זענען שוין דעמלט דערמאָנט יידן און בלויז אין עטלעכע פאַלן ווערן זיי דערמאָנט צום ערשטן מאָל ערשט צום סוף 18=טן י"ה. לאָמיר נעמען פאַר א פאַרגלייך די מלאכות, וואָס זענען געווען

---

37 פגל. יאַנינאַ בערגער, ידצ"וו, ז. 139.

38 E. Ringelblum, Projekty i próby przewarstwowienia Żydów w epoce stanisławowskiej, Warszawa, 1934.

בנמצא אין 18=טן י"ה ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין אזא שטאָט פון מיטעלער גרייס ווי דרויע (נישט ווייט פון דווינסק): גאַרבערס, קירזשנערס, היטלמאַכערס, שניצערס, טאָקערס, שמידן, טשעשלערס, בעדנערס, שוסטערס, שניידערס, 1 קעסלער, 1 בלעכער, באַלבירערס, וויינערס (winnicy), [illegible]=כערס, טעפּערס, מוליארעס, 1 לודוויסאר (גלאָקן=גיסער, קאַנאָנען=גיסער), 1 גאָלדשמיד, 1 שווערד=מאַכער, 1 גלעזער, מוזיקאַנטן, קונצן=מאַכערס, באָהאָמאַזן (פּרימיטיווע בילדער=מאַלער), פישערס.[39] מיטן אויסנאַם פון גלאָקן=גיסער איז נישטאָ קיין איינער צווישן די דאָ אויסגערעכנטע מלאכות, וואָס זאָלן זיך נישט געפינען אין דער רשימה פון מלאכות ביי יידן אין פוילן.

און דאָך איז פאַראַן אין תוך אַ גרויסער חילוק צווישן דער סטרוקטור פון דער יידישער און נישט=יידישער מלאכה אין פוילן אין 18=טן י"ה. עס איז שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ביי דער נישט=יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג איז מלאכה נישט בלויז רעלאַטיוו, נאָר אויך אַבסאָלוט געווען די פרנסה פון רוב מנין ובנין פון אַלע משפחות,[40] בעת ביי יידן האָט מלאכה אַפילו רעלאַטיוו נישט פאַרנומען דעם רוב אין דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור, נאָר איז געווען די צווייטע אין דער ריי, נאָך האַנדל. די סטרוקטור גופא פון דער יידישער מלאכה לויט אירע צווייגן איז געווען לחלוטין פאַרשידן פון דער נישט=יידישער. דער פאַקט, וואָס מיר געפינען צו איינצלנע יידן פאַרצייכנט אין אַלע פאַרשידנסטע מלאכה=צווייגן און פאַכן, האָט א באַדייטונג פון היסטאָרישן און סאָציאָלאָגישן שטאַנדפונקט; דאָס ענדערט אָבער נישט דעם סטאַטיסטישן פאַקט, אַז ראשה ורובה אין די יידישע מלאכה געווען באַגרענעצט צו אַ שמאָלן געביט. אַזעלכע עיקרדיקע מלאכות, ווי די מלאכות פון מוליאַרעס, טשעשלערס, שמידן, שלאָ=סערס, שוסטערס, וועבער, זענען ביי יידן געווען א גרויסע זעלטנקייט, בעת ביי נישט=יידן זענען זיי געווען די באַזע פון דער מלאכה=סטרוקטור. מיט אלע אירע אומפינקטלעכקייטן איז די ציילונג פון יידן אין 1764 באַגלייבט אין פּרט פון דער יידישער מלאכה=סטרוקטור. מער ווי צוויי דריטל פון יידישע בעלי=מלאכות אין פוילן זענען באַשטאַנען פון באַשעפטיקטע אין דער באַקליידונג און גאַלאַנטעריע=צווייג (שניידערס און קירזשנערס, שמוקלערס, אָבער נישט שוסטערס) און קרוב צוין צענטל (בערך 87%) פון דער יידישער מלאכה האָט ארומגענומען בלויז די צוויי צווייגן באַקליידונג=גאַלאַנטעריע און דערנערונג (קצבים און בעקערס). דאָס איבעריקע צענטל איז באַשטאַנען בעיקר פון גלעזערס און גאָלדשמידן, מיט אַ קליינעם צוגאָב פון קעסלערס, זייפנזידערס און ליכטציערס, גאַרבערס און איינ=בינדערס.

עס איז לחלוטין נישט קיין צופאַל, אַז מלאכות, וואָס קומען פאָר זעלטן אין דער ציילונג, געפינען מיר פאַרצייכנט דווקא אין די גרעסטע קהלות, ווי בראָד,

---

[39] פגל. אָטטאָן העדעמאַן, דצ"ו, ז. 417.

[40] אין דרויע איז געווען די צאָל בעלי=מלאכות אַזוי גרויס, אַז עס קומט אויס, אַז כמעט יעדער ראש=משפחה האָט זיך פאַרנומען מיט אַ מלאכה, אויב נישט אַלס הויפּט=פרנסה, לכל=הפחות ווי א נעבן=פרנסה. זע: אַ. העדעמאַן, דצ"ו, דצ"א.

ווילנע און (שפּעטער, נאָך 1764) וואַרשע. ווייזט אויס, אַז אין די גרויסע יידישע מאַסן־צענטערס איז פאַר אַזעלכע יידישע בעלי־מלאכות ווי בלעכערס, זאָטלערס, רימערס, טשעשלערעס, שוסטערס, מוליאַרעס, פון איין זייט לייכטער געווען אויס־צובאַהאַלטן זיך פאַר דער קאָנטראָל פון די קריסטלעכע צעכן, און פון דער אַנ־דערער זייט האָט די גרויסע יידישע באַפעלקערונג געשאַפן אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר אייגענע בעלי־מלאכות פון די דאָזיקע פאַכן. אחוץ די באַדינגונגען פון שטאַנד־פּונקט פון לעגאַלער און עקאָנאָמישער מעגלעכקייט דאַרף מען דאָ מן הסתם אויך נעמען אין באַטראַכט דעם גורם פון נויטווענדיקייט: ווייזט אויס, אַז פּונקט ווי מלאכה בכלל האָט זיך פאַרשפּרייט ביי יידן אין יענע צייטן דער עיקר אין לענדער פון גרויסע יידישע מאַסן־ישובים, דערפאַר וואָס אַזעלכע גרויסע מאַסן האָבן נישט געקאָנט אַלע געפינען אַ פּלאַץ אין די טראַדיציאָנעלע יידישע פּרנסות, ווי האנדל און קרעדיט — אַזוי איז אין די ראַמען פון מלאכה גופא דער אי־בערגאַנג צו נייע פאַכן פאָרגעקומען אין ענלעכע אומשטענדן ווי אַ רעזולטאַט פון נויטווענדיקייט: אין גרויסע שטאָטישע קהלות האָט אַ טייל פון די אָרעמערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג נישט געקאָנט געפינען קיין פּרנסה אין די איבערגעלאָדענע יידישע טראַדיציאָנעלע מלאכות, ווי שניידעריי, קירזשנעריי, קצבים־פאַך אדגל., און בעל כרחו זיך געווענדעט צו מלאכות, וואָס זענען בכלל זעלטן געווען ביי יידן.

פון אַלע גורמים, וואָס האָבן אויסגעפורעמט די סטרוקטור פון דער יידישער מלאכה אין אמאָליקן פּוילן, איז אָבער דער פאַקטאָר פון דער רעכטלעכער לאַגע אָן אַ ספק געווען דער אַנטשיידנדיקער. דאָס ווערט בולט באַשטעטיקט ביים פאַר־גלייכן די סטרוקטור פון דער יידישער מלאכה אין פּוילן אין 18טן י"ה מיט דעם צוזאַמענשטעל פון יידישע מלאכות אין שכנותדיקן ביימען און מערן. דאָרט גע־פינען מיר אויך אַן איבערוואָג פון די נאָדל־פאַכן ביי יידישע בעלי־מלאכות, אָבער האָך איז דאָרט גאָר באַדייטנדיק די צאָל שוסטערס, זאָטלערס, מאַטראַצן־אַר־בעטער און אַנדערע פאַכן, וואָס זענען אין פּוילן געווען זעלטן.[41] באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט דער ביישפּיל פון פּראָפעסיאָנעלן צוזאַ־מענשטעל פון די יידן אין פּראָג (איבער 100 יידישע שוסטער).[42] ווייזט אויס, אַז די פּריווילעגיעס פון די הערשערס אין ביימען האָבן מער באַשיצט די יידישע בעלי־מלאכות קעגן די אַטאַקעס מצד די קריסטלעכע צעכן, איידער די פּריווי־לעגיעס פון פּוילישע מלכים פאַר די יידן אין זייער מדינה.

די פּראָפּאָרציע יידישע בעלי־מלאכות לגבי די קריסטלעכע האַנטווערקער איז געווען פאַרשידן סיי לויט דעם געאָגראַפישן שטח, סיי לויט דער גרייס פון דער שטאָט. אַ סברה, אַז וואָס ווייטער קיין מזרח און וואָס קלענער די שטאָט — אַלץ גרעסער איז געווען די פּראָפּאָרציע יידן לגבי קריסטן אין מלאכה. בעת דער פּוזנער דעפּאַרטאַמענט האָט אַרום 1800 געציילט 1670 קריסטלעכע שניידערס

[41] זע: רות קסטנברג, דצ"וו, ז. 23.

[42] יאַראָסלאַוו פּראָקעש, די ציפערטע שטודיע, אין יאַרבוך פאַר געשיכטע פון טשע־כישע יידן, IV, 297—331.

און 923 יידישע, איז אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט געווען 270 קריסטן שניידערס און 355 יידן. אין די קליינע שטעטלעך פון ביידע דעפּאַרטאַמענטן זענען ייִדן געווען כמעט די איינציקע בעלי־מלאכות. און דאָך האָט אויפן זעלבן שטח אין סך־הכל די צאָל יידישע בעלי־מלאכות באַטראָפן אין יאָר 1797 בלויז 1.164 לגבי 29.118 פון אלע בעלי־מלאכות, ד. ה. נישט מער ווי א זיבעגטל[43]. ווייטער אין מזרח פון די לענדער פון פוילן איז די פּראָפּאָרציע יידן אין מלאכה לחלוטין געווען אַ סך העכער און דאָך האָבן די קריסטלעכע האַנטווערקער אויך דאָרט על כל פנים זיך אויסגעגליכט מיט די יידישע אַדאַנק דער גרויסער איבערוואָג אין די גרעסערע שטעט און קודם כל מחמת דער באַגרענעצונג פון דער יידישער מלאכה בלויז צו „יידישע פאַכן“.[44]

געזעלן און לערניינגלעך

כדי צו באַקומען א פולשטענדיק בילד פון דער יידישער מלאכה, איר צוזאַמענשטעל לויט באַזונדערע צווייגן און איר אָרט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן אויפבוי פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג, וואָלטן מיר באַדאַרפט צוציילן צו דער סטאַטיסטיק פון בעלי־מלאכות די געזעלן און לערניינגלעך. ליידער זענען אין אַלע אויסגעפאָרשטע וואָיעוואָדשאַפטן די געזעלן פאַרצייכנט געוואָרן און גאָר א קליינער פראָפּאָרציע און לערניינגלעך קוים עטלעכע. אפילו אין גרויסע קהלות באַטרעפט על פי רוב זייער צאָל נישט מער ווי א צענדליק, אנדערהאַלבן, אָדער עטלעכע, שוין אָפגערעדט וועגן אזעלכע קהלות ווי אַפּט, וו ס'איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן אפילו קיין איינציקער געזעלן אָדער לערניינגל. מיט געזעלן און נאָך מער מיט לערניינגלעך האָט אפּנים געטראָפן דאָס זעלבע ווי מיט קינדער און נישט־חתונה־געהאַטע: זיי האָט מען לויט מעגלעכקייט פארהוילן פון דער ציילונג, און דער איבערצייגונג, אַז דאָ וועט מען די פעלשונג נישט לייכט קאָנען אויפדעקן.

די צאָל געזעלן, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן לויט די באַזונדערע צווייגן פון מלאכה, גיבן מיר איבער אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע:

טאַב. VI. I

מיר האָבן געפונען סך הכל אין 10 וואָיעוואָדשאַפטן (9 וואָיעוואָדשאַפטן און דאָס ווילנער לאַנד) 408 פאַרצייכנטע געזעלן און לערניינגלעך. פון 264 שטעט און שטעטלעך באַווינט פון יידן אויף דעם דאָזיקן געביט, זענען פאַרצייכנט געוואָרן געזעלן (און לערניינגלעך) בלויז אין 92, ד. ה. אין 35% פון דער צאָל שטאָטישע קהלות. די דאָזיקע קהלות געהערן אָבער דאָס רוב צו די גרעסערע, און צו די, וו די צאָל אָנגעגעבענע פראָפעסיעס איז לפי ערך א באַדייטנדיקע,

---

[43] י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג אא״וו. מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 42—44.

[44] פגל. ר. מאַהלער, יידן אין אַמאָליקן פוילן, זאַמלבוך „יידן אין פוילן“, ז. ז. 219—220.

וואָרעם זיי נעמען ארום 72% פון אלע בעלי=מלאכות, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין די 10 וואָיעוואָדשאַפטן (1,608 פון 2,242). לגבי אַלע פאַרצייכנטע בעלי=מלאכות באַטרעפן די פאַרצייכנטע 408 געזעלן און לערן=ייִנגלעך בלויז 18%, ד. ה. עס קומט אויס אפילו ווייניקער ווי 1 געזעלן אָדער לערנייִנגל אויף 5 בעלי=מלאכות. אָבער אפילו לגבי דער צאָל 1,608 בעלי=מלאכות, וואָס נעמט ארום די זעלבע שטאָטישע קהלות, ווו מיר טרעפן אָן געזעלן, באַטרעפן זיי אויך נישט מער ווי 25,4%, ד. ה. איין געזעלן אָדער לערנייִנגל אויף 4 בעלי=מלאכות.

די צעטיילונג לויט מלאכה=צווייגן איז נישט פּראָפּאָרציאָנעל די זעלבע ווי ביי זעלבשטענדיקע בעלי=מלאכות, צוליב דעם, וואָס דאָ האָבן מיר מער ווי 29% פאַרצייכנטע סתם ווי געזעלן און לערנייִנגלעך און דער מלאכה=צווייג איז נישט אָנגעגעבן; ביי זעלבשטענדיקע בעלי=מלאכות האָט די דאָזיקע רובריק פון אומבאַשטימטע שוין צוזאַמען מיט די פאַרשידענע מלאכות באַטראָפן נישט מער ווי בערך 4%. דאָך איז צווישן געזעלן דער אַנטייל פון שנייַדער נישט קיין סך קלענער ווי ביי זעלבשטענדיקע בעלי=מלאכות: דאָרט 42,3%, דאָ 37,4%. דאָס זעלבע איז אויך שייך קירזשנערס און היטלמאַכער, ווו די פּראָפּאָרציע צווישן בעלי=מלאכות באַטרעפט 18,8%, צווישן געזעלן און לערנייִנגלעך 14,2%. די פּראָפּאָרציע פון שמוקלערס צווישן געזעלן און לערנייִנגלעך איז א גאָר באַדייטנדיקע, 9,8%, ד. ה. אפילו מער, ווי די פּראָפּאָרציע פון זעלבן צווייג ביי זעלבשטענדיקע בעלי=מלאכות (6,8%). סיי די צאָל, סיי די פּראָפּאָרציע פון געזעלן און לערנייִנגלעך אין די איבעריקע מלאכה=צווייגן איז גאָר אַ קליינע: גאָלדשמידן ס'ה 10, 2,5% פון אַלע געזעלן און לערנייִנגלעך (ביי זעלבשטענדיקע בעלי=מלאכות באַטרעפן גאָלדשמידן מער ווי 4%); קצבים און בעקערס ס'ה 18, 4,4% (ביי זעלבשטענדיקע בעלי=מלאכות באַטרעפן די צוויי דערנערונגס=מלאכות 17,5%); די איבעריקע 13 געזעלן און לערנייִנגלעך באַטרעפן פון איינעם ביז דריי אין באַזונדערע מלאכות: אין 10 וואָיעוואָדשאַפטן נישט מער ווי 1 געזעלן ביי א פּאָטאַשברענער, 1 ביי א גלעזער, 2 ביי זאָקנמאַכערס, 2 ביי העפטערס, 2 ביי ליכטציִער, 2 ביי גראַווירערס, 3 ביי טאַבאַק=מאַכערס.

פון דער צאָל 408 זענען בלויז 330 פאַרצייכנט געוואָרן מיט דעם טערמין געזעלן (czeladnik) ממש. 59 זענען באַצייכנט געוואָרן ווי „דינערס“ ביי די בעלי=מלאכות. עס קאָן גאָר נישט אַנדערש געמאָלט זיין ווי גאָר, אַז די דאָזיקע דינערס (służący, służebny) זענען געווען געזעלן, אין א טייל פאַלן אפשר לערנייִנגלעך, בכל אופן האָבן זיי נישט אויסגעפירט קיין פונקציעס פון הויזדינסט, סיידן (ביי לערנייִנגלעך) ווי א צוגאָב צו דער פאַך=ארבעט. פון די 19 לערנייִנגלעך אין דער טאַבעלע זענען בלויז 9 בפירוש אַזוי באַצייכנט געוואָרן (uczeń) — צו 3 אין דער גנעזנער, שיעראַדזער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. די איבעריקע 10 זענען פאַרשריבן געוואָרן ווי דינסט=ייִנגלעך (służący chłopiec), אָדער סתם ייִנגלעך (chłopiec) און שיק ייִנגלעך (pachołek). אין דריי וואָיעוואָדשאַפטן: וויעלונער, לונטשיצער און צוויזמירער, זענען קיין לערנייִנגלעך בכלל נישט פאַרצייכנט געוואָרן.

מיר האָבן ביז איצט באַטראַכט דעם צוזאַמענשטעל פון געזעלן און לערנ=

ייגגלעך אָן אַ פאַרבינדונג מיט די בעלי־מלאכות, ביי וועלכע זיי האָבן געאַרבעט. לאָמיר איצט זען, ווי עס קומט אַרויס די צעטיילונג פון בעלי־מלאכות לויט צווייגן און וואָיעוואָדשאַפטן אין שייכות מיט האַלטן געזעלן און לערנייִנגלעך.

טאַב. VI ז

די טאַבעלע באַווייזט אין סך הכּל, אַז פון 2,242 בעלי־מלאכות אין 10 וואָיעוואָדשאַפטן זענען בלויז 368, 16,4%, פאַרצייכנט געוואָרן מיט געזעלן אָדער לערנייִנגלעך, און 83,6% אָן אַ שום העלפער. אויך אין אַנדערע געגנטן פון דער פוילישע מלוכה איז די צייִלונג פון זעלבן יאָר אין דעם דאָזיקן פּרט דורכויס נישט באַגלייבט. אין ווילנע זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין 1765 אויף 316 זעלבשטענדיקע בעלי־מלאכות 101 לערנייִנגלעך, אָבער בלויז 9 געזעלן. הגם די פּראָפּאָרציע באַטרעפט דאָרט צוויי מאָל אַזויפיל ווי אין די אויבּיקע 10 וואָיעוואָדשאַפטן, איז זי נאָך אַלץ ווייט פון אמת. פון די תקנות פון די חברות בעלי־מלאכות פון יענער תקופה קאָן מען אויך אַרויסדרייִנגען, דאָס וואָס לייגט זיך אויפן שׂכל, וועז מען נעמט אין באַטראַכט די רעפּראָדוקציע פון מלאכה, אַז אין הירכשניט איז אויסגעקומען נישט ווייניקער ווי איין געזעלן אָדער לערנייִנגל אויף אַ בעלי־מלאָכה, הגם דאָס רוב פון זיי איז באַשטאַנען פון די זין פון מייסטערס, וואָס זענען אין דער צייִלונג פאַרשריבן געוואָרן ווי קינדער. פאַראַן תקנות, ווו עס ווערט דערלויבט אַ מייסטער צו האַלטן צוויי געזעלן און צוויי לערנייִנגלעך, אַנדערע באַגרענעצן די דערלויבעניש צו צוויי געזעלן און איין לערנייִנגל; אָבער דער מיניִמום אויך אין די שטרענגערע תקנות איז איין געזעלן און איין לערנייִנגל ביי איין מייסטער. אויך די צייט, ווען אַ מייסטער מעג אָנהייבן צו באַשעפטיקן אַ געזעלן אָדער לערנייִנגל, איז על פּי רוב געווען באַשטימט נישט שפּעטער ווי 1 ביז 3 יאָר נאָך דער חתונה, און בלויז אין אויסנאַם־פאַלן (קיידאַן) האָט אַ בעל־מלאכה געדאַרפט וואַרטן 10 יאָר, כּדי צו מעגן באַשעפטיקן אַ היִלפס־קראַפט.[45] אַ סך מער באַגלייבט ווי אונדזער צייִלונג פון 1765 זענען אין דעם דאָזיקן פּרט די שפּעטערדיקע צייִלונגען פון 18־טן י"ה, הגם אויך זיי זענען נישט פולשטענדיק. לויט דער פּרייסישער צייִלונג פון 1795, האָבן אין ליסע 25 יידישע קירזשנערס באַשעפטיקט 18 געזעלן און 5 לערנייִנגלעך.[46]

די צאָל בעלי־מלאכות, וואָס האָבן באַשעפטיקט מער ווי צו איין געזעלן אָדער לערנייִנגל, איז אַרויסגעקומען אין אונדזערע צייִלונג גאָר מינימאַל: ס"ה 34 (אין אַלע 10 וואָיעוואָדשאַפטן), דערפון 30, וואָס האָבן געהאַלטן צו 2 געזעלן און בלויז צו 2 מייסטערס האָבן געהאַלטן צו 3 און 4 געזעלן.

אין פּרט פון האַלטן געזעלן איז קיין גרויסער חילוק אין פּראָפּאָרציע צווישן די באַזונדערע מלאכה־צווייגן נישטאָ. צום נידעריקסטן איז די פּראָפּאָרציע ביי קירזשנערס און הינטלמאַכערס, ווו בלויז 12,5% פון אַלע בעלי־מלאכות האָבן געהאַלטן געזעלן אָדער לערנייִנגלעך, ביי שניידערס באַטרעפט די פּראָפּאָרציע 15% און ביי שמוקלערס און אַלע אַנדערע בעלי־מלאכות צוזאַמען 19%. שמוק־

[45] ר. מאַהלער, יידן אין פוילן, ז. 319.
[46] ר. מאַהלער, דאָרטן, ז. 218.

לערס האָבן אויך לפי ערך א העכערע פּראָפּאָרציע פון מייסטערס מיט צוויי געזעלן ווי אַנדערע צווייגן (2%) און שמוקלערס זענען אויך די איינציקע צוויי בעלי־מלאכות אין אלע 10 וואָיעוואָדשאַפטן, וווּ עס זענען פּאַרצייכנט 4 געזעלן און לערנייִנגלעך ביי איין מייסטער.

איבערגייענדיק צו איינציקע וואָיעוואָדשאַפטן, קאָנען מיר פעסטשטעלן דעם משונהדיקן פאַקט, אז די פּראָפּאָרציע פאַרצייכנטע געזעלן און לערנייִנגלעך שטייט אין א פאַרקערטער פאַרהעלטעניש צו דער צאָל פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות. אין צענטראַלער וואָיעוואָדשאַפט מיט 546 פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות זענען בלויז 10% אזעלכע, וואָס האַלטן א געזעלן (אָדער לערנייִנגל), אין דער לובלינער, מיט 385 בעלי־מלאכות — 11%, און דער גנעזנער, מיט 262 בעלי־מלאכות — זענען בלויז 6% פון זיי פאַרצייכנט געוואָרן מיט געזעלן. בלויז קאַלישער און שיעראַדזער זענען צוויי וואָיעוואָדשאַפטן מיט א באַדייטנדיקער צאָל פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות (אין דער ערשטער 356 בעלי־מלאכות, אין דער צווייטער 233), וווּ די פּראָפּאָרציע מייסטערס מיט געזעלן איז העכער ווי אין סך־הכל אויפן גאַנצן שטח פון 10 וואָיעוואָדשאַפטן, אין דער קאַלישער — 20,5%, אין דער שיעראַדזער — 26%. דווקא אין 4 וואָיעוואָדשאַפטן מיט א גאָר קליינער צאָל פאַרצייכנטע יידישע בעלי־מלאכות (סיי אבסאָלוטע, סיי אין פאַרגלייך מיט דער גרייס פון דער יידישער באַפעלקערונג) איז די פּראָפּאָרציע מייסטערס, וואָס האַלטן געזעלן, א סך העכער ווי אין די איבעריקע וואָיעוואָדשאַפטן: אין מאַזאָוויע — 30%, אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט — 31%, אין דער לונטשיצער — 32% און אין ווילונער לאַנד, מיט א סך־הכל 40 פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות, זענען 19 פון זיי, ד. ה. 47,5% אזעלכע, וואָס האַלטן געזעלן. די אינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די פּראָפּאָרציע מייסטערס מיט געזעלן באַטרעפט בלויז 17% פון אלע בעלי־מלאכות, איז אן אויסנאַם, אויב מען נעמט אין באַטראַכט די קליינע אבסאָלוטע צאָל פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות (122), אָבער באַשטעטיקט דעם כלל, אויב מען נעמט און אכט די דאָזיקע צאָל אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל שטאָט־יידן: אין דער אינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפן די פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות 40% פון אלע אויפגעציילטע ראשי־משפחות.

עס איז א סברה, אז די דאָזיקע דערשיינונג פון פאַרקערטער פּראָפּאָרציע צווישן דעם פּראָצענט פאַרצייכנטע געזעלן און דער צאָל און פּראָצענט פאַרצייכנטע בעלי־מלאכות, לאָזט זיך דערקלערן מיטן אופן, ווי אזוי די ציילונג איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן. ווייזט אויס, אז בדרך כלל האָט מען אין רוב קהלות, אָן א חילוק פון דער געגנט פון לאַנד, געהאַלטן פאַר נייטיק אָנצוגעבן די פּראָפעסיעס פון פּראָמינענטע בעלי־מלאכות, וואָס זענען געווען באַקאַנט אין שטאָט. ביי די זעלבע בעלי־מלאכות, מן הסתם אויך די רייכסטע צווישן זייער פאַך אין שטאָט, האָט מען אויך נישט געקאָנט אויסמיידן צוצושרייבן כאָטש צו איינציקע פון זייערע געזעלן און לערנייִנגלעך. דער רעזולטאַט איז דעריבער, אז אין אזעלכע וואָיעוואָדשאַפטן, ווי למשל די קראָקעווער און מאַזאָוויער, וווּ מען האָט בעיקר די דאָזיקע קאַטעגאָריע בעלי־מלאכות פאַרצייכנט לויט דעם פאַך, איז דער פּראָ־

צענט געזעלן (לגבי פאַרצייכנטע בעלי=מלאכות) לפי ערך הויך. אין די וואָיעוואָדשאַפטן, ווו מען האָט אַ גרויסע צאָל (הגם נישט תמיד אויך גרויס אין פראָפאָרציע צו דער צאָל משפחות) ראשי=משפחות פאַרצייכנט לויט זייער מלאכה, האָט מען אָבער אויך בעיקר די פראָמינענטע און באַקאַנטע צווישן זיי פאַרשריבן מיט זייערע געזעלן און דערפאַר איז דאָרט בכלל אַ נידעריקע פראָפאָרציע פון געזעלן=באַשעפטיקער לגבי דער צאָל פאַרצייכנטע בעלי=מלאכות.

4. פרייע פראָפעסיעס, אָנגעשטעלטע און פאַרשידענע פראָפעסיעס

אויפן סמך פון די דאַטעס פון דער ציילונג האָבן מיר באַרעכנט די פראָפאָרציע פון פרייע פראָפעסיעס און פאַרשידענע פראָפעסיעס אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן, אין שטעט מיט אַ מינימום פון 25% ראשי=משפחות מיט פאַרצייכנטע פראָפעסיעס, אויף בערך 10%—12% פון אַלע ראשי=משפחות (זע אויבן טאַב. VI C ,VI B). אין אונדזער אַנאַליז פון דער פראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון שטאָטישע יידן אין קרוין=פוילן זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז די פאַרשידנאַרטיקע פרנסה=צווייגן פון דער דאָזיקער רובריק האָבן אַרומגענומען בערך 15%—18% פון אַלע ראשי=משפחות.

דער צונויפשטעל פון דער דאָזיקער רובריק איז זייער אַ פאַרשידנאַרטיקער. דאָ געהערן פון פרייע פראָפעסיעס: דאָקטוירים, באַלבירערס, מוזיקאַנטן, מלמדים, בדחנים, שדכנים אאַ. פון קהלה=באַאַמטע: רבנים, שוחטים, שמשים, חזנים, בעדערס, הקדש=לייט, קברנים, וואַרטאַרער, נאַכטוועכטערס אאַ. דאָ האָבן מיר אויך פאַררעכנט פראָפעסיאָנעלע אָרעמעלייט און התנה=געהאַטע משרתים פון ביידע מינים.

לאָמיר איצט זען וויאַזוי עס שטעלן זיך פאָר אין ציפערן די דאָזיקע פאַרשידענע פראָפעסיעס.

א. דאָקטוירים

היות דאַקטוירים זענען פאַרצייכנט געוואָרן אויך אין שטעט, ווו עס ווערן אויסגערעכנט באַלבירערס, דאַרף מען זיך משער זיין, אַז דאָס זענען נישט געווען סתם פעלדשערס, הגם בלויז אַ טייל פון זיי האָט געהאַט דעם טיטל דאָקטאָר, אָדער בכלל געענדיקט אוניווערסיטעט. נאָך אין 20=טן י״ה פלעגט מען רופן מיטן צונאָמען דאָקטאָר אויך יידן, וואָס האָבן זיך פראָפעסיאָנעל פאַרנומען מיט היילן, הגם זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום דיפּלאָם.

אָט איז די רשימה דאָקטוירים אין די באַזונדערע שטעט:

גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט: 1 אין וורעשן (ווזשעשניא) — יוסף; 1 אין פלאַטוי (זלאָטאָוואַ) — לייב (Leip.)

ווילונער לאַנד: אין קוזשמישקאַ — בערעק סאַלאָמאָן.

לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפֿט: 1 אין פּאַרענטשעוו — דוד, 1 אין קאַלאָוו — יעקב.

מאַזאָוויע: 1 אין מאַקאָווע — מאיר.

קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט: 1 אין זשמיגראָד — „פֿאַרבײפֿאָרנדיקער דאָקטאָר“.

צוויזמירער וואָיעוו.: 2 אין פּינטשעוו — מאַרעק פֿעליקס און ליטמאַן, 1 אין קאָרטשין (נײַשטאָט) — הערשל לעווקאָוויטש און 1 אין טאַרנע — איציק.

לובלינער — 1 אין קוראָוו — „הערציק דער קוראָווער דאָקטאָר“ (Kurowski Doktór Hercyk). אין קראַשניק — יעקב און 1 אין לובאַרטאָוו — איציק בן מנשה (Icek Manasowicz).

סך הכל געפֿינען מיר אין 8 וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿאַרצייכנט 14 דאָקטוירים אין 13 שטאָטישע קהלות, דערפֿון בלויז אין איין שטאָט פּינטשעוו צוויי אין דער זעלבער שטאָט. פּינטשעוו איז טאַקע די גרעסטע פֿון די דאָזיקע שטאָטישע קהלות מיט 2,049 פֿאַרצייכנטע נפֿשות עלטער ווי אַ יאָר. די צווייטע פֿון די דאָזיקע שטעט, לויט דער גרויס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, איז פּלאָטוי (זלאָטאָוואָ) מיט 1,027 פֿאַרצייכנטע נפֿשות. פֿון די איבעריקע 11 שטעט ציילן 6 צו עטלעכע הונדערט נפֿשות — קרוב צו טויזנט (זשמיגראָד, קאָרטשין, טאַרנע, קוראָוו, קראַשניק, לובאַרטאָוו); פֿאַראַן אָבער אויך 2, וואָס ציילן בלויז צו העכער 400 נפֿשות (וורעשן, מאַקאָווע), 2 איבער 200 נפֿשות (קוזשנימשקאַ, פּאַראַנטשעוו) און אין איין שטאָט, קאַלאָוו, זענען נישט איבערגעציילט געוואָרן מער ווי 69 נפֿשות ייִדן עלטער איבער אַ יאָר.

די רשימה פֿון דאָקטוירים איז בכן דורכויס אַ צופֿעליקע. אין אַזעלכע קהלות ווי אָפּט, קראָטאָשין, קאַליש איז נישט דערמאָנט קיין איין דאָקטאָר, הגם די פּראָפּאָרציע ראשי־משפּחות מיט פֿאַרצייכנטע פּראָפֿעסיעס איז דאָרט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע. אין דער גרעסטער פֿון די שטאָטישע קהלות אויף דעם דאָזיקן געביט (פֿון 10 וואָיעוואָדשאַפֿטן), קראָקע (קאַזימיר), מיט 3,309 פֿאַרצייכנטע נפֿשות, ווערן דערמאָנט צוויי דאָקטוירים, אָבער נישט אין דער ציילונג גופֿא, ווו עס פֿעלן בכלל פּראָפֿעסיאָנעלע באַצייכענונגען, נאָר אין די חתימות, מחמת דעם, וואָס די צוויי דאָקטוירים זענען געווען פּרנסים פֿון קהל. דאָס זענען די דאָקטוירים אהרן און מענדל קאַלאַהורא (Aaron Michał Kolchory Doktór, Mendel Aaronowicz Kolchory Doktór).

אויך אין מיטעלע קהלות פֿלעגן זיך טרעפֿן דיפּלאָמירטע דאָקטוירים, ווי מען קאָן זען פֿון בײַשפּיל פֿון טוריסק און וואָלין. אין דער דאָזיקער שטאָט, ווו עס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן אין 1765 סך־הכל 504 ייִדן[47] (אין עלטער העכער

---

[47] די רוסיש־ייִדישע ענציקלאָפּעדיע גיט אָן די צאָל ייִדן און טוריסק אין 1765 — 874. דער חילוק נעמט זיך דערפֿון, וואָס דאָ, ווי אין אַ סך פֿאַלן אין שייכות מיט דער ציילונג פֿון יענעם יאָר, איז די ענציקלאָפּעדיע נישט מדקדק און גיט אָן די צאָל ייִדן אין דער גאַנצער קהלה (די שטאָט מיט די סביבות, ד. ה. דאָרפֿישע ישובים) ווי די צאָל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דער שטאָט גופֿא.

אַ יאָר) האָט זיך באַזעצט דער באַרימטער ד"ר משה מאַרקוזע פון קעניגסבערג, מחבר פון ספר חרפואות.

לויט די באַריכטן פון דייטשישע מיטצייטלערס איז „כמעט דער גרעסטער טייל פון פוילישע וואונדהיילער" (Wundärzte) צום סוף פון 18־טן י"ה באַשטאַנען פון יידן. אויך די שליאַכטע און גלחים פלעגן זיך באַנוצן מיט יידישע „וואונדהיילער" פונקט ווי מיט יידישע באַלבירער.

בכלל איז אַ קוואַליפיצירטער דאָקטאָר געווען אַ זעלטענקייט אין פוילן; אין גאַנצן דיסטריקט פון נעמצע (נאָטעטש) האָבן די פרייסן אין 1772 געטראָפן בלויז 2 דאָקטוירים און 5 כירורגן. די „רופאים" זענען געווען בדרך כלל יידן: אין ניישלעזיען איז דווקא אין די שטעט, וווּ יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען, נישט געווען „קיין שום מעדיציניש הילף" (לויט אמטלעכע באַריכטן צום סוף 18־טן י"ה).[48]

ב. באַלבירערס

באַלבירערס (cyrulik) זענען אין ליכט פון דער ציילונג געווען גאָר שטאַרק פאַרשפרייט אין שטעט און שטעטלעך, הגם, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זענען אויך דאָ פאַראַן אומגענויקייטן: פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל שטעט, אפילו פון מיטעלער גרייס, וווּ זיי ווערן נישט דערמאָנט (ווישעגראָד, משעכאַנאָוו, פיעטרקאָוו, קראַשניק), און גרויסע קהלות, וווּ זייער צאָל איז אָנגעגעבן אומגלייבלעך מינימאַל (קראָטאָשין 3, פינטשעוו 2!). אין סך הכל געפינען מיר אָבער אין די 264 שטאָטישע קהלות פון די 10 וואָיעוואָדשאַפטן פאַרצייכנט 175 באַלבירערס (פגל. טאַב. VI), ד. ה. דורכשניטלעך קומט אויס אין צוויי דריטל פון דער צאָל שטעט צו איין באַלבירער. אין די שטעט מיט אַ מינימום 25% ראשי־משפחות מיט פאַרצייכנטע פראָפעסיעס באַטרעפן די באַלבירערס 123 אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן, סך־הכל 1,7% פון אַלע ראשי־משפחות. אין 7 פון די דאָזיקע וואָיעוואָדשאַפטן געפינען מיר אויך פאַרצייכנט געזעלן, אין סך הכל 25, אָבער בלויז איין לערנייִנגל (פגל. טאַב. VI). די פראָפאָרציע געזעלן לגבי מייסטערס באַטרעפט דאָ בכן קנאַפע 15%, ד. ה. נאָך וויניקער ווי ביי בעלי־מלאכות, וווּ דער שייכותדיקער פראָצענט איז 18%. אין דער אמתן האָט זיך אָן אַ ספק ביי באַלבירערס, פונקט ווי ביי בעלי־מלאכות, די צאָל געזעלן און לערנייִנגלעך איבערגעשטיגן די צאָל מייסטערס, הגם פונקט ווי דאָרט דאַרפן מיר אין אַכט נעמען די זין פון די מייסטערס, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן סתם ווי קינדער און נישט ווי געזעלן אָדער לערנייִנגלעך.

ביי דעם נידעריקן מצב פון דער מעדיצין אין פוילן אין יענער צייט האָבן די באַלבירערס (cyrulik) פאַקטיש אויסגעפירט אויך די פונקציע פון הילף־

---

[48] זע: י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג אא"וו. מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 52.

דאָקטוירים, פעלדשערס. לויט א פּרייסישן אָמטלעכן באַריכט פון 1794 איז אין דער שטאָט פּייזערן (Pyzdry) און אין דער גאַנצער סביבה נישט געווען קיין איין דאָקטאָר אָדער כירורג, נאָר בלויז יידישע פעלדשערס. די זעלבע אויבן דער־מאָנטע באַריכטן, וואָס דערציילן וועגן דער איבערוואָג פון יידן צווישן רופאים און וונדהיילער, דערציילן אויך וועגן יידישע פעלדשערס אין דינסט פון אדליים און גלחים. יידישע פעלדשערס און כירורגן פלעגן אויך באַזוכן די דערפער, און פּונקט ווי יידישע דאָרף־שניידערס, פלעגן זיי נעמען באַצאָלט אין נאַטור, פּראָ־דוקטן אָנשטאָט געלט.[49]

אַפּטייקער ווערן אין דער ציילונג פון 1764 נישט דערמאָנט. לויט די פּריי־סישע באַריכטן קומט אָבער אויס, אַז יידישע „ווינקל־אַפּטייקערס" זענען געווען פּונקט אזוי פאַרשפּרייט און פּאָפּולער, ווי יידישע פעלדשערס און וונדהיילער און פּונקט ווי זיי, פלעגן זיי אויך באַדינען אדליים און גלחים.[50] היבאַמען פעלן אויך אין דער ציילונג פון 1764. פּרייסישע אָמטלעכע באַריכטן באַשטעטיקן אָבער, אַז אויך די דאָזיקע פּראָפעסיע איז געווען פאַרשפּרייט ביי יידן אין גרויס־פּוילן און אַז מען האָט פון די יידישע היבאַמען שטאַרק געהאַלטן. אין פּויזנער דעפּאַר־טאַמענט זענען לויט דער סטאַטיסטיק פון קרוג (אַרום 1800) געווען 16 יידישע פרויען צווישן 138 היבאַמען; אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט — 13 צווישן 65.[51]

ג. מלמדים

מלמדים שטעלן צונויף א באַדייטנדיקע פּראָפּאָרציע צווישן די פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס. אין די שטעט און שטעטלעך מיט אַ מינימום פון 25% ראשי־משפּ־חות מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס באַטרעפט די צאָל מלמדים אין 9 וואָיעוואָד־שאַפטן—193, ד. ה. 2,7% לגבי אלע 7,065 ראשי־משפּחות. די פאַרשידנקייט פון דער שייכותדיקער פּראָפּאָרציע אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן גרייכט פון 1,2% אין דער לונטשיצער וואָיעוו. (ווו עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן בלויז 2 מלמדים אין דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט!), ביז 3,5% אין דער צויזמירער וואָ־יעוו. (65 מלמדים אויף 1839 ראשי־משפּחות אין שטעט, ווו די פּראָפעסיעס זענען באַצייכנט מינימום ביי 25%).

ווי ווייט מען דאַרף אָננעמען די צאָלן און די פּראָפּאָרציע פון פאַרצייכנטע מלמדים מיט אַ באַוואָרעניש, באַווייזט נישט בלויז דער דערמאָנטער ביישפּיל פון דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט; פאַראַן אויך קהלות פון מיטלער גרייס, ווי גנעזן, קויל און פּייזערן (ביידע שטעט אין דער קאַלישער וואָיעוו.), ווו עס ווערט נישט אָנגעגעבן קיין איין מלמד.

49 יאַקאָב יאַקאָבסאָן, דצ"ו, ז. 52—53.

50 דאָרטן גופא.

51 דאָרטן גופא.

אין גרעסערע קהלות מיט פאַרצייכנטע פראָפעסיעס איז די צאָל און פּראָ־פּאָרציע פון מלמדים אַזאַ:

שטאָטישע קהלה	צאָל פאַרצייכנטע נפשות	צאָל ראשי־משפחות (עקאָנאָמיש־אַקטיווע)	פאַרצייכנטע צאָל מלמדים	צאָל מלמדים אין פּראָפּאָרציע לגבי אַלע ראשי־משפחות
אינאָוורצלאַוו	804	264	11	4,2%
זלאָטאָווא (פלאַטוי)	1027	321	4	1,2%
קאַליש	809	190	7	3,7%
קראָטאָשין [52]	1656	499	17	3,4%
לאַסק	891	203	11	5,4%
זשמיגראַד	683	159	7	4,4%
דוקלע	574	109	4	3,7%
אַפּט	1675	437	21	4,8%
פּינטשעוו	2049	474	16	3,4%
קראַשניק	921	225	7	3,1%
קאָציק	489	108	7	6,5%
לובאַרטאָוו	764	218	6	2,7%
לוקאָוו	543	137	6	4,4%
ס"ה	12,885	3344	124	3,7%

מיר זעען פון דער דאָזיקער רשימה, אז מיטן אויסנאַם פון זלאָטאָווע (פלאַ־טוי), וואָס קומט נישט אין חשבון דערפאַר, וואָס די משפחות מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס באַטרעפן דאָרט סך הכל 11%, איז אין די איבעריקע 12 גרעסערע שטאָטישע קהלות די פּראָפּאָרציע מלמדים פון 2,7% (לובאַרטאָוו) ביז 5,4% (אין לאַסק) לגבי דער צאָל משפחות. און אויב מיר עלימינירן די קהלה זלאָטאָווע, באַטרעפט די פּראָפּאָרציע מלמדים אין סך־הכל נישט 3,7, נאָר 4 פּראָצענט. די פּראָפּאָרציע מלמדים אין די גרעסערע קהלות איז בכן אַ סך גרעסער, ווי אין אַלע קהלות בכלל — (2,7%). דער חילוק נעמט זיך דערפון, וואָס אין אַ ריי קהלות זענען קיין מלמדים בכלל נישט פאַרצייכנט געוואָרן.

אין די דערמאָנטע צוויי גרויסע שטאָטישע קהלות, אחוץ די 10 וואָיעוואָד־שאַפטן, איז די צאָל און פּראָפּאָרציע מלמדים אַזאַ: אין בראָד זענען אין 1765 פארצייכנט געוואָרן 60 מלמדים צווישן 1,641 ראשי־משפחות, ד. ה. 3,7%, אין ווילנע — 11 מלמדים צווישן 743 ראשי־משפחות, ד. ה. 1,5%. די פּראָפּאָרציע מלמדים אין בראָד איז בכן גענוי די זעלבע, ווי די פּראָפּאָרציע פון

[52] לויט דער פּרייסישער סטאַטיסטיק פון 1795, האָט קראָטאָשין געציילט 16 מלמדים (זע: י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג אא"וו. מאָנאַטסשריפט 1921, ז. 67—70). הכלל כמעט אַזויפיל ווי אין דער ציילונג פון 1764. די דאָזיקע אַמטלעכע סטאַטיסטיק איז אָבער לחלוטין נישט באַגלייבט, אויב פאַר דער קהלה ליסאַ, וועלכע איז געווען אין 1764 דריי מאָל אַזוי גרויס ווי קראָטאָשין (4724 נפשות איבער אַ יאָר, לגבי 1656 אין קראָטאָשין), ווערט די צאָל מלמדים אָנגעגעבן קלענער, נישט מער ווי 14.

די אויבּיקע 13 גרעסערע קהלות, אין ווילנע אָבער, מער ווי צוויי מאָל קלענער. נישט קיין ספק, בכן, אַז אין ווילנע איז אַ גרויסע צאָל מלמדים נישט פאַרצייכנט געוואָרן לויט דער פראָפעסיע, אָדער בכלל פאַרהוילן געוואָרן פון דער ציילונג.[53]

אין דער צאָל מלמדים, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, האָבן מיר אויך צוגערעכנט די עטלעכע באַווייבטע בעלפערם (inspektor, spektor), וואָס אַ טייל פון זיי (5 אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט) ווערן דערמאָנט ווי ארבעטסגעבער פון אונטער־בעלפערם (podinspektor). דער פאַקט אליין פון האַלטן אונטער־בעלפערם באַווייזט, אַז די טערמינאָלאָגיע אין פויליש איז נישט געווען קיין גענויע, און אַז „בעלפערם“ (spektor) פלעגט מען אויך אָנרופן מלמדים, הגם בדרך כלל הייסן זיי אויף פויליש bakałarz, פון לאַטייניש (bacca laureatus). אין מאַזאָוויע, ווו עס ווערן בכלל דערמאָנט בלויז 4 מלמדים (אין 3 קהלות), ווערן אלע באַצייכנט ווי בעלפערם (inspektor).

בעלפערם אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט, כמעט אַלע אומבאַווייבטע, זענען באַשטאַנען פון 2 קאַטעגאָריעם: אַזעלכע, וואָס זענען געווען באַהעלפערם ממש, ד. ה. באַהעלפערם ביי מלמדים, און אַזעלכע, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט ביי אַ באַלעבאָס צו לערנען מיט די קינדער. ביידע קאַטעגאָריעם ווערן אָנגערופן אָן אַ חילוק מיט די זעלבע טערמינען: inspektor, spektor, derektor, belfer און אָפט אַפילו bakałarz – („מלמד“). אין דאָרף, ווי מיר וועלן ווייטער זען, זענען געווען פאַרשפּרייט בעלפערם כמעט אויסשליסלעך פון דער צווייטער קאַטעגאָריע. אָבער אויך אין שטעט, בפרט אין קליינע שטעטלעך, הגם אַמאָל אויך אין גרויסע קהלות, ווי לובלין, אַפּט, פינטשעוו, זענען פאַרצייכנט געוואָרן בעלפערם פון דער צווייטער קאַטעגאָריע. דאָרט, ווו דער באַרוף פון זייערע באַלעבאַטים איז אָנגעגעבן, איז עס בדרך כלל אַן אַרענדאַר. אין לובלין זענען די צוויי דערמאָנטע בעלפערם באַשעפטיקט ביי שענקערם.

פון דער רשימה, וואָס מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט (זע טאַב. VI K), קומט אויס, אַז אין 10 וואָיעוואָדשאַפטן זענען פאַרצייכנט געוואָרן 36 בעלפערם באַשעפטיקטע אין פריוואַטע הייזער. בלויז אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן קיין איין פריוואַטער בעלפער, וואָס איז אפשר אין שייכות מיט דער קליינער צאָל אַרענדאַרן אין יענער טעריטאָריע. אין דער גנעזנער וואָיעוו. איז בכלל נישט פאַרצייכנט געוואָרן קיין איין בעלפער פון קיין שום קאַטעגאָריע. אין דער מאַזאָווער וואָיעוו. זענען פאַרשריבן געוואָרן מער פריוואַטע בעלפערם ווי אין יעדער אַנדערער וואָיעוואָדשאַפט, 10 אין צאָל, בעת אַ בעלפער ביי אַ מלמד געפינט זיך דאָרט אין דער ציילונג בלויז איינער. עס באַשטעטיקט זיך דאָ ווידער, להיפוך צו די מערב־וואָיעוואָדשאַפטן, דער כאַראַקטער פון מאַזאָוויע, ווי אַ געביט מיט שטאָטישע יידישע קהלות, וואָס זענען געווען

[53] לויט דער ציילונג פון יידן אין ביימען אין 1724, איז אויסגעקומען אין שטאָט און אין דאָרף 82 מלמדים אויף 3093 משפחות, ד. ה. 2,5%. אין קרייז בראַדים — 5 מלמדים אויף 166 משפחות, ד. ה. 3%. זע: רות קעסטנבערג־גלדשטיין, דצ"ו, ז. 25.

ענלעך צו דאָרפישע לויט זייער גרייס און עקאָנאָמישן כאַראַקטער, מיט א גרויס- סער פּראָפּאָרציע פון אָרענדאַרן און קרעטשמערס.

בעלפערס ביי מלמדים געפינען מיר אין די 10 וואָיעוואָדשאַפטן סך־הכל 61, בעת די צאָל מלמדים אין דעם זעלבן געביט באַטרעפט 252. אמת, מען דאַרף אין אַכט נעמען, אַז בלויז דרדקי מלמדים און אויך זיי נישט אַלע האָבן באַשעפ- טיקט בעלפערס. פונדעסטוועגן איז אָן אַ ספק, אַז די באמתע פּראָפּאָרציע פון בעלפערס לגבי מלמדים איז געווען גרעסער ווי 61 צו 252, ד. ה. 24%. עס איז אָפּגערעדט דערפון, וואָס איז דעם וויעלונער לאַנד איז אפילו קיין איין בעלפער ביי א מלמד נישט פאַרצייכנט געוואָרן (די צאָל פאַרצייכנטע מלמדים באַטרעפט דאָרט אויך נישט מער ווי 4), און אויך אין דער גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט איז, ווי דערמאָנט, נישטאָ אין דער ציילונג קיין איין בעלפער, הגם די צאָל מלמדים באַטרעפט דאָרט 16; אויך אין אַלע איבעריקע וואָיעוואָדשאַפטן איז דער חשבון פון בעלפערס באַשיימפערלעך א געפעלשטער: בעת מלמדים זענען אויף דעם געביט (פון 10 וואָיעוואָדשאַפטן) פאַרצייכנט געוואָרן אין 73 שטאָטישע קהלות, צעטיילן זיך די 61 בעלפערס ביי מלמדים בלויז אויף 20 שטעט, ד. ה., אז אין 73%, קרוב דריי פערטל פון דער צאָל שטעט מיט פאַרצייכנטע מלמדים, פעלן בכלל בעלפערס.

די פּאַקטישע פּראָפּאָרציע פון בעלפערס לגבי מלמדים, הגם אפשר נישט די פּאַקטישע אַבסאָלוטע צאָל, געפינען מיר אין דער ציילונג פון דער גרויסער קהלה פינטשעוו. דאָרט האָבן מיר אויף א צאָל 16 מלמדים פאַרצייכנט 17 בעלפערס ביי מלמדים (אחוץ דריי בעלפערס ביי בעלי־בתים). פאַרשטייט זיך, אז אזא פּראָפּאָרציע איז גיכער קרוב לאמת, ווי אין דער צווייטער גרעסטער קהלה אין דער זעלבער צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט, אַפּט, ווו עס זענען פאַרצייכנט גע- וואָרן 21 מלמדים און בלויז איין איינציקער בעלפער (ביי א מלמד). פונקט אזוי לחלוטין אומבאַגלייבט איז אין דעם פרט די סטאַטיסטיק פון דער גרעסטער קהלה אין פּילן, בראָד, ווו אין יענעם יאָר זענען פאַרצייכנט געוואָרן 60 מלמדים, אָבער בלויז 4 בעלפערס!

פינטשעוו באַווייזט אויך, אז עס איז געווען גאַנץ באַדייטנדיק די פּראָפּאָר- ציע פון מלמדים, וואָס האָבן געהאַלטן מער ווי איין בעלפער. צווישן די דאָר- טיקע 16 פאַרצייכנטע מלמדים זענען 7 געווען אָן בעלפערס, 2 האָבן געהאַלטן צו 1 בעלפער, 6 האָבן געהאַלטן צו 2 בעלפערס און 1 האָט געהאַלטן 3 בעלפערס. הגם אחוץ פינטשעוו געפינען מיר בלויז איין שטאָט אין אַלע 10 וואָיעוואָדשאַפטן, יוזעפאָוו אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, ווו עס איז פאַרצייכנט געוואָרן א מלמד מיט צוויי בעלפערס, איז, לויט אַלע סברות, פינטשעוו אין דער אמתן נישט געווען קיין אויסנאַם, נאָר א ביישפּיל פון א כלל.

אויב די מלמדים האָבן, ווי עס ווייזט דער ביישפּיל פון גרעסערע קהלות, באַטראָפן בערך 4% פון דער צאָל עקאָנאָמיש־אַקטיווע ראשי־משפחות ביי שטאָ- טישע יידן, איז אַ סברה, אַז די מלמדים מיט די בעלפערס, אין חדרים און פּרי- וואַטע, האָבן צוזאַמענגעשטעלט נישט ווייניקער ווי 6% פון אַלע עקאָנאָמיש־אַק- טיווע אין די שטאָטישע קהלות.

טאַב. VI L

פון 10 וואָיעוואָרשאַפטן זענען אין 9 פאַרצייכנט געוואָרן 64 כלי־זמרים, אין דער לונטשיצער קיין איינער נישט. די 64 מוזיקאַנטן זענען געווען אין 33 שטאָטישע קהלות, ד. ה. דורכשניטלעך צו 2 אין א קהלה. צווישן די קהלות געפינען זיך 5 אזעלכע, וווּ די צאָל ראשי־משפחות אין שטאָט באַטרעפט ווייניקער ווי 100, פון זיי ציילן פיר צו ווייניקער ווי 50 משפחות. אין א שטעטל ווי סקאָקי (אין דער גנעזנער וואָיעוו.), מיט 372 נפשות (עלטער ווי א יאָר), זענען פאַרצייכנט געוואָרן 3 כלי־זמרים; און פון דער אנדערער זייט, אין אזא גרויסער קהלה ווי פינטשעוו, מיט העכער 2 טויזנט נפשות, אויך נישט מער ווי 3. א מוזיקאַנט איז פאַרצייכנט געוואָרן אפילו אין אַזאַ קליינעם יידישן ישוב ווי משענסטאָכאָוו, מיט 75 נפשות (אריינגערעכנט 30 נפשות אין דער פאָרשטאָט). די העכסטע צאָל מוזיקאַנטן אין איין שטאָט, 5, איז פערצייכנט געוואָרן אין דער צווייטער גרעסטער קהלה אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט, אַפּט.

34 פון די 64 פאַרצייכנטע כלי־זמרים, הכלל מער ווי א העלפט, איז באַצייכנט געוואָרן סתם ווי מוזיקאַנטן, איינער צווישן זיי אין דעם שטעטל מאַקאָווע, אין מאַזאָוויע, ווערט אָנגערופן קאַפעלמייסטער. פון די איבעריקע 30 זענען 15 באַסן, 10 צימבלערס און 5 פידלערס. די קאָמבינאַציעס, דאָרט וווּ עס זענען פאַרצייכנט צוויי אָדער 3 אינסטרומענטן, זענען על פי רוב באַס און צימבלער, אין איין פאַל — צימבלער און פידלער. פאַראַן שטעט, וווּ עס ווערן דערמאָנט בלויז צו 2 באַסן, 2 פידלער און 2 צימבלער (מאַקאָווע, מיט איין קאַפעלמייסטער). אין 16 פון די 33 שטעט זענען פאַרצייכנט געוואָרן בלויז צו איינציקע כלי־זמרים, דערפון אין 6—סתם מוזיקאַנטן, אין 6—צו איין באַס, אין 3 — צו איין צימבלער און אין 1 — איין פידלער. צווישן די שטעט מיט בלויז 1 פאַרצייכנטן קלעזמער געפינען זיך אזעלכע גרויסע קהלות ווי לאַסק (891 נפשות) און לובאַרטאָוו (764 נפשות). דער בולטסטער באווייז, אז די קהלות האָבן געהאַט מער ווי דעם איינעם פאַרצייכנטן קלעזמער, איז דער ביישפיל פון די 6 שטעט מיט בלויז 1 באַס. אויב מען קאָן זיך נאָך בדוחק פאָרשטעלן, אז אויף א חתונה האָט צוגעשפילט בלויז איין פידלער, אָדער איין צימבלער, איז א סברה, אז א באַס האָט נישט געשפילט איינער, אָן א קאַפעלע. דאָס זעלבע איז אוודאי שייך אזא שטאָט ווי דאָמבראָווע (צווזמירער וואָיעוו.), וווּ עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן צוויי כלי־זמרים, אָבער ביידע באַסן. וואָס פאַרא ספק קאָן זיין, אז דאָרט זענען געווען צוויי קאַפעלעס?

אין ביידע גרויסע קהלות, אחוץ אונדזערע 10 וואָיעוואָדשאַפטן, בראָד און ווילנע, איז פאַרצייכנט געוואָרן א גלייכע צאָל כלי־זמרים, צו 7, הגם בראָד האָט געציילט צוויי מאָל אַזוי פיל יידן ווי ווילנע.

אויב די צאָל כלי־זמרים איז בלויז אין א תשבורת איבערגעגעבן געוואָרן אין דער ציילונג, ווערט דאָרט דער גאָכוווקס פון דער דאָזיקער פראָפעסיע כמעט לחלוטין נישט אָפּגעשפיגלט. הגם ביי כלי־זמרים פלעגט מער ווי אין אנדערע פראָפעסיעס דאָס פאַך, לרוב צוזאַמען מיט דעם טאַלאַנט, אריבערגיין בירושה פון

טאַטעס אויף זין, הייסט דאָס נישט, אַז זיי האָבן נישט געהאַלטן קיין געזעלן און לערנייִנגלעך. איינצעלע אַזעלכע פֿאַקטן זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן אויך אין דער ציילונג. אין לובאַרטאָוו (לובלינער וואָיעוו.) געפֿינען מיר אַ ייִנגל אויף דער לער (chłopiec) ביי דעם איינציקן דאָרט פֿאַרצייכנטן מוזיקאַנט, און אין דער גרויסער קהלה קראָטאָשין (קאַלישער וואָיעוו.) האַלט איינער פֿון די דאָרטיקע פֿאַרצייכנטע 4 מוזיקאַנטן אַ געזעלן.

וואָס שייך דעם אָנטייל פֿון ייִדן אין מוזיקאַנטן־פֿאַך, ווייזט אויס, אַז פּונקט ווי אויפֿן געביט פֿון מלאכה און פֿון אַנדערע פֿרייע פּראָפֿעסיעס (באַלבירער), איז די פּראָפּאָרציע געווען אַלץ גרעסער, וואָס ווייטער אַ פּראָווינץ האָט זיך געפֿונען אין מזרח פֿון דער פּוילישער מלוכה. דאָס הריינגט אויך אַרויס פֿון די צאָלן, וואָס זענען אונדז באַקאַנט וועגן גרויס־פּוילן אונטער דער פּרייסישער הערשאַפֿט. אין 1800 זענען אין דעם מערבדיקסטן טייל, אין פּוזנער דעפּאַרטאַמענט, געווען 123 מוזיקאַנטן, דערפֿון 26 ייִדן; אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט, ווייטער צו מזרח צו, זענען צווישן 25 מוזיקאַנטן געווען 12 ייִדן, ד. ה. בערך אַ העלפֿט[54].

ב ד ח נ י ם — אַ פּראָפֿעסיע נאָענט צו כלי־זמרים, ווי אַ מין נויטווענדיקע דערגאַנצונג צו דער קאַפּעלע, זענען בכלל נישט פֿאַרצייכנט געוואָרן אין דריי וואָיעוואָדשאַפֿטן, דער אינאָוראָצלאַווער, גנעזנער, לונטשיצער. אין די איבעריקע 7 וואָיעוואָדשאַפֿטן געפֿינען מיר זיי פֿאַרצייכנט בלויז אין עטלעכע שטאָטישע קהלות: אין דער קאַלישער: 2 אין קאַליש, 1 אין אָסטראָוו; אין דער שיעראַדזער: 1 אין לאַסק; אין וויעלונער לאַנד — אין איין שטאָט, קעמפּן; און מאַזאָוויע — צו אייניקעם אין די שטעטלעך סטאַווויסקי און מאַקאָוו; אין דער קראָקעווער — אין דער שטאָט זשאַרנאָוויץ (2); אין דער צוויזמירער — אין אָפּט, פּלאָנטץ (פּאָלאַניעץ), אָסטראָוויעץ, פּינטשעוו (2), כמיעלניק און דאָמבראָווע און אין דער לובלינער — אין קאַליגאָווישטשיזנע (פֿאָרשטאָט פֿון לובלין), קראַשניק (2), לובלין און ראַדזין. — ס״ה אין 10 וואָיעוואָדשאַפֿטן בלויז אין 17 פֿון 264 שטאָטישע קהלות. עס איז איבעריק צו ברענגען ראיות, אַז בדחנות ווי אַ הויפּט־פּראָפֿעסיע איז געווען פֿאַרשפּרייט אַפֿילו אין גאָר קליינע קהלות, פּונקט ווי די קרובהשע פּראָפֿעסיע פֿון כלי־זמרים. פֿון דער ציילונג גופֿא זעען מיר, אַז נישט בלויז אין אַזאַ באַדייטנדיקע קהלה ווי פּינטשעוו, מיט העכער צוויי טויזנט פֿאַרצייכנטע נפֿשות, אָדער אין אַ מיטעלער קהלה ווי קראַשניק (921 נפֿשות), נאָר אַפֿילו זשאַרנאָוויץ, מיט בלויז 298 פֿאַרצייכנטע נפֿשות, האָבן זיך געפֿונען צו 2 בדחנים.

די בדחנים ווערן בדרך כלל פֿאַרצייכנט מיטן טערמין figlarz, אין קאַליש און אָסטראָוו הייסן זיי drużba, וואָס קאָן אויך באַדייטן שדכן. אין לאַסק (שיעראַדזער וואָיעוו.), אין אָסטראָוויעץ און דאָמבראָווע (ביידע אין דער צוויזמירער וואָיעוו.) ווערט דערמאָנט אין דער ציילונג צו איין זינגער (śpiewak), דאָס זענען על כּל פּנים נישט געווען קיין חזנים, וואָרעם אין די זעלבע קהלות זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן ראשי־משפּחות פֿון דער דאָזיקער פּראָפֿעסיע (kantor).

---

[54] די ציפֿערן פֿון פּ. קרוג, ביי י. יאַקאָבסאָן, די שטעלונג, אא״וו, מאָנאַטסשריפֿט, 1921, ז. 46.

ווייזט אויס, דאָס זענען בדחנים, וואָס זענען דאָ באַצייכנט געוואָרן אויף פּויליש מיט אַן אַנדערן טערמין ווי דער געוויינלעכער, figlarz, סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט זינגער לויטן שטייגער פון די שפּעטער פּאָפּולערע פאָלקסזינגער.

נאָך אַ פאַך פון דער אַרטיסטישער פּראָפעסיע, ק ו נ צ נ מ אַ כ ע ר, איז פאַרצייכנט געוואָרן אויפן שטח פון אַלע 10 וואָיעוואָדשאַפטן בלויז אין איין שטאָט פּריסטיק, אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט — ר' לייב „קונצנמאַכער“.

פון ש ד כ נ י ם און אַנדערע פאַרשפּרייטע „פרייע פּראָפעסיעס“ ביי יידן אין יענער צייט, ווערט דערמאָנט בלויז 1 אין פינטשעוו. די באַצייכענונג איז baraśnik, וואָס באַדייט זיכער שדכן און נישט מעקלער, ווי מיר געפינען זיי אין געוויסע אוקראַיִנישע געגנטן אונטער דעם דאָזיקן טערמין, וואָרעם אין דער זעלבער קהלה ווערט דער איינציקער פאַרנאָטירטער מעקלער באַצייכנט מיט דעם געוויינלעכן פּוילישן טערמין faktor. אין פּרט פון סטאַטיסטיק פון שדכנים קאָנען מיר בכן פון דער ציילונג לחלוטין גאָר נישט אַרויסלערנען.

ה. סופרים, שרייבערס און מעסטערס

די פּראָפעסיע „שרייבער“ (pisarz) ווערט זעלטן דערמאָנט אין דער ציילונג און נאָך זעלטענער ווערט צוגעגעבן אַ דערקלערונג, וואָס זאָל אונדז באַשטימען צי מיר האָבן צו טאָן מיט אַ סופר, אַ שרייבער פון דער קהלה (ספרא), אָדער אַ שרייבער ביי אַ סוחר צי אַרענדאַר.

סופרים (pisarz żydowski) ווערן דערמאָנט בפירוש בלויז איינער אין אַפּט און איינער אין כמיעלניק. אַ שרייבער פון דער קהלה (pisarz synagogi) ווערט געבראַכט בלויז אין אינאָוראָצלאַוו. אַחוץ דעם ווערן דערמאָנט צו איינציקע שרייבער סתם אין זלאָטאָווע, (גנעזנער וואָיעוו.), אין לאַסק (שיעראַדזער וואָיעוו.), אין ווישניץ (קראָקעווער וואָיעוו.) און אין סטאָפּניץ (צווזמירער וואָיעוו.). צווישן האָרפּס־יידן געפינען מיר אַ ייד אַ שרייבער אפילו אין אַ ביי־הויז, וואָס האָט נישט געהערט צו קיין יידישן אַרענדאַר, נאָר דירעקט צום פּריץ (אין דער סביבה פון ניי־סאָנץ, קראָקעווער וואָיעוו.). היות ווי אין יענע צייטן פלעגט די באַשעפטיקונג פון שרייבער און נאמן אפילו לויט דעם טיטל זיין פאַראייניקט (ספרא ונאמן אין דער קהלה, אָדער ביים וועד פון גליל און פון ארבע ארצות), דאַרף מען זיך מישער זיין, אַז אויך די יידן, וואָס ווערן פאַרצייכנט ווי נאמנים (wiernik) ביי אַרענדאַרן, זענען געווען בוכהאַלטערן־שרייבערס. בכל אופן האָבן „שרייבערס“ פון פאַרשידענע קאַטעגאָריעס צוזאַמענגעשטעלט איינע פון די וויכטיקסטע פרייע פּראָפעסיעס ביי יידן אין פּוילן, הגם דאָס קומט בלויז ספּאָראַדיש צום אויסדרוק אין דער ציילונג.

נאָך אַ באַשעפטיקונג פון די פרייע פּראָפעסיעס אין ענגערן זינען איז געווען די אַרבעט פון מעסטער („מייערניק“, „מיערניק“). בפירוש געפינען מיר זי פאַרצייכנט אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון דער צווזמירער וואָיע־

וואָדשאַפט: 3 אין אַפּט, צו איינעם אין ראָזוואַדאָוו, קלימענטאָוו, פּינטשעוו, כמיעלניק, דאָמבראָווע און טשודעץ, אין איין קהלה, דאַלשיץ, אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט און אין 3 קהלות פון דער לובלינער וואָיעוו. (לובלין, מאָדליבאָזשיץ, פּיאַסק). מעגלעך, אַז אין די ציילונג־רייסטערס פון אַנדערע וואָיעוואָדשאַפטן איז צוליב דעם אומקלאָרן כתב דער זעלבער טערמין (miernik) אַרויסגעקומען ווי wiernik (נאמן). די פונקציע פון די מיערניקעס איז באַשטאַנען מן הסתם אין אַכטונג געבן אויף דער מאָס מצד דער קהלה[55] אָדער מצד דעם אַרענדאַר: אין מאָדליבאָזשיץ איז פאַרצייכנט אַ „מיערניק“, וואָס איז באַשעפטיקט ביי אַן אַרענדאַר.

ה. משרתי קהלה און כלי־קודש

אין אַלטן פּוילן האָט די קהלה אין אירע פאַרצווייגטע אינסטיטוציעס באַשעפטיקט אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג. די ציילונג איז אָבער אין דעם פּרט גאָר פראַגמענטאַר און גיט אַ מעגלעכקייט בלויז אומדירעקט צו מאַכן סטאַטיסטישע אויספירן.

ר ב נ י ם. אפילו דער דאָזיקער אַמט, וואָס איז געווען בנמצא אין יעדער, אפילו גאָר קליינע קהלה, איז אין די ציילונג־רייסטערס פאַרצייכנט געוואָרן בלויז אין אַ טייל שטעט. אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט זענען אויף 23 שטאָטישע קהלות פאַרצייכנט געוואָרן רבנים בלויז אין 4; אין דער לונטשיצער, מיט 14 קהלות — בלויז אין 2, אין מאַזאָוויע, מיט 26 קהלות — בלויז אין 4. פאַראַן אויך גרעסערע קהלות, וווּ עס איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן בכלל קיין רב: קאַליש גנעזן, צוויזמיר אאַ. אין דער קהלה אַפּט זענען פאַרצייכנט געוואָרן 8 רבנים אחוץ 3 דיינים, אָבער אין דער נאָך גרעסערער קהלה אין דער זעלבער וואָיעוואָדשאַפט, פּינטשעוו, ווערט דערמאָנט בלויז 1 רב! 8 רבנים אין איין קהלה געפינען מיר אויך פאַרצייכנט אין קראָטאָשין. פאַרשטייט זיך, אַז די שרייבערס פון די פּוילישע ציילונג־רייסטערס האָבן נישט מדקדק געווען אין דער נאָמענקלאַטור און פאַררעכנט אויך דיינים צווישן די רבנים, הגם אַמאָל, ווי אין אַפּט, ווערן דיינים באַזונדער דערמאָנט. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר 7 קהלות, וווּ עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן צו 2 רבנים.

אין אַ טייל קהלות זענען פאַרצייכנט געוואָרן podrabin (שטעל־פאַרטרעטער פון רב), וואָס מיינט מן הסתם דיינים; אין מאַקאָווע (מאַזאָוויע) — איין רב מיט צוויי אונטער־רבנים, אין שניאַדאָווע (מאַזאָוויע) — בלויז איין „פּאָדראַבין“ און אין סטריקאָווע (לונטשיצער וואָיעוו.) — בלויז 1 פּאָדראַבין. אין אַ טייל שטעט זענען פאַרצייכנט באַזונדער duchowny (גייסטלעכער), וואָס איז מן הסתם געווען אַן אַנדערער טערמין פאַר אַ דיין. אין עטלעכע פאַלן, ווי אין מאַקאָווע און אין דאַלשין (וויעלונער לאַנד), זענען דערמאָנט דרשנים (kaznodzieja).

[55] אין דער ציילונג פון בראָד זענען פאַרצייכנט 2 נאמנים ביי דער וואָג (wiernik przy wadze).

פ ר נ ס י ם ווערן פארצייכנט אונטער פארשידענע טערמינען, ווי kwartalny kahalny (ד.ה. פרנס פון קווארטאל אין יאָר, פרנס החודש), starszy (עלטס-טער). אין בעלזשיץ (לובלינער וואָיעוו.) איז פארצייכנט א פרנס הגליל (starszy ziemski). היות דער אַמט פון פרנסים איז בדרך כלל נישט געווען קיין פראָ-פעסיע, האָט עס פאר דער פראָפעסיאָנעלער סטאטיסטיק ממילא נישט קיין באַ-דייטונג.

ש ת ד ל נ י ם, וואָס זענען געווען באַאמטע פון קהל, ווערן געבראַכט אונטער דער באצייכענונג sendyk (סנדק) אין גרעסערע און קלענערע קהלות: אין קראָ-טאָשין (קאלישער וואָיעוו.), אין אינאָווראָצלאוו און אין דער צויזמירער וואָיע-וואָדשאַפט — אין קארטשין, און אפילו אין קליינעם שטעטעלע (37 פארצייכנטע נפשות!) זשאָכאָוו. אין דאָמבראָווע, צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט, איז פארצייכנט א שתדלן פון גליל.

נ א מ נ י ם (סעקרעטארן פון קהל) wierny זענען פארצייכנט געוואָרן אין 3 קהלות פון דער צויזמירער וואָיעוואָדשאפט: סטאשאָוו, קלימענטאָוו און זשאָב-נע, און אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט — אין לענטשנע; אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט—אין כזשאַנאָוו און אין וואָלבראָם. די דערמאָנטע קליינע שטעט-לעך באַווייזן, אז דער אַמט איז געווען אויך אין די גאָר קליינע קהלות.

ח ז נ י ם זענען פונקט ווי רבנים ספּאָראדיש פארצייכנט געוואָרן, הגם אויך זיי האָבן נישט געפעלט אין קיין שום קהלה. אין דער גאנצער לונטשיצער און גניעזנער וואָיעוואָדשאַפט און אין וויעלונער לאַנד ווערט בכלל קיין חזן נישט דערמאָנט, אין גאנץ מאזאָוויע בלויז אין 3 שטעט (מאקאָוו, קאלושין און נאָ-שעלסק) און אין דער קאלישער וואָיעוואָדשאפט אויך בלויז אין 3 שטעט (קאליש, קורניק און קראָטאָשין). 2 חזנים אין איין שטאָט געפינען מיר אין דער ציילונג פון קאָליש, אפט און לובארטאָוו, צו 3 חזנים אין ווישניץ (קראָקעווער וואָיעוו.) — דערפון 2 podkantor (ד. ה. אונטערחזנים, משוררים) און אין פינטשעוו.

ש ו ח ט י ם זענען אויך בלויז אין א קליינער צאָל קהלות פארצייכנט געוואָרן: אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאפט, אין מאזאָוויע און אין דער קראָ-קעווער וואָיעוואָדשאַפט זענען זיי בכלל נישטאָ אין דער ציילונג; אין א טייל וואָיעוואָדשאַפטן געפינען מיר זיי בלויז צו 2—3 אין דער גאַנצער וואָיעוואָד-שאַפט! 2 שוחטים אין איין קהלה געפינען מיר בלויז אין קאָליש און קראָטאָשין און 3 שוחטים אין דער זעלבער שטאָט — בלויז אין פינטשעוו.

ש מ ש י ם פיגורירן אין די חתימות פון די פאָרשטייערס פון כמעט אלע קהלות. דאָך ווערן זיי אין ציילונגס-רעיסטערס גופא אדורכגעלאָזט אין א גאַנץ באַדייטנדיקער צאָל קהלות, בפרט אין מאזאָוויע, ווו זיי ווערן דערמאָנט בלויז אין 8 פון 26 שטאָטישע קהלות. אויך דאָרט, ווו זיי זענען יאָ פארצייכנט, געפינען מיר זיי על פי רוב בלויז צו איינצעלע, בעת די דאָזיקע פראָפעסיע האָט ווי מיר ווייסן אפילו אין די גאָר קליינע קהלות באשעפטיקט צו עטלעכע פערזאָן. פון פנקס פון דובנע ווייסן מיר, אז עס האָבן עקזיסטירט 3 קאַטעגאָריעס שמשים: שמשים פון קהל, שמשים פון בית-דין און שמשים פון באַזונדערע שולן און בתי מדרשים. מיר דארפן נאָך אין אכט נעמען א פערטע קאַטעגאָריע שמשים, די שמשים פון

די חברות: אין בראָד זענען טאקע בפירוש פארצייכנט 2 שמשים פון דער חברה קדישא און 1 ביי דער חברה שענקערס, אחוץ 1 שמש פון קהל, 2 פון בית=דין, 1 א שרייבערישער שמש פון קהל (szkolnik pisarski), ד. ה. שמש ונאמן און 10 סתם שמשים.

מיר האָבן געפונען פארצייכנט צו 2 שמשים: אין דער איגאָוורעָצלאווער וואָיעוואָדשאַפט: אין אינאָווראָצלאַוו און פּאָרדאָן; אין דער גניעזנער: אין וויטקאָוו, סקאָקי, עקצין (קציניע) און זלאָטאָוואָ (פלאַטוי); אין דער קאַלישער: אין פּייזערן (פיזדרי) און יאראָטשין; אין דער שיעראַדזער: אין לאַסק, ווידאווע, בלאשקי, דוואָרט (ווארטע) און לוטאָמירסק; אין מאזאָוויע: אין קאלושין און נאַשעלסק; אין דער קראָקעווער: אין דוקלע; אין דער צוויזמירער: אין צוויזמיר, פּאָלאַגיעץ (פלאַגיץ), טאַרלאָוו, באַראַנאָוו, כמיעלניק און סטאָפּניץ; אין דער לובלינער: אין בעלזשיץ, בילגאָריי, לוקאָוו, פארטשעוו, פיאסק.

צו דריי און מער שמשים געפינען מיר אין די ווייטערדיקע שטעט: גנעזנער וואָיעוואָדשאפט: מארגאָנין — 6 (אויף 84 פאמיליעס!); קאלישער: קאליש — 3, אָסטראָווע — 3, קראָטאָשין — 5; שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט: דאָברע — 3; וויעלונער לאנד: קעמפּן — 3; אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאפט: ווישניץ — 3; אין דער צויזמירער: אַפּט — 6 (אחוץ איין סארווער), מעליץ (מיעלעץ) — 3, פינטשעוו — 7; אין דער לובלינער: גלוסק — 3, לובלין — 8.

פארשטייט זיך, אז מאָסגעבנדיק פאר אונדז זענען נישט די פאַקטן פון גרויסע קהלות ווי קאליש מיט 3 שמשים אָדער די נאָך גרעסערע קהלה זלאָטאָווע (פלאַטוי, איבער טויזנט פארצייכנטע נפשות) מיט 2 שמשים, נאָר דער ביישפּיל פון אזעלכע קליינע קהלות ווי דאָברע (334 פארצייכנטע נפשות) און גלוסק (268 נפשות), וו עס זענען דאָך פארצייכנט געוואָרן צו 3 שמשים.

די ספּעציאליזאציע און היערארכיע פון דער שמשים=פּראָפעסיע קומט צום אויסדרוק אין דער ציילונג ביים דערמאָנען אונטער=שמשים (podszkolnik) און שול=קלאפּערס, וואָס רופן אין שול אריין (kołatacz): אין לאַסק (שיעראדזער וואָיעוו.) און אין בעלזשיץ (לובלינער וואָיעוו.).

פון קהלה=אָנגעשטעלטע ווערן נאָך דערמאָנט אין דער ציילונג, לײדער אויך ספּאָראדיש, בעדער, הקדש=לייט, קברנים און וועכטער.

די סטאטיסטיק פון די פארצייכנטע בעדער און הקדש=לייט וועלן מיר איבערגעבן ווייטער אין שייכות מיטן אנאליז פון די וווינונגס=פארהעלטענישן פון די שטאָטישע יידן. דאָ ווילן מיר בלויז אָנווייזן, אז אין לובלין זענען פארצייכנט 3 בעדער, פון זיי 2 אין יידישע בעדער און אייגער אין באָד פון סטאראָסטע. וואָס שייך הקדש=לייט (szpitalny), ווערן זיי דערמאָנט בלויז צו איינציקע; אין בעלזשיץ איז פארצייכנט א פרוי, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם הקדש (szpitalna baba); אין פינטשעוו ווערט אה"ץ א הקדש=מאן (szpitalny) אויך דערמאָנט א וואַרטאָרער (warciarz), אין קאזמארק (קראָקע) — 2 וואַרטאָרער.

וועכטער סתם, ד.ה. שטאָט=וועכטער, וועכטער פון יידישן קוואַרטאַל, ווערן דערמאָנט צו איינעם אין פּיזערן (פּיזדרי), יאַראָטשין, קראָטאָשין (אַלע 3 שטעט אין דער קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט), אין לוטאָמירסק (שיעראַדזער וואָיעוו. (stróż miejski), אין פּיאָטרקאָוו 2, אין בעלזשיץ (strażnik) און אין קראַשניק (אויך אין דער לובלינער וואָיעוו.) — 2, אין פּינטשעוו און אין אָפּט — 3. אויב אָפּט, וואָס איז געווען אַ קלענערע קהלה ווי פּינטשעוו, האָט באַשעפטיקט 3 יידישע וועכטער, אין אַ סברה, אַז אין אַלע גרעסערע קהלות איז די צאָל וועכטער נישט געווען ווייניקער, נישט מער, וואָס זיי זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן אין דער ציילונג.

היות בלויז אין עטלעכע גרעסערע קהלות זענען פאַרצייכנט געוואָרן די קהלה=אַנגעשטעלטע פון אַלע קאַטעגאָריעס, קאָנען מיר בלויז אויף זייער ביישפּיל באַקומען לפּי ערך אַ השגה, וואָס פאַרא פּראָצענט יידן האָבן געשעפּט זייער חיונה פון דער קהלה און פון קהלשע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס (שולן, בתי=מדרשים אאַז). ווי אַ ביישפּיל וועלן מיר נעמען די שטעט: קאַליש, קראָטאָשין, לאַסק, קראַשניק, אָפּט, פּינטשעוו, כמיעלניק און בראָד.

טאַב. VI M

די רשימה ווייזט, אַז אחוץ כמיעלניק, וווּ די פּראָפּאָרציע משרתי=קהלה באַטרעפט סך=הכל 2% פון אַלע ראשי=משפחות, איז די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע אין ערגעץ נישט קלענער ווי 3% און באַטרעפט אין סך=הכל פון די 8 גרעסערע קהלות 4,8%. פּאַקטיש איז די פּראָפּאָרציע געווען אַ סך גרעסער: אין קאַליש זענען רבנים כלל נישט דערמאָנט; דיינים זענען פאַרצייכנט בלויז אין 2 פון די 8 שטעט; דאָס גלייכן שתדלנים, בעדער, קברנים; אין 4 פון די 8 שטעט ווערט דערמאָנט בלויז צו איין חזן; אין 4 פון די 8 שטעט זענען נישט דערמאָנט קיין הקדש=לייט; אין 3 זענען נישט פאַרצייכנט קיין וועכטער; דער עיקר אָבער באַווייזט דער ביישפּיל פון בראָד, אַז די צאָל שמשים איז אומעטום געווען גרעסער ווי זי איז אָנגעגעבן אין דער ציילונג. מען מעג בכן אָננעמען, אַז די פּראָפּאָרציע פון משרתי=קהלה איז געווען אין דער אמתן אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי אין רעזולטאַט פון דער טאַבעלע, ד.ה. זי האָט באַטראָפן סך הכל נישט 4,8% נאָר בערך 7%.

ז. פאַרשידענע באַשעפטיקונגען

מיט דער דאָזיקער רובריק האָבן מיר אַרומגענומען געציילטע ראשי=משפחות פון פאַרשידענע עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס: עטלעכע באַווייבטע באַדינערס אָן אַ באַצייכנטער פונקציע (1 אין דער גניעזנער וואָיעוו., 2 אין דער שיעראַדזער וואָיעוו., 2 אין מאַזאָוויע און 1 אין דער לובלינער וואָיעוו.); דאָ האָבן מיר אויך פאַררעכנט עטלעכע ראשי=משפחות, וואָס זענען באַצייכנט ווי „פּישערס" (rybak), וואָס קאָן באַדייטן אי פּיש=הענדלער אי טאַקע פּישער ממש. אַ סמך פאַר דער צווייטער השערה איז דער אומשטאַנד, וואָס זיי ווערן דערמאָנט אין

גרויס־פוילישע שטעט, אין שכנות פון אָזיערעס: 5 אין קאַליש, 2 אין וורעשן (ווזשעשניע) און בלויז 1 אין קאַזמאַרק (קראָקע) און 1 אין קליין־פוילישן שטעטל דוקלע.

פּראָפעסיאָנעלע אָרעמעלייט זענען דערמאָנט אין דער ציילונג נאָר ספּאָראַדיש און אין אַ גאָר קליינער צאָל; אָט איז די רשימה:

איגאָוראָצלאַוו 4 (אין הקדש); אָסטראָוו (קאַלישער וואָיעוו) 2; אין דערשיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט: דאָברע 1, בלאַשקי 1, לוטאָמירסק 4; און דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט: פּאַרענטשעוו 8 (אין הקדש), קאָלאָוו 11; אין מאַזאָוויע: ווישעגראָד 4 בעטלערינס, נאַשעלסק 1 אָרעמאַן; אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט: פּאַרטשעוו 2.

די גאָר קליינע צאָל אָרעמעלייט אין די ציילונג־רייסטערס איז נישט קיין חידוש, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז לויטן סיים־געזעץ וועגן דער ציילונג, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט אין דער הקדמה, איז קהל געווען מחויב צו באַצאָלן דעם קאָפּ־שטייער פאר אָרעמעלייט. אפילו אין שטעט, ווו עס ווערן דערמאָנט די הקדש־לייט (הקדש־וועכטער, הקדש־אויפזעער), ווערן די קבצנים, די לאָקאַטאָרן פון הקדש, מיט אַ צוויי אויסנאַמען, פאַרשוויגן. אין איינעם פון די דאָזיקע אויסנאַמען ווערט טאַקע בפירוש דערמאָנט, אז קהל גיט אָן א בקשה, מען זאָל די אָרעמעלייט פון קאָפּשטייער באַפרייען. אין ציילונג־רייסטער פון פּאַרענטשעוו (לונטשיצער וואָיעוו.) האָבן מיר אזא כאַראַקטעריסטישע נאָטיץ:

„אין דעם דאָזיקן הקדש געפינען זיך 8 פּערזאָן און די דאָזיקע אָרעמעלייט גיבן זיך איבער דעם באַשלוס פון דער גאָר ליכטיקער קאָמיסיע, ד. ה. די ציילונגס־קאָמיסאַרן פון דער וואָיעוואָדשאַפט“. [56] דער ציילונג־רייסטער פון דער גאַנצער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט ענדיקט זיך מיט אַזאַ דערקלערונג:

„נאָך די אַלע אויסגעפירטע שבועות פון דער לונטשיצער קהלה און פון אַלע אויבן אויסגערעכנטע שטעט אין קרייז פון דער וואָיעוואָדשאַפט — היות דאָס גאַנצע יידנטום גיט אָן א בקשה פאַר דעם רב און שמשים פון אַלע שטעט, ווי אויך פאַר די קאַליקעס, אַלטע לייט, בעלי־מום, וואָס געפינען זיך אין די הקדשים און וואָס זענען אריינגענומען געוואָרן אין דער ליקווידאַציע (אין דער ציילונג, ר. מ.), פון עלטסטן ביז צום קלענסטן קאָפּ, גיבן מיר עס איבער דעם באַשלוס פון דער גאָר ליכטיקער קאָמיסיע“.[57]

דאָס דערמאָנען אין דער דאָזיקער בקשה רבנים און שמשים צוזאמען מיט אָרעמע לייט דערקלערט אויך אין אַ גרויסער מאָס דעם אויבן דערמאָנטן פאַקט, וואָס רבנים און שמשים ווערן אין די ציילונג־רייסטערס גופא אויסגערעכנט אין

[56] W tym szpitalu znajduje się osób 8, które ubóstwo ad Decisionem Kommissyi Prześwietney oddaie się.

[57] Po których to wykonanych przysięgach od Synagogi Łęczyckiey tudziesz (sic! R. M.) w okręgu woyewództwa miast wszystkich zwyż wyrażonych, a że wszystko Żydostwo supplikuje za Rabinem y Szkolnikami wszystkich Miast, tudziesz Kalik, Starych, Ułomnych, w Szpitalach będących a w Likwidacyi weszłych od naystarszey aż do naymnieyszey Głowy, przeto Decyzyi Prześwietney Kommissyi oddaiemy.

גאָר אַ קליינער צאָל: אויב אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפֿט האָט קהל אָפּ־ציעל געבעטן צו באַפֿרייען די כלי־קודש פֿון קאָפּשטייער, האָט אין אַנדערע וואָ־יעוואָדשאַפֿטן קהל אויסגערעכנט אויף דעם חסר פֿון די ציילונגס־קאָמיסאַרן אַן אָן אָפּיציעלער בקשה...

אין סך הכל פֿון אַנאַליז איז דער צונויפֿגעשטעל פֿון דער רובריק „פֿרייע פּראָפֿעסיעס און פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס“ און אומבאַשטימטע לפּי ערך אזא:

באַלבירערס (ארייננערעכנט דאָקטוירים)	2% פֿון אלע ראשי־משפּחות;
מלמדים	4% פֿון אלע ראשי־משפּחות;
קהלה און קהלה־אינסטיטוציעס אָנגעשטעלטע פֿאַרשידענע אנדערע פּראָפֿעסיעס און	7% פֿון אלע ראשי־משפּחות;
אומבאַשטימטע פּרנסות	3%—5% פֿון אַלע ראשי־משפּחות.
ס״ה	16%—18%

5. משרתים, דינסטן און אָנגעשטעלטע (נישט־חתונה־געהאַטע)

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז נישט מעגלעך געווען צוזורעכענען צו די באַזונדערע צווייגן פֿון די פּראָפֿעסיעס די אומבאַוויבטע משרתים און געזעלן, — וואָרעם אין די מערסטע פֿאַלן איז נישט געווען קיין יסוד פֿעסטצושטעלן דעם כאַ־ראַקטער פֿון דער ארבעט פֿון די משרתים. דערצו איז נאָך די טערמינאָלאָגיע אין פּרט פֿון געזעלן, אָנגעשטעלטע און דינסטן זייער א פֿאַרשידנאַרטיקע און אומפּינקטלעכע: פֿון איין זייט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט אין שייכות מיט דער סטאַטיסטיק פֿון געזעלן, ווערן אין א סך פֿאַלן געזעלן און לערנייִנגלעך ביי בעלי־מלאכות באַצייכנט מיטן טערמין משרתים סתם (służący) און אפֿילו „פּאַראָ־בעק“ (ביי א זאָקן־מאַכער — אין מאַקאָווע). ממילא קומט אויס, אז אויך דאָרט, ווו די פּראָפֿעסיע פֿון ארבעטס־געבער איז נישט אָנגעגעבן, איז דער משרת אין א טייל פֿאַלן געווען אַ האַנטווערקער־געזעלן. פֿון דער אַנדערער זייט, הגם א סך זעלטענער, געפֿינען מיר אויך סתם משרתים באַצייכנט מיטן טערמין געזעלן און אין איין פֿאַל (לובלין) איז אַ „געזעלן“ גאָר פֿאַרצייכנט ביי א רב.

אין א טייל וואָיעוואָדשאַפֿטן איז גאַנץ באַדייטנדיק די צאָל משרתים, וואָס זענען פֿאַרצייכנט מיטן טערמין „פּאַראָבעק“. הגם אין די זעלבע וואָיעוואָדשאַפֿטן ווערן אויך דערמאָנט איינציקע פּערזאָנען בפּירוש ווי בעלי־עגלות, אָנגעשטעלטע ביי בעלי־בתים (woźnica), איז נישט קיין ספק, אַז די פֿונקציע פֿון פּאַראָבעק איז באַשטאַנען קודם כל אין פֿורמאַנסטווע, אויב אפֿילו מען מעג זיך משער זיין, אז הויזדינסט און הילפֿסארבעט אין געשעפֿט איז געווען א צונאָב־פֿליכט. א סברה, אז אויך די משרתים סתם האָבן אין א סך פֿאַלן אויסגעפֿירט די ארבעט פֿון פּאַ־

דאַבקעס, אחוץ הילפס־ארבעט אין דער קראַם, גוראַלניע, ברייהויז, קרעטשמע אאוו. היות סוחרים ווערן זייער זעלטן באַצייכנט לויט זייער פּראָפעסיע, איז אָנצונעמען, אַז אַ גרויסע צאָל ארבעטס־געבער פון משרתים, וואָס די פּראָפעסיע איז נישט פאַרצייכנט ביי זיי, זענען געווען סוחרים. אַ צווייטע קאַטעגאָריע אַרבעטס־געבער פון די משרתים זענען געווען די ארענדאַרן. מחוץ ארענדאַרן און סוחרים האָבן בלויז רבנים, דיינים און אַנדערע כלי־קודש געהאַלטן מענלעכע משרתים — שמשים. בעלי־מלאכות האָבן באַשעפטיקט געזעלן אָדער לערנייִנגלעך.

אין דער צייִלונג גופא איז די פּראָפעסיע פון די ארבעטס־געבער פון סתם משרתים בלויז אין אַ טייל פאַלן פאַרצייכנט. אזוי למשל האָבן מיר אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט צווישן 87 סתם „משרתים" ביי 7 פאַרצייכנט, אַז זיי דינען ביי ארענדאַרן, 5 ביי סוחרים און 4 ביי רבנים. בנוגע די איבעריקע קאָנען מיר זיך בלויז משער זיין, אַז זיי האָבן געדינט ביי סוחרים אָדער ארענ־דארן. דאקעגן פון 19 פאַראַבקעס, וואָס זענען פאַרצייכנט אין דער זעלבער וואָ־יעוואָדשאַפט, ווייסן מיר וועגן 4, אַז זיי האָבן געדינט ביי אַרענדאַרן, 1 ביי אַ קרעטשמער און 1 ביי אַ פּרנס, וואָס איז אויך לויט זיין פּראָפעסיע אָן אַ ספק געווען אַ סוחר אָדער ארענדאר. אין מאַזאָוויע האָבן מיר צווישן 37 פאַרצייכנטע פאַראַבקעס 10, וואָס זענען בפירוש צוגעשריבן צו ארענדארן, 1 צו אַ קרעמער; צווישן 55 סתם משרתים זענען 8 צוגעשריבן צו אַרענדאַרן, 2 צו סוחרים און ביי די איבעריקע 45 איז די פּראָפעסיע פון בעל־הבית נישט אָנגעגעבן.

די דינסטן ווערן באַצייכנט służąca אָדער סתם „מויד" (dziewka), אין לובלין זענען פון 28 דינסטמיידלעך 27 באַצייכנט ווי קעכינס און בלויז 1 ווי אַ „מויד" סתם. עס איז נישט שווער זיך משער צו זיין, אַז יידישע דינסטמיידלעך (קריסטלעכע דינסטמיידלעך פונקט ווי מענער משרתים ווערן, פאַרשטייט זיך, אין דער צייִלונג לחלוטין נישט דערמאָנט) האָבן אחוץ שטובווירטשאַפט זיך בעיקר פאַרנומען מיט קאָכן. בלויז אין געציילטע פאַלן זענען פאַרצייכנט געוואָרן מיידלער־דינסטן מיט ספּעציעלע אנדערע פונקציעס: אין לובארטאָוו (לובלינער וואָיעוו.) און אין ווישעגראָד (מאַזאָוויע) זענען פאַרצייכנט געוואָרן 2 מיידלעך שענקעריננס (אין ווישעגראָד, אחוץ דעם, אויך 2 אלמנות שענקערינס); אין אָפּט און אין אָסטראָווע (לובלינער וואָיעוו.) געפינען מיר צו איינציקע פיאַסטונקעס (ניאַניעס) און אין ראדזין (לובלינער וואָיעוו.) 1 אַם. להיפוך צו די משרתים פירן בכן אויס די דינסטמיידלעך כמעט אויסשליסלעך פונקציעס פון הילף אין דער שטוב־ווירטשאַפט. דערפון נעמט זיך אויך דער חילוק אין דער פּראָפעסיע פון די ארבעטס־געבער ביי משרתים און ביי דינסטן. די ארבעטס־געבער פון דינסט־מיידלעך זענען אויך אין דער גרעסטער מאָס ארענדארן און סוחרים, סיי מחמת זייער רעלאַטיוו־ווער מערהייט (אין סך הכל) צווישן די ראשי־משפחות, סיי צוליב זייער עקאָנאָמישער לאַגע, אָבער מיר געפינען אויך אומעטום בעלי־מלאכות און פּראָפעסיאָנאַליסטן, וואָס באַשעפטיקן הויז־דינסטן.

יתומים און יתומות האָבן מיר (אין אַ באַזונדערער רובריק) אויך אריינ־געשטעלט אין דער סטאַטיסטיק פון משרתים: נישט בלויז מען דאַרף זיך משער

זיין, אַז אַ גרויסע צאָל יתומים האָבן „אָפּגעאַרבעט“ פאַר זייער אויסהאַלט, נאָר מען מעג אויך אָננעמען, אַז מען פּלעגט אויך אָנגעבן משרתים־יתומים גיכער אין דער קאַטעגאָריע פון יתומים, ווי אין דער קאַטעגאָריע פון משרתים, כדי צו האָבן אַ פאַרענטפער, אויב זיי וועלן ביי אַ צווייטער ציילונג נישט אָנגעגעבן ווערן.

לאָמיר אויך זיך באַקענען מיט דער סטאַטיסטיק פון משרתים און דינסטן:

טאַב. VI N.

די פּראָפּאָרציע פון משרתים און אָנגעשטעלטע, פון ביידע מינים, בחורים און מיידלעך, איז אין די באַזונדערע 9 וואָיעוואָדשאַפטן אַ פאַרשידענע (אין דער גנעזנער וואָיעוו. זענען זיי בכלל פאַרצייכנט געוואָרן אין אַן אומגלייבלעך מינימאַלער צאָל, 4 ייִנגלעך און 11 מיידלעך, סך הכל ווייניקער ווי 1 פּראָצענט לגבי דער צאָל משפחות. אין רוב קהלות זענען די משרתים נישט אויסגערעכנט געוואָרן, נאָר זיי זענען צוגעציילט געוואָרן אין איין רובריק מיט זין און טעכטער). די קלענסטע פּראָפּאָרציע משרתים און דינסטמיידלעך איז אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט,—11% לגבי דער צאָל ראשי־משפחות, די העכסטע — אין דער לונטשיצער און אין מאַזאָוויע—איבער 20%. אין סך הכל פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן (דערין די צווזמירער בלויז אין 5 שטעט) באַטרעפט די צאָל משרתים און דינסטמיידלעך 15% לגבי דער צאָל ראשי־משפחות, אין דורכשניט עפּעס מער ווי 16%.

דער אומשטאַנד, וואָס מאַזאָוויע, חוץ דער קליינער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט, ווייזט אויף דעם העכסטן פּראָצענט משרתים און דינסטמיידלעך, לאָזט זיך לייכט דערקלערן, ווען מיר נעמען אין אַכט דעם צוזאַמענשטעל פון די משרתים לויט מין און פונקציע אין דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט. אויב מיר נעמען משרתים באַזונדער, גייט אויך מאַזאָוויע אויפן ערשטן פּלאַץ, מיט אַ צאָל משרתים, וואָס באַטרעפט 12,3% לגבי דער צאָל ראשי־משפחות. דער כאַראַקטער פון די ייִדישע שטאָטישע ישובים אין מאַזאָוויע, קליינשטעטלדיקע קהלות מיט אַ גרויסער צאָל אַרענדאַרן און שענקערס, קומט דאָ נאָך אַמאָל צום אויסדרוק. פון 37 אומפאַרהייראַטע ווייבער אין אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן פאַלט אויס אויף מאַזאָוויע 27, פון 64 פּאַראָבקעס—37; די קליינשטעטלדיקע אַרענדאַרן האָבן זיך געניטיקט אין משרתים פונקט ווי די דאָרפישע בעלי־בתים, ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער ביים אַנאַליז פון די פאַרהעלטעניש ביי דאָרפס־ייִדן.

אחוץ מאַזאָוויע ווייזט אויף בלויז די קליינע לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט אַ לפי ערך הויכע פּראָפּאָרציע פון משרתים, וואָס דערגרייכט 11,6%. אין די איבעריקע 7 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפט די פּראָפּאָרציע משרתים לגבי דער צאָל ראשי־משפחות פון 3% אין דער צווזמירער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט ביז 8,6% אין דער אינאָווראָצלאַווער; אין סך הכל באַטרעפט די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע 5,9% (אין דורכשניט פון אַלע וואָיעוואָדשאַפטן 6,8%).

די צאָל דינסטמיידלעך איז כמעט אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן, אחוץ די דריי דערמאָנטע, מאַזאָווער, לונטשיצער און אינאָווראָצלאַווער, בערך צוויי מאָל גרעסער ווי די צאָל משרתים — אין סך הכל פון די 9 וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפט די צאָל דינסטמיידלעך העכער 9% לגבי דער צאָל ראשי־משפחות. הכלל, בעת

משרתים זענען פאַרצייכנט בלויז ביי יעדער זיבצנטער פאַמיליע (אַרייננגערעכנט די קעסט זין, קעסט איידעמס און אלמנות אויף קעסט) פון שטאָטישע יידן, זענען דינסטמיידלעך פאַרצייכנט בערך ביי יעדער עלפטער פאַמיליע.

אין סך הכל באַטרעפט די צאָל גישט־חתונה־געהאַטע משרתים בחורים און מיידלעך אין די שטעט אין 9 וואָיעוואָדשאַפטן 1,990, ד. ה. 15% לגבי 13,205 ראשי־משפחות. אויב מיר זאָלן צורעכענען די געזעלן ביי בעלי־מלאכות (376) און באַלבירער (22), ווי אויך די אומפאַרהייראַטע בעלפערס (97),[58] וועט אויסקומען, אז די צאָל גישט־חתונה־געהאַטע משרתים, געזעלן און אָנגעשטעלטע האָט באַטראָפן אין די 9 וואָיעוואָדשאַפטן (פון דער צווזמירער בלויז 5 שטעט) 2,485, ד. ה. בערך 19% לגבי די 13,205 ראשי־משפחות אין די שטעט אויף דעם דאָזיקן שטח.

די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע איז אָבער אין דער אמתן אָן אַ ספק געווען אַ סך גרעסער. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די צאָל געזעלן און לערנייִנגלעך (408 אין 10 וואָיעוואָדשאַפטן, אחוץ 26 ביי באַלבירערס) איז לחלוטין אָנגעגעבן געוואָרן שטאַרק פאַרמינערט. צוליב דעם זעלבן מאָטיוו איז אויך די צאָל משרתים און דינסטמיידלעך אָנגעגעבן געוואָרן באַדייטנדיק קלענער ווי אין דער אמתן. וועגן דעם איבערצייגט אויך דער גרויסער חילוק צווישן סך הכל משרתים פון די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן — פון 11% ביז 20,4%. נאָך גרעסער איז דער חילוק צווישן באַזונדערע שטעט.

אָט איז די רשימה משרתים און דינסטן, געזעלן און בעלפערס אין די 12 גרעסערע שטעט אויפן שטח פון די 10 וואָיעוואָדשאַפטן. צוליבן פאַרגלייך ברענגען מיר אויך די שייכותדיקע צאָל פון די 2 גרויסע שטעט מחוץ דעם דאָזיקן געביט — בראָד און ווילנע.

שטאָט	צאָל ראשי־משפחות עקאָנאָמיש־אַקטיווע	צאָל משרתים, דינסט־מיידלעך, געזעלן און בעלפערס	אין % לגבי דער צאָל משפחות
איגאָוראָצלאַוו	264	51	19,3
קאַליש	190	35	18,4
קראָטאָשין	499	109	22
לאָסק	203	82	40,4
קאַזמאַרק (קראָקע)	975	137 (208) *	14 (21)
וואָדזיסלאַוו	235	54	23
ווישניץ	240	76	31,7
אָפּט	437	50	11,4
פּינטשעוו	474	130	27,4
לובלין	480	50	10,4
קראַשניק	225	34	15
לובאַרטאָוו	218	28	13
בראָד	*1641	845	51,5
ווילנע	743	297	40

* הערות זע: ז. 157.

דער חילוק צווישן די באַזונדערע גרעסערע קהילות אין דער פּראָפּאָרציע פון דער צאָל משרתים, דינסטן, צוזאַמען מיט געזעלן און בעלפערס לגבי דער צאָל משפחות איז אַ געוואַלדיק גרויסער און גרייכט פון בלויז 10,4% אין לובלין ביז 51,5% אין בראָד. בעת אין לובלין האָט בלויז עפּעס מער ווי יעדע 10־טע משפחה באַשעפטיקט אַ בחור אָדער אַ מיידל אין דינסט־פאַרהעלטעניש (משרת, געזעלן, בעלפער, קעכין), איז אין בראָד מער ווי אַ העלפט משפחות באַשטאַנען פון אַר־בעטסגעבער! נישט קיין סך קלענער איז דער חילוק אין שייכותדיקן פּראָצענט צווישן אזא שטאָט ווי אַפּט — 11,4% און אזעלכע שטעט ווי לאָסק און ווילנע — 40%. אין אַ טייל פון די גרעסערע קהילות מיט אַ קלייגער פּראָפּאָרציע משרתים און געזעלן האָבן מיר אומדירעקטע, אָבער איבערצייגנדיקע ראיות, אַז די ציילונג איז אין דעם פּרט געפעלשט געוואָרן: אין לובלין, ווו. עס זענען פאַרצייכנט בלויז 50 משרתים און דינסטמיידלעך, באַטרעפט די צאָל זין און טעכטער סך הכל 255 נפשות לגבי 1,078 חתונה־געהאַטע און פאַראַלמנטע! אין אַפּט איז די פּראָפּאָרציע קינדער אַ גרעסערע, אָבער אַלץ נאָך נישט באַגלייבט: 533 זין און טעכטער לגבי 1,092 חתונה־געהאַטע און פאַראַלמנטע. דערביי האָבן מיר אין אַפּט נאָך אַן אַנ־דער אומשטאַנד, וואָס פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז די צאָל משרתים איז געפעלשט געוואָרן: אין דער גאַנצער קהילה פון 1675 נפשות (אין שטאָט) ווערט נישט דערמאָנט קיין איינציקער געזעלן ביי אַ בעל־מלאכה!

דער ביישפּיל פון דער קהלה אין קאַזמאַרק (קראָקע) באַווייזט אונדז נאָך אַן אַנדער זייט פון פּראָבלעם: אין קראָקע געפינען מיר פאַרצייכנט 71 משרתים מענער אין פרויען, חתונה־געהאַטע און פאַראַלמנטע, וואָס באַטרעפט בערך 7,3% פון דער צאָל ראשי־משפחות אין דער קהלה. און דאָך געפינען מיר אין אַנדערע קהלות אַזאַ מינימאַלע צאָל פאַרהייראַטע משרתים און אַלמנות־דינסטן, אַז זי קומט בכלל נישט אין באַטראַכט ווי אַ סטאַטיסטישע דערשיינונג: אין דער גאַנצער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, למשל, איז ביי שטאָטישע יידן נישט פאַרצייכנט מער ווי 7 באַווייבטע משרתים און 6 אַלמנות דינסטן. ווייזט אויס, אַז פאַרהייראַטע משרתים האָט מען לויט מעגלעכקייט אויסבאַהאַלטן פאַר דער ציילונג, הגם ביי אַלמנות דינסטן קאָן מען זיך אויך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט, אַז מען האָט זיי אָנגעגעבן סתם ווי אַלמנות און נישט ווי דינסטן.

מיר מוזן קומען צום אויספיר, אַז די צאָל משרתים און דינסטמיידלעך פונקט ווי געזעלן איז אין דער אמתן געווען לכל הפחות אַדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי זי קומט אויס אין סך־הכל פון די 9 וואָיעוואָדשאַפטן. נישט 15%, נאָר לכל הפחות 20—25% לגבי דער צאָל משפחות האָט געמוזט באַטרעפן די צאָל

[58] די צאָלן זענען אויסגעפאַלן קלענער ווי אין די טאַבעלעס פון געזעלן און בעל־פערס, וואָרעם מיר האָבן אַראָפּגערעכנט סיי די גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט, ווו די צאָל משרתים איז נישט ספּעציפיצירט, סיי די שטעט פון צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט, אַחוץ די 5 שטעט, וואָס מיר האָבן אַריינגענומען אין דער טאַבעלע.

* אין קראָקע זענען אויך דאָ 71 משרתים מענער און פרויען אין פאַרהייראַטן און אַלמנות־שטאַנד (59 אַלמנות און 12 פאָרפעלקער).

* אין בראָד גיבן מיר אָן אַלע משפחות, ד. ה. צאָל פאָרפעלקער, אַלמנס און אַלמנות, היות די איידעמס און פאַרהייראַטע זין זענען דאָרט נישט אויסגערעכנט באַזונדער.

משרתים און דינסטן — אין סך הכל האָט די פּראָפּאָרציע פון משרתים און דינסט־מיידלעך צוזאַמען מיט געזעלן און בעלפערס לגבי דער צאָל משפחות באַטראָפן גישט 19%, ווי עס קומט אויס לויט דער טאַבעלע, נאָר קרוב 30%.

לאָמיר איצט זיך נאָך באַקענען מיט דער סטאַטיסטיק פון משרתים לויט דער צאָל באַשעפטיקטע ביי איין בעל־הבית.

טאַב. O VI.

די טאַבעלע נעמט אַרום די וואָיעוואָדשאַפטן: אינאָווראָצלאַווער, מאַזאָווער, קראָקעווער, לובלינער און 5 שטעט פון דער צווישנמירער (די זעלבע וואָס אין טאַב. N VI).

דער פּראָצענט ראשי־משפחות, וואָס האַלטן בכלל דינסטן, איז דער קלענס־טער אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט — 10,2%, דער העכסטער אין דער קראָקע־וער וואָיעוואָדשאַפט, קרוב 17%, ד. ה. אַ זעקסטל פון אַלע ראשי־משפחות. זייער ווינציק איז דער פּראָצענט בעלי־בתים, וואָס האַלטן מער ווי צו איין משרת אָדער דינסטמיידל: בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 2 משרתים, באַטרעפן אין סך הכל ווייניקער ווי 2% פון אַלע ראשי־משפחות, מאַקסימום 3% אין דער אינאָ־ווראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט; בעלי־בתים מיט 3 משרתים באַטרעפן גישט מער ווי אַ האַלבן פּראָצענט פון אלע ראשי־משפחות, מאַקסימום אנדערהאַלבן פּראָצענט אין מאַזאָוויע; אַרבעטס־געבער פון 4 און 5 יידישע משרתים (יינגלעך און מייד־לעך) זענען גאָר זעלטן אויפן גאַנצן שטח, סך הכל קוים איינער אויף טויזנט ראשי־משפחות. אַלע בעלי־בתים, וואָס האַלטן מער ווי איין משרת אָדער דינסטמיידל, באַטרעפן אויפן גאַנצן שטח ווייניקער ווי דריטהאַלבן פּראָצענט. די וואָיע־וואָדשאַפט מאַזאָוויע, וואָס האָט די העכסטע פּראָפּאָרציע משרתים בכלל, גייט אויך אויפן ערשטן פּלאַץ אין פּרט פון דער פּראָפּאָרציאָנעלער צאָל בעלי־בתים, וואָס האַלטן מער ווי איין משרת: 4,2% פון אַלע ראשי־משפחות.

איבעריק צו באַמערקן, אַז דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל האָט בלויז אַ רעלאַ־טיוון ווערט; היות די צאָל יידישע משרתים איז אין דער אמתן געווען באַדייטנדיק גרעסער, ווי זי ווערט אָנגעגעבן אין דער ציילונג, האָט אויך די קאַטעגאָריע בעלי־בתים, וואָס האָבן געהאַלטן מער ווי 1 משרת, פּאַקטיש באַטראָפן מער, ווי די דריטהאַלבן פּראָצענט, וואָס עס ווייזט אויף דער סך הכל אין דער טאַבעלע.

פאַר דעם סאַצ אַלן שטאַנד פון די באַזונדערע פּראָפעסיעס איז כאַראַקטע־ריסטיש דער פאַקט, אַז די אַרבעטס־געבער, וואָס האַלטן צו 2 משרתים און מער, אויב זיי ווערן בכלל באַצייכנט לויט דער פּראָפעסיע, זענען אַרענדאַרן, רבנים און פּרנסים.

אין דער אינאָווראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר צווישן 12 בעלי־בתים, וואָס באַשעפטיקן צו 2 משרתים — 2 רבנים, 3 פּרנסים און 7 אָן אַ באַ־צייכענונג פון זייער פּראָפעסיע. דער איינציקער בעל־הבית אין דער דאָזיקער וואָ־יעוואָדשאַפט, וואָס האַלט 3 משרתים (2 פּאַראָבקעס און 1 דינסטמיידל), איז אַן אַרענדאַר.

אין דער שיראַדזער וואָיעוואָדשאַפט זענען פאַרצייכנט בכלל בלויז 2 בעלי־

בתים, וואָס האַלטן צו 2 משרתים (1 אין מישין, 1 אין קאָניעצפּאָל), פון זיי איז אײנער נישט פאַרצייכנט מיט זיין פּראָפעסיע, דער צווייטער איז אַ רב.

אין דער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט זענען בלויז אין דער שטאָט בזשעזשין פאַרצייכנט געוואָרן בעלי־בתים, וואָס האַלטן מער ווי צו 1 משרת: די 2 בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 2 משרתים, זענען פּרנסים און אַ פּרנס איז אויך דער אײנציקער בעל־הבית, וואָס האַלט 3 משרתים (אַ בעל־עגלה, אַ דינסטמיידל און אַ „משרת אין דער שטאָט־קראָם“ (służący do kramnicy). די פונקציע פון אײנעם פון די 3 משרתים באַווייזט, אַז דער פּרנס איז געווען אַ סוחר.

אין מאַזאָוויע געפינען מיר צווישן 23 בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 2 דינסטן — 2 אַרענדאַרן, 1 סוחר, ביי די איבעריקע 20 איז די פּראָפעסיע נישט אָנגעגעבן; צווישן 15 בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 3 דינסטן — 6 אַרענדאַרן, 1 סוחר, 1 רב און 7 אָן אַ פאַרצייכנטער פּראָפעסיע; די 2 בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 4 דינסטן, זענען ביידע אַרענדאַרן.

אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר צווישן 23 ארבעטסגעבער פון 3 משרתים — 2 פּרנסים, 1 רב און 1 ארענדאַר, ביי די איבעריקע 19 איז נישט פאַרצייכנט זייער פּראָפעסיע; פון 4 בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 4 משרתים, איז 1 ארענדאַר, ביי די איבעריקע איז די פּראָפעסיע נישט פאַרצייכנט.

אין אָפּאָט (צווימירער וואָיעוו.) זענען צווישן 10 בעלי־בתים מיט 2 משרתים (אַ משרת און אַ דינסטמיידל, אָדער 2 דינסטמיידלעך) 3 רבנים, 1 פּרנס, 1 ארענדאַר, א פּוטער סוחר און 4 אָן א פאַרצייכנטער פּראָפעסיע.

אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט זענען צווישן 10 בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 2 דינסטן — 2 ארענדאַרן, 2 רבנים און 6 אָן א פאַרצייכנטער פּראָפעסיע; די 3 ארבעטסגעבער, וואָס האַלטן צו 3 דינסטן, זענען אלע ארענדאַרן; פון די 2 בעלי־בתים מיט 4 דינסטן, איז אײנער אַן ארענדאַר און ביים צווייטן איז די פּראָפעסיע נישט אָנגעגעבן; דער אײנציקער בעל־הבית, וואָס באַשעפטיקט 5 דינסטן, איז א סוחר.

אין כך הכל געפינען מיר אין 7 וואָיעוואָדשאַפטן (דערפון אין דער שעראַדזער, לונטשיצער און צווימירער — בלויז צו אײנציקע שטעט), צווישן 186 בעלי־בתים, וואָס האָבן באַשעפטיקט צו מער ווי 1 משרת — 10 רבנים, 9 פּרנסים, 4 סוחרים, 20 אַרענדאַרן און 143 אָן אַ פאַרצייכנטער פּראָפעסיע. היות די פּרנסים זענען געווען לויט זייער פּריוואַטער באַשעפטיקונג על פּי רוב אַרענדאַרן אָדער סוחרים, קאָנען מיר דעם סך־הכל ווייטער רעדוצירן אין דעם זינען: פון די בערך 23% ארבעטסגעבער פון מער ווי 1 משרת, וואָס די פּראָפעסיע איז אָנגעגעבן ביי זיי, איז מער ווי א העלפט באַשטאַנען פון ארענדאַרן, די אַנדערע העלפט איז צעטיילט בערך גלייך אויף צווישן רבנים און סוחרים. וואָס שייך די ארבעטסגעבער פון 3 און 4 משרתים, זענען זיי אין איבערוועגנדיקן רוב ארענדאַרן, מיט א קלײנעם צוגאָב פון סוחרים און רבנים.

אויב מען קאָן נעמען די צאָל משרתים פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט, שטייען די ארענדאַרן צום העכסטן אין דער סאָציאַלער היעראַרכיע פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג (פּונקט ווי ביי דאָרפס־יידן); נאָך זיי קומט דער שטאַנד

פון סוחרים און די גרופּע רבנים. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז אויפן גאַנצן שטח פון די 10 וואָיעוואָדשאַפטן איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן קיין איין בעל־מלאכה אָדער פּראָפעסיאָנאַל, וואָס זאָל האַלטן מער ווי 1 משרת, פאַרשטייט זיך, אַחוץ געזעלן און לערנייִנגלעך. אויב מיר געפינען אין דער ציילונג בעלי־מלאכות, וואָס האַלטן צו מער ווי איין געזעלן אָדער לערנייִנגל, באַטרעפט זייער צאָל איז די 10 וואָיעוואָדשאַפטן סך־הכל נישט מער ווי 34 (פגל. אויבן טאַב. VI J), ד. ה. ווייניקער ווי א פינפטל פון דער צאָל סוחרים און אַרענדאַרן, וואָס האַלטן צו 2 און מער משרתים.[59]

לאָמיר נאָך צום סוף דערמאָנען א כאַראַקטעריסטישן פּרט וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די משרתים. ידיעות וועגן דעם זענען פאַרצייכנט געוואָרן בלויז אין 3 שטעטישע קהלות פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, קזשאַנאָוו, דאַלשיץ און באָבאָוו. אין קזשאַנאָוו איז ביי 4 פון 6 בחורים משרתים פאַרצייכנט די שטאָט פון וואַנען זיי שטאַמען, און ביי איינער פון די 3 דינסטמיידלעך: די 4 משרתים שטאַמען פון די שטעט: סטאָלטשין (Stołczyn), זשאַרנאָוויץ, פּיליץ און וואָלבראָם; דאָס דינסטמיידל קומט פון ווישניץ. אין דאַלשיץ איז ביי 5 פון 8 בחורים משרתים פאַרצייכנט די שטאָט אָדער דאָרף פון וואַנען זיי שטאַמען, און פון 16 דינסטן בלויז ביי איינער: 3 משרתים שטאַמען פון 3 נאָענטע שטעט (פּינטשעוו, קשיאָנזש, קרימאָלאָוו) און 2 פון אַרומיקע דערפער (Chruszczyna, Przesławka).

---

[59] ביי די אַרבעטס־געבער פון 1 דינסטמיידל זענען די פּראָפעסיעס פאַרצייכנט אין אַ גאַר קליינער צאָל און ממילא איז נישטאָ קיין גענוגנדיקער יסוד צו מאַכן אויספירן וועגן דער סאָציאַלער לאַגע פון די פּראָפעסיעס. בכל אופן זענען אָבער אפילו די ווינציקע ציפערן אין דעם פּרט גיכער אַ באַשטעטיקונג פאַר די מסקנות, צו וועלכע מיר קומען אין ליכט פון דער סטאַטיסטיק פון די אַרבעטס־געבער פון 2—5 דינסטן:

אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט זענען ביי די בעלי־בתים פון 219 איינצלנע דינסטמיידלעך בלויז ביי 31 פאַרצייכנט די פּראָפעסיעס: 6 אַרענדאַרן, 1 שענקער, 8 סוחרים, 2 פּרנסים, 7 רבנים, 5 בעלי־מלאכות און 2 פּראָפעסיאָנאַליסטן (1 דיין און 1 מלמד). די אַרענדאַרן און סוחרים צוזאַמען מיט רבנים און פּרנסים באַטרעפן בכן פיר פינפטל פון די אַרבעטסגעבער מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס. אין דער מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט זענען די פּראָפעסיעס — צווישן בערך 70 אַרבעטסגעבער פון איינצעלע דינסטמיידלעך — פאַרצייכנט געוואָרן בלויז ביי 8: 2 אַרענדאַרן, 2 סוחרים, 1 רב, 2 בעלי־מלאכות (אַ שניידער און אַן אײַנבינדער) און 1 באַלבירער. אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט איז דער רעזולטאַט אין פלוג געקומען אַ פאַרקערטער: אין 5 שטאָטישע קהלות, וווּ עס זענען בכלל פאַרצייכנט געוואָרן פּראָפעסיעס ביי אַ טייל אַרבעטסגעבער פון איינצעלע דינסטמיידלעך — 14 צווישן 74 בעלי־בתים, איז 1 אַ רב, 1 סוחר, 11 בעלי־מלאכות און 1 באַלבירער. אָפּגערעדט אָבער דערפון, וואָס דאָ האָבן מיר צו טאָן בלויז מיט ספּאָראַדישע צאָלן פון 5 צעוואָרפענע קהלות, איז דאָרט, ווי בכלל אין דער גאַנצער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, דער פּראָצענט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס גאָר נידעריק. אין 2 פון די 5 קהלות, זשמיגריד און ווישניץ, וווּ עס געפינען זיך 9 בעלי־מלאכות אַרבעטסגעבער פון דינסטמיידלעך, איז פאַרצייכנט בלויז 1 רב, 1 אַרענדאַר און 2 קרעמער; דער אַרענדאַר און דער רב (ביידע אין זשמיגריד) האַלטן ביידע משרתים; אין אַ דריטער פון די 5 קהלות, באָבאָוו, זענען דער רב און דער סוחר די איינציקע, וואָס ווערן בכלל פאַרצייכנט מיט זייערע באַרופן צווישן 7 אַרבעטסגעבער פון דינסטמיידלעך, ווי בכלל די איינציקע צווישן 56 ראשי־משפּחות, וואָס די פּראָפעסיע איז אָנגעגעבן ביי זיי.

פון איינעם פון די דאָזיקע דערפער (Przesławka) שטאַמט אויך דאָס איינציקע דינסטמיידל, ביי וועמען דאָס אָפּשטאַמונג־אָרט איז אָנגעגעבן. אין באַבאָוו איז פון 7 דינסטמיידלעך (קיין בחורים משרתים זענען דאָרט נישט פאַרצייכנט) אָנגעגעבן די אָפּשטאַמונג ביי 6: 3 קומען פון אַרומיקע שטעט (טאָרנע, גריבאָוו, זשאַבנע) און 3 פון דערפער (Myszków, Olszana, Brzana).

מיר זעען, אַז אַ גרויסע צאָל משרתים און דינסטן באַשטייט פון צוגעקומענע פון דער פרעמד, און נישט אָרטיקע. זיי קומען לרוב פון שטעט, ווייניקער פון דערפער, אויך פון אַזעלכע שטעט, וואָס זענען גרעסער ווי די שטאָט, וווּ זיי זוכן אַרבעט (טאַרנע, פּיליץ, ווישניץ, פּינטשעוו). עס איז אָבער אַ ספק, צי מיר קענען לערנען פון דעם דאָזיקן פּרט וועגן כלל שטאָטישע משרתים.

6. איידעמס און חתונה־געהאַטע זין אויף קעסט ביי שטאָטישע יידן.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין דער סטאַטיסטיק פון ציווילשטאַנד (פגל. טאַב. V), באַטרעפן די פאַרפעלקער ביי עלטערן, איידעמס און חתונה־געהאַטע זין קרוב אַ זיבנטל (14%) פון אַלע פאַרפעלקער (צוזאַמען מיט אלמנים און אלמנות) אין די שטעט (אין 7 וואָיעוואָדשאַפטן). אַ גרויסע צאָל פון זיי איז מן הסתם נישט געווען סתם קעסט־עסערס, נאָר האָט אויסגעפירט אויך פונקציעס פון הילף אין דער פּראָפעסיע פון די עלטערן. מיר געפינען חתונה־געהאַטע זין און איידעמס, צוגעשריבן צו די פאַרשידענע פּראָפעסיעס. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר צווישן 80 שטאָטישע פאַמיליעס מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס, צו וועלכע עס זענען צוגעשריבן צו איינצעלע חתונה־געהאַטע זין אָדער איידעמס: 13 אַרענדאַרן, 13 סוחרים און קרעמער, 7 שענקערס, 1 ווייגער, 25 בעלי־מלאכות און די איבעריקע 21 פון די פאַרשידנסטע פּראָפעסיעס, ווי באַלבירערס, מוזיקאַנטן, בעקער, בעלי־עגלות אאַ. אַנדערש זעט אָבער אויס די פּראָפּאָרציע פּראָפעסיעס ביי קעסטגעבער, וואָס האַלטן מער ווי איין פאַרפאָלק ביי זיך אין דער היים. פון 12 קעסטגעבערס פון 2 פאַרפעלקער, וואָס די פּראָפעסיע איז אָנגעגעבן ביי זיי אין די שטעט פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, זענען 5 אַרענדאַרן, 2 סוחרים, 3 קצבים און 2 שניידער; די צוויי קעסטגעבערס מיט פאַרצייכנטע פּראָפעסיעס, וואָס האַלטן אויס צו 3 פאַרפעלקער און דער איינער, וואָס האַלט אויך 4 פאַרפעלקער (2 חתונה־געהאַטע זין און 2 איידעמס), זענען אַלע אַרענדאַרן. סך הכל זענען צווישן 15 קעסטגעבערס פון צוויי און מער פאַרפעלקער, ביי וועמען עס זענען פאַרצייכנט געוואָרן די פּראָפעסיעס — 8 אַרענדאַרן.

עס באַשטעטיקט זיך דאָס, וואָס עס באַווייזט די סטאַטיסטיק פון אַרבעטס־געבער פון דינסטן, אַז אַרענדאַרן זענען געווען די רייכסטע גרופּע אין דעם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון שטאָטישע יידן.

B די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דאָרפס־ייִדן

להפּוך צו ייִדן אין די שטעט און שטעטלעך, איז ביי די ראשי־משפּחות פון דאָרפס־ייִדן על פּי רוב יאָ אָנגעגעבן די באַשעפטיקונג. די גענויע סטאַטיסטיק פון די פּראָפעסיעס האָבן מיר באַאַרבעט פאַר די וואָיעוואָדשאַפטן פון גרויס־פּוילן (אַחוץ דער פּויזנער, גנעזנער און קאַלישער, ווו די צאָל דאָרפס־ייִדן איז געווען אַ מינימאַלע), פאַר מאַזאָוויע און פאַר דער קראָקעווער און לובלינער וואָיעוואָדשאַפט אין קליין־פּוילן. ממילא האָבן מיר אַ סטאַטיסטיק פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דאָרפס־ייִדן פאַר דעם גאַנצן געביט, ווו מיר האָבן באַאַרבעט די פּראָפעסיאָנעלע סטאַטיסטיק פון שטאָט־ייִדן. בלויז פאַר דער צווייטער וואָיעוואָדשאַפט האָבן מיר קיין גענויען צונויפשטעל אין דעם פּרט נישט געמאַכט. דער אַנאַליז פון די פאַרהעלטענישן ביי דאָרפס־ייִדן אין עטלעכע קהלות באַווייזט אונדז אָבער, אַז דער מצב איז דאָרט נישט געווען בעצם באַזונדער פון די אַנדערע צוויי שכנותדיקע קליין־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפטן. צוליב אַ פאַרגלייך האָבן מיר אויך אַריינגענומען אין דעם צונויפשטעל צו 6 קהלות פון דער קיִעווער און פּאָדאָליער וואָיעוואָדשאַפט, ווו די פאַרעפנטלעכטע ציילונג[60] ווייזט אויף אַ באַדייטנדיקע סטאַטיסטיק פון פּראָפעסיעס. די רעזולטאַטן האָבן מיר צונויפגעשטעלט אין דער ווייטערדיקער טאַבעלע.

טאַב. VII.

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע, איז אויף דעם גאַנצן פון אונדז אויסגעפאָרשטן שטח, מיט 4413 משפּחות, ביי 89%, קרוב 9 צענטל פון דאָרפס־ייִדן, פאַרצייכנט געוואָרן די באַשעפטיקונג דירעקט אָדער אומדירעקט,[61] און בלויז ביי אַ צענטל (גענוי 11%) איז די פּראָפעסיע נישט אָנגעגעבן. פון די 495 ראשי־משפּחות אָן אַ פאַרצייכנטער פּראָפעסיע, זענען 244, ד.ה. בערך אַ העלפט אַזעלכע, וואָס וווינען אין אייגענע דירות און נישט ביי יענעם ווי לאָקאַטאָרן. דאָס זענען בכן על פּי רוב נישט געווען קיין אָנגעשטעלטע, נאָר, אַ סברה, אַרענדאַרן, קרעטשמער אָדער שענקער. משפּחות מיט אומבאַקאַנטע פּראָפעסיעס ווערן ממילא פּאַקטיש רעדוצירט בלויז צו אַ 5 פּראָצענט.

60 לויט קאַמאַנין, דצ"ו.

61 אין אַ טייל קהלה־רעיסטערס איז נישט אָנגעגעבן די באַשעפטיקונג ביי יעדן ראש משפּחה באַזונדער. נאָר פאַראַן אַן איבערשריפט איבערן רעיסטער „אַרענדאַרן אין די דערפער“ אָדער „אַרענדאַרן און קרעטשמער“ און בלויז ביי די איבעריקע, ווי וויינער, מלמד, בעל־מלאכה, ווערט פאַרצייכנט די פּראָפעסיע.

דער סומאַרישער צוזאַמענגעשטעלט פֿאַר אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפֿטן ווייזט אויף 80% פֿון אַלע ראשי־משפּחות אַרענדאַרן, קרעטשמערס אָדער שענקערס, 4% ווײַנערס און בראָנפֿן־ברענערס און 1% אָנגעשטעלטע און חתונה־געהאַטע משרתים; פֿון די איבעריקע זענען 4% פֿאַרנומען אין פֿאַרשידענע פּרנסות, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט משקאות־פֿאַבריקאַציע און משקאות־פֿאַרקויף; דערפֿון מער ווי אַ העלפֿט בעלי־מלאכות (2,2%), די אַנדערע באַשטייען פֿון קליינע צאָלן מילנערס, מילכיקערס, קרעמערס, מלמדים, באַלבירער אאַ. ביי 11% איז די פּראָפֿעסיע נישט אָנגעגעבן.

אין סך הכל קומט בכן אויס, אַז 85% פֿון אַלע דאָרפֿס־יידן האָבן געצויגן חיונה פֿון משקאות־פּראָדוקציע און משקאות־פֿאַרקויף. מיר מעגן אָבער נאָך צורעכענען אַ העלפֿט פֿון די ראשי־משפּחות אָן פֿאַרצייכנטע פּראָפֿעסיעס, די אַלע, וואָס זענען בפֿירוש פֿאַרצייכנט ווי בעלי־בתים פֿון אייגענע דירות, און דעמולט וועט די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע באַטרעפֿן בערך 90%. די פּראָפּאָרציע איז בכן פּונקט אַ פֿאַרקערטע, ווי ביי שטאָט־יידן, וווּ לויט אַנדזער אַנאַליז האָבן אין סך הכל אין קרוין־פּוילן בערך 13—15% געצויגן חיונה פֿון אַרענדע, קרעטשמעריי און שענקעריי. להיפּוך צו דער פּראָפֿעסיאָנעל שטאַרק דיפֿערענצירטער שטאָטישער יידישער באַפֿעלקערונג, זענען דאָרפֿס־יידן אין 18־טן י"ה אין פּוילן, מיט אַן אויסנאַם פֿון בערך אַ צענטל, באַשטאַנען דורכויס פֿון אַרענדאַרן, קרעטשמערס, שענקערס און זייערע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

לאָמיר איצט באַטראַכטן גענויער דעם כאַראַקטער און די פּראָפּאָרציע פֿון די באַזונדערע פּרנסות, סיי אין הויפּטצווייג אַרענדע־שענקעריי, סיי אין די איבעריקע ווינציקע פּראָפֿעסיאָנעלע גרופּעס.

1. אַרענדאַרן, קרעטשמערס, שענקערס

דאָס וואָס מיר האָבן אויבן פֿעסטגעשטעלט וועגן אַרענדאַרן, קרעטשמערס און שענקערס אין די שטעט, האָט אויך על פּי רוב אַ שייכות צו אַרענדע און שענקעריי אין די דערפֿער. אַרענדאַרן זענען די, וואָס פּאַכטן דירעקט פֿון פּריץ דאָס ברייהויז (די ברויז), די גוראַלניע, די קרעטשמע, אָדער אַלץ צוזאַמען. אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט געפֿינען מיר עטלעכע קהלות (קוזמיר, לובאַרטאָוו, לובלין, קאַמיאָנקע), וווּ עס ווערן בפֿירוש פֿאַרצייכנט עטלעכע קרעטשמעס אין באַזונדערע דערפֿער, וואָס האָבן געהאַט איין אַרענדאַר (אין דער קהלה לובאַרטאָוו — אַז אַרענדאַר מיט 6 קרעטשמערס אין 6 דערפֿער). פֿאַרקערט, אין דערפֿער, וואָס זענען געווען צעטיילט צווישן עטלעכע באַזיצערס, איז אין יעדן טייל באַזונדער געווען לכל הפּחות איין אַרענדאַר. דאָס דאָרף פּאָטאָק, אין דער קהלה מאָדליבאָזשיץ (לובלינער וואָיעוו.), האָט געהערט צו 8 פּריצים און האָט פֿאַרמאָגט 16 קרעטשמעס, וואָס אין־יעדער פֿון זיי איז געזעסן אַן אַרענדאַר.

קרעטשמערס ווערן על פּי רוב אָנגערופן די, וואָס האָבן געהאַלטן אין פּאַכט בלויז איין קרעטשמע, אַ סברה נישט דירעקט פון פּריץ, נאָר פון אַרענדאַר, הגם די טערמינאָלאָגיע איז אין ערגעץ נישט גאָר קיין גענויע, און עס טרעפן זיך פאַלן, ווו אַרענדאַרן פון קרעטשמעס ווערן אויך אָנגערופן קרעטשמערס.[62] די שענקערס זענען ווייזט אויס געווען אָנגעשטעלטע אין די קרעטשמעס ביי אַרענדאַרן. עס טרעפט זיך, אַז אין דאָרף געפינט זיך נישט קיין איין ייִד, אַחוץ איין שענקער אין דער קרעטשמע, ד. ה. ער פירט אויס די פונקציעס פון אַ קרעטשמער.

די היעראַרכיע לויטן סדר: אַרענדאַר, קרעטשמער און שענקער, באַשטעטיקט זיך, ווי מיר וועלן זען ווייטער, אין דער סטאַטיסטיק פון אַרבעטסגעבער פון דינסטן און אין דער פּראָפעסיע-סטאַטיסטיק פון קעסטגעבער: די רייכסטע זענען די אַרענדאַרן, די קרעטשמערס פאַרנעמען דעם מיטן און די אָרעמסטע זענען די שענקערס.

אויך אין פּרט פון פונקציעס פון אַרענדאַר, קרעטשמער און שענקער איז פאַראַן אַ בולטער חילוק צווישן די פאַרשידענע געביטן אין קרוין-פּוילן. אין גרויס-פּוילן איז די צאָל „קרעטשמער" לפי ערך קליין, בלויז אַ 10% פון דער צאָל ראשי-משפּחות אין די דערפער. ווייזט אויס, אַז דאָ האָבן די אַרענדאַרן אַליין על פּי רוב געהאַלטן אין פּאַכט נישט מער ווי צו 1 קרעטשמע און ממילא זעלטן איבערגעגעבן קרעטשמעס צו אונטערפּאַכטערס, קרעטשמער. שענקער זענען דאָ בכלל זעלטן פאַרצייכנט. היות „ווייגער" ווערן לחלוטין דאָ נישט דערמאָנט, נאָר „ברענער", איז אַ סברה, אַז די גרעסערע אַרענדאַרן פלעגן דאָ פּאַכטן על פּי רוב גוראַלניעס און נישט ברייהייזער, און דערפאַר פלעגט מען אויך די „ווייגער" אין די ברייהייזער רופן „ברענער" (gorzelnik).

אין מאַזאָוויע פּונקט ווי אין אַלע איבעריקע וואָיעוואָדשאַפטן איז מן הסתם די לאַגע אין דעם פּרט געווען פאַרקערט: די אַרענדאַרן פלעגן אָפטער האַלטן ברייהייזער ווי גוראַלניעס. אַזוי דערקלערט זיך, וואָס דאָ ווערן „ברענער" בכלל נישט פאַרצייכנט, דערפאַר אָבער אַ באַדייטנדיקע צאָל „ווייגער". די צאָל אַרענדאַרן און קרעטשמער איז דאָ (פּונקט ווי אין דער שכנותדיקער לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט) גרעסער ווי די צאָל דערפער באַוווינט פון ייִדן, וואָס ווייזט אָן, אַז די אַרענדע איז אין דער דאָזיקער אָרעמער פּראָווינץ געווען צעברעקלט. מאַזאָוויע איז מאַקע געווען באַקאַנט מיט דעם, וואָס די שליאַכטע איז דאָ געווען אומפאַרמעגלעך און זעלטן האָט אַ פּריץ פאַרמאַגט מער ווי איין דאָרף. לויט דער צאָל ווייגער (31 פּאַרהייראַטע און 155 בחורים) קומט אויס, אַז בערך יעדער 6-טער פון די 1043 „אַרענדאַרן" האָט געהאַלטן אַ ברייהויז, אָדער אַ גוראַלניע.

---

[62] מיר געפינען אין די ציילונג-רעגיסטערס אַזעלכע פאָרמולירונגען ווי „ביי דעם זעלבן אַרענדאַר קרעטשמער..." (דאָרף ראָקיטנע, קהלה פּיליץ אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט).

אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט[63] איז אין געוויסע קהלות דאָס רוב אַרענדאַרן פאַרצייכנט ווי פאַכטער פון ברייהייזער: אין דער קהלה נייסאַנץ איז בפירוש פאַרצייכנט וועגן 56 אַרענדאַרן, אַז זיי „זיצן" אין ברייהייזער, דערביי איז פאַראַן 23, וואָס האַלטן קרעטשמעס. אין דער זעלבער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר אויך פאַרצייכנט איין ברייהויז (דאָס ברייהויז פון קראָקעווער מלוכה־פאַרוואַלטער — wielkorządca), וווּ עס וווינען 15 יידישע משפחות. ווייזט אויס, אַז אויך אין דער שכנותדיקער קליין־פּוילישער וואָיעוואָדשאַפט, אין דער צווזמירער, האָט אַ גרויסע צאָל אַרענדאַרן געהאַלטן אין פאַכט ברייהייזער: אין דער קהלה ראַקאָוו געפינען מיר אין 12 דערפער 13 יידן אַרענדאַרן, אַלע אין ברייהייזער; אין דער קהלה פּאָטשאַנאָוו זענען פאַרצייכנט בלויז עטלעכע דערפער אָן אַ יידישן אַרענדאַר פון אַ ברייהויז, און אַ טייל דערפער פאַרמאָגן אחוץ אַ ברייהויז אויך צו עטלעכע קרעטשמעס. אין דער דריטער קליין־פּוילישער וואָיעוואָדשאַפט, אין דער לובלינער, איז די דיפערענציאַציע פון אַרענדאַרן, קרעטשמער און שענקער די גרעסטע פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס זענען אַריינגענומען אין אונדזער טאַבעלע: מיר האָבן דאָ 554 אַרענדאַרן, 463 קרעטשמער און 124 שענקער; די צאָל קרעטשמערס און שענקערס איז דאָ בכן אין סך הכל אפילו עפּעס גרעסער ווי די צאָל אַרענדאַרן, ד. ה. אויף יעדן אַרענדאַר געפאַלט לכל הפחות איין קרעטשמער אָדער שענקער. אויך די צאָל ווייַנער (96 פּאַרהייראַטע) איז דאָ אין פּראָפּאָרציע לגבי דער צאָל אַרענדאַרן די גרעסטע אין אַלע וואָיעוואָדשאַפטן — העכער 17%, צוזאַמען מיט 67 בחורים ווייַנער — 29%, ד. ה. דורכשניטלעך קומט אויס, אַז יעדער 3־טער—4־טער אַרענדאַר האָט באַשעפטיקט אַ ווייַנער און ממילא אויך געהאַלטן אַ ברייהויז.

אין די 12 קהלות פון אוקראַינע (קיעווער און פּאָדאָליער וואָיעוו.) איז די צאָל קרעטשמערס אַ מינימאַלע, נישט מער ווי 6, אויך די צאָל שענקערס איז לפי ערך נידעריק, 25. פון דער אַנדערער זייט איז די צאָל אַרענדאַרן כמעט אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי די צאָל דערפער באַוווינט פון יידן: 294 אַרענדאַרן אין 220 דערפער. ביידע פאַקטן באַווייזן, אַז די אַרענדאַרן האָבן דאָרט אין איבערוועגנדיקן רוב געהאַלטן צו אייגעניקע קרעטשמעס. די צאָל ווייַנערס באַטרעפט אין די 12 קהלות 35 ראשי־משפחות און 26 בחורים, צוזאַמען 61, ד. ה. 21 פּראָצענט לגבי דער צאָל אַרענדאַרן. אויפן יסוד פון דער דאָזיקער פּראָפּאָרציע קומט אויס, אַז יעדער 5־טער אַרענדאַר האָט דאָ געהאַלטן אַ ברייהויז. די צאָל ברייהויז־פאַכטער צווישן אַרענדאַרן איז אין אוקראַינע בכן געווען אין פּראָפּאָרציע גרעסער ווי אין מאַזאָוויע, אָבער אַ סך קלענער ווי אין קליין־פּוילן (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט).

---

[63] מיר האָבן אַריינגענומען אין דער טאַבעלע בלויז די 9 קהלות פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די פּראָפעסיעס זענען לפי ערך פולשטענדיק פאַרצייכנט. אויך אין די איבעריקע קהלות איז אָבער אָן אַ ספק די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור געווען בעצם די זעלבע. אַזוי למשל איז אין רייסטער פון דער קהלה שטשעקאָטשין פאַראַן אַזאַ איבערשריפט איבער דער רשימה פון דאָרפס־יידן:
Żydzi arendarze do parafyi szczekocińskiej należące.

2. וויינער, ברענער

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זענען אין די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿאַרצייכנט געוואָרן בלויז ברענער, בעת אין מאַזאָוויע, קליין־פּוילן און אוקראַינע געפֿינען מיר כמעט אויסשליסלעך פֿאַרצייכנט וויינער. אָבער אויך די צאָל און פּראָפּאָרציע פֿון ברענער איז אין די גרויס־פּוילישע וואָיעוואָדשאַפֿטן גאָר קליין, סך־הכל 13 אין 4 וואָיעוואָדשאַפֿטן. אפילו ווען מיר זאָלן צורעכענען די 18 נישט־חתונה־געהאַטע ברענער, איז די פּראָפּאָרציע נאָך אַלץ אַ סך קלענער, ווי פֿון וויינער אין אַנדערע וואָיעוואָדשאַפֿטן. עס איז שווער אַנצונעמען, אַז דאָס איז דורכאיס אַ רעזולטאַט פֿון פֿעלשן די ציילונג. גיכער לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז אויך פּאַקטיש איז די צאָל און פּראָפּאָרציע פֿון ברענער אין גרויס־פּוילן געווען אַ קליינע, און אַז די דאָרטיקע אַרענדאַרן האָבן דאָרט זעלטענער ווי אין די אַנדערע פּראָווינצן געהאַלטן אין פּאַכט גוראַלניעס אָדער ברויהייזער.

3. נאמנים, שרייבערס, משרתים, פּאַראָבקעס

פּונקט ווי אין די שטעט (זע טאַב. VI E), איז אויך אין די דערפער די צאָל פֿאַרצייכנטע נאמנים ביי אַרענדאַרן אַ גאָר מינימאַלע, סך־הכל איינער אין דער קראָקעווער און איינער אין דער קיעווער וואָיעוואָדשאַפֿט. א שרייבער איז פֿאַרצייכנט געוואָרן נאָר איין מאָל, אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט (סאַנאָקער קהלה) און דווקא אין א ברייהויז, וו קיין יידישער אַרענדאַר ווערט נישט דערמאָנט, ד. ה. ער איז געווען אָנגעשטעלט דירעקט ביים פּריץ.

די צאָל חתונה־געהאַטע משרתים איז אין דאָרף באַדייטנדיק גרעסער ווי אין שטאָט. דאָס בינדט זיך מיט דער פּראָפֿעסיאָנעלער סטרוקטור פֿון די דאָרפֿישע יידן. וואָס די פֿונקציע פֿון די משרתים איז געווען, קאָן מען זיך בלויז משער זיין לויט דער ווירטשאַפֿט פֿון זייערע בעלי־בתים, די אַרענדאַרן און די קרעטשמערס. מן הסתם זענען זיי אויך געווען פֿורמאַנעס, בפרט, אַז באַזונדער ווערן פּאַראָבקעס (באַווייבטע) אויסגערעכנט בלויז אין מאַזאָוויע (5 איינגאַנצן). אין סך הכל באַטרעפֿן די 55 חתונה־געהאַטע משרתים אויף דעם גאַנצן געביט בערך 1% פֿון אַלע ראשי־משפחות. א סך גרעסער איז געווען די צאָל נישט־חתונה־געהאַטע משרתים, ווו מיר וועלן זען ווייטער.

אין אוקראַינע און פּאָדאָליע זענען די משרתים ביי דאָרפֿס־יידן פֿאַרצייכנט מיטן טערמין szafarz, ד. ה. שאַפֿער, הויז־פֿאַרוואַלטער.

4. מילנער, מילכיקער, קרעמער

די מילנער זענען אַן אויסנאַם אין דער ציילונג: בלויז 2 (שותפים פֿון 1 מיל!) אין מאַזאָוויע (אין דער קהלה קאַלושין) און 1 אין דער קראָקעווער וואָיעוואָד־

שאַפֿט, וואָס ווערט באַצייכנט „דער אַרענדאַר פֿון די סאַנדזשער מילן“. ניט אַנדערש, גאָר מילן פֿלעגן זיין זעלטן דער איינציקער אָביעקט פֿון דער אַרענדע; די גרעסערע אַרענדאַרן פֿון ברייהייזער, גוראַלניעס און קרעטשמעס האָבן מן הסתם געהאַלטן אין פּאַכט אויך מילן.

דאָס זעלבע איז שייך די אַרענדע פֿון מויט (אַ ספּעציעלער וועג־אָפּצאָל ביים אַריינפֿאָרן אין די גרענעצן פֿון באַזיץ פֿון אַ פּריץ). בלויז אין צוויי פֿאַלן, אין דער קהלה שמיאַלע אין איקראַינע און אין דער קהלה זשמיגראָד (קראָקעווער וואָיעוו.), איז פֿאַרצייכנט געוואָרן אַ ראש־משפּחה ווי אַ מויט־פּאַכטער (na mytarzy, mytnik), אין דעם זעלבן דאָרף אין אוקראַינע איז אויך פֿאַרצייכנט באַזונדער אַן אַרענדאַר. מויט־אָפּצאָלן, פּונקט ווי מילן, האָבן בדרך־כלל געהערט צו די הכנסות פֿון אַרענדאַר, וואָס זיין הויפּטפּאַכט איז געווען די משקאות־־פּראָדוקציע און משקאות־פֿאַרקויף.

אַן אַנדער סיבה מוזן מיר זוכן פֿאַר דעם אומשטאַנד, וואָס מילכיקערס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן אין אַ גאָר קליינער צאָל. אַחוץ דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט, וווּ מיר געפֿינען 13 פֿון דער דאָזיקער פּראָפֿעסיע, ווערן דערמאָנט סך הכל 2, איינער אין דער שיעראַדזער און איינער אין דער מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט. עס קאָן אָבער ניט זיין קיין ספֿק וועגן דעם, אַז אין אַלע גרעסערע גייטער, אין שכנות פֿון יידישע שטאָטישע ישובים, האָבן זיך געפֿונען מילכיקערס. לויט דעם טראַדיציאָנעל־פֿרומען לעבנס־שטייגער פֿון יידן אין פּוילן אין יענער צייט, האָט מען גאָר ניט גענוצט קיין אַנדער מילך און מילך־פּראָדוקטן, סיידן זיי זענען פּראָדוצירט געוואָרן פֿון אָנהייב ביז צום סוף אונטער דער השגחה פֿון אַ יידן.[64] ווי ווייט פֿאַרשפּרייט עס איז געווען די פּראָפֿעסיע מילכיקערס, באַווייזט אויך זייער צאָל דאָרט, וווּ זיי זענען יאָ דערמאָנט. פֿון 13 מילכיקערס, וואָס עס ווייזט אויף די ציילונג אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט, געפֿינען מיר 8 פֿאַרצייכנט אין די דערפֿער בלויז פֿון איין קהלה — בעלזשיץ. פּונקט אַזוי געפֿינען מיר אין די 4 קהלות פֿון פּאָדאָליע (וואָס זענען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין דער טאַבעלע מחמת אַ מינימאַלער פּראָפּאָרציע פֿון פֿאַרצייכנטע פּראָפֿעסיעס) 9 מילכיקערס אין דערפֿער, דערפֿון 5 בלויז אין איין קהלה (יאַזלאָוויץ). ווייזט אויס, אַז אַ גרויסע צאָל מילכיקערס איז אַריין אין דער ציילונג אָן אַ שום פֿאַרצייכענונג פֿון פּראָפֿעסיע, און זיי שטעלן מן הסתם צוזאַמען דעם רוב פֿון דער גרופּע לאָקאַטאָרן אין די דערפֿער אָן אַן אָנגעגעבענער באַשעפֿטיקונג (די בעלי־בתים

[64] שוין אין 1628 ווערט באַוואָרנט אין אַ תקנה פֿון וועד מדינת ליטע (תקנה ק״מ) דאָס כשרות פֿון קעז און פּוטער, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט דורך יידן אין די פּריצישע הויפֿן. „די וואָס מאַכן קעז און פּוטער אין די הייף פֿון די פּריצים און אין די דערפֿער, טאָר מען זיי ניט מתיר זיין, סיידן עס ווערט געמאַכט דורך אַן ערלעכן און באַקאַנטן יידן (איש כשר וידוע) און ניט דורך אַ יינגל, וואָס האָט ניט חתונה געהאַט. און אַז ער דאַרף זיך לאָזן אין וועג אַריין, זאָל ער פֿאַרשליסן דאָס חדר מיט זיין שלעסל און זאָל אויך אויף אים אַרויפֿלייגן זיין זיגל. זע: „פּנקס המדינה“, אַרויסגעגעבן פֿון שמעון דובנאָוו, בערלין, 1925, ז. 34.

פון דירות און א פארצייכנטן בארוף זענען, לויט דער אויבן ארויסגערוקטער ישערה, געווען ארענדארן, קרעטשמערס און שענקערס).

אחוץ מילכיקערס (wydoynik, mlecznik, mleczarz — מעלקער), געפינען מיר אין איין פאל (לובארטאווער קהלה, לובלינער וואיעוו.) פארצייכנט א פאראוואלטער פון פריצישן קי-שטאל (obornik pański).

קרעטשמער ביי דארפס-יידן געפינען מיר פארצייכנט בלויז אין 4 פון די 9 וואיעוואדשאפטן פון דער טאבעלע, סך הכל 7. מען מעג אננעמען, אז די באמתע צאל איז נישט געווען קיין סך גרעסער, נעמענדיק אין אכט, אז די קרעטשמערס און שענקערס אין די דערפער האבן זייער אפט אויך געהאלטן אין דער קרעטשמע קראמען, אדער געהאט צום פארקויפן עטלעכע וויכטיקע געברויכס-ארטיקלען, ווי זאלץ, הייוון, נעגל, גאדל-פארעם אדגל.

5. בעלי-מלאכות

די צאל בעלי-מלאכות אויפן גאנצן געביט באטרעפט 96, ד. ה. העכער 2% (2,2%) פון אלע ראשי-משפחות. די גרעסטע צאל געפינען מיר אין דער מאזאווער וואיעוואדשאפט, 29, די גרעסטע פראפארציע אין ווילנער לאנד, 13 לגבי 180 ראשי משפחות, ד.ה. 7%, אחוץ דער קליינער אינאווראצלאווער וואיעוואדשאפט, ווו מיר געפינען 4 בעלי-מלאכות צווישן 28 ראשי-משפחות. עס ווארפט זיך אין די אויגן די לונטשיצער וואיעוואדשאפט מיט בלויז 1 פארצייכנטן בעל-מלאכה צווישן 205 ראשי-משפחות, און די קראקעווער, ווו עס זענען פארצייכנט בלויז 2 בעלי-מלאכות (א קצב און א גארבער) צווישן 562 ראשי-משפחות (אין 9 קהלות).

אויך די אלגעמיינע פראפארציע בעלי-מלאכות פארן גאנצן שטח, 2% פון אלע ראשי-משפחות, איז א סברה צו נידעריק און מען דארף זיך משער זיין, אז א געוויסע צאל דארפישע, פונקט ווי שטאטישע בעלי-מלאכות, איז פארבאהאלטן געווארן פאר דער ציילונג. דאס קאן מען אויך ארויסדרינגען פון צוזאמענגשטעל פון די בעלי-מלאכות לויט באזונדערע צווייגן פון מלאכה אין די באזונדערע וואיעוואדשאפטן:

פון די 96 ראשי-משפחות פארנומענע מיט מלאכה און אינדוסטריע (אחוץ משקאות-אינדוסטריע) האבן מיר 46 שניידערס, 11 קירזשנערס, 8 היטלמאכער, 4 פאטאזש-ברענער, 17 קצבים און צו איינציקע אין די ווייטערדיקע מלאכות: בעקער, גאלדשמיד, שמוקלער, גארבער, קאטלער, אייננבינדער, שלאסער, שוסטער, טאבאק-מאכער און איין „סענקאזש“ (sękarz), אויסהאקער פון סענקעס.

פונקט ווי אין שטאט, האבן מיר דא א גרויסע איבערוואג פון די גאדל-מלאכות: שניידער, קירזשנער און היטלמאכער, צוויי דריטל פון אלע בעלי-מלאכות.

צווישן די שניידער געפינען מיר אויך איינעם (אין דער קהלה קראָשניק), וואָס ווערט באַצייכנט ווי אַ הויף־שניידער פון פריץ. די צווייטע גרעסטע גרופע שטעלן פאָר די קצבים, 17 צווישן 96, ד. ה. 18 פראָצענט. פון די מלאכה־צווייגן, ווו מיר געפינען בלויז צו איינציקע בעלי־מלאכות, זענען אַ באַזונדער זעלטנקייט דער שוסטער (אין דער קהלה אָסטראָוו, לובלינער וואָיעוו.) און דער שלאָסער. אין דער קהלה מינקאָווצע אין פאָדאָליע (וואָס איז נישט אַריינגענומען אין אונדזער צוזאמענשטעל), געפינען מיר א דאָרפס־ייד, פארנומען מיט נאָך א זעלטענער מלאכה, פולווער־אויסארבעטונג (prochownik).

דער פאַקט, וואָס אַפילו פון די פאַרשפרייטסטע מלאכות געפינען מיר נישט פארצייכנט קיין איינעם אין געוויסע וואָיעוואָדשאַפטן (קיין איין שניידער אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, קיין איין קצב אין דער לונטשיצער און קיעווער וואָיעוואָדשאַפט, פאָטאַזש־ברענער בלויז 3 אין ווילנער לאַנד און 1 אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט), איז אויך אַ באַשטעטיקונג פון אונדזער השערה, אַז אַ צאָל דאָרפישע בעלי־מלאכות האָט מען אויסבאַהאַלטן פון דער ציילונג. אַ געוויסע צאָל איז אפשר פונקט ווי מילכיקערס פארצייכנט געוואָרן סתם אָן א שום באַשעפטיקונג.

די דאָרפס־שניידערס פלעגן אָפט באַקומען באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט אין פראָדוקטן, און אין שייכות דערמיט האָט א גרויסער טייל פון זיי אַחוץ מיט מלאכה זיך פארנומען מיט האנדל ווי א ביי־פרנסה.[65]

א באַזונדער כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון דער פראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דאָרפס־יידן איז דער אומשטאַנד, וואָס אפילו צווישן די בעלי־מלאכות טרעפן זיך אַזעלכע, וואָס זענען גלייכצייטיק אַרענדאַרן; אין דער מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט זענען צווישן 22 דאָרפס־שניידערס 3 באַצייכנט געוואָרן ווי שניידער— אַרענדאַרן; אין דער שיראַדזער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר איין אַרענדאַר — קאָמלער און איין אַרענדאַר — שניידער; אין ווילנער לאַנד געפינען מיר איינעם מיט דער באַצייכענונג „קרעטשמער—קירזשנער". די דאָזיקע לעצטע באַצייכענונג איז טאַקע די גענויעסטע: עס פארשטייט זיך אליין, אז אן ארענדאר, וואָס האָט גלייכצייטיק זיך פאַרנומען מיט מלאכה, האָט נישט געהאַלטן אין אַרענדע קיין ברייהויז, נאָר אַן איינציקע קרעטשמע.

די דערשיינונג פון אַרענדאַרן פון קרעטשמעס, וואָס האָבן זיך גלייכצייטיק פארנומען מיט מלאכה, וואַרפט אויך א ליכט אויף דער עקאָנאָמישער לאגע פון קרעטשמערס: די רווחים פון קרעטשמעס זענען, א סברה, אין אַ טייל פאלן געווען גאָר נישט קיין געהויבענע, אויב דער „אַרענדאַר" האָט נאָך באַדאַרפט „צואַרבעטן" מיט דער נאָדל אָדער מיטן האמער.

---

[65] פגל. יאַקאָב יאַקאָבסאָן, די שטעלונג אא"ו, מאָנאַטסשריפט 1920, ז. 223, 1921, ז. 44. יאַקאָבסאָן נעמט אָן אַ שום באַוואָרעניש די יידן־פיינטלעכע גוזמא פון גראָסהאַפּף, אַז דער ווערט פון די פראָדוקטן פלעגט אָפט זיין צענפאַך גרעסער פון מלאכה־געלט.

6. מלמדים

מלמדים ראשי=משפחות געפינען מיר אויף דעם גאנצן שטח סך הכל 23, נישט מער ווי א האלבן פראצענט פון אלע ראשי=משפחות. א סך גרעסער איז, ווי מיר וועלן ווייטער זען, די צאל נישט=חתונה=געהאטע מלמדים, בעלפערס, וואס זענען צוגעשריבן צו די פאמיליעס פון ארענדארן, קרעטשמערס און שענקערס. זייער צאל באטרעפט אין די 9 וואיעוואדשאפטן 137. צוזאמען האבן מיר בכן אויף א צאל פון קיילעכדיקע 4.400 משפחות דארפס=יידן—160 מלמדים און בעלפערס, ד. ה. 3,6 פראצענט. לויטן ביישפיל פון א ריי גרעסערע שטאטישע קהלות האבן מיר אויבן בארעכנט די פראפארציע פון מלמדים מיט בעלפערס לגבי דער צאל ראשי=משפחות ביי שטאטישע יידן — 6%. די דארפס=יידן האבן בכן נישט בלויז פארמאגט אין פראפארציע א קלענערע צאל לערערס ווי שטאט=יידן, נאר זיי האבן זיך אין דעם איבערוועגנדיקן רוב געמוזט באגנוגענען מיט בעלפערס אנשטאט מלמדים. נישט קיין חידוש, וואס דער בילדונגס=מצב ביי דארפס=יידן איז געשטאנען א סך נידעריקער, ווי ביי שטאט=יידן און דער דארפס=ייד איז געווען שיער נישט א סינאנים פון אן עם=הארץ.

7. פארשידענע פראפעסיעס.

די לעצטע רובריק פון דער פראפעסיאנעלער סטרוקטור, פארשידענע פראפעסיעס, צעטיילט זיך אזוי: 5 באלבירער, 3 שוחטים (אלע אין ווילנער לאנד), 1 שמש (אין פאדאליע) און 4 מעקלערס (אלע אין לובלינער וואיעוואדשאפט).

אויך די דאזיקע צאלן, בפרט וואס שייך באלבירערס, וועקן נישט קיין צוטרוי לויט זייער אויסשעפנדיקייט, אבער דער חילוק האט נישט קיין באטרעף אויף אזויפיל, ער זאל בייטן דאס בילד פון דער פראפעסיאנעלער סטרוקטור ביי דארפס=יידן.

8. יידישע משרתים, דינסטמיידלעך, אנגעשטעלטע ביי דארפס=יידן

פונקט ווי ביי שטאט=יידן, זענען אויך ביי דארפס=יידן צוליב דעם צוועק פון דער ציילונג פארצייכנט געווארן בלויז די יידישע משרתים און אנגעשטעלטע. פונקט ווי אין שטאט, איז אויך אין דארף די צאל חתונה=געהאטע משרתים און דינסטן, אחוץ וויגערס, לפי ערך גאר קליין. מיר האבן דעריבער אויך דא פארעכנט די חתונה=געהאטע משרתים צווישן די ראשי=משפחות און מיר האבן צוזאמענגעשטעלט קודם כל באזונדער די רשימה פון נישט=חתונה=געהאטע משרתים און דינסטן. צום סוף מאכן מיר א סך=הכל פון די באזונדערע קאטעגאריעס משרתים, חתונה= און נישט=חתונה=געהאטע.

טאַב. VII A.

די צאָל משרתים איז אין דאָרף פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך גרעסער ווי אין שטאָט. בעת אין שטאָט האָט זייער צאָל באַטראָפן (אויפן שטח פון 10 וואָיעוואָדשאַפטן) 15% לגבי דער צאָל ראשי־משפחות, באַטרעפט זי אין דאָרף 30,8%; ד.ה. מער ווי 2 מאָל אַזוי פיל. דער צוזאַמענשטעל לויטן געשלעכט פון די משרתים אין שטאָט און אין דאָרף דערקלערט אויך דעם חילוק אין דער פּראָפּאָרציע. בעת אין שטאָט באַטרעפן די בחורים, משרתים און אָנגעשטעלטע, 6% (גענוי 5,9%), די מיידלעך 9,2% לגבי דער צאָל משפחות, באַטרעפט די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע אין דאָרף — בחורים 22,8%, מיידלעך 7,5% לגבי דער צאָל משפחות. די צאָל מיידלעך דינסטן אין דאָרף איז בכן פּראָפּאָרציאָנעל נישט קיין סך קלענער ווי אין שטאָט, דאַקעגן די צאָל בחורים משרתים איז אין דאָרף כמעט 4 מאָל אַזוי גרויס אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל משפחות ווי אין שטאָט. דאָס איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דאָרפישע יידן: אַרענדאַרן און קרעטשמערס האָבן זיך געניייטיקט אין ווייגערס, ברענערס, פּאַראָבקעס. וואָס שייך די דינסטמיידלעך אין דאָרף, האָבן זיי מן הסתם אויסגעפירט די זעלבע פונקציעס, וואָס דינסטמיידלעך אין שטאָט, ההיינו הילף אין דער שטוב־ווירטשאַפט און קאָכן: אין אוקראַינע און פּאָדאָליע ווערן די דינסטמיידלעך דורכויס באַצייכנט מיטן טערמין קעכינס.

אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן איז די גרעסטע פּראָפּאָרציע משרתים און דינסטמיידלעך צוזאַמען אין מאַזאָוויע, 36,4%, אויב מען זאָל נישט רעכענען די קליינע אינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט מיט 68%; די לובלינער מיט 38%. די זעלבע וואָיעוואָדשאַפט ווייזט אויך אויף די העכסטע פּראָפּאָרציע משרתים־בחורים, 28%. די קלענסטע פּראָפּאָרציע משרתים און דינסטמיידלעך איז אין די 6 קהלות פון דער פּאָדאָליער וואָיעוואָדשאַפט — 21,3%; אין די דערפער פון די זעלבע 6 קהלות איז אויך פאַרצייכנט בלויז 1 דינסטמיידל און דערפון נעמט זיך דער קלייניגער סך הכל פון דער פּראָפּאָרציע משרתים און דינסטמיידלעך. אויך אין די 6 קהלות פון דער קיעווער וואָיעוואָדשאַפט איז די צאָל דינסטמיידלעך אַ מינימאַלע, סך הכל 6, קוים 2% פון דער צאָל משפחות, אָבער היות די פּראָפּאָרציע משרתים איז דאָרטן אַ גאַנץ הויכע, 28%, איז די פּראָפּאָרציע פון משרתים און דינסטמיידלעך אין סך הכל נישט קיין סך קלענער פון סך הכל אויפן שטח פון אַלע 9 וואָיעוואָדשאַפטן. די קלענסטע פּראָפּאָרציע משרתים (מענער) איז אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, 17% לגבי דער צאָל ראשי־משפחות.

ביי דאָרפס־יידן האָבן מיר אויך אַ גרויסע צאָל און פּראָפּאָרציע התונה־געהאַטע אָנגעשטעלטע. באַזונדער גרויס איז די צאָל און פּראָפּאָרציע פון באַוויבטע ווייגערס (פגל. די פריערדיקע טאַבעלע VII), אָבער אויך די צאָל התונה־געהאַטע סתם משרתים איז אין דאָרף אין פּראָפּאָרציע גרעסער ווי אין שטאָט. און די באַווייבטע מלמדים אין דאָרף זענען להיפוך צו די שטאָט־מלמדים נישט קיין זעלבשטענדיקע פּראָפעסיאָנאַלן, נאָר אָנגעשטעלטע ביי בעלי־בתים, פּונקט ווי די בעלפערס. מיר באַקומען בכן אַ פול בילד וועגן דער ספּעציפישער וואָג פון

אָנגעשטעלטע און משרתים בײַ דאָרפס־ייִדן, ווען מיר צײלן צו צו דער גרויסער צאָל נישט־חתונה־געהאַטע אויך די 258 חתונה־געהאַטע. מיר באַקומען דעמלט אַגשטאָט 1555, 1813 אָנגעשטעלטע. אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל 4796 זעלבשטענדיקע ראשי־משפּחות (נאָכן אָראָפּרעכענען 258 ראשי־משפּחות, וואָס געהערן אַליין צו אונדזער גרופּע), באַטרעפֿן זײ 37,8%. וואָס שייך די צעטיילונג לויטן געשלעכט, בלײַבט צוליב דער קלענער צאָל פֿרויען חתונה־געהאַטע דינסטן, די פּראָפּאָרציע דינסטן כמעט אין דער זעלבער גרייס, ווי בײַ די נישט־חתונה־געהאַטע, בערך 8% לגבי דער צאָל משפּחות; די פּראָפּאָרציע משרתים, נאָכן צורעכענען די פֿאַרהייראַטע, דערגייט ביז 29,5%. אין סך הכל קומט אַרויס, אַז כמעט 2 פֿון 5 משפּחות אין דאָרף האָבן געהאַלטן משרתים אָדער דינסטמיידלעך, און כמעט יעדע דריטע משפּחה האָט געהאַלטן אַן אָנגעשטעלטן אָדער מעגלעכן משרת. אויב מיר זאָלן נאָך צורעכענען די היזיקע שענקערס, וואָס האָבן נישט געפּאַכט אַ שענק, נאָר געווען אָנגעשטעלט בײַ אַרענדאַרן און קרעטשמערס אין דער פֿונקציע פֿון בראָנפֿן־ און ביר־אָנגיסערס, וועט די פּראָפּאָרציע פֿון אָנגעשטעלטע בײַ דאָרפס־ייִדן באַטרעפֿן נאָך מער.

פֿון די באַזונדערע קאַטעגאָריעס אָנגעשטעלטע און מעגלעכע משרתים געפֿאַלט אַזאַ פּראָפּאָרציע לגבי דער צאָל משפּחות: משרתים סתם (אַרײַנגערעכנט פֿאַראָבקעס, ייִנגלעך (pachołek, chłopiec służebny) — 16,3%, ווײַנערס און ברענערס — 9,5%, מלמדים און בעלפֿערס — 3,3%; געזעלן בײַ בעלי־מלאכות סך־הכל 9 (דערפֿון 7 בײַ שניידער, 2 אָן אַ פֿאַרצייכנטן פֿאַך) — 0,2% און יתומים סך הכל 16 (0,3%).

די פֿאַרטיילונג פֿון די משרתים און אָנגעשטעלטע צווישן די ראשי־משפּחות בײַ דאָרפס־ייִדן האָבן מיר אויסגעפֿאָרשט אין דרײַ וואָיעוואָדשאַפֿטן: מאַזאָוויער, קראָקעווער און לובלינער. דעם חשבון האָבן מיר דאָ געמאַכט בלויז פֿון נישט חתונה־געהאַטע דינסטן און אָנגעשטעלטע, היות בײַ חתונה־געהאַטע אָנגעשטעלטע באַטרעפֿן דעם איבערוועגנדיקן רוב די ווײַנערס און בײַ זײ איז בלויז אין אַ טייל פֿאַלן מעגלעך געווען פֿעסטצושטעלן, ווער עס איז זייער בעל־הבית. עס איז שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז עס טרעפֿן זיך ווײַנער גופֿא (אין דער לובלינער וואָיעוו.), וואָס באַשעפֿטיקן דינסטן. ממילא האָבן מיר אויך די קליינע צאָל פֿאַרהייראַטע סתם משרתים (סך הכל 27 אין אַלע וואָיעוואָדשאַפֿטן), ווי אויך פֿאַרהייראַטע מלמדים (סך הכל 13) אַרויסגעלאָזט פֿון חשבון.

די רעזולטאַטן ווײַזט אונדז די ווײַטערדיקע טאַבעלע.

טאַב. VII B

אין סך הכל פֿון אַלע 3 וואָיעוואָדשאַפֿטן האַלטן קרוב 24% ראשי־משפּחות בײַ דאָרפס־ייִדן משרתים און אָנגעשטעלטע און איבער 76%, ד. ה. מער ווי דרײַ פֿערטל, האַלטן נישט קיין שום משרת אָדער אָנגעשטעלטן (סײַדן נישט־ייִדן, וועגן וועלכע מיר ווייסן גאָרנישט פֿון דער ציילונג). בײַ שטאָט־ייִדן באַטרעפֿט די פּראָפּאָרציע אַרבעטסגעבער פֿון דינסטן אָדער אָנגעשטעלטע נישט מער ווי 13,5% פֿון אַלע ראשי־משפּחות, ד. ה. די שייכותדיקע פּראָפּאָרציע איז בײַ דאָרפס־ייִדן

מיט 75% גרעסער ווי ביי שטאָט-יידן. אמת, מען דאַרף נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז ביי שטאָט-יידן איז אַחוץ משרתים און אָנגעשטעלטע געווען אַ צאָל געזעלן און לערנייינגלעך, אָנגעשטעלט ביי בעלי-מלאכות. אָבער אפילו ווען מיר זאָלן צורעכענען אין שטאָט (אין די 5 וואָיעוואָדשאַפטן, וואָס מיר האָבן אין דעם פּרט אויסגעפאָרשט) צו די אַרבעטסגעבער פון משרתים און אָנגעשטעלטע אויך די מייסטערס מיט געזעלן און לערנייינגלעך (בעלי-מלאכות און באַלבירערס), סך הכל 184, — וועט די פּראָפּאָרציע פון אַרבעטגעבער פון דינסטן, אָנגעשטעלטע און געזעלן צוזאַמען אַלץ נישט באַטרעפן מער ווי 14,4%, ד. ה. די פּראָפּאָרציע 23,8% אין דאָרף וועט נאָך אַלץ אויסקומען מיט 65% גרעסער ווי אין שטאָט. בעת אין שטאָט קומט אויס, אַז בלויז יעדער 7-טער ראש-משפּחה האָט באַשעפטיקט אַ משרת, אָנגעשטעלטן, אַ געזעלן אַ בחור אָדער לערנייינגל, האָט ביי דאָרפס-יידן יעדער 4-טער ראש-משפּחה געהאַלטן אַ נישט-חתונה-געהאַטן משרת אָדער דינסטמיידל, ווייניקער אָדער בעלפער.

די סיבה פון דעם דאָזיקן חילוק צווישן שטאָט-יידן און דאָרפס-יידן האָבן מיר שוין אָנגעוויזן. זי איז באַשטאַנען אין דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור, ווו כמעט ניין צענטל (84%) זענען געווען אַרענדאַרן, קרעטשמערס, שענקערס, אָדער ווײַנערס. ביי די דאָזיקע פּרנסות האָט מען זיך געניייטיקט אין הילף א סך מער ווי ביי שטאָט-יידן, סוחרים און בעלי-מלאכות. אָן א ספק דאַרף מען אויך אין אכט נעמען, אַז דאָס אויסהאַלטן אַ משרת און אָנגעשטעלטן מיט קעסט און קוואַרטיר איז אין דאָרף געווען אומפאַרגלייכלעך לייכטער ווי אין שטאָט. אָן אומדירעקטן עדות וועגן דער וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן פאַקטאָר געפינען מיר אין דעם חילוק צווישן שטאָט און דאָרף אויך בנוגע דער צאָל משרתים און אָנגעשטעלטע ביי איין אַרבעטסגעבער:

עס האָבן אין דאָרף (אין ס"ה פון 3 וואָיעוואָדשאַפטן) 5,5% פון אַלע ראשי-משפּחות געהאַלטן מער ווי צו איין משרת אָדער אָנגעשטעלטן; אין שטאָט האָט די פּראָפּאָרציע פון אַזעלכע אַרבעטסגעבער באַטראָפן בלויז 1,9% (אין ס"ה פון 5 וואָיעוואָדשאַפטן), ד. ה. לפי ערך אַ דריטל לגבי דאָרפס-יידן. בלויז ביי די העכסטע קאַטעגאָריעס אַרבעטסגעבער, מיט 4 און 5 דינסטן און אָנגעשטעלטע, איז די צאָל און פּראָפּאָרציע סיי אין דאָרף סיי אין שטאָט גלייך מינימאַל.

א פאַרגלייך פון די 3 וואָיעוואָדשאַפטן צווישנאַנאַנד באַווייזט, אַז צווישן דער מאַזאָווער און קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט איז פאַראַן א גאָר קליינער חילוק אין דער פּראָפּאָרציע פון ראשי-משפּחות, וואָס האַלטן דינסטן און אָנגעשטעלטע (אין מאַזאָוויע 26,6%, אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט 25%), און בפרט בנוגע דער פּראָפּאָרציע פון ארבעטסגעבער פון איין פּערזאָן, וואָס איז כמעט א גלייכע (19,7% אין מאַזאָוויע, 19,3% אין דער קראָקעווער וואָיעוו.). ארבעטסגעבער פון מער ווי איין משרת אָדער אָנגעשטעלטן באַטרעפן אין מאַזאָוויע 7%, אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט 6% פון ראשי-משפּחות. דאַקעגן די לובלינער וואָיעוואָדשאַפט ווייזט אויף סיי א נידעריקערע פּראָפּאָרציע פון ראשי-משפּחות מיט דינסטן בכלל (19,7%), סיי אַ נידעריקערע פּראָפּאָרציע פון אַרבעטסגעבער פון 2 דינסטן (אָנגעשטעלטע) און מער (4%).

אחוץ די לעבנס־באַדינגונגען פון דאָרפס־יידן בכלל, איז אָבער אויך ביי זיי
די סאָציאַלע דיפערענצירונג, די פאַרמעגלעכקייט, געווען א באַשטימענדיקער
פאַקטאָר אין פרט פון האַלטן משרתים, דינסטמיידלעך און אָנגעשטעלטע און
אוודאי אויב עס האַנדלט זיך ווען האַלטן מער ווי 1 פּאַרשוין אין דינסט.
אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, וו מיר האָבן די געוויסטע פּראָפעסיע־
באַצייכענונגען ביי דאָרפס־יידן, האָבן מיר געמאַכט א צוזאַמענשטעל פון
ארבעטס־געבער פון נישט־חתונה־געהאַטע משרתים, אָנגעשטעלטע און דינסט־
מיידלעך לויט די פּראָפעסיעס, און אָט זענען די רעזולטאַטן:

טאַב. VII C.

צווישן די 219 אַרבעטסגעבער פון 1 פּערזאָן באַטרעפן די אַרענדאַרן 160
—73%, די קרעטשמערס — 50 ,23%, שענקערס 4 — 2% און וויינערס און
מילכיקערס צו 2. די ארענדאַרן באַטרעפן בכן דאָ א פּראָפּאָרציע, וואָס איז כמעט
צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זייער פּראָפּאָרציע (38,5%) צווישן דאָרפישע ראשי־
משפחות, בעת די פּראָפּאָרציע פון קרעטשמערס איז מיט אַ דריטל קלענער ווי
זייער פּראָצענט (34,1) צווישן ראשי־משפחות.
אין דער קאַטעגאָריע פון ארבעטסגעבער פון 2 באַדינערס באַטרעפט שוין
דער אָנטייל פון אַרענדאַרן 91,3%, בעת פון קרעטשמערס בלויז 2,2%; שענקערס
זענען שוין דאָ בכלל נישט פאַרטרעטן און וויינערס זענען פאַראַן בלויז 2 אַזעלכע
אַרבעטסגעבער. די 2 אַרבעטסגעבער, וואָס האַלטן צו 3 משרתים, דינסטמיידלעך
און אָנגעשטעלטע, זענען אַלע אַרענדאַרן.
די אַרענדאַרן באַטרעפן בכן קרוב דריי פערטל פון דער צאָל אַרבעטסגעבער
פון 1 משרת אָדער אָנגעשטעלטן, מער ווי ניין צענטל פון די ארבעטסגעבער פון 2
פּערזאָנען און בלויז זיי האַלטן צו 3 משרתים און אָנגעשטעלטע. די היעראַרכיע
פון דאָרפס־יידן מיט אַרענדאַרן אין דער שפּיץ, קרעטשמערס אין דער מיט און
שענקערס און וויינערס אונטן, קומט דאָ בולט צום אויסדרוק.
פון די אַנדערע וואָיעוואָדשאַפטן האָבן מיר אין דער קראָקעווער און מאַזאָ־
ווער וואָיעוואָדשאַפט ציפערן אין שייכות מיט פּראָפעסיעס פון די ארבעטסגעבער
בלויז אין א טייל קהלות, אָבער אויך די דאָזיקע ציפערן באַשטעטיקן די רעזול־
טאַטן פון דער געוויער סטאַטיסטיק אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט:
אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר אָנגעגעבן די פּראָפעסיעס
פון ארבעטסגעבער אין 6 קהלות דאָרפס־יידן (נייסאָנץ, זשמיגרוד, דוקלע, קאַז־
מאַרק — קראָקע, פּיליץ און שטשעקאָטשין) מיט אַ סך הכל פון 118 נישט־חתונה־
געהאַטע משרתים און אָנגעשטעלטע, בחורים און מיידלעך. פון זיי זענען אָנגע־
שטעלט 78 (ד. ה. 66%) ביי אַרענדאַרן, 12 (10%) ביי קרעטשמער און די איבע־
ריקע 28 (24%) ביי בעלי־בתים אָן א באַצייכענונג פון פּראָפעסיע. פון די 13
אַרבעטסגעבער פון 2 משרתים און אָנגעשטעלטע זענען 11 אַרענדאַרן, די איבע־
ריקע 2 אָן אַ באַצייכנטער פּראָפעסיע; די 4 אַרבעטסגעבער פון 3 משרתים און
דינסטן און דער איינציקער ארבעטסגעבער פון 4 משרתים און אָנגעשטעלטע
זענען אַלע פאַרצייכנט ווי אַרענדאַרן.

אין מאַזאָוויע זענען די פּראָפעסיעס פון אַלע ארבעטסגעבער אָנגעגעבן אין 9 קהלות ־דאָרפס־יידן [66] מיט 99 משרתים און אָנגעשטעלטע, יינגלעך און מיידלעך. פון זיי זענען 93 ביי אַרענדאַרן, 4 ביי קרעטשמערס און 2 ביי שניידערס. די פּראָפעסיעס פון די אַרבעטסגעבער פון מער ווי 1 משרת אָדער דינסטמיידל געפינען מיר פאַרצייכנט אין 11 קהלות, אחוץ די 9 דערמאָנטע, אויך אין די „סביבות" פון שטשוטשין און פון טשעכאַנאָוו. פון די 28 אַרבעטסגעבער פון 2 משרתים און דינסטמיידלעך אָדער אָנגעשטעלטע זענען 27 ארענדאַרן און בלויז 1 קרעטשמער; די 6 אַרבעטסגעבער, וואָס האַלטן צו 3 משרתים און אָנגעשטעלטע, זענען אַלע אַרענדאַרן, און אַרענדאַרן זענען אויך אַלע 4 אַרבעטסגעבער פון 4 משרתים און אָנגעשטעלטע.

9. אײדעמס און חתונה־געהאַטע זין אויף קעסט ביי דאָרפס־יידן

ווי מיר האָבן שוין פעסטגעשטעלט אין דער סטאַטיסטיק פון עלטער און ציווילשטאַנד (זע טאַב. V D), איז די פּראָפּאָרציע פאַרפעלקער ביי עלטערן לגבי אַלע חתונה־געהאַטע (צוזאַמען מיט אלמנים און אלמנות) אין דאָרף בערך מיט א זעקסטל קלענער ווי ביי שטאָט־יידן. ביי דאָרפס־יידן באַטרעפן די פאַרפעלקער ביי עלטערן (אין סך־הכל פון 6 וואָיעוואָדשאַפטן) 11,8% פון אלע פּאָרן און פּאַראַלמנטע, בעת אין שטאָט 14,1%. דער דאָזיקער חילוק איז על כל פנים נישט קיין פּועל יוצא פון נידעריקערן גראַד פּאַרמעגלעכקייט: די סטאַטיסטיק פון משרתים באַווייזט, ווי מיר האָבן געזען, אַז אין דאָרף איז בדרך כלל די פאַרמעגלעכקייט געווען לכל־הפּחות נישט קלענער ווי אין שטאָט, אויב עס האַנדלט זיך וועגן אויסהאַלטן אַ פערזאָן מיט קעסט. וויזט אויס, אַז דער לעבנס־שטייגער אין דאָרף איז געווען אַזאַ, אַז חתונה־געהאַטע קינדער פלעגן פריער ווערן זעלבשטענדיק איידער אין שטאָט.

אויך אין דאָרף האָט אָבער די פאַרמעגלעכקייט געשפּילט אַ ראָלע אין פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון עלטערן, וואָס האָבן געהאַלטן קינדער אויף קעסט. הכלל, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס אויסהאַלטן פערזאָנען אויף קעסט איז אין דאָרף בדרך כלל געווען לייכטער ווי אין שטאָט, האָבן אויך אין דאָרף די פאַרמעגלעכע עלעמענטן אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע געהאַלטן ביי זיך קינדער אויף קעסט, איידער די ווייניק פאַרמעגלעכע. אַ גענויע אויספאָרשונג וועגן דעם האָבן מיר אַדורכגעפירט אין דער זעלבער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, ווו די בערך פולשטענדיקע פּראָפעסיאָנעלע סטאַטיסטיק האָט אונדז אויך מעגלעך געמאַכט צו געבן אַ צוזאַמענשטעל פון אַרבעטסגעבער, בעלי־בתים פון משרתים און דינסטן, מיט זייערע פּראָפעסיעס. די רעזולטאַטן באַווייזט אונדז די ווייטערדיקע טאַבעלע.

---

[66] די קהילות זענען:
Konarzyce, Śniadowo, Jedwabne, Grajewo, Goworów, Wąsewo, Ostrów, Kałuszyn, Lipniki.

טאַב. VII D.

צווישן די קעסטגעבער פון 1 פאָרפאָלק (איידעם אָדער זון) באַטרעפן די אַרענדאַרן 66%, הכלל צוויי דריטל, די קרעטשמערס 24%, די שענקערס 2,6%, זייגערס און מילכיקערס בלויז צו אייגציקע, און 10 (6%) געהערן צו פאַרשידענע פּראָפעסיעס, אָדער זייער פאַך איז נישט פאַרצייכנט. די אַרענדאַרן זענען דאָ בכן באַטרעפן מיט אַ 70% מער ווי זייער אַנטייל צווישן די ראשי־משפחות (וואָס באַטרעפט 38,5%). קרעטשמערס האַלטן פאָרפעלקער אויף קעסט מיט בערך אַ דריטל ווייניקער ווי עס וואָלט באַדאַרפט אויסקומען לויט זייער פּראָפּאָרציע צווישן ראשי־משפחות (43,1%), און שענקערס בערך פערטהאַלבן מאָל ווייניקער (2,6% לגבי 8,8% צווישן אַלע ראשי־משפחות). נאָך אַ סך גרעסער איז די איבערוואָג פון אַרענדאַרן צווישן דער ווינציקער צאָל עלטערן, וואָס האַלטן אויס צוויי יונגע פאָרפעלקער אויף קעסט: צווישן 16 עלטערן פון דער קאַטעגאָריע זענען 13 אַרענדאַרן (אין פּראָפּאָרציע — 81%) און בלויז 1 שענקער און 2 מיט אַנדערע פּראָפעסיעס. פון די 2 בעלי־בתים, וואָס האַלטן צו 3 פאָרפעלקער ביי זיך, איז איינער בפירוש אַן אַרענדאַר און דער צווייטער לויט אַלע סברות אויך אַן אַרענ־דאַר (ספק אַרענדאַר אָדער קרעטשמער).

אויך ביים אויסהאַלטן עלטערן אויף קעסט קומט צום אויסדרוק דער בעס־סערער עקאָנאָמישער מצב פון אַרענדאַרן, הגם נישט אין דער מאָס ווי בנוגע קעסטקינדער. פון 66 ראשי־משפחות, וואָס האַלטן אויס בלויז אַ פאָטער אָדער אַ מוטער, זענען 39 אַרענדאַרן (59%), 19 קרעטשמער (29%), 4 שענקערס און 4 פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס. צווישן ראשי־משפחות, וואָס האַלטן אויס ביידע עלטערן, אָדער איינעם פון די עלטערן און אַן איידעם אָדער זון, איז ווידער די פּראָפּאָרציע אַרענדאַרן גרעסער: פון 13 אַזעלכע ראשי־משפחות זענען 9 אַרענ־דאַרן (70%), 3 קרעטשמערס און 1 שענקער.

אין 2 קהלות פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, וו עס זענען פאַרצייכנט די באַרופן פון די קעסטגעבער, באַקומען מיר ציפערן, וואָס באַשטעטיקן די אויס־פירן אויפן יסוד פון דער סטאַטיסטיק אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. אין דער קהלה זשמיגריד געפינען מיר צווישן 9 דאָרפס־יידן, וואָס האַלטן אויס צו 2 יונגע פאָרפעלקער (איידעמס און זין), 6 אַרענדאַרן, 2 קרעטשמער און 1 ספק אַרענדאַר אָדער קרעטשמער; דער איינער, וואָס האַלט אויס 3 פאָרפעלקער אויף קעסט, איז אַן אַרענדאַר. אין דער קהלה דוקלע זענען ביידע דאָרטיקע קעסטגעבער פון 2 פאָרפעלקער אַרענדאַרן.

די סטאַטיסטיק פון קעסטגעבער שפּיגלט בכן אָפּ די זעלבע היעראַרכיע פון אַרענדאַרן, קרעטשמערס און שענקער, וואָס באַווייזט זיך אין דער סטאַטיסטיק פון בעלי־בתים פון משרתים און דינסטמיידלעך.

VI. וווינונגס־פֿאַרהעלטענישן

די וווינונגס־פֿאַרהעלטענישן פֿון יידן אין די דערפֿער זענען בערך אין גאַנצן פֿוילן געווען די זעלבע. די אַרענדאַרן, קרעטשמערס און שענקערס האָבן געוווינט אין די גוראַלניעס, ברייהייזער, קרעטשמעס און שענקען, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין פּאַכט ביי פּריצים. מיט זיי צוזאַמען האָבן געוווינט די אָנגעשטעלטע — וויינערס, ברענערס, מלמדים און די משרתים. די מילכיקערס האָבן, ווי עס ווייזט אויס פֿון די תקנות פֿון וועד מדינת ליטע, געוווינט אין הויף פֿון פּריץ, ביי וועמען זיי זענען געווען פּאַכטערס. דער קליינער פּראָצענט (בערך 9%) בעלי־מלאכות, קרעמערס, באַלבירערס און אַנדערע עלעמענטן, מחוץ דער אַרענדע־שענקעריי־פּרנסה, האָט אַ סברה געוווינט ביי אַרענדאַרן און קרעטשמערס, אָדער אין שטיבלעך, געדונגענע ביי פּויערים. כאַראַקטעריסטיש איז דער פֿאַקט, אַז אפֿילו צווישן די דאָרפֿס־יידן, ביי וועמען מיר האָבן נישט געקאָנט פֿעסטשטעלן זייער פּראָפֿעסיע, וואָס באַטרעפֿן בערך אַ צענטל (11%) פֿון אַלע ראשי־משפּחות אין 9 וואָיעוואָדשאַפֿטן (495 צווישן 4413 ראשי־משפּחות), איז בלויז ביי אַ דריטל (154 משפּחות) פֿאַרצייכנט, אַז זיי זענען לאָקאַטאָרן און די איבעריקע זענען אין איבערוועגנדיקן רוב בפֿירוש פֿאַרצייכנט ווי בעלי־בתּים (244 אין צאָל). (פֿגל. אויבן טאַב. VII).

אַ סך קאָמפּליצירטער איז די פֿראַגע פֿון די דירה־פֿאַרהעלטענישן ביי שטאָטישע יידן. דאָ שטעלן זיך פֿראַגעס: וועגן דער צאָל הייזער, וואָס יידן האָבן באַוווינט און וועגן יידישן און נישט־יידישן אייגנטום פֿון די דאָזיקע הייזער; וועגן דער גרויס פֿון די הייזער פֿון יידישע באַוווינערס לויט דער צאָל נפֿשות און משפּחות אין אַ הויז; וועגן דער צאָל און פּראָפּאָרציע פֿון בעלי־בתּים פֿון אייגענע אָדער געדונגענע הייזער און דער צאָל און פּראָפּאָרציע פֿון לאָקאַטאָרן.

1. צאָל הייזער באַוווינטע פֿון יידן און זייער צעטיילונג לויט אייגנטימער

נישט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון די וואָיעוואָדשאַפֿטן, וואָס מיר האָבן אויסגעפֿאָרשט, איז געווען מעגלעך אויפֿן יסוד פֿון די ציילונגס־רעיסטערס צו ענטפֿערן אויף די אַלע פֿראַגעס אין שייכות מיט דירה־פֿאַרהעלטעניש. לאָמיר קודם כל זיך באַקענען מיט דער פֿראַגע וועגן דער צאָל הייזער, וואָס יידן האָבן באַוווינט.

טאַב. VIII.

די טאַבעלע נעמט אַרום יידישע שטאָטישע קהלות אין 12 וואָיעוואָדשאַפטן: גרויס-פוילן, מאַזאָוויע, קליין-פוילן און 2 וואָיעוואָדשאַפטן אין אוקראַינע, די וואָלינער און בראַצלאַווער. אין סך הכל האָבן מיר דאָ פאַרצייכנט די צאָל הייזער אין 245 פון 435 שטעט און שטעטלעך, וואָס יידן האָבן באַוווינט אין די דאָזיקע 12 וואָיעוואָדשאַפטן, ד. ה. אין מער ווי א העלפט (56%) פון דער צאָל שטאָטישע קהלות. די פראָפּאָרציע שטאָטישע קהלות מיט פאַרצייכנטע צאָל הייזער איז אָבער אַ פאַרשידענע אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן: אין די 2 קליינע וואָיעוואָדשאַפטן, אינאָווראָצלאַווער און לענטשיצער, ווי אויך אין דער גרויסער בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט אין אוקראַינע, איז פאַרצייכנט די צאָל הייזער באַוווינט דורך יידן אין אַלע שטאָטישע קהלות, אין דער לובלינער אין מער ווי פיר פינפטל (34 פון 41 שטעט), אין דער וויעלונער אין דריי פערטל (12 פון 16), אין מאַזאָוויע אין צוויי דריטל (17 פון 25); אין דער גנעזנער וואָיעוו. אַ העלפט (12 פון 24), אין די איבעריקע 5 וואָיעוואָדשאַפטן (קאַלישער, שיעראַדזער, קראָקעווער, צווזמירער און וואָלינער) — ווייניקער ווי אַ העלפט. אין סך הכל זענען אָבער די ציפערן רעפּרעזענטאַטיוו, וואָרעם זיי נעמען אַרום אַלע פּראָווינצן פון קרוין-פוילן און אויך אַלע קאַטעגאָריעס שטעט, קליינע, מיטעלע און גרויסע. אמת, עס פעלן ידיעות וועגן אַזעלכע גרויסע קהלות ווי קראָקע, קאַליש, קראָטאָשין, אָבער אין די איבעריקע וואָיעוואָדשאַפטן גייען אַריין אין דער רשימה אויך קהלות פון איבער 1.000 און איבער 2.000 פאַרצייכנטע נפשות, ווי לובלין, פלאַטוי (זלאָטאָוואָ)—אין דער גנעזנער, אַפּט און פינטשעוו—אין דער צוויזמירער, און אָסטראָה, דובנע, לודמיר, — אין דער וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט.

פון די 12 וואָיעוואָדשאַפטן האָבן מיר די 2 אוקראַינישע אויסגעטיילט באַזונדער, אי צוליב דעם, וואָס דאָרט פעלן אונדז די ידיעות וועגן דער צאָל משפחות און וועגן דעם יידישן און נישט-יידישן אייגנטום פון די הייזער, אי צוליב דער באַזונדער קליינער צאָל נפשות, וואָס פאַלט דאָרט אויס אויף אַ הויז.

דאָס אייגנטום פון די הייזער פון שטאָטישע יידן לאָזט זיך מיט דער פולער זיכערקייט פעסטשטעלן אין די גרויסע און מיטעלע קהלות. אין די ציילונג-רייסטערס פון די דאָזיקע קהלות ווערן בדרך כלל בפירוש פאַרצייכנט די הייזער, וואָס זענען באַוווינט פון יידן און זענען דאָס אייגנטום פון נישט-יידן, נישט בלויז ווי סתם קאַטוילישע, נאָר אפילו לויטן שטאַנד פון זייערע אייגנטימער, פּריצישע, גלחישע, פון מיעשטשאַנעס און אַמאָל אויך מיטן נאָמען פון די אייגנטימער. אַ סך מער פּראָבלעמאַטיש שטעלט זיך די פראַגע וועגן אייגנטום פון הייזער פון יידישע בעלי-בתים אין די נאָר קליינע שטעטלעך. הגם אויך דאָ ווערן די הייזער אָנגערופן לויט זייערע בעלי-בתים מיט די נעמען, איז דאָך מעגלעך, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע יידישע בעלי-בתים זענען געווען בלויז באַזיצערס פון די הייזער און די אייגנטימער זענען געווען פּריצים. אַזאַ מעגלעכקייט דאַרף מען האָבן אין זינען בנוגע די קליינשטעטלדיקע אַרענדאַרן אי

קרעטשמערס. אין די פֿאַלן, ווו מיר האָבן געהאַט אַ באַזונדערן טעם צו שטעלן אונטער אַ ספֿק דאָס אייגנטום פֿון די הייזער, באַוווינטע דורך יידן, ווי למשל אין פּריצישע שטעטלעך, ווו עס זענען סתם אויסגערעכנט יידישע בעלי-בתים (gospodarze), האָבן מיר די הייזער אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערע רובריק.

אין סך הכּל פֿון 10 וואָיעוואָדשאַפֿטן באַקומען מיר אַזאַ צעטיילונג פֿון אייגנטום פֿון די 4.920 הייזער, וואָס שטאָט-יידן האָבן באַוווינט: 92% יידיש אייגנטום, 2% ווי אייגנטום פֿון יידן איז בלויז וואַרשיינלעך און 6%, ווו דאָס אייגנטום איז בפֿירוש פֿאַרצייכנט ווי פֿון פּריוואַטע קריסטלעכע באַזיצערס אָדער פֿון דער שטאָט. הכּלל, ניין צענטל ביז ניין און אַ האַלב צענטל פֿון הייזער, באַוווינטע דורך שטאָטישע און שטעטלדיקע יידן, האָט געהערט צו יידישע בעלי-בתים און בלויז אַ זעכצנטל, מאַקסימום אַ צענטל, האָט געהערט צו נישט-יידן.

וואָס שייך באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפֿטן, פֿאַלט אויס די גרעסטע פּראָפּאָרציע הייזער פֿון קריסטלעכע אייגנטימער אין דער ווילנער וואָיעוואָדשאַפֿט — 21% (67 פֿון 316); אין דער זעלבער וואָיעוואָדשאַפֿט איז אויך סיי אַבסאָלוט, סיי פּראָפּאָרציאָנעל צום גרעסטן די צאָל הייזער, ווו דאָס אייגנטום פֿון יידן איז בלויז וואַרשיינלעך, 24,5% (77 פֿון 316). אין דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפֿט געפֿינען מיר אויך אַ גאַנצע שטאָטישע קהלה, באָלעסלאַוויעץ, ווו אַלע דאָרטיקע יידישע משפּחות (22 אין צאָל) וווינען אין פּריצישע הייזער.[1] אַזאַ קהלה איז אויך זאַראַמבּ (זאַרעמבּי קאָשטשעלנע) אין מאַזאָוויע, ווו יידן, 25 משפּחות, וווינען אין 17 הייזער, וואָס געהערן צו 5 קריסטלעכע אייגנטימער, 4 פּריצים און 1 גלח (דער גלח פֿאַרמאָגט 5 פֿון די 17 הייזער).

אין דער גנעזנער און קאַלישער וואָיעוואָדשאַפֿט זענען קיין הייזער פֿון קריסטלעכע אייגנטימער בכלל נישט פֿאַרצייכנט. עס איז אָבער אַ סבֿרה, אַז דאָס איז בלויז אַ רעזולטאַט פֿון דער נישט-גענויקייט פֿון די צונויפֿשטעלערס פֿון ציילונגס-רעגיסטערס: די צאָל הייזער בכלל, וואָס יידן האָבן באַוווינט אין די דאָזיקע 2 וואָיעוואָדשאַפֿטן, איז אויך נישט אָנגעגעבן בפֿירוש. מיר קאָנען זי בלויז מיט אַ באַשטימטער וואַרשיינלעכקייט אַרויסדרינגען פֿון דער צאָל ראשי-משפּחות, וואָס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן ווי בעלי-בתים (להיפּוך צו לאָקאַטאָרן „קאָמאָרניקעס“).

אַ באַשטימטע צאָל פּריצישע הייזער, באַוווינט פֿון שטאָט-יידן (בערך אַן אַכטל פֿון דער צאָל נישט-יידישע הייזער), באַשטייט פֿון ברויהייזער, קרעטשמעס און גאַסטהייזער (austerya). אין לובלין באַוווינען יידן 251 הייזער, דערפֿון 31 פֿון נישט-יידישע אייגנטימער. פֿון די 31 הייזער זענען 7 קרעטשמעס פֿון פּריצים און גלחים, 2 ברויהייזער פֿון גלחים, 1 באָד פֿון סטאַראָסטע, 1 וואַקס-הויז (woskoboynia). 3 פּאַלאַצן, 5 הויפֿן און 12 וווין-הייזער פֿון פּריצים

[1] Jochym Gryła, gospodarz, siedzi w Domostwie Pańskim; w całey synagodze wiedzieć trzeba, że żaden z Żydów Bolesławskich niema swego okupnego pomieszkania, lecz wszyscy w Pańskich siedzą y Czynsze płacą.

און גלחים. גאַסט־הייזער אין פאַכט ביי יידן געפינען מיר אויך אין אַזעלכע באַדייטנדיקע קהלות ווי קעמפן (וויעלונער וואָיעוו.) און לובאַרטאָוו (לובלינער וואָיעוואָדשאַפט).

אין שטאָטישע ראָטהייזער וווינען יידן לרוב אין קלענערע שטעט, ווי יוזעפאָוו און מאַרקושאָוו אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, קזשאַנאָוו און באָבאָווע אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט, אָבער אויך אין אַזאַ באַדייטנדיקער קהלה ווי אָפּט אין דער צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט.

אַנדערע שטאָטישע בנינים, באַוווינט פון יידן, זענען די שטאָטישע קראָמען (kramnice). אין בילגאָריי (לובלינער וואָיעוו.) וווינען אין די שטאָטישע קראָמען 12 יידישע משפחות, מיט 35 נפשות. אין אָלעשניצע (צוויזמירער וואָיעוו.) זענען פאַרצייכנט יידישע באַווינערס סיי אין ראָטהויז, סיי אין די שטאָטישע קראָמען. אין טשעמערניק (לובלינער וואָיעוו.) הייסן די קראָמען „קלייטן אונטערן ראָטהויז“ (kletki pod ratuszem) און זיי זענען באַוווינט פון 9 יידישע משפחות (30 נפשות).

פון די הייזער פון יידישע אייגנטימער באַטרעפן די פאַרצייכנטע קהלשע בנינים, ווי שולן, מקוואות, הקדשים (שפּיטאָלן), בית־עולם־שטיבלעך, סך־הכל 41 אין 129 שטעט; ד. ה. אַז די דאָזיקע בנינים זענען פאַרצייכנט געוואָרן בלויז ספּאָראַדיש אין אַ טייל שטעט. סתם „קהלשע הייזער“ (dom kahalny) ווערן דערמאָנט אויף דעם שטח פון די 10 וואָיעוואָדשאַפטן בלויז אין 4 קהלות, אין אָפּט, סענדישאָוו (ביידע אין דער צוויזמירער וואָיעוו.), לובאַרטאָוו און אין ווישניץ (קראָקעווער וואָיעוו.), דערפון אין לובאַרטאָוו דריי און אין סענדישאָוו צוויי אַזעלכע הייזער. אין ווישניץ וווינען אין קהלשן הויז 5 משפחות (צווישן זיי דער חזן), אין פינטשעוו — 6 משפחות. אין לובאַרטאָוו וווינט אין איינעם פון די קהלשע הייזער דער רב.

2. דורכשניטלעכע צאָל משפחות און נפשות אין די הייזער.

די דורכשניטלעכע צאָל משפחות אין אַ הויז, באַוווינט פון יידן, באַטרעפט אין די 10 וואָיעוואָדשאַפטן פון גרויס־פוילן, מאַזאָוויע און קליין־פוילן עפּעס מער ווי 2 (1. 2), דערביי האָבן מיר די איידעמס און חתונה־געהאַטע זין, צוגעשריבענע צו זייערע עלטערן, נישט גערעכנט ווי באַזונדערע ראשי־משפחות. די יידישע הייזער אין שטעט און שטעטלעך אין פוילן, אַריינגערעכנט די קריסטלעכע הייזער באַוווינט פון יידן, זענען בכן געווען אין דורכשניט צוויי פאַמיליעהייזער. די דורכשניטלעכע צאָל נפשות אין אַ הויז באַטרעפט אין די זעלבע 10 וואָיעוואָדשאַפטן — 8,2. צווישן דער דורכשניטלעכער צאָל משפחות און דער דורכשניטלעכער צאָל נפשות אין אַ הויז אין די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן איז פאַראַן לרוב אַ דירעקטע פּראָפּאָרציע: אין דער צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט וו די דורכשניטלעכע צאָל נפשות אין אַ הויז איז די העכסטע אויפן גאַנצן שטח פון די 10 וואָיעוואָדשאַפטן, קרוב 11 (10,9), איז אויך די דורכשניטלעכע צאָל פאַמיליעס אין אַ הויז די העכסטע און באַטרעפט 2,7. אין דער קאַלישער או.

יוּבּעלוּנער וואָיעוואָדשאַפֿט, ווו די דורכשניטלעכע צאָל נפֿשות אין אַ הויז איז די גידעריקסטע, 6,7 און 6,6, איז אויך די צאָל משפּחות, וואָס פֿאַלט אויס אויף איין הויז, די גידעריקסטע און באַטרעפֿט בלויז 1,6, ד. ה. מיט אַ פֿערטל קלענער ווי דער דורכשניט פֿאַרן גאַנצן שטח. פֿאַראַן אָבער אויך אָפּנייגן פֿון דעם דאָזיקן כּלל: אין דער איוואַנאָוואָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז די דורכשניטלעכע צאָל נפֿשות אין אַ הויז גלייך נידעריק און באַטרעפֿט בלויז 6,8, אָבער אין דער ערשטער וואָיעוואָדשאַפֿט באַטרעפֿט די דורכשניטלעכע צאָל פֿאַמיליעס אין 1 הויז 2,2 אין דער צווייטער בלויז 1,7. קלאָר, אַז דער חילוק נעמט זיך דערפֿון, וואָס די דורכשניטלעכע צאָל נפֿשות אין אַ שטאָטישער יידישער פֿאַמיליע איז אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט גרעסער ווי אין דער איוואַנאָוואָצלאַווער.

אין די צוויי אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפֿטן, אין דער וואָלינער און בראַצלאַווער, איז די דורכשניטלעכע צאָל נפֿשות אויף אַ הויז אַ סך קלענער ווי דער דורכשניט אין די אַנדערע פּראָווינצן און באַטרעפֿט אין דער ערשטער 5,3 און אין דער צווייטער 3,7. דער דורכשניט פֿון ביידע אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפֿטן באַטרעפֿט בכן 4,5 נפֿשות אין אַ הויז, ד. ה. כמעט מיט אַ העלפֿט קלענער ווי אין די וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון גרויס=פּוילן און קליין=פּוילן. עס לייגט זיך שווער אויפֿן שׂכל, אַז די פֿאַקטישע דירה=באַדינגונגען פֿון יידן אין אוקראַינע זאָלן באמת האָבן געווען אַזוי ווייט פֿאַרשידן פֿון די יידן אין איבעריקן פּוילן. בפֿרט איז חשוד די ציילונג אין דער בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, ווו עס קומט אויס נישט מער ווי 3,7 נפֿשות דורכשניטלעך אויף אַ הויז. גיכער איז אָנצונעמען, אַז דער חילוק נעמט זיך פֿון גראַד פֿון אמתדיקייט פֿון דער ציילונג, ד. ה., אַז אין די אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפֿטן איז א סך אַ גרעסערע צאָל נפֿשות פֿאַרלייקנט געוואָרן איידער אין אַנדערע פּראָווינצן אין פּוילן.

אויב מיר זאָלן דאָך צורעכענען די 2 אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפֿטן, באַטרעפֿט דער דורכשניט נפֿשות אין אַ הויז פֿאַר אַלע 12 אויסגעפֿאָרשטע וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון קרוין=פּוילן — 6.

ביי די אַלע באַרעכענונגען דאַרפֿן מיר, פֿאַרשטייט זיך, אין אַכט נעמען, אַז די זייגקינדער, נפֿשות יונגער ווי אַ יאָר, זענען נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער ציילונג. לויט דעם חשבון, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין אַריינפֿיר צו דער דאָזיקער שטודיע, דאַרף מען צורעכענען אין גאַנץ פּוילן די צאָל זייגקינדער אין פּראָפּאָרציע פֿון 6,35% לגבי די געציילטע נפֿשות (עלטערע ווי אַ יאָר). די דורכשניטלעכע צאָל נפֿשות אין אַ הויז ביי שטאָט=יידן וועט דעמלט אויסקומען אין די 10 וואָיעוואָדשאַפֿטן (גרויס=פּוילן, מאַזאָוויע און קליין=פּוילן) נישט 8,2, נאָר בערך 8,7; אין אַלע 12 וואָיעוואָדשאַפֿטן, ד. ה. אַריינגערעכנט די וואָלינער און אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפֿטן, נישט 6, נאָר 6,4.

אין פֿאַרגלייך מיט ציילונגען פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון יענער תּקופֿה איז די דאָזיקע דורכשניטלעכע צאָל נפֿשות אויף אַ הויז נישט צו קליין. לויט דער ציילונג פֿון פֿירשטנטום וואַרשע פֿון 1808 איז דאָרט געפֿאַלן אויף

1 „קוימען“ אין דאָרף 5,8 נפשות, אין דער שטאָט 6 נפשות.[2] לויט דער עספּרייכישער ציילונג פון גאַליציע פון 1774 איז אויסגעפאַלן ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג בלויז 5,6 נפשות אויף איין הויז.[3] ביי יידן איז אָבער לויט דער ציילונג אין גאַליציע פון 1776 אויסגעקומען אין דורכשניט 11 נפשות אויף אַ הויז.[4] ניט בלויז די צאָל 6,4, וואָס מיר באַקומען פאַר 12 וואָיעוואָדשאַפטן אין 1764, איז בכן לויט אַלע סברות אַ סך קלענער ווי אין דער אמתן, נאָר אויך די צאָל 8,7, וואָס באַקומט זיך פאַר די 10 וואָיעוואָדשאַפטן אָן די אוקראַינישע פּראָווינצן, איז אויך בלי ספק אַ צו נידעריקע. ביים אַנאַליז פון סטאַטיסטישן ווערט פון דער ציילונג זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז די צאָל נפשות, וואָס מיר באַקומען אין דער ציילונג, נאָכן צורעכענען זייגקינדער — דאַרף פאַרגרעסערט ווערן בערך אויף 20%, כדי צו דערגרייכן דעם פאַקטישן צושטאַנד. די פאַקטישע צאָל נפשות, וואָס איז אויסגעפאַלן דורכשניטלעך אויף 1 הויז ביי שטאָט-יידן, האָט בכן לויט דעם דאָזיקן קאָרעקטיוו באַטראָפן ניט 8,7, נאָר בערך 10.5. דאָס איז אויך דער גענויער רעזולטאַט פון חשבון, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין אַנאַליז פון דער ציילונג, לויט וועלכן די דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף אַ פאַמיליע (בעלי-בתּישקייט, אַרייַנגערעכנט זין און איידעמס אויף קעסט) דאַרף געהעכערט ווערן פון 4,2, ווי עס קומט אויס אין דער ציילונג, אויף 5: לויט אונדזער טאַבעלע איז דער דורכשניט אויף 1 הויז באַוווינט פון יידן 2,1 משפחות. 2,1 משפחות לויטן קאָרעקטיוו באַטרעפן טאַקע 10.5 נפשות.

3. יידישע הייזער לויט דער גרייס

זייער זעלטן ווערט אין דער טערמינאָלאָגיע פון די ציילונג-רעגיסטערס אָנגעוויזן דער טיפּ און די גרייס פון די הייזער, באַוווינט פון יידן. בלויז אין דער קראָקעווער, לובלינער און צויזמירער וואָיעוואָדשאַפט געפינען מיר אַזאַ קלאַסיפיצירונג פון הייזער אין עטלעכע שטעט.

אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט זענען אין דעם שטעטל נאַקלאָ פון 16 הייזער פון יידישע אייגנטימער 6 באַצייכנט ווי הייזער (domostwo) און 10 ווי הייזלעך (domek). אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט האָבן מיר אַזעלכע ידיעות אין די שטעט פראַנאָפּאָל, פּיאַסק, לובאַרטאָוו און לובלין. אין פראַנאָפּאָל זענען פון 27 הייזער פון יידישע אייגנטימער באַוווינט פון יידן 20 באַצייכנט ווי „הייזלעך“ (domek) און 7 ווי „הייזער“ (dom). לויט דער צאָל נפשות און פאַמיליעס קאָן מען אָבער ניט פעסטשטעלן קיין חילוק אין דער גרייס

---

[2] פגל. ה. גראָסמאַן, דצ"ו, ז. 22.

[3]) A. Brawer, Galizien, wie es an Oesterreich kam, Wien, 1910, p. 33—34.

[4] דאָרטן גופא. אמת, בראַווער באַמערקט דערביי, אַז די באמתע דורכשניטלעכע צאָל ביי יידן אין אַ הויז איז געווען קלענער, צוליב דעם, וואָס די צאָל יידן (175.000) דאַרף צעטיילט ווערן ניט בלויז אויף דער צאָל יידישע הייזער (15.771), נאָר אויך אויף די באַזונדערע הייזער פון די אַרענדאַרן אין די ברויהייזער, גוראַלניעס א"ו.

צווישן די „הייזלעך“ און „הייזער“. ווייזט אויס, אַז דער חילוק איז געווען אין דעם בוי און דרויסנדיקן אויסזען, ד. ה., אַז די „הייזלעך“ זענען געווען נידעריקער ווי די „הייזער“. אין פּיאַסעק זענען פאַרצייכנט 34 הייזער אין יידישן באַזיץ, באַווינט פון יידן, דערפון ווערן 15 אָנגערופן „הייזער“ (dom) און 19 — „בנינים“ (budynek). אויך דאָ איז נישטאָ קיין חילוק צווישן ביידע מינים הייזער לויט דער צאָל פון נפשות און משפחות. מען דאַרף זיך דערפאַר משער זיין, אַז די „הייזער“ זענען געווען געמויערטע, פון ציגל, און די „בנינים“, געבוימטע, פון האָלץ. אין לובאַרטאָוו זענען צווישן 163 הייזער פון יידישע אייגנטימער 3 באַצייכנט קאַמעניצעס (kamienica), ד. ה. בפירוש געמויערטע הייזער. אין דער זעלבער שטאָט לובאַרטאָוו געפינען מיר אויך איין הויז פון אַ יידישן אייגנטימער באַצייכנט ווי אַ קלייגער הויף (dworek).[5] אין לובלין איז די צאָל געמויערטע יידישע הייזער גרעסער: צווישן 220 הייזער פון יידישע אייגנטימער זענען 52 באַצייכנט ווי „קאַמעניצעס“: 41 פון זיי געפינען זיך אין דער „גרויסער גאַס“ (ul. Wielka czyli Miasto Żydowskie), דער הויפּט־גאַס פון יידישן קוואַרטאַל.

אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט האָבן מיר פאַרצייכנט באַזונדערע קאַטעגאָריעס יידישע הייזער אין פינטשעוו און אין אולאַנאָוו. אין פינטשעוו הייסן 121 פון די 146 וווינהייזער פון יידישע אייגנטימער „הייזער“ סתם (domostwo) און 25 ווערן באַצייכנט ווי קליינע כאַלופּעס (chałupka). די „כאַלופּקעס“ געפינען זיך כמעט אַלע (אַחוץ איינער) אין די הינטערגעסלעך „הינטער דער שול“ (ulica Za Bóżnicą) און מיראָווער (ul. Mirów), צוזאַמען מיט גאָר אַ גרעסערער צאָל „הייזער“ אין די זעלבע גאַסן. דאַקעגן אין מאַרק און אין די דריי גאַסן, וואָס ציען זיך פון מאַרק (Krakowska, Zatylna, Zarynkowa), געפינען זיך אויסשליסלעך „הייזער“. אין מאַרק געפינען זיך אויך די דריי פּריצישע און גלחישע געמויערטע הייזער (קאַמעניצעס) און די 2 הייזער פון מיעשטשאַנעס, באַווינט פון יידן.

אין אולאַנאָוו ווערן אין דעם העברעישן ציילונג־רעיסטער פון די 47 יידישע הייזער 37 באַצייכנט ווי „הייזער“ (בית) און 10 ווי הייזלעך (בית קטן).

וועגן דער גרייס פון די יידישע הייזער (הייזער פון יידישע אייגנטימער), לויט דער צאָל נפשות און משפחות אין אַ הויז, פאַרמאָגן מיר ידיעות אין שייכות מיט בערך אַ העלפט שטאָטישע יידישע קהלות אין דריי וואָיעוואָדשאַפטן, מאַזאָוויער, קראָקעווער און לובלינער, אַחוץ דעם צוויי שטעט, אינאָווראָצלאָוו און פאָרדאָן, אין דער אינאָווראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט און פון דער שטאָט פינטשעוו אין דער צווזמירער וואָיעוואָדשאַפט.

טאַב. VIII A

אין סך הכל פון 62 שטעט אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן, מאַזאָוויער, קראָקעווער און לובלינער, קומט אויס, אַז 38,5% פון אַלע 2.600 יידישע הייזער

[5] סיי די 3 „קאַמעניצעס“, סיי דער הויף, געהערן צו די מיטגלידער פון דער פאַמיליע פּריץ, דער רייכסטער סוחרים־פאַמיליע אין שטאָט.

פון די דאָזיקע שטעט האָבן געציילט 1—5 נפשות אין אַ הויז, 40% — 6—10 נפשות, 15,4% — 11—15 נפשות און 4,3% — 16—20 נפשות; די איבעריקע קאַטעגאָריעס הייזער לויט דער גרייס, 21—50, האָבן באַטראָפן סך הכל בלויז 1,7%. פון דער צאָל יידישע הייזער האָט בכן געציילט נישט מער ווי 5 נפשות אין אַ הויז, קרוב פיר פינפטל — נישט מער ווי 10 נפשות אין אַ הויז און קוים איין הויז צווישן זעכציק האָט געציילט מער ווי 20 נפשות.

צווישן די דריי וואָיעוואָדשאַפטן איז פאַראַנען אַ חילוק אין דער פּראָפּאָרציע פון די באַזונדערע קאַטעגאָריעס: די לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס ווייזט אויף די קלענסטע פון אַלע דריי וואָיעוואָדשאַפטן דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף אַ הויז (6,8), האָט אויך די גרעסטע פּראָפּאָרציע הייזער פון דער קלענסטער צאָל נפשות (1—5) — קרוב 46% און די קלענסטע פּראָפּאָרציע הייזער מיט מער ווי 5 נפשות; אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט מיט דער גרעסטער דורכשניטלעכער צאָל נפשות אויף 1 הויז, 9,7%, איז די פּראָפּאָרציע הייזער ביז 5 נפשות בלויז 22%, צוויי מאָל קלענער ווי אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, און די גרעסטע פּראָפּאָרציע הייזער מיט 6 נפשות און מער, בפרט מיט 16 נפשות און מער. די מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט מיט אַ דורכשניט פון נפשות אויף אַ הויז 8,9, הכלל קלענער ווי אין דער קראָקעווער און גרעסער ווי אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, פאַרנעמט אויך די מיט אין דער צעטיילונג פון די הייזער לויט דער גרייס. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז די אַלע חילוקים אין דער פּראָפּאָרציע פון דער צאָל הייזער לויט נפשות זענען שייך די נידעריקסטע קאַטעגאָריע, 1—5 נפשות און די העכערע קאַטעגאָריעס, 11 נפשות און מער. דאַקעגן די קאַטעגאָריע הייזער מיט 6—10 נפשות איז אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן ווייניק פאַרשידן, ד. ה. נאָענט צום סך-הכל פון 40% — 42,2%, 44,3% און 38,2%.

אין די צוויי שטעט פון דער אינאָווראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט איז די פּראָפּאָרציע פון די נידעריקסטע קאַטעגאָריעס הייזער, 1—5 נפשות, ווייניק פאַרשידן פון סך-הכל פון 3 וואָיעוואָדשאַפטן (36,1% לגבי 38,5%). די פּראָפּאָרציע הייזער מיט 6—10 נפשות באַטרעפט אַ העלפט פון אַלע הייזער לגבי צוויי פינפטל אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן, און דערפאַר איז די פּראָפּאָרציע הייזער מיט 10—15 נפשות בערך באַדייטנדיק קלענער, 9,5% לגבי 15,4%. גאָר באַדייטנדיק איז דער חילוק אין דער פּראָפּאָרציע פון די קאַטעגאָריעס הייזער צווישן פינטשעוו און דעם סך הכל פון די דריי וואָיעוואָדשאַפטן: הייזער מיט 1—5 נפשות באַטרעפן נישט מער ווי אַ צענטל פון אַלע הייזער, הייזער פון 1—10 נפשות נישט מער ווי צוויי פינפטל (לגבי בערך פיר פינפטל אין סך הכל פון די דריי וואָיעוואָדשאַפטן) און די הייזער מיט מער ווי 10 נפשות באַטרעפן דריי פינפטל פון אַלע הייזער, ד. ה. אין פּראָפּאָרציע דריי מאָל אַזוי פיל ווי אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן. אויך די העכסטע קאַטעגאָריע הייזער פון 21—50 נפשות, וואָס באַטרעפט אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן נישט מער ווי איין

זעכציקסטל (1,7%), דערגרייכט אין פינטשעוו 16,4%, כמעט 10 מאָל אזוי פיל אין פּראָפּאָרציע.

פינטשעוו איז טאַקע די גרעסטע שטאָטישע קהלה פון די אַלע, וואָס גייען אַריין אין דער טאַבעלע, אַ שטאָט מיט 2049 נפשות (אין עלטער העכער אַ יאָר) און אָן ספק איז דאָס דער גורם, וואָס דאָ האָבן מיר דורכשניטלעך מער באַפעלקערטע הייזער ווי אין אַלע איבעריקע אויסגעפּאָרשטע שטעט. לײדער האָבן מיר נישט אין די וואָיעוואָדשאַפטן פון דער טאַבעלע קיין איין שטאָט (מיט פאַרצייכנטער צאָל יידישע הייזער), וואָס זאָל אפילו נאָענט צוקומען צו דער גרויס פון דער יידישער קהלה אין פינטשעוו און דערפאַר קאָנען מיר נישט מאַכן קיין פאַרגלייכן. קיין שטאָט, וואָס זאָל ציילן איבער צוויי טויזנט נפשות, איז בכלל נישט פאַראַן אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן (אַחוץ קראָקע, ווו די וווין=פאַרהעלטענישן זענען נישט פאַרצייכנט) און אפילו איבער טויזנט האָבן מיר דאָ די איינציקע שטאָט לובלין (1383 יידישע נפשות) און דווקא אין לובלין איז די פּראָפּאָרציע גרעסערע הייזער (לויט דער צאָל נפשות) אפילו נאָך באַדייטנדיק קלענער, ווי אין סך הכל פון די דריי וואָיעוואָדשאַפטן: 61% פון אַלע יידישע הייזער אין לובלין (134 פון 220) ציילן נישט מער ווי ביז 5 נפשות, בעת אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן אין סך הכל באַטרעפן די הייזער פון דער גרויס נישט קיין גאַנצע 40% (38,5%).

פינטשעוו איז אויך די איינציקע פון די אויסגעפּאָרשטע שטעט, ווו מיר געפינען הייזער, הגם אויך נישט מער ווי צוויי, מיט אַ צאָל נפשות העכער ווי 50 נפשות אין א הויז.

עס איז קוים נייטיק צו באַמערקן, אַז פונקט ווי בנוגע דער דורכשניטלעכער צאָל נפשות, וואָס געפאַלט אויף אַ הויז, דאַרפן מיר אויך בנוגע דער איינטיילונג פון הייזער לויט דער צאָל נפשות אין זיגען האָבן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אָפיציעלע ציפערן פון דער ציילונג. אויב מיר זאָלן צורעכענען די זייגקינדער, בערך 6,35% אין פּראָפּאָרציע, און בערך 20% פאַרלייקנטע נפשות, וועלן מיר דאַרפן אַ גרויסע צאָל הייזער איבעררוקן אין העכערע קאַטעגאָריעס.

אַנדערש איז די פראגע פון דער סטאַטיסטיק פון הייזער לויט דער צאָל משפּחות אין אַ הויז. דאָ דאַרפן מיר בעצם נישט קיין שום קאָרעקטיוו, וואָרעם פאַרלייקנט פאַר דער ציילונג האָט מען איינציקע פאַמיליע=מיטגלידער, בפרט קינדער, אָבער זעלטן גאַנצע משפּחות.

אינדזער אויספאָרשונג אין פּרט פון דער צאָל משפּחות אין אַ הויז נעמט אַרום די זעלבע וואָיעוואָדשאַפטן, ווי בנוגע דער איינטיילונג פון הייזער לויט דער צאָל נפשות. נישט מער, וואָס די צאָל שטעט איז אין דעם פאַל עפּעס קלענער, 58 אַנשטאָט 62.

אין סך הכל פון די דריי דערמאָנטע וואָיעוואָדשאַפטן קומט אויס, אַז 48% פון אַלע 2.493 יידישע הייזער (וווין=הייזער פון יידישע אייגנטימער, באַוווינט פון יידן) זענען געווען באַוווינט פון איין פאַמיליע, קרוב 28% — פון 2 פאַמיליעס, 14,6% — פון 3 פאַמיליעס, 6% — פון 4 פאַמיליעס און 2,2% —

פון 5 פאמיליעס. די פראָפּאָרציע הייזער פון 6—15 פאמיליעס באַטרעפט אין סך־הכל 1,7% פון אַלע יידישע הייזער אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן. הקיצור, קרוב אַ העלפט פון אַלע יידישע הייזער זענען איין־פאמיליע־הייזער; עפּעס מער ווי אַ פערטל — צוויי־פאמיליע־הייזער, הייזער מיט 3—5 פאמיליעס באַטרעפן ווייניקער ווי אַ פערטל און בלויז יעדע 60־טע פון די קרוב הריטהאַלבן טויזנט הייזער אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן האָט געציילט מער ווי 5, מאַקסימום 15 פאַמיליעס. די פּראָפּאָרציע פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע הייזער איז דאָ גענוי די זעלבע, ווי די אויבן פעסטגעשטעלטע פּראָפּאָרציע פון הייזער מיט מער ווי 20 נפשות (20—50), 1,7%.

פונקט ווי בנוגע דער צאָל נפשות, איז אויך בנוגע דער צאָל משפחות אין אַ הויז די קראַקעווער וואָיעוואָדשאַפט די, וואָס ווייזט אויף צווישן אַלע דריי וואָיעוואָדשאַפטן די קלענסטע פּראָפּאָרציע איין־משפחה־הייזער, 34,1%, הכלל עפּעס מער ווי אַ דריטל, און די העכסטע פּראָפּאָרציע הייזער מיט עטלעכע משפחות; אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט איז דאָס פאַרהעלטעניש פאַרקערט און די מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט פאַרנעמט די מיט צווישן יענע ביידע וואָיעוואָדשאַפטן. פונקט ווי בנוגע דער צאָל נפשות, האָבן מיר אויסגעפינען, אַז די צווייטע קאַטעגאָריע הייזער לויט דער גרייס, הייזער מיט 6—10 נפשות, איז בערך די זעלבע אין פּראָפּאָרציע אין אַלע דריי וואָיעוואָדשאַפטן, אַזוי באַטרעפט די צאָל הייזער פון דער צווייטער קאַטעגאָריע לויט דער צאָל משפחות, צוויי־משפחה־הייזער, בערך די זעלבע פּראָפּאָרציע אין אַלע דריי וואָיעוואָדשאַפטן, 26—28 פּראָצענט (27,7% אין סך הכל).

אין די צוויי שטעט פון דער אינאָוראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט איז די פּראָפּאָרציע פון איין־פאמיליע־הייזער אויף אַ העלפט קלענער ווי אין די דריי גרעסערע וואָיעוואָדשאַפטן, (24,7% אנשטאָט 48%), די צאָל צוויי־פאמיליע־הייזער אין דריי־פאמיליע־הייזער איז אין סך הכל אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי ־אָרט (קרוב 64% לגבי 42,3% אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן).

די שטאָט פינטשעוו צייכנט זיך אויס מיט גרעסערע הייזער לויט דער צאָל משפחות, פונקט ווי לויט דער צאָל נפשות אין אַ הויז. בעת אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן באַטרעפן די איין־פאמיליע־הייזער 48%, קרוב אַ העלפט, איז די פּראָפּאָרציע אַזעלכע הייזער אין פינטשעוו 9,3%, ווייניקער ווי אַ צענטל. בנוגע צוויי־משפחה־הייזער איז דער חילוק אַ סך קלענער אָבער דאָך באַדייטנדיק: ווייניקער ווי אַ פינפטל (19,4%) לגבי מער ווי אַ פערטל (27,7%) אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן. סך הכל באַטרעפן אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן איין־צוויי־פאמיליע־הייזער דריי פערטל פון אַלע הייזער, בעת אין פינטשעוו, בלויז מער ווי איין פערטל (28,7%) און קרוב דריי פערטל פון אַלע הייזער האָבן געציילט מער ווי צו צוויי משפחות. די העכסטע קאַטעגאָריע הייזער, מיט מער ווי 5 משפחות, 6—15 משפחות אין אַ הויז, באַטרעפט אין פינטשעוו 20%, ד. ה. אַ פינפטל פון אלע הייזער, צוועלף מאָל אזוי פיל אין פּראָפּאָרציע ווי אין די דריי וואָיעוואָדשאַפטן, וווּ זי באַטרעפט בלויז אַ זעכציקסטל.

מאַכנעבנדיק פֿאַר דער כאַראַקטעריסטיק פֿון הײַזער פֿון שטאָטישע ײִדן אין פּױלן איז, פֿאַרשטײט זיך, דער רעזולטאַט פֿון דער צײלונג אין די 58 שטעט און שטעטלעך פֿון פֿאַרשידענער גרײס אין די דרײַ װאָיעװאָדשאַפֿטן און נישט אין אײנציק שטעטל, װי אינאָװראָצלאַװ, אָדער פּינטשעװ. דער סך הכּל איז, אַז דרײַ פֿערטל פֿון דער צאָל הײַזער פֿון שטאָטישע ײִדן זענען געװען באַװױנט נישט מער װי פֿון איין=צװײ משפּחות.

4. שטאָטישע ײִדן לױט זײערע דירה־פֿאַרהעלטענישן

לאָמיר איצט זען װי עס שטעלט זיך פֿאַר די פֿראַגן פֿון דירות בײַ שטאָטישע ײִדן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די באַװױנערס.

טאַב. VIII B

די טאַבעלע נעמט אַרום די װױנונגס=פֿאַרהעלטענישן בײַ ײִדן אין 130 פֿון די 264 שטעט און שטעטלעך, װאָס זענען געװען באַװױנט דורך ײִדן אין 10 װאָ=יעװאָדשאַפֿטן פֿון גרױס=פּױלן, מאַזאָװיע און קלײן=פּױלן. די פּראָפּאָרציע שטעט אױסגעפֿאָרשטע אין דעם פּרט איז מיט קלײנע חילוקים בערך די זעלבע, װי אין פּרט פֿון דער צאָל ײִדישע הײַזער (טאַב. VIII).

מיר האָבן די ראשי=משפּחות לױט זײערע װױנונגס=באַדינגונגען קודם כּל אײנגעטײלט אין 2 הױפּט=קאַטעגאָריעס, בעלי=בתים פֿון איין זײַט און לאָקאָ=טאָרן און קאָמאָרניקעס פֿון דער אַנדערער זײַט. די בעלי=בתים (gospodarze) האָבן מיר װידער אײנגעטײלט אין אַזעלכע, װאָס פֿאַרמאָגן אײגענע הײַזער, און אַזעלכע, װאָס זענען פֿאַרצײכנט װי בעלי=בתים, באַזיצערס פֿון גערונגענע הײַזער, ײִדישע אָן נישט=ײִדישע. די צאָל בעלי=בתים, װאָס פֿאַרמאָגן אײגענע הײַזער, דעקט זיך נישט אינגאַנצן מיט דער צאָל הײַזער פֿון ײִדישע אײגנטימער: פֿאַראַן פֿאַלן, הגם געצײלטע, װו דער אײגנטימער װױנט נישט אין אײגענעם הױז און אפֿילו נישט אין דער זעלבער שטאָט און נאָך מער אַזעלכע פֿאַלן, װו דאָס הױז האָט געהערט בשותּפֿות צו צװײ אײגנטימער. די שותּפֿים האָבן מיר פֿאַררעכנט צװישן די בעלי=בתים.

די קאַטעגאָריעס לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס האָבן מיר קודם כּל איבער=גענומען פֿון דער צײלונג גופֿא. פֿאַראַן אַ צאָל שטעט, װו די װאָס װױנען אין יענעמס הױז װערן אַ מאָל באַצײכנט װי קאָמאָרניקעס, אַנדערע װי לאָקאַטאָרן. װײַזט אױס, אַז די קאָמאָרניקעס האָבן בדרך כּלל געװױנט komorą, ד. ה. אין אַ שטוב בײַ יענעם, בעת לאָקאַטאָרן האָבן פֿאַרנומען אַ גאַנצע דירה, אָדער אַן אָפּגעזונדערטע שטוב. אין אַ טײל פֿאַלן װערן אין אַ שטאָט אַחוץ קאָמאָרניקעס דערמאָנט „װױנער“ (mieszkańcy), װי למשל אין דער שטאָט לאַסק אין קאַליעצפּאָל אין דער שיעראַדזער װאָיעװאָדשאַפֿט. פֿאַראַן שטעט, װי פּינטשעװ, דאָמבראָװע, טשודעץ אין דער צװיזמירער װאָיעװאָדשאַפֿט, װו אַחוץ קאָמאָר=ניקעס װערן באַזונדער פֿאַרצײכנט „מיטער“ (najemnik), אָדער אױך אַזעלכע, װאָס װױנען אין הױז פֿון הינטן (na tyłach). מיר טרעפֿן אױך (אין מאַזאָ=װיע) אַזאַ באַצײכענונג װי „איבערן דורכגאַנג“ (przez sień), אָדער „אין אַ

שטיבל". הגם די טערמינאָלאָגיע איז אי נישט קיין גענויע, אי נישט אומעטום די זעלבע, קאָנען מיר זיך משער זיין, אַז די, וואָס ווערן באַצייכנט ווי לאָקאַטאָרן, האָבן באַוווינט גאַנצע דירות, אָפּגעדונגענע ביים באַלעבאָס, בעת קאָמאָרניקעס זענען געווען לרוב אין דער בחינה פון היינטיקע סובלאָקאַטאָרן.

צו די לאָקאַטאָרן האָבן מיר אויך פאַררעכנט די, וואָס ווערן דערמאָנט, אָן דעם טערמין פון קאָמאָרניקעס, ווי וווינער אין קריסטלעכע פּריוואַטע הייזער, אין ראָטהויז, ברייהויז אדגל.

די ספּעציעלע קאַטעגאָריעס בעלי־בתים האָבן מיר געקאָנט פעסטשטעלן בלויז אין 6 פון די 10 וואָיעוואָדשאַפטן. בעלי־בתים פון געדונגענע הייזער באַטרעפן אין 6 וואָיעוואָדשאַפטן פון 0,5% ביז 3,5%, אין דורכשניט אַנדערטהאַלבן פּראָצענט פון אַלע ראשי־משפחות. דעם העכסטן פּראָצענט אַזעלכע בעלי־בתים, קרוב 4%, ווייזט אויף דאָס ווילנער לאַנד, ווו עס געפינט זיך אויך דער העכסטער פּראָצענט קריסטלעכע הייזער, באַוווינט פון יידן. לאָקאַטאָרן, ד. ה. די, וואָס דינגען גאַנצע דירות, געפינען מיר אין 8 וואָיעוואָדשאַפטן אין דער פּראָפּאָרציע פון 3 ביז 9 פּראָצענט פון ראשי־משפחות, מיטן אויסנאַם פון דער שיעראַדזער וואָיעוואָדשאַפט, ווו זיי באַטרעפן קרוב 22%.

פאַר אַלע 10 וואָיעוואָדשאַפטן האָבן מיר דאַטעס וועגן דער איינטיילונג אויף די צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס, בעלי־בתים פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס. אין סך הכל באַקומט זיך, אַז 46% פון אַלע 10.289 ראשי־משפחות אין 130 שטעט (שטעט מיט פאַרצייכנטע דירה־פאַרהעלטענישן) זענען באַשטאַנען פון בעלי־בתים און 54% — פון לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס. מער ווי אַ העלפט פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט בכן נישט געוווינט אין אייגענע הייזער, אפילו נישט אין קיין געהונגענע, נאָר ביי יענעם, ס'רוב ביי יידן און אין אַ קלענער מאָס אויך ביי נישט־יידן. אין דער דאָזיקער גרופּע איז פאַראַן אַ גרויסער איבערוואָג פון קאָמאָרניקעס לגבי אַזעלכע, וואָס האָבן באַוווינט גאַנצע דירות.

צווישן די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן איז פאַראַן אַ גאַנץ באַדייטנדיקער חילוק אין דער צעטיילונג אויף בעלי־בתים און לאָקאַטאָרן—קאָמאָרניקעס. אין דער קאַלישער און לובליגער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס ווייזן אויף, ווי מיר האָבן אויבן געזען (זע טאַב. VIII), די קלענסטע דורכשניטלעכע צאָל משפחות אויף 1 הויז (1,6 און 1,7), געפינען מיר אויך די גרעסטע פּראָפּאָרציע בעלי־בתים, אין דער ערשטער 64,5%, אין דער צווייטער 56% פון אַלע ראשי־משפחות. אַנאַלאָגיש זעען מיר פון דער אַנדערער זייט, אַז די צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס ווייזט אויף די גרעסטע צאָל משפחות אין אַ הויז, 2,7 (פגל. די אויביקע טאַב. VIII), האָט פון אַלע וואָיעוואָדשאַפטן די קלענסטע פּראָפּאָרציע בעלי־בתים, 35% פון אַלע ראשי־משפחות, די איבעריקע — לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס.

אין דער צוויזמירער וואָיעוואָדשאַפט איז זיכער פאַראַן אַ שייכות צווישן דער פילצאָליקייט פון משפחות אין אַ הויז, און ממילא דער גרויסער פּראָפּאָרציע לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס, און צווישן דעם אומשטאַנד, וואָס אין די 9 שטעט פון דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס זענען אריין אין חשבון פון דער

טאַבעלע, געפינען זיך אויך די צוויי לפי ערך גרויסע קהלות — אָפּט און פּינטשעוו. וואָס שייך די קאַלישער וואָיעוואָדשאַפט, איז די באַרקערטע דערשיינונג, די גרויסע פּראָפּאָרציע בעלי־בתים, אפשר אויך אַ רעזולטאַט פון טעכנישע זייטן פון די דאָרטיקע ציילונג־רעגיסטערס: די הייזער ווערן דאָרט נישט בפירוש אויסגערעכנט, נאָר די ראשי־משפחות זענען באַצייכנט ווי בעלי־בתים אָדער קאָמאָרניקעס. עס קאָן זיין, אַז אַ טייל פון די, וואָס ווערן דאָרט באַצייכנט ווי בעלי־בתים, האָבן פּאַקטיש געהערט צו דער קאַטעגאָריע לאָקאַטאָרן, וואָס דינגען גאַנצע דירות. דער דאָזיקער טעכנישער אומשטאַנד איז אָבער נישט דער איינציקער גורם. פון איין זייט געפינען מיר אין דער גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די צאָל הייזער איז אויך נישט בפירוש אָנגעגעבן, נאָר מיר האָבן זי ארויסגעדרונגען פון דער צאָל בעלי־בתים, די פּראָפּאָרציע פון בעלי־בתים נישט העכער ווי 40% פון אַלע ראשי־משפחות; פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, וווּ די צאָל הייזער איז יאָ בפירוש אָנגעגעבן, די פּראָפּאָרציע בעלי־בתים 56% — הכלל באַדייטנדיק גרעסער ווי דער דורכשניט. לאָמיר נאָך דערמאָנען, אַז אין די צוויי וואָיעוואָדשאַפטן פון אוקראַינע, אין דער וואָליגער און בראַצלאַווער, פאַלט אויס נישט מער ווי 4 נפשות אויף אַ הויז, ד. ה. אַז די פּראָפּאָרציע בעלי־בתים באַטרעפט דאָרט, אַ סברה, לכל הפּחות אַ דריי פערטל פון דער צאָל ראשי־משפחות. ווי מיר האָבן אָבער שוין אָנגעוויזן, איז אין יענע אוקראַינישע וואָיעוואָדשאַפטן די אויסערגעוויינלעך נידריקע צאָל נפשות אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל הייזער בפירוש אַ פּועל יוצא פון פאַרלייקענען נפשות און אפשר טאַקע אויך משפחות.

5. דירה־פאַרהעלטענישן ביי פאַרשידענע פּראָפעסיעס

די דירה־פאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס געפינען זיך מיטגלידער פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס, זענען אָן אַ ספק איינער פון די אָביעקטיווסטע מאַכשטאַבן אָפּצומעסטן די סאָציאַלע לאַגע פון די דאָזיקע פּראָפעסיעס. בדרך כלל איז אָן ספק ריכטיק פאַר יענע צייטן, אַז אַן אייגנטימער פון אַ הויז איז פאַרמעגלעכער ווי איינער, וואָס וווינט אין אַ דירה ביי יענעם, און אַז אין דער דאָזיקער גרופּע געפינט זיך אין בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען דער, וואָס באַוווינט אַ גאַנצע דירה, אַ „לאָקאַטאָר“, ווי דער, וואָס וווינט אין אַ שטיבל ביי יענעם ווי אַ „קאָמאָרניק“.

אַוודאי וואָלט אַזאַ אַנאַליז ערשט דעמאָלט דערפילט פולשטענדיק איר צוועק, ווען מיר זאָלן קענען די גרייס און קוואַליטעט פון הייזער, די צאָל שטובן אין אַ הויז, די צעטיילונג אויף געמויערטע הייזער („קאַמעניצעס“) און געבויטע הילצערנע הייזער אאַוו. ליידער גיט אונדז די ציילונג נישט קיין שום יסוד פאַר אַזאַ גענויער סטאַטיסטיק. דאָס איינציקע קריטעריום פון דער גרייס פון די הייזער אויפן יסוד פון דער ציילונג וואָלט געווען די צאָל פאַמיליעס אין אַ הויז, אָבער דווקא אַזאַ קריטעריום וועקט אַ סך ספקות: עס קאָן גרייכלעך אויסקומען, אַז די אייגנטימער פון די הייזער מיט איינעם אָדער מער „קאָמאָרניקעס“ האָבן

גאַרנישט געהאַט קיין מער רחבותדיקע דירות, ווי די בעלי־בתים, וואָס האָבן פאַר זיך אַליין באַנוצט דאָס הויז, נאָר דווקא אוים דחקות האָבן זיי פאַרדונגען שטובן פרעמדע לייט. איבער דער נישט איינהייטלעכקייט און אָפט צופעליקייט פון דער טערמינאָלאָגיע פון דער ציילונג איז אויך די באַצייכענונג „לאָקאַטאָר“ אין אַ טייל פאַלן — און קאָמאָרניק און אַנדערע — צו ווייניק פאַרלאָזלעך, אַז מיר זאָלן קאָנען מאַכן זיכערע אויספירן וועגן דעם סאָציאַלן מצב פון די צוויי קאַטעגאָריעס.

מיר האָבן בכן פון אונדזער אַנאַליז אין דעם פרט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט דער צעטיילונג סתם אויף בעלי־בתים פון איין זייט און לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס פון דער אַנדערער זייט. די רעזולטאַטן ווייזט אונדז די ווייטערדיקע טאַבעלע.

טאַב. VIII C

די דירה־פאַרהעלטענישן לויט די פּראָפעסיעס האָבן מיר פאַרצייכנט אין 51 פון 205 שטעט אין 7 וואָיעוואָדשאַפטן. היות די פּראָפעסיעס זענען פאַרצייכנט אין די רייסטערס בלויז ביי אַ טייל פון די ראשי־משפחות, גענעמט די דאָזיקע סטאַטיסטיק ממילא ארום בלויז אַ מיעוט פון דער באַפעלקערונג אויך אין די דאָזיקע 51 שטעט און שטעטלעך. דער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל איז אזוי ארום צו קליין, אַז מיר זאָלן קאָנען באַטראַכטן די אויספירן פאַר ענדגילטיק, אָבער באַשטימטע דערשיינונגען קומען אַרויס בולט אפילו אויפן יסוד פון די ווייניקע ציפערן.

די אַרענדאַרן און קרעטשמערס זענען אַלע דורכויס בעלי־בתים און דערפאַר איז געווען איבעריק אפילו זיי ארייננצונעמען אין דער טאַבעלע. ביי שענקערס, ס״ה 34 אין צאָל, באַטרעפן בעלי־בתים בערך א פינפטל, פיר פינפטל וווינען אין געדונגענע דירות. ענלעך איז די פּראָפּאָרציע פון בעלי־בתים און לאָקאַטאָרן — קאָמאָרניקעס ביי ווייַנערס (אריינגערעכנט עטלעכע בראָנפן־ברענערס), וואָס זענען דאָ פאַרצייכנט אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל ווי שענקערס, 76.

צווישן 40 סוחרים איז בלויז אַ צענטל פאַרצייכנט אין הייזער ביי יענעם, ניין צענטל זענען בעלי־בתים. ביי קרעמערס, כמעט אין דער זעלבער צאָל, 39, איז די פּראָפּאָרציע בעלי־בתים שוין עפּעס קלענער, ווייניקער ווי צוויי דריטל. נאָך קלענער איז די פּראָפּאָרציע בעלי־בתים ביי די 23 מעקלערס, אָבער נאָך אַלץ אַ רוב פון דריי פינפטל (61%).

צווישן די 23 בעלי־עגלות זענען קרוב דריי פינפטל בעלי־בתים. עס איז אָבער א סברה, אז אין דער דאָזיקער פּראָפעסיע איז דאָס וווינען אין אן אייגן אָרער געדונגען הויז נישט דווקא קיין ראיה פון פאַרמעגלעכקייט, וואָרעם בעלי־עגלות נייטיקן זיך אין אַן אייגענער שטאַל פאַרן פערד, אַ שאָפע פאַרן וואָגן א״אַגל.

צווישן די „פרייע פּראָפעסיעס“ און קהלה־באַאַמטע פון יענער צייט זענען די רייכסטע די רבנים. בלויז אַ זעקסטל פון די 43 פאַרצייכנטע רבנים וווינען נישט אין אייגענע הייזער, און אפילו פון זיי איז קיין איינער נישט פאַרצייכנט ווי אַ קאָמאָרניק, ד. ה. זיי האָבן באַוווינט על כל פנים גאַנצע דירות, אַ טייל פון זיי

אין קהלשע הייזער (למשל אין לובאַרטאָוו). ביי די 26 פּאַרצייכנטע חזנים איז בלויז מער ווי אַ דריטל (35%) בעלי־בתים. ביי שמשים און מלמדים איז די צעטיילונג אויף בעלי־בתים און לאָקאַטאָרן—קאָמאָרניקעס בערך העלפט אויף העלפט. דערביי דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז לויט דער אומפּינקטלעכער נאָמענקלאַטור פון דער ציילונג, זענען אָפט פּאַרצייכנט געוואָרן ווי בעלי־בתים אויך די, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט קיין אייגענע הייזער, אָבער זיי האָבן אויך נישט געוווינט ביי יענעם, נאָר „פאַר זיך". דווקא שמשים האָבן אין שייכות מיט זייער פּראָפעסיע אָפט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע, וואָרעם זיי פלעגן אַמאָל, פּונקט ווי נאָך אין 20־טן י"ה, גאָר אָפט וווינען אין אַ שטיבל ביים בית־מדרש, אָדער ביי דער שול. מוזיקאַנטן און בדחנים (41 אין צאָל) וווינען אין אַ מינדערהייט (44%) ווי בעלי־בתים. ביי באַלבירערס דערגרייכט די פּראָפּאָרציע בעלי־בתים 71%.

ביי בעלי־מלאכות לויט די צווייגן באַקומט זיך אַזאַ צוזאַמענשטעל:

שנייַדערס, היטלמאַכערס און קירזשנערס וווינען בדרך כלל אַלע בערך אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע — צוויי פינפטל ווי בעלי־בתים און דריי פינפטל לאָקאַטאָרן—קאָמאָרניקעס. ביי שמוקלערס און גאָלדשמידן איז שוין די פּראָפּאָרציע בעלי־בתים העכער, בערך א העלפט פון די פארצייכנטע אין די צוויי מלאכה־צווייגן. גלעזערס, בסך־הכל 21, וווינען אין אַן איבערוועגנדיקער מערהייט, 4 פינפטל, אין אייגענע הייזער. אויך ביי קצבים און בעקערס זענען די בעלי־בתים אַ מערהייט, אין ביידע דערנערונגס־צווייגן בערך צוויי דריטל (66,5% און 68%). פון די איבעריקע בעלי־מלאכות פון פאַרשיידענע פאַכן, ס"ה 91, איז אויך אַ רוב, אויך קרוב צוויי דריטל (63%), בעלי־בתים. דאָ גייען אָבער אריין אזעלכע קליינע צאָלן פון פאַרשיידענע מלאכה־צווייגן (איינבינדערס, זייפזידערס, קאָמלערס, דרוקערס, קאָם־מאַכערס, גאַרבערס, גראַווירערס), אַז קיין שום אויספירן אפילו מיט באַוואָרעניש האָבן נישט קיין גענוגנדיקן יסוד.

אין סך־הכל באַשטעטיקט זיך דאָס, וואָס מיר האָבן שוין אויבן אויסגעפירט וועגן דעם סאָציאַלן מצב פון אַט די פאַכן און פּראָפעסיעס אויפן יסוד פון דער סטאַטיסטיק פון אַרבעטסגעבער און דער סטאַטיסטיק פון קעסטגעבער, בלויז נאָך גענויער און בולטער:

אַרענדאַרן און סוחרים שטעלן פאָר דעם רייכסטן קלאַס ביי יידן אין יענער צייט. אין דער משקאות־פּראָדוקציע און אין משקאות־פאַרקויף שטעלן פאָר דעם אומפאַרמעגלעכן שיכט די שענקערס און ווייגערס. אין מסחר זענען, ווי מען האָט עס געקאָנט דערוואַרטן, די קרעמער און מעקלער לפי ערך סאָציאַל אין א נידעריקערן מצב ווי די, וואָס ווערן בפירוש באַצייכנט ווי סוחרים.

צווישן די פרייע פּראָפעסיעס און באַאַמטע פאַרנעמען די רבנים לויט זייער סאָציאַלער לאַגע דעם אויבנאָן. די באַלבירערס געהערן צום פאַרמעגלעכן עלעמענט אין די פּראָפעסיעס. די מלמדים, שמשים און מוזיקאַנטן געפינען זיך שוין אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז אַ העלפט פון זיי וווינט ווי לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס. די חזנים, אויב מען קאָן משפּטן פון דער קליינער צאָל פאַרצייכנטע, שטעלן פאָר לויט זייערע דירה־פאַרהעלטעניש די אָרעמסטע צווישן די „פרייע פּראָפעסיעס"

בײַ בעלי=מלאכות פאַרנעמען לויט די דירה=באַדינגונגען (פונקט ווי אין פּרט פון אויסהאַלטן אײדעמס אויף קעסט) די קצבים און בעקערס דעם אויבנאָן, אפילו ווען מען זאָל נעמען אין אַכט, אַז די מלאכה גופא (אַ יאַטקע, אַ בעקערײַ) פאָדערט מער געראַומע דירה=באַדינגונגען.[6] נאָך בעסער זענען די דירה=באַדינגונגען פון גלעזער; הגם זײער צאָל איז צו קלײן (21) צו מאַכן זיכערע אויספירן. גאָלדשמידן און שמוקלערס פאַרנעמען אַ נידעריקערע מדרגה ווי די דערנערונגס=צווײַגן, אָבער נאָך אַלץ העכער ווי די שנײַדערס און היטלמאַכערס, קירזשנערס: בײַ די ערשטע באַטרעפן די בעלי=בתים אַ העלפט, בײַ די צווײטע צווײ פינפטל פון אַלע פאַרצײכנטע.

היות די שנײַדערס, קירזשנערס, היטלמאַכערס האָבן באַטראָפן אַ רוב פון מער ווי דרײַ פינפטל צווישן די ײדישע בעלי=מלאכות (פגל. אויבן), קאָן מען אפילו אויפן יסוד פון די דירה=פאַרהעלטענישן בלויז בײַ זײ אַלײן באַשטעטיקן דאָס, וואָס מיר ווייסן פון אַלע מקורים, אַז בעלי=מלאכות האָבן אין פאַרגלײַך מיט אַרענדאַריש=סוחרישן עלעמענט פאָרגעשטעלט דעם אומפאַרמעגלעכן קלאַס פון דער ײדישער באַפעלקערונג אין פוילן.

[6] פונקט אַזוי מינערט נישט דער אומשטאַנד, וואָס די קצבים איז אָנגעקומען לײַכטער צו שפּײַזן אַ משרת און אַן אײדעם אויף קעסט, די סאָציאַלע באַדײַטונג פון פאַקט, וואָס זײ געפינען זיך אין פּראָפּאָרציע אָפּטער צווישן די קעסטגעבער און משרתים=האַלטער, ווי בעלי=מלאכות פון אַנדערע=צווײַגן.

סך־הכלען

מיר האָבן אַדורכגעפירט אַן אַנאַליז פון דער ציילונג פון יידן אין קרוין-פוילן אין 1764 אין 12 וואָיעוואָדשאַפטן פון מערב- און מיטל-פוילן, גרויס-פוילן, מאַזאָוויע און קליין-פוילן, דערפון אין גרויס-פוילן אין 6 פון 12 וואָיעוואָדשאַפטן פון דער דאָזיקער פראָווינץ, אַלע מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל יידן (אַחוץ דער פויזנער, וואָס מיר האָבן נישט אויסגעפאָרשט); אין דער מאַזאָווער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס נעמט אַרום מער ווי אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אין די 3 וואָיעוואָדשאַפטן פון לאַנד מאַזאָוויע; אין 3 פון די 4 וואָיעוואָדשאַפטן פון קליין-פוילן. מיר האָבן כמעט אין אַלע פרטים, אַחוץ אין דער פראַגע פון דער דעמאָגראַפישער סטרוקטור, באַאַרבעט גרויסע טיילן פון דער שוין פאַרעפנטלעכטער ציילונג פון אוקראַינישן דרום-מזרח-טייל פון קרוין-פוילן.

אין אַנאַליז פון דער באַגלייבטקייט פון דער ציילונג זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז אַחוץ דער צאָל זייגקינדער (נפשות אין עלטער ווייניקער ווי אַ יאָר), וואָס זענען אָפיציעל נישט אַרומגענומען געוואָרן דורך דער ציילונג, בערך אין אַ פראָפּאָרציע פון 6,35%, דאַרפן מיר צורעכענען אין סך הכל אַרום 20% פון פאַרלייקנטע נפשות, כדי צוצוקומען צו דער באמתער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג. אָנשטאָט דער קלענערער פאַרצייכנטער צאָל פון 430.000 יידישע נפשות אין קרוין-פוילן, האָבן מיר אויף אַזאַ אופן באַקומען אַ קאָריגירטע צאָל פון קרוב 550.000 נפשות. פאַר דער גאַנצער פוילישער מלוכה, קרוין-פוילן צוזאַמען מיט ליטע, האָבן מיר אויף דעם זעלבן יסוד די אָפיציעלע צאָל פון קנאַפע 588.000 נפשות געהעכערט ביז 750.000 נפשות.

נישט געקוקט אויף דער אומפינקטלעכקייט פון דער ציילונג בנוגע דער צאָל נפשות, גיט אונדז אַן אַנאַליז פון די ציילונג-רייסטערס זייער וויכטיקע רעזולטאַטן בנוגע דער געאָגראַפישער צעטיילונג, דער דעמאָגראַפישער און סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור. דאָס איז מעגלעך דערפאַר, וואָס די פאַרלייקנטע צאָל נפשות נעמט אַרום בעיקר קינדער און נישט גאַנצע משפחות, בפרט, אַז די פראָפּאָרציע פון פאַרלייקנטע נפשות איז לפי ערך געווען אין די זעלבע גרענעצן אין אַלע פראָווינצן פון לאַנד.

וואָס שייך די צעטיילונג אויף שטאָט- און דאָרף-באַפעלקערונג, זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז אין קרוין-פוילן זענען העכער 73% געווען שטאָטישע און קליינשטעטלדיקע יידן און קרוב 27% דאָרפס-יידן. אויפן סמך פון אַנאַליז פון דער ציילונג אין 15 וואָיעוואָדשאַפטן באַקומען מיר דורכשניטלעך קרוב 11 נפשות (אַריינגערעכנט די זייגקינדער און פאַרלייקנטע נפשות) אָדער 2

יידישע משפּחות אין אַ דאָרף, אין די דערפער, ווו עס זענען געווען יידן.

שוין אין דער פראַגע פון צעטיילונג אויף שטאָט און דאָרף קומט צום אויסדרוק דער בולטער חילוק צווישן די פאַרשידענע פּראָווינצן פון פּוילן. אין די מערב-טיילן פון גרויס-פּוילן איז קיין דאָרפס-יידן כמעט נישטאָ. אין די מזרח-וואָיעוואָדשאַפטן פון דער גרויס-פּוילישער פּראָווינץ איז שוין די פּראָפּאָרציע דאָרפסלייט ביי יידן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע, צום העכסטן איז פּראָפּאָרציאָנעל די צאָל דאָרפס-יידן אין די דרום-מזרח-פּראָווינצן, ווי אויך אין די גרענעץ-געביטן מיט ליטע, דהיינו מאַזאָוויע און פּאָדליאַשע.

די איבערוועגנדיקע צאָל שטאָטישע ישובים פון קרוין-פּוילן איז באַשטאַנען פון גאָר קליינע שטעטלעך. קרוב צוויי דריטל פון אַלע שטאָטישע קהלות האָבן בישט געציילט מער ווי ביז 300 נפשות און בלויז ווייניקער ווי אַ פינפטל ישובים זענען געווען גרעסער ווי 500 נפשות, הגם דווקא די דאָזיקע גרעסערע ישובים האָבן קאָנצענטרירט אַ סך מער ווי אַ העלפט פון אַלע שטאָטישע יידן אין לאַנד.

אויך אין פּרט פון דער גרייס פון די שטאָטישע קהלות באַווייזט זיך דער חילוק צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן: די קלענסטע דורכשניטלעכע גרייס פון אַ שטאָטישן יידישן ישוב (168 נפשות) געפאַלט אויף דער אָפּגעשטאַנענער מאַזאָוויע; אין גרויס-פּוילן איז דער דורכשניט העכער (206), אין קליין-פּוילן אַנדערטהאַלבן מאָל מער (358), און אין רייסן — צום העכסטן (515). אין די מער אָפּגעשטאַנענע פּראָווינצן פון אוקראַינע גופא, וואָס ווייטער קיין מזרח, זענען שוין יידישע שטעטלעך אַלץ קלענער.

אין דער צעטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט געשלעכט און ציווילשטאַנד באַמערקט זיך אויך סיי דער חילוק צווישן שטאָט און דאָרף, סיי צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן. אין אַלע אויסגעפאָרשטע וואָיעוואָדשאַפטן איז די פּראָפּאָרציע פרויען אין דאָרף קלענער ווי אין שטאָט און אומעטום איז ביי דאָרפס-יידן די צאָל פרויען קלענער ווי די צאָל מענער. דאָס איז אין הסכם מיט דער דערשיינונג, וואָס באַמערקט זיך אויך ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין די ציילונגען פון יענער צייט. דער חילוק אין פּראָפּאָרציע מענער און פרויען צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן ווענדט זיך אין גראַד פון אורבאַניזאַציע. וואָס קלענער עס איז די דורכשניטלעכע גרייס פון אַ שטאָטישן יידישן ישוב אין דער פּראָווינץ, אַלץ קלענער די פּראָפּאָרציע פרויען לגבי מענער.

די פּראָפּאָרציע נישט-חתונה-געהאַטע לגבי אַלע געציילטע נפשות איז בערך מיט 12% קלענער ביי שטאָט-יידן ווי ביי דאָרפס-יידן (44% לגבי 50% פון אַלע נפשות). אויך די דאָזיקע דערשיינונג געפינט אַ פּאַראַלעל אין ציילונגען פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון יענער צייט. ביי דאָרפס-יידן ווייזט זיך אויך אַרויס אַ קלענערע פּראָפּאָרציע פון פאַרפעלקער באָבעס-זיידעס ווי אין שטאָט און אויך פּראָפּאָרציאָנעל אַ קלענערע צאָל חתונה-געהאַטע זין און איידעמס ביי עלטערן (קעסטקינדער) ווי ביי שטאָט-יידן. אין דאָרף איז אויך אין הסכם מיט אַ דערשיינונג, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, די צאָל אַלמנות פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך קלענער ווי אין שטאָט.

די אַנאַלאָגיעס צווישן דער יידן-ציילונג פון 1764 און אַלגעמיינע ציילונגען

בנוגע דעם חילוק צווישן שטאָט און דאָרף אין פּרט פֿון צוזאַמענשטעל פֿון דער באַפֿעלקערונג לויט געשלעכט און ציווילשטאַנד, זענען נאָך איין בולטער באַווייז, ווי אַזוי די דאָזיקע ציילונג שפּיגלט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס די יידישע דעמאָגראַפֿישע סטרוקטור, נישט געקוקט אויף די פֿעלשונגען אין דער פֿאַרצייכנטער צאָל נפֿשות.

צום ווערטפֿולסטן ווייזט זיך אַרויס די ציילונג פֿון 1764 אין פּרט פֿון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, הגם ביי שטאָט־יידן זענען די באַשעפֿטיקונגען פֿון די ראשי־משפּחות בלויז אין אַ קליינער פּראָפּאָרציע פֿאַרצייכנט געוואָרן. מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך קודם כּל דעם עיקרדיקן חילוק צווישן שטאָט־יידן און דאָרפֿס־יידן. ביי שטאָט־יידן אין גאַנץ קרוין־פּוילן אין סך הכּל קומט אויס ביז 15% פֿון אַלע ראשי־משפּחות באַשעפֿטיקט אין אַרענדע און שענקעריי, כּמעט אַ דריטל (30—33%) — אין מלאָכה, אַרום אַ זעקסטל (16—18%) אין פֿרייע פּראָפֿעסיעס און אין פֿאַרשידענע אומבאַשטימטע פּרנסות. דעם פּראָצענט באַשעפֿטיקטע אין האַנדל און טראַנספּאָרט האָבן מיר באַרעכנט נישט אויפֿן סמך פֿון דער ציילונג גופֿא, וווּ מיר געפֿינען וועגן דעם בלויז ספּאָראַדישע ציפֿערן, נאָר אויפֿן יסוד פֿון עלימינאַציע און אין הסכּם מיט די ידיעות פֿון אַלע אַנדערע היסטאָרישע מקורים: בערך 35—38% אין מסחר און 2% אין טראַנספּאָרט.

אין דער פּראָפּאָרציע פֿון די הויפּט־צווייגן פֿון פּרנסה האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט אַ חילוק סיי צווישן די שטעט לויט דער גרייס, סיי צווישן די באַזונדערע פּראָווינצן. אין די גאָר קליינע שטעטלעך איז די פּראָפּאָרציע ראשי־משפּחות, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַרענדע און שענקעריי, לפֿי ערך העכער, ווי אין די גרעסערע שטעטלעך. אין די קליינע שטעט איז באַדייטנדיקער דער פּראָצענט בעלי־מלאָכות; האַנדל באַשעפֿטיקט לפֿי ערך די גרעסטע פּראָפּאָרציע משפּחות אין די מיטעלע און גרעסערע שטעט. דערביי איז אויך צווישן די גרעסטע שטעט פֿאַראַן טיפּן פֿון בפֿירושע האַנדלס־שטעט, ווי קראָקע און בראָד, און שטעט מיט אַ רעלאַטיוון רובֿ בעלי־מלאָכות, ווי ווילנע אין דער ליטע און וואַרשע. פֿון די באַזונדערע פּראָווינצן פֿאַרנעמען אין פּרט פֿון מלאָכה דעם אויבנאָן גרויס־פּוילן, וווּ צוויי פֿינפֿטל ביז אַ העלפֿט ראשי־משפּחות אין מיטעלע און גרעסערע קהלות איז פֿאַרצייכנט ווי בעלי־מלאָכות. דאָס אָפּגעשטאַנענע מאַזאָוויע שטעלט פֿאָר דעם אַנדערן עקסטרעם מיט אַ נידעריקערער פּראָפּאָרציע בעלי־מלאָכות און אַ העכערער פּראָפּאָרציע אַרענדאַרן און שענקערס, פּונקט אַזוי ווי אין די קלענסטע שטעטלעך אין גאַנץ קרוין־פּוילן. קליין־פּוילן פֿאַרנעמט אין פּרט פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער סטרוקטור דעם מיטל־שטאַפּל צווישן גרויס־פּוילן פֿון איין זייט און מאַזאָוויע פֿון דער אַנדערער זייט. אין אוקראַינע איז די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור נענטער צו די פֿאַרהעלטענישן פֿון מאַזאָוויע.

דאָרפֿס־יידן פֿאַרנעמען זיך אין גאַנץ קרוין־פּוילן אין איבערוועגנדיקן רובֿ פֿון קרובֿ ניין צענטל (בערך 85%) מיט אַרענדע און שענקעריי. מלאָכה און פֿאַרשידענע פּרנסות פֿאַרנעמען דאָ בלויז עטלעכע (4%) פֿון די ראשי־משפּחות.

דער צוזאַמענשטעל פֿון יידישע בעלי־מלאָכות לויט צווייגן באַווייזט, אַז הגם

עס איז נישטאָ כמעט קיין איין מלאכה־פאַך, וווּ ייִדן זאָלן נישט דערמאָנט ווערן אין דער ציילונג, זענען מער ווי דריי פינפטל ייִדישע בעלי־מלאכות געווען באַשעפטיקט אין באקליידונג און מער ווי פיר פינפטל, קרוב ניין צענטל, אין באַקליידונג, גאַלאַנטעריע און דערנערונגס־צווייגן. די סיבה פון אַזאַ איינזייטיקן צונויפגעשטעל, וואָס האָט אַרויסגעלייגט זיין חותם אויף דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער פון דער ייִדישער אינדוסטריע ביז צום הייַנטיקן טאָג, איז געלעגן אין די גזירות פון די צעכן, הכלל אין דער רעכטלאָזיקייט פון די ייִדישע מאַסן.

אָפּשאַצנדיק די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פוילן אין שטאָט און דאָרף פון שטאַנדפּונקט פון פּראָדוקטיווקייט, קאָן מען קומען צו אַזאַ אויספיר: להיפוך צו אַלע אָנגענומענע טעאָריעס וועגן לופט־פּרנסות פון די ייִדן אין פוילן ערב דער צעטיילונג, איז דער רוב, כ ע ר ך ד ר יי פ י נ פ ט ל פון דער ייִדישער עקאָנאָמיש־אַקטיווער שטאָטישער באַפעלקערונג געווען פאַרנומען ב יי פ י ז י ש ע ר א ו ן ג יי ס ט י ק ע ר אַ ר ב ע ט, על פי רוב פּראָדוקטיווער אַרבעט. אַזאַ סך הכל באַקומען מיר, ווען מיר רעכענען צו צו די בעלי־מלאכות קודם זייערע געזעלן און לערנייִנגלעך, די בעלי־עגלות און טרעגערס, די ווייִנערס און בראָנפן־ברענערס, באַלבירערס, מלמדים און די באַדייטנדיקע פּראָפּאָרציע ייִדישע משרתים.[1] דער חשבון פון פּראָדוקטיווע עלעמענטן וועט אויסקומען נאָך גרעסער, ווען מיר וועלן אין אַכט נעמען, אַז אויך אַ גרויסע צאָל ייִדישע אַרענדאַרן פון ברייהייזער און בראָנפן־ברענערייען (גוראַלניעס) האָט אין תוך זיך פאַרנומען מיט פּראָדוקטיווע פּרנסות אין נישט קיין קלענערער מאָס ווי הייַנטיקע פאַבריקאַנטן פון משקאות און אַז אויך די קרעטשמערס דאַרפן

---

[1] אין ציפערן וועט די קאַלקולאַציע פון אַרבעטנדיקע, על פי רוב פּראָדוקטיווע עלעמענטן אויסקומען בערך אַזוי:

די צאָל עקאָנאָמיש־אַקטיווע בכלל איז צוזאמען מיט משרתים (20% לגבי אלע ראשי־משפחות), געזעלן און לערנייִנגלעך (8% לגבי אַלע ראשי־משפחות) און בעלפערס (1% לגבי אלע ראשי־משפחות) מיט בערך 30% העכער איידער די צאָל בלויז ראשי־משפחות, וואָס זענען געווען עקאָנאָמיש אַקטיוו. די עקאָנאָמיש־אקטיווע, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פיזישער אָדער גייסטיקער ארבעט, להיפוך צו ארענדע, שענקעריי, האַנדל און פאַרמיטלונג, האָבן בכן באַטראָפן:

בעלי־מלאכות 30—33% פון אלע ראשי־משפחות — 24 % פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע;
געזעלן און לערן־ייִנגלעך
(25% פון דער צאָל בעלי־מלאכות) 8% — 6,5%
טראַנספּאָרט 2% — 1,5%
ווייִנער און ברענער
(א דריטל פון ארענדאַרן, קרעטשמערס
און שענקער 15% ראשי־משפחות); 5% — 4 %
פרייע פּראָפעסיעס (באַלבירער, מלמדים,
מוזיקאַנטן אאוו) און קהילה־אָנגע־
שטעלטע 14% — 10 %
משרתים 20% — 16 %

ס"ה פּראָדוקטיווע עלעמענטן 62 % פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע.

אָפּגעשאַצט ווערן אין זייער פּראָדוקטיווער ראָלע: אַחוץ דער פונקציע פון פאַרקויפן בראַנפן, האָבן דאָך די קרעטשמערס אויסגעפירט די זעלבע פּראָדוקטיווע פונקציע ווי האָטעל=באַזיצערס אין דער היינטיקער צייט, וואָס מען פאַררעכנט אין דער היינטיקער סטאַטיסטיק ווי אַ באַזונדערן צווייג פון אינדוסטריע.

פון דעם זעלבן אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט זענען אויך דאָרפס=יידן, וואָס האָבן זיך ראשם ורובם פאַרנומען מיט אַרענדע פון ברייהייזער, גוראַלניעס און קרעטשמעס, אין זייער איבערוועגנדיקן רוב באַשטאַנען טיילווייז פון פּראָדוקטיווע עלעמענטן. מיטן אויסנאַם פון אַ קליינעם פּראָצענט (3,6%), וואָס איז געווען באַשעפטיקט בלויז ווי שענקערס, האָבן די איבעריקע געצויגן פרנסה פון באַשעפטיקונגען, וואָס זענען געווען טיילווייז פאַרבונדן מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַזאַ וואָס האָט געשאַפן עקאָנאָמישע ווערטן.

אַזוי זעט אויס דער בילאַנס פון דער יידישער שטאָטישער, קליינשטעטלדיקער און דאָרפישער באַפעלקערונג אין אַמאָליקן פּוילן פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעט און פּראָדוקטיווקייט. אויב מיר זאָלן אָננעמען פאַר אַ מעסטער די נוצלעכקייט פון די יידישע פרנסות, וועלן מיר צווישן אַלע עקאָנאָמיש=אַקטיווע יידן אין אַמאָליקן פּוילן בכלל געפינען בלויז אַ קליינעם מיעוט פון אומנוצלעכע עלעמענטן! וואָרעם אויך דער אומפּראָדוקטיווער הויפּטצווייג פון פרנסה, האַנדל און פאַרמיטלעריי, איז גאָר נישט אָפּצושאַצן אין זיין נוצלעכקייט, אויב מיר באַטראַכטן אים נישט אַבסטראַקט, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון דעמלטיקן סאָציאַל=עקאָנאָמישן סיסטעם. אָן דער סחורות=פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך די יידישע סוחרים, אָן דער פאַרבינדונג פון די באַזונדערע פּראָווינצן דורך דעם יידישן אַנטייל אויף די ירידים און אָן דער פאַרבינדונג צווישן שטאָט און דאָרף מצד דעם יידישן הענדלער און קרעמער — קאָן מען זיך בכלל נישט פאָרשטעלן די עקזיסטענץ פון דער פּוילישער פאָלקס=ווירטשאַפט אין יענער צייט.

די סאָציאַלע דיפערענצירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג קומט אויס אַפילו בלויז אויפן יסוד פון פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל — אַ באַדייטנדיקע. ביי שטאָט=יידן איז מער ווי אַ דריטל פון עקאָנאָמיש=אַקטיווע פּערזאָנען באַשטאַנען פון לוין=אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. צו זיי האָבן געהערט די קהלה=אָנגעשטעלטע, די געזעלן און לערניינגלעך, משרתים און דינסטמיידלעך, בעלפערס ביי מלמדים און ביי בעלי בתים, און די וויינערס, ברענערס, נאמנים און שרייבערס ביי אַרענדאַרן.[2]

[2] דעם חשבון קאָנען מיר צוזאַמענשטעלן אויפן יסוד פון אַזאַ קאַלקולאַציע:

געזעלן און לערניינגלעך	— 7%	פון אַלע עקאָנאָמיש=אַקטיווע;
בעלפערס	— 1%	,, ,, ,, ,, ;
משרתים און דינסטן	— 16%	,, ,, ,, ,, ;
וויינערס און ברענערס	— 4%	,, ,, ,, ,, ;
קהלה=אָנגעשטעלטע (דיינים, שמשים, שרייבער, הקדש=לייט, וועכטער, קברנים אאַז.)	— 7%	,, ,, ,, ,, ;
ס"ה לוין=נעמער	35%	פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע.

בײַ דאָרפֿס ייִדן האָט די פּראָפּאָרציע חתונה= און נישט=חתונה=געהאַטע ווײַנערס, בראָנפֿערס, פֿאַראָבקעס, בעלפֿערס און סתם משרתים באַטראָפֿן קרוב 30% פֿון אַלע עקאָנאָמיש=אַקטיווע.[3] אין סך=הכל האָט דער עלעמענט פֿון לוין=נעמער בײַ דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט און דאָרף באַטראָפֿן בערך אַ העלפֿט פֿון אַלע פֿאַרדינערס.[4]

די צעטיילונג אויף זעלבשטענדיקע און לוין=נעמער שעפּט אָבער נישט אויס די סאָציאַלע לאַגע פֿון די ייִדן אין פּוילן. אין דחקות האָבן געלעבט נישט נאָר די חזנים, שמשים, וועכטער און הקדש=לײַט, אָנגעשטעלטע בײַ דער קהלה, נישט נאָר די משרתים אין דינסטמיידלעך, ווײַנערס און בראָנפֿערס, פֿאַראָבקעס און בעלפֿערס — נאָר אויך דער רוב פֿון דער *מאַסע בעלי=מלאכות, קרעמערס און הענדלערס*. דאָס, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין הסכם דורך אַלע היסטאָרישע באַריכטן פֿון יענער צײַט וועגן דעם דלות פֿון ייִדישע בעלי=מלאכות און הענדלערס,[5] דעם רוב מנין ובנין פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג, ווערט גענוי באַשטעטיקט אין צי=ובנין דורך דער סטאַטיסטיק פֿון די דירה=פֿאַרהעלטענישן, וואָס מיר האָבן אַרויסבאַקומען פֿון דער ציילונג. מער ווי אַ העלפֿט (54%) פֿון די פֿאַמיליעס בײַ *שטאָט ייִדן האָט געוווינט* בײַ פֿרעמדע, דאָס רוב אַפֿילו נישט אין גאַנצע דירות, ווי לאָקאַטאָרן, נאָר אין אַ שטיבל, ווי „קאָמאָרניקעס“. אָבער אויך די, וואָס האָבן שוין יאָ געוווינט אין אייגענע דירות, האָבן פֿאַרמאָגט אָזעלכע קליינע הילצערנע הײַזלעך, אַז אין אַ העלפֿט פֿון זיי האָט נישט געקאָנט געפֿינען קיין פּלאַץ מער ווי איין משפּחה אין אַ הײַזל.

די דירה=באַדינגונגען בײַ דאָרפֿס=ייִדן זענען נישט געווען לחלוטין בעסער, אויב מען נעמט אין אַכט דאָס אויסזען פֿון אַ ייִדישער קרעטשמע אין יענער

[3] לויט טאַב. VII האָבן די חתונה=געהאַטע משרתים און אָנגעשטעלטע באַטראָפֿן 7% פֿון אַלע ראשי=משפּחות בײַ דאָרפֿס=ייִדן און די נישט=חתונה=געהאַטע משרתים און אָנגעשטעלטע האָבן דערגרייכט אַ פּראָפּאָרציע פֿון 31% לגבי די ראשי=משפּחות. אין סך הכל קומט אויס 29,3% משרתים און אָנגעשטעלטע לגבי אַלע עקאָנאָמיש=אַקטיווע.

[4] לויט דער פּראָפּאָרציע, וואָס מיר האָבן אויבן פֿעסטגעשטעלט, אַז שטאָט=לײַט האָבן געציילט 73% און דאָרפֿס=לײַט 27% פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן, קומט אויס אין סך הכל די פּראָפּאָרציע 32,7%.

[5] פֿגל. ר. מאַהלער, ייִדן אין אַמאָליקן פּוילן, ז. 206—207.

אחוץ די עדות, וואָס ווערן געבראַכט דאָרט, איז כדאי אויך צו דערמאָנען, וואָס עס שרײַבן וועגן ייִדישן עלנט די פּרייסישע באַאַמטע און רייזנדע סוף 18=טן י"ה.

דער דרום=פּרייסישער פּראָווינציאַל=מיניסטער פֿאָן בוכהאָלץ דערציילט אין זײַן באַריכט פֿון 25 יוני 1795 וועגן „דעם דלות פֿון די דרום=פּרייסישע (ד. ה. גרויס=פּוילישע) ייִדן, וואָס איז אַ שם דבר“ און וועגן דעם „העכסט עלנטן צושטאַנד פֿון דער דאָזיקער נאַציע אין גאַנצן אַמאָליקן פּוילן“; בערך אַזוי זאָגט זיך אויך אַרויס דער שטייער=ראַט פֿון נײַ=שלעזיע, פֿאָן טשירסקי; יאָהאַן יאָזעף קויש שטעלט פֿעסט אין זײַנע „נאַכריכטן איבער פּאָלען“ (זאַלצבורג 1793), אַז די פּוילישע ייִדן זענען „אַ סברה די עלנטסטע פֿון אַלע אייראָפּעישע ייִדן“.

זע: יאַקאָב יאַקאָבסאָן, דצ"וו, מאָנאַטסשריפֿט 1921, ז. 244.

צייט.[6] נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן האָט געצויגן חיונה פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און וואָס דער רוב האָט אין שווערער האָרעוואַניע זיך געראַנגלט פאַר דעם שטיקל ברויט, איז די פראַגע פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן אין פוילן צום סוף 18־טן י״ה געווען אַ ברענענדיקע ביז גאָר. די יידישע מלאכה איז געווען קינסטלעך אַריינגעקוועטשט דורך גזירות אין קוים עטלעכע צווייגן פון מלאכה, שניידער־קירזשנער, קצבים און בעקער. דער האַנדלס־עלעמענט, הגם אַן אַבסאָלוטער מיעוט, דאָך אומנאָרמאַל באַדייטנדיק אין פּראָפּאָרציע (קרוב צוויי פינפטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט), האָט אַרויפגעלייגט זיין סטעמפּל אויף דער קרענקלעכער יידישער עקאָנאָמיק מיט דער מאַסע פאַרעלנטע הענדלערס, קליינע קרעמערס און מעקלערס. נישט ווייניקער האָט געדריקט אויף דעם יידישן ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם די דאָזיקע מאַסע עלעמענטן, וואָס האָבן געצויגן חיונה פון משקאות־פּראָדוקציע און פאַרקויף — מער ווי אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קרוין־פוילן[7] און בערך צוויי פינפטל אין דער גאַנצער פוילישער מלוכה. דער דאָזיקער פּרנסה־צווייג האָט בולטער ווי אַלץ פאַרקערפּערט די צעפוילקייט פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם, געבויט אויף דער אוממענטשלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון דער לייבאייגענער פויערים־באַפעלקערונג. אַ בולטער סימן פון דער אומגעזונטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון פוילישע יידן צום סוף 18־טן י״ה איז די אומגעוויינלעכע הויכע פּראָפּאָרציע (מינימום 13% פון אלע חתונה־געהאַטע) פאַרפעלקער, וואָס האָבן זיך אויסגעהאַלטן ביי זייערע עלטערן „אויף קעסט".

דאָס אַלטע פוילן איז נישט אימשטאַנד געווען צו לייזן די אָנגעווייטיקטע יידישע פראַגע, פּונקט ווי עס האָט נישט געלייזט די עיקרדיקע סאָציאַלע פראַגע פון פויערים־פאַרקנעכטונג, איבער וועלכער עס איז אונטערגעגאַנגען. די ירושה פון דער יידן־פראַגע, וואָס דאָס אַמאָליקע פוילן האָט איבערגעלאָזט, די פראַגע פון פּראָדוקטיוויזאַציע, וואַרט נאָך היינט אויף איר לייזונג אין די יידישע ישובים אין די תפוצות הגולה, וואָס שטאַמען פון אַמאָליקן פוילישן יידנטום.

6 פגל. ר. מאַהלער, דצ״וו, ז. 151.

7 ביי שטאָט־יידן (73% פון דער יידישער באַפעלקערונג) האָבן בערך 13—15% זיך פאַרנומען מיט אַרענדע און שענקעריי; ביי דאָרפס־יידן (27% פון כלל יידן) — 90%. אין סך הכל אין שטאָט און דאָרף צוזאַמען קומט אויס 34,5%. דאָס איז דער חשבון פון קרוין־פוילן, מיט אַ ספּעציפישער וואָג פון די מערב־געביטן און גרויסע שטעט, וו אַרענדע און שענקעריי איז געווען גאָר ווינציק. אין דער גאַנצער פוילישער מלוכה, אַריינגערעכנט דאָס אָפּגעשטאַנענע ליטע און ווייסרוסלאַנד, וועט אויסקומען דער אָנטייל פון אַרענדע און שענקעריי נישט ווייניקער ווי 40% פון יידישע פּרנסה־קוואַלן.

אינדעקס פון געאָגראַפישע נעמען *

א.

אַדאָלאַנאָוו — טאַב. 5, 2, 39
אוורוטש 111, 130
אויאזד — טאַב. 8, 24, 41, 63
אולאַנאָוו 124, 185; טאַב. 11, 43, 65
אומאַן 41
אוניעיעווא 63
אוקראַינע 8, 23, 29, 38, 41, 43, 45, 46, 51—53, 56, 60, 65 93—97, 99—103, 106, 110—112, 118, 130, 166—168, 172, 180, 183, 191, 196, 197; טאַב. 14, 15, 16, 17
אָזשאַראָוו — טאַב. 11, 43
איוואַניסק — טאַב. 11, 43
אינאָוולאָדזש — טאַב. 8, 24, 41, 63
אינאָווראָצלאַוו 91, 104, 114, 120 142, 147, 149, 150, 152, 156, 185, 189; טאַב. 18, 19, 38, 45, 4, 62, 68, 70
אינאָווראָצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט 39, 42, 50, 55, 67, 71—73, 78, 87, 89—91, 95, 115, 116, 119, 130, 137 146, 149, 150, 155, 158, 169, 172, 180, 183, 185, 186, 188, 189; טאַב. 2, 3, 15, 16, 17, 19, 33, 36, 38, 45, 46, 47, 48 G, 48 H, 49, 50 G, 50 H, 51, 52, 53 K, 53 L, 55—58, 62, 66—70
איסאַקאָוו (דאָרף) 17
אַלט־קאָנסטאַנטין — טאַב. 18
אָלעשניצע 182; טאַב. 11, 29, 43
אָלקוש — טאַב. 10, 27, 28, 42, 64, 68
אָלשטין — טאַב. 10, 27, 42
אַמטשיסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט — זע: מסטיסלאַווער
אָסטזשעשאָוו — טאַב. 1, 7, 23, 40
אָסטראָה 62, 180; טאַב. 18
אָסטראָוו (מאַזאָוויע) 124, 176; טאַב. 9, 25, 26, 41, 45, 64, 68, 70
אָסטראָוו (קאַלישער וו.) 113, 124, 146, 150, 152; טאַב. 5, 21, 39, 45, 47, 62
אָסטראָווע (לובלינער וו.) 125, 128, 154, 170; טאַב. 12, 30, 31, 44, 45
אָסטראָוויעץ 130, 146; טאַב. 11, 43
אָפּאָטשנער פּאָוויאַט 49
אָפּאָלע — טאַב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
אָפּאַטאָוו (וויעלונער לאַנד) — טאַב. 7, 23, 40
אפּט 62, 88, 113, 114, 117, 120—124, 126, 128, 130, 131, 134, 142—151, 154, 156, 157, 159, 180, 182, 191; טאַב. 11, 18, 29, 34, 36, 37, 43, 45, 47, 54—56, 65, 70
אָרלאָוו — טאַב. 8, 24, 41, 63
אָרשע, פּאָוויאַט 41
אָשוויענטשים — טאַב. 10, 27, 28, 45, 64, 68, 70
אָשיאַקאָוו — טאַב. 7, 23, 40, 63

ב.

באָבאָוו 77, 160, 182; טאַב. 10, 27, 28, 35, 42, 57, 64, 68
באָגאָריא — טאַב. 11, 43
באַרען 35, 80
באַלין — טאַב. 57
באָלעכאָוו 22, 25, 32
באָלעסלאַוויעץ 181; טאַב. 7, 23, 40, 63
באָראָדזשאַנקא — טאַב. 57
באַראַנאָוו (לובלינער וו.) 150; טאַב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
באַראַנאָוו (צוויזמירער וו.) — טאַב. 11, 43
באַרטשין 124; טאַב. 4, 20, 38

* מיר מאַכן אויפמערקזאַם, אַז די טאַבעלעס, אחוץ דעם, וואָס זיי זענען באַצייכנט מיט רוימישע ציפערן, ווי טאַב. I, II, א.א.וו., האָבן זיי אויך אַן אַראַבישן לויף־נומער און כדי דעם לייענער צו פאַרלייכטערן אויסצוגעפינען די טאַבעלעס, האָבן מיר זיי אין אינדעקס באַצייכנט מיט דעם אַראַבישן לויף־נומער, וועלכער געפינט זיך אין יעדער טאַבעלע פון דער הייך — רעכטס.

באָרעק 124, 127; טאב. 4, 5, 20, 39
באָרשטשאָוו — טאב. 57
בוזשנישטשקע 124
בוזשינין — טאב. 6, 22, 40, 45
בוטשאַטש — טאב. 18
בזשעזשאַן — טאב. 18
בזשעזשין 109, 129, 159; טאב. 8, 24, 41, 45, 63
בזשעסקא — טאב. 10, 27, 42, 64
ביאלע — טאב. 7, 23, 40, 63
ביאַליסטאָקער געגנט 115
בייטש 113; טאב. 10, 27, 42, 45
ביכאָוו 119
ביכאווע — טאב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
בילגאָריי 130, 150, 182; טאב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
ביסקופיץ 26, 27, 107; טאב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
ביסקופיצע (דאָרף) 25
ביעלאָווע — טאב. 8, 24, 41, 63
ביעלאַצערקאָוו — טאב. 18
בלאשקי 88, 150, 152; טאב. 6, 22, 40, 45, 47
בעלזער וואָיעוואָדשאַפט 43, 54; טאב. 15
בעלזשיץ 91, 122, 130, 149—151, 168; טאב. 12, 30, 31, 44, 45, 65, 68
בעלכאַטאָוו — טאב. 6
בעמען 35—37, 133, 143
בענדין — טאב. 10, 27, 42, 64, 68
בערדישעוו — טאב. 18
בערעזינא 118
בראָד 60, 62, 63, 65, 93, 94, 97, 101, 104, 114, 117, 119—132, 142, 144, 145, 148, 150, 151 156, 157, 197; טאב. 18, 47, 54
בראָדסענד 18; טאב. 3, 19
בראצלאווער וואָיעוואָדשאַפט 23, 25, 43, 46,51, 53, 60, 62, 180, 183, 191; טאב. 14, 17, 66
בריסקער וואָיעוואָדשאַפט 44
בריסק־קויאַווער וואָיעוואָדשאַפט 39, 42, 44, 54; טאב. 15

ג.

גאָוואָראָוו 176; טאב. 9, 26
גאָזדינין — טאב. 3, 19, 38, 45
גאלאנטש — טאב. 4, 20, 38, 45, 62
גאָלינא — טאב. 5, 21, 39
גאליציע 8, 29, 31, 38, 39, 103, 105, 114, 184
גאָריי 24; טאב. 12, 30, 31, 44
גאָרליץ — טאב. 10, 27, 42, 45, 70
גלאָבאָוו — טאב. 11, 43, 65
גלוסק 92, 119, 121, 150; טאב. 12, 30, 31, 44, 45, 65, 68
גניעזקאָוו 90; טאב. 3, 19, 38, 45
גנעזן 141, 148; טאב. 4, 20, 38, 45
גנעזנער פאָוויאט — טאב. 4
גנעזנער וואָיעוואָדשאַפט 35, 39, 42, 43, 49, 50, 55, 56, 67, 78, 87, 88, 90, 91, 95, 107, 115, 116, 119, 122, 124, 125—127, 130, 135, 137, 138, 141, 143—147, 149—151, 155, 157, 163, 180, 181, 191; טאב. 2, 4, 15, 16, 17, 20, 33, 36, 38, 45, 46, 47, 48 G, 48 H, 49 E, 49 F, 50 G, 50 H, 51, 52, 53 K, 53 L, 55, 62, 66, 69, 70
גראבאָוו (ווילונער וו.) — טאב. 7, 23, 40
גראבאָוו (לונטשיצער וו.) — טאב. 8, 24, 41, 63
גראָדזשיסק 127
גראָיעווע 124, 176; טאב. 9, 25, 26, 41, 45, 64, 68
גראָנאָווא — טאב. 4, 20, 38, 62
גרויס פוילן 8, 39, 45, 49, 50, 51, 57, 59—62, 69, 71, 79, 87, 89, 94—102, 104, 110, 115, 116, 118, 121, 122, 125—128, 130, 141, 146, 163, 165, 167, 180, 182, 183, 189, 195, 196, 197; טאב. 17, 18, 46, 47
גריבאָוו 161; טאב. 10, 27, 42, 64, 68
גריידעק 18

ד.

דאָבזשינער וואָיעוואָדשאַפט 39, 54; טאב. 15
דאָברע 65, 107, 109, 150, 152; טאב. 6, 22, 40, 45
דאלשין (דזיאלאָשין) 20, 65, 148; טאב. 7, 23, 40, 63

דאלשיץ (דזיאלאָשיץ) 109, 148, 160; טאב 10, 27, 28, 42, 64, 70

דאָמבראָווע 119, 124, 145, 146, 148, 149, 189; טאב. 11, 29, 34, 36, 37, 43, 45, 55, 56, 65

דובנע 62, 180; טאב. 18

דוורט (ווארטע) 77, 88, 92, 109, 120, 150; טאב. 6, 22, 35, 40, 45, 47

דווינסק 132

דונייגראד — טאב. 18

דוקלע 77, 91, 107, 109, 111, 124, 128, 142, 150, 175, 177; טאב. 10, 27, 28, 35, 42, 45, 57, 64, 68, 70

דזיאלין — טאב. 4, 20, 38 45

דזשיקאָוו 124; טאב. 11, 43

דייטשלאנד 35, 36, 80, 127, 128

דיסנע 119

דעבזשנאָ — טאב. 4, 28, 38, 62

דעמבאָוויעץ — טאב. 10, 27, 42

דעמביץ 91, 119, 124; טאב. 11, 43, 45

דרויע 132

ה.

האלבערשטאט 35, 37

האראָדענקאָ — טאַב. 18

הוסיאַטין — טאַב. 18, 57

העליטשער לאנד (פּאָוויאט) 17, 29, 31, 43; טאַב. 13, 17

וו.

וואָדזשיסלאַוו 156; טאַב. 10, 18, 27, 28, 42

וואָדיניע — טאַב. 12, 44, 45

וואָיניטש — טאַב. 43

וואָלבראָם 149, 160; טאב. 10, 27, 28, 42

וואָלין (וואָלינער וו.) 8, 23, 25, 43, 44, 46, 51—53, 56, 60, 62, 65, 77, 99, 108, 131, 139, 180, 183, 191; טאַב. 14, 15, 17, 18, 66

וואָלשטיין 130

וואָנסאָוויע 176; טאב. 9, 25, 26, 41, 45, 64, 68, 70

ווארטע — זע: דוואָרט

ווארשע 6, 14, 18, 19, 22, 24, 62—64, 84, 118, 123—131, 133, 197; טאַב. 9, 18

ווארשעווער פירשטענטום 34, 37, 69, 70, 73, 74, 79, 80, 183

וולקע — טאב. 9, 25, 41, 45, 64, 68, 70

וויגיעלשאָוו (דאָרף) 17

ווידאווע 150; טאב. 6, 22, 40, 45, 62

וויזנע 128; טאב. 9, 25, 26, 41

וויזנער פאָוויאַט — טאַב. 9

וויזשיסק — טאב. 4, 20, 38, 45, 62

וויטעבסקער וואָיעוואָדשאַפט (גובערניע) 41, 44, 53

וויטקאָוו 126, 127, 150; טאב. 4, 20, 38, 45, 47

וויסליץ (ווישליצע) 18; טאב. 11, 29, 43

וויסליצער פאָוויאט — טאב. 11

וויסרוסלאנד 38, 41, 45, 46, 53, 54, 103, 104, 201

ווילטשין — טאב. 5, 21, 39

ווילנע 24, 97, 98, 104, 115, 117—124, 126—131, 133, 136, 142, 143, 145, 156, 57, 197

ווילנער וואָיעוואָדשאפט 44, 53

וויסאָקיע לובעלסק — טאב. 12, 30, 44, 45, 65, 68

וויסאָקע ליטעווסק 108

וויעלאָפּאָלע — טאב. 11, 43

וויעלון (ווילוין) 63, 118

וויעלונער וואָיעוואָדשאפט (לאנד) 20, 39, 42, 50, 55—57, 65, 67—71, 73, 77, 79, 87, 124, 127, 130, 134, 135, 137, 138, 144, 148—150, 169—171, 180—183, 190; טאב.2, 7, 15, 16, 17, 23, 32, 33, 35, 36, 40, 45, 49 E, 49 F, 51, 52, 53 K, 53 L, 55, 57, 58, 63, 66, 69

וויעלקי קשיאָנזש — טאב. 11, 48

וויעניאווע 17, 127; טאב. 12, 30, 44, 65, 68

וויערושאָוו — טאב. 1, 7, 23, 40, 63

וויעזשבאָוויץ 21

ווישניץ 109, 111, 125, 147, 149, 150, 156, 160, 161, 182; טאב. 10, 18, 27, 28, 42, 64, 68, 70

וישעגראָד 21, 140, 152, 154; טאב. 9, 25, 26, 41, 64, 68, 70

ווישעגראָדער פּאָוויאַט — טאב. 9
וולאָדאָוויץ — טאב. 10, 27, 42
וולאָסטאָוויץ — טאב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
וועגגראָוו — טאַב. 9
ווירעשען (ווזשעשען) 120, 138, 139, 152; טאב. 4, 20, 30, 45

ז

זאַבלאָטאָוו — טאַב. 18
זאַגוראָוו 63
זאַוויכאָסט — טאַב. 11, 43
זאָטאָר 17, 77; טאַב. 10, 27, 35, 42, 64, 68
זאַלעשטשיק 103
זאַמבראָוו 77; טאַב. 9, 25, 26, 35, 41
זאַמעטער וואָיעוואָדשאַפט 44
זאַניעמישל — טאַב. 5, 21, 39, 45
זאַסלאַוו 62; טאַב. 18
זאַקליקאָוו 77; טאַב. 12, 30, 31, 35, 44, 65, 68
זאַקראָטשים 51; טאַב. 9, 25, 26, 41, 64, 68
זאַקראָטשימער לאַנד (פּאָוויאַט) 39; טאַב. 9
זאקזשעוו — טאב. 3, 19, 38, 45, 62
זאַראָמב (זאַרעמבא קאָשטשעלנאַ) 107, 109, 181; טאַב. 9, 25, 26, 41, 45, 47, 64, 70
זבוטשין — טאַב. 12, 30, 35, 44, 65, 68
זגיערזש — טאב. 8
זדון — טאַב. 5, 21, 39
זיד=פּרייסן 120
זלאָטאָוואַ (פלאַטוי) 125, 138, 139,142, 147, 150, 180; טאַב. 4, 18, 20, 38, 62
זלאָטשעוו (רייסן) — טאַב. 18
זלאָטשעוו (שיעראדזער וו.) — טאַב. 6, 22, 40, 45
זשאבנע 149, 161; טאב. 11, 43
זשאָבאָוו 149; טאַב. 11, 43, 45
זשאָכאָוו 149; — 11, 43, 45
זשאָלקווע 31, 62; טאַב. 18
זשאַרנאָוויעץ 90, 109, 146, 160; טאַב. 10, 27, 28, 42, 45, 57
זשאַרקי 130; טאַב. 10, 27, 28, 42, 57, 64, 68, 70
זשוואַניעץ — טאַב. 18
זשידאַוו — טאַב. 4, 20, 38
זשידיטשויוו 22
זשידיטשויווער פּאָוויאַט 8, 55; טאַב 13, 17
זשיטאָמירער פּאָוויאַט (קרייז) 99, 102, 106, 110, 111; טאַב. 49
זשיטניע — טאַב. 6, 22, 40
זשישטשאָוו — טאַב. 57
זשמיגריד 77, 91, 94, 113, 119, 139, 142, 160, 168, 175, 177; טאַב. 10, 27, 28, 35, 42, 45, 57, 64, 68, 70
זשענסנא — טאב. 7, 23, 40, 63
זשענקאָוו 21
זשערקאָוו — טאַב. 5, 21, 39, 45, 62

ט

טאַרלאָוו 150
טאַרלע — טאַב. 11, 43, 45
טאַרנאָפּאָל — טאַב. 18
טארנאָוו 139, 161; טאב. 11, 18, 43
טולישקאָוו 63
טוריסק 139
טורעק 63
טיכאָוו — טאַב. 11, 43
טיראָל 15
טיקטין — טאַב. 9
טישמעניץ — טאַב. 18
טישין 158; טאַב. 6, 22, 40, 45
טראָקער וואָיעוואָדשאַפט 44
טרזעבין — טאַב. 10, 27, 42
טרעמבאָולע 31
טרעמבאָולער פּאָוויאַט 8, 29, 31 — טאַב. 13, 17
טשאַרנאָקאָזשיניעץ — טאַב. 57
טשאַרנקאָוו 127
טשודעץ 121, 124, 148, 189; טאַב. 11, 29, 43, 45, 55, 56, 65
טשיזשעוו 17, 51; טאַב. 9, 25, 26, 41, 45, 64, 68, 70
טשכוין — טאַב. 10, 27, 42
טשעטשולאָוו — טאַב. 7, 63

טשעכאַנאָוו 21, 77, 140, 176; טאַב. 9, 25, 26, 35, 41, 45, 64, 68, 70
טשעכאַנאָווער פּאָוויאַט — טאַב. 9
טשעכאָסלאָוואַקיע 36
טשעמערניק 17, 124, 182; טאַב. 12, 30, 31, 44, 45, 65, 68
טשענסטאָכאָוו 40, 145; טאַב. 10, 27, 42
טשערוואָנאָגראַד — טאַב. 14, 57
טשערוואָנאָגראַדער פּאָוויאַט — טאַב. 14
טשערטשע — טאַב. 57
טשערניעיעוו — טאַב. 4, 20, 38, 45
טשערסק 51

י

יאַבלאָנאָוו 31
יאַזלאָוועץ — טאַב. 11, 43
יאַזלאָוויעץ 103, 168
יאַנעוו (לובלינער וו.) 17, 77; טאַב. 12, 30, 31, 35, 44
יאַנעוו (קראָקעווער וו.) — טאַב. 10, 27, 28, 42
יאַסלע — טאַב. 10
יאַראָטשין 107, 124, 150; טאַב. 5, 21, 39, 45.
יאַראָטשעוו — טאַב. 5, 21, 39.
יאַרישאָוו 21
יוזעפאָוו 144, 182; טאַב. 12, 18, 30, 31, 44, 65, 68
יוטראָשין (דאָרף) 17, 130, 151
יעדוואַבנע 176; טאַב. 9, 25, 26, 41, 70
יעזופאָל 108
ירושלים 7

כ

כאָדזשיעזש 107, 122, 130; טאַב. 4, 20, 38, 45, 62
כזשאַנאָוו — זע: קשאַנאָוו
כמיעלניק 91, 109, 119, 124, 125, 129, 146 — 148, 150, 151; טאַב. 11, 18, 43, 45, 54
כעלמער וואָיעוואָדשאַפט 43. 53, 54; טאַב.15.
כעלמינער וואָיעוואָדשאַפט 42, 54; טאַב. 15
כענטשינער פּאָוויאַט 49
כרודים, קרייז 36, 143
כרושטשינא 160

ל

לאַבזעניק 130; טאַב. 4, 20, 38, 45, 62, 70
לאַבישין — טאַב. 4, 20, 38
לאָדזש 6, 63
לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט 6, 57, 63, 68
לאָדזשער געגנט 109
לאָמזשע 51
לאָמזשער פּאָוויאַט — טאַב. 9
לאַמניץ — טאַב. 10, 27, 28
לאַסק 65, 77, 91, 119, 126, 130, 142, 145—147, 150, 151, 156, 157, 189; טאַב. 6, 18, 22, 35, 40, 45, 47, 54, 62, 70
לובאַר — טאַב. 57
לובאַרטאָוו 91, 100, 107, 108, 110, 111, 113—115, 117, 121, 124, 125, 139, 142, 145, 146, 149, 154, 156, 164, 169, 182, 184, 185, 192, טאַב. 12, 30, 31, 44, 45, 47, 65, 68
לובלין 17, 72, 77, 84, 107, 109, 110, 114, 123, 125, 127, 128, 130, 143, 146, 148, 150, 153, 156, 157, 164, 180, 181, 184, 185, 187; טאַב. 12, 18, 30, 31, 35, 44, 65, 68
לובלינער וואָיעוואָדשאַפט 6, 16, 17, 24—27, 30, 33—35, 43, 45, 50, 53, 55, 56, 64, 65, 67 — 72, 74 — 77, 79 — 82, 87, 88, 91 — 93, 107 — 113, 117 — 130, 135, 137, 139, 143,144, 146, 148 — 152, 154, 155, 157 — 164, 166, 168 — 177, 180, 182—186, 188, 190, 191; טאַב. 1, 2, 12, 15 — 17, 30 — 37, 44 — 47, 48 G, 48 H, 49 E, 49 F, 50 G, 50 H, 51, 52, 53 K, 53 Ł, 55—59, 60, 65 — 70
לודמיר 180; טאַב. 18
לודמירער פּאָוויאַט 23, 25
לוטאָמירסק 150—152; טאַב. 6, 22, 40, 45
לונטשיץ 126, 152; טאַב. 8, 24, 41, 63
לונטשיצער וואָיעוואָדשאַפט 34, 35, 42, 50, 54—57, 65, 67—73, 77, 87, 88, 109, 111, 115, 117, 120, 122, 124, 126, 127, 129, 130, 135, 137, 139,

141, 145, 146, 148, 149, 152, 153,
155, 159, 163, 165, 169, 170, 172,
180; טאב. 2, 8, 15, 16, 17, 24, 32,
33, 35, 36, 41, 45, 46, 47, G 48,
H 48, E 49, F 49, G 50,
H 50, 51, 52, K 53, L 53, 55, 57,
58, 63, 66, 69

לוצק — טאב. 18

לוצקער פּאָוויאַט 23

לוקאָוו 25, 92, 100, 108, 117, 123,
124, 127, 142, 150; טאב. 12, 30, 31,
44, 45, 47, 65, 68

ליוולאַנד 39 — 41, 44, 45, 46

ליווער פּאָוויאט — טאב. 9

ליטע 9—12, 26, 29, 32, 37, 38, 39,
41—46, 50, 53, 54, 65, 168, 179,
195—197, 201

לימאנאָוו — טאב. 10, 27, 42

ליסע (לעשנאָ) 62, 63, 65, 124, 130,
136, 142; טאב. 18

ליפּאָוויעץ 25

ליפּניצע 31; טאב. 10, 27, 42

ליפּניקע 176; טאַב. 9, 26

לעטיטשאָווער פּאָוויאט 21, 49, 56, 58;
טאב. 14, 16

לעלאָוו — טאב. 10, 27, 28, 42

לעמבערג 60, 62, 63, 101; טאב. 10

לעמבערגער לאַנד 8, 29, 31; טאַב. 1, 13, 17

לעמבערגער פּאָוויאַט 55, 59

לעמבערגער קרייז 38, 108

לענדיטשעק — טאב. 4, 20, 38, 62

לענטשנע 149; טאַב. 12, 30, 31, 44, 65,
68

מ.

מאָדזשעיעוו — טאב. 10, 27, 42, 64, 68

מאָרליבאָזשיץ 33, 113, 123, 125, 148,
164; טאב. 12, 30, 31, 44, 45, 65,
68

מאָהילעווער גובערניע 41, 53

מאַזאָוויע (מאַזאָוויער וואָיעוואָדשאַפט)
8, 17, 18, 21, 30, 40, 42, 45,
49—52, 55, 56, 59——62, 67—71,
73, 75—77, 79, 80—82, 87, 88—91,
93—97, 99—101, 105, 107—112,
116, 119, 120, 122, 124, 126, 128,
130, 137, 139, 143, 145, 146,, 148—
152, 154, 155, 158—160, 163,
165—170, 172—176, 180—183, 185,
186, 188, 189, 195—197; טאב. 1, 2,
9, 15—17, 18, 25, 26, 32, 33—37,
41, 45—47, G 48, H 48, E 49,
F 49,, G 50, H 50, 51, 52, K 53,
L 53, 55—59, 64, 66—70

מאלבורגער (מאריענבורג) וואָיעוואָדשאפט
42, 49, 53; טאב. 3, 15, 19, 33, 62

מאקאָוו 18, 21, 124, 128, 139, 145,
146, 148, 149, 153; טאב. 9, 25, 26,
41, 45, 47 53, 64, 68, 70,

מאַרגאָנין 130, 150; טאַב. 4, 20, 38, 62

מאַריאַמפּאָל 31, 108

מאַרקושאָוו 77, 108, 182; טאַב. 12, 30,
31, 35, 44, 65, 68

מאשנא — טאַב. 57

מושיגלאָד — טאב. 10, 27, 42

מיכאלפּאָל 21

מילאָסלאַוו — טאַב. 5. 21, 39

מינכען 35 — 37

מינסקער וואָיעוואָדשאַפט (גובערניע) 41,
44, 118, 123, 124 — 126, 129

מינקאָוצע 170

מיעשקאָוו 127

מניכאָוו — טאַב. 12, 31, 44, 65, 68

מסטיסלאַווער (אַמטשיסלאַוו) וואָיעוואָד=
שאפט 41, 44

מעזריטש (גרויס=פוילן) 90, 95

מעליץ 124, 127, 150; טאַב. 11, 43, 45

מערן 35, 36, 133

מראָטשאָ — טאַב. 4, 20, 38, 45

נ.

נאַדוואָרנע — טאַב. 18

נאָוואָגראָד — טאב. 9, 25, 41

נאָוואָגראָדקער וואָיעוואָדשאַפט 44

נאָוויטאַרג — טאַב. 10, 27, 42

נאָווי פּיקאָוו 21

נאַקלאָ (קראָקעווער וו.) 184; טאַב. 10, 27,
28, 42, 45, 64, 68

נאַקדער פּאָוויאַט — טאַב. 4
נאַקלאָ (גניעזנער וו.) — טאַב. 4, 20, 38, 62
נאַשעלסק 149, 150, 152; טאַב. 9, 25, 26, 41, 64, 68, 70
נורער פּאָוויאַט — טאַב. 9
נידערעסטרייך 15
ניי־אָסטשלעזיען 40, 140, 200
נייסאַנץ 77, 147, 166, 175; טאַב. 10, 27, 28, 35, 64, 68
ניישטאַט (מאַזאָוויע) — טאַב. 9, 25, 41, 64, 68
ניישטאַט (צוזמירער וו.) — טאַב. 11, 43
ניישטאַט (קאַלישער וו.)—טאַב. 5, 21, 39
ניעביעלעץ — טאַב. 11, 43
ניעפּאָלאָמיץ — טאַב. 10, 27, 42

ס.

סאָבאָטע — טאַב. 8, 24, 41, 63
סאַטאַנאָוו — טאַב. 18
סאַנאָק 167
סאַנאָקער לאַנד 49, 50, 58; טאַב. 13, 16, 17, 18
סאַנדאָווע ווישניע 11
סאָקאָלאָוו 114
סדום 20
סטאַוויסק 77, 146; טאַב. 9, 25, 26, 35, 41
סטאָלטשין 160
סטאַניסלאַוואָוו — טאַב. 18
סטאַניסלאַוואָווער געגנט 108
סטאַנישין — טאַב. 5, 21, 39
סטאָפּניץ 108, 147, 150; טאַב. 11, 29, 43
סטאָק — טאַב. 9, 25, 41, 64, 68, 70
סטאַשעוו 149; טאַב. 11. 43
סטעפּאַן — טאַב. 18
סטריקאָוו 65, 127, 148; טאַב. 8, 24, 41, 63
סטרישוו — טאַב. 11, 43
סטרעליסק 108
סלוזשעוו — טאַב. 3, 19, 38, 45, 62
סלופּצע 63
סלוצקער פּאָוויאַט 43
סמילאָוויטש 125
סעמיאַטיטש 108
סעמפּעלבאָרג — טאַב. 4, 20, 38
סענדישאָוו 182; טאַב. 11, 43
סעראָטשין — טאַב. 12, 44, 45, 65
סעראָצק — טאַב. 9, 25, 41 64, 68
סקאָקי 145, 150; טאַב. 4, 20, 38, 45

ע

עמורה 20.
עסטרייך 15, 16, 38, 105, 184
עקצין (קצינע) 150; טאַב. 4, 20, 38, 62
עקצינער פּאָוויאַט — טאַב. 4

פּ.

פּאַגאָזשעל — טאַב. 5,21, 39, 45
פּאָדאָליע (פּאָדאָליער וואָיעוואָדשאַפט) 8, 21, 23, 31, 43, 44, 46, 49, 51—53, 56, 58, 60, 62, 99, 163, 166 — 168, 170 — 172; טאַב. 14 — 18, 57, 58
פּאָדליאַשע (פּאָדליאַשער וואָיעוואָדשאַפט) 6, 8, 43, 45, 50, 51, 53, 99, 101, 196; טאַב. 15
פּאָדקאמיען — טאַב. 18
פּאָהאָסט 126, 129
פּאָוויעדזשיסקע (דאָרף) 17
פּאָטאָק 17, 164
פּאַטשאַנאָוו 166; טאַב. 11, 43
פּאָלאַניעץ (פּלאַנץ) 124, 146, 150; טאַב. 11, 43
פּאָלאָצקער וואָיעוואָדשאַפט 41, 44
פּאָמערן (פּאָמערנער וואָיעוואָדשאַפט) 38, 39, 42, 44, 45, 54; טאַב. 15
פּאַרטשעוו 17, 150, 152; טאַב. 12, 30, 31, 44, 45
פּאַרענטשעוו 139, 152; טאַב. 8, 24, 41, 45, 47, 63
פּויזן 62, 63, 96; טאַב. 18
פּויזנער דעפּאַרטאַמענט (געגנט) 116, 118, 120, 122, 124 — 127, 130, 133, 141, 146
פּויזנער וואָיעוואָדשאַפט 6, 18, 39, 42, 43, 50, 53, 57, 62, 87, 90, 95, 107, 127, 163, 195; טאַב. 15, 18

פוילן 5—7, 9—14, 16, 18, 21—23, 25, 26, 29—34, 36—42, 46, 47, 50—54, 56 — 60, 62, 64 — 66, 69, 74, 79, 84, 93, 96, 97, 100, 102, 104 — 107, 109 — 114, 117, 118, 123 — 125, 127, 132 — 134, 136, 140, 144, 147, 148, 164, 168, 179, 182, 183, 189, 194, 196, 198 — 201
פוכאָוויטש 118, 126
פּאַנטעק 120, 124; טאַב. 8, 24, 41, 45, 47, 63
פּאַסק 90, 110, 148, 150, 184, 185; טאַב. 12, 30, 31, 44, 45, 65, 68
פּידהייעץ — טאַב. 18
פּייזערן (פּיזדרי) 92, 114, 141, 150, 151; טאַב. 5, 21, 39, 45
פּייזערנער פּאָוויאַט — טאַב. 5
פּילזן 18; טאַב. 11, 43
פּילזנער פּאָוויאַט — טאַב. 11
פּיליץ 77, 109, 160, 161, 165, 175; טאַב. 10, 27, 28, 35, 57, 64, 68, 70
פּילעגט 127
פּינטשעוו 62, 65, 92, 107, 112, 113, 117, 119 — 122, 125 — 129, 139, 140, 142—151, 156, 160, 161, 180, 182, 185 — 189, 191; טאַב. 11, 34, 36, 37, 43, 45, 47, 55, 56, 65, 70
פּיעזשבניצע — טאַב. 11, 43
פּיעטרקאָוו 77, 140, 151; טאב. 6, 22, 35, 40.
פּירניץ (מערן) 36
פּלאָונאָ — טאַב. 6, 22, 40, 45
פּלאָנץ — זע: פּאָלאַניעץ
פּלאָסקיראָוו 21
פּלאָצקער וואָיעוואָדשאַפט 39, 42, 50, 54; טאַב. 15
פּראָג 35 — 37, 133
פּראָכין 36
פּרזיראָוו — טאַב. 6, 22, 40
פּרייסן 39, 40, 140
פּשעמישלער לאַנד (קרייז) 38, 49, 50, 58; טאַב. 13, 16, 17, 18
פּשעסלאַוויקאַ 160, 161
פּשעצלאָוו 109; טאַב. 11, 43, 65

פֿ

פֿאָרדאָן 150, 185; טאַב. 3, 19, 38, 62, 68, 70
פֿראַנאָפּאָל 184; טאַב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
פֿראַנקפֿורט אַם מיין 35, 37
פֿריסטיק 147; טאב. 11, 43

צ.

צוויזמיר 18, 88, 148, 150; טאב. 11, 43, 45, 47, 55, 56, 65, 70
צוויזמירער וואָיעוואָדשאפט 6, 18, 19, 30, 43 — 45, 49, 50, 54, 58, 64, 67, 69 — 71, 73, 75 — 77, 79 — 81, 84, 87, 88, 91, 92, 107, 108, 109, 111, 113, 116, 117, 119—121, 123, 124, 126, 130, 135, 137, 139, 141, 144 — 147, 149, 150, 155 — 159, 163, 166, 180, 182, 184, 185, 189, 190; טאַב. 1, 6, 11, 15—17, 29, 32—37, 43, 45—47, G 48, H 48, E 49, F 49, G 50, H 50, 51, 52, K 53, L 53, 55, 56, 65, 66, 69, 70
צוויזמירער פּאָוויאט — טאב. 11

ק.

קאַבילין — טאַב. 5, 21, 39, 45
קאָוולע — טאַב. 18
קאָזלאָוו 21
קאזמארק — זע: קראָקע
קאזשמין 124; טאַב. 5. 21, 39, 45
קאָזשמינעק — טאַב. 5, 21, 39, 62
קאַלאָוו 139, 152; טאַב. 8, 24, 41, 45, 63
קאָלאָמיי — טאַב. 15
קאָלאָמייער פּאָוויאַט 8, 29, 31; טאַב. 13, 17
קאָלבוסאָוו — טאַב. 11, 43
קאַלוש — טאַב. 18
קאַלוואַריע — טאַב. 10, 27, 42
קאלושין 17, 77, 149, 150, 167, 176; טאב. 9, 25, 26, 35, 41
קאַלינאָווטשיזנע 114, 119, 123, 124, 127, 128, 146; טאַב. 12, 30, 44, 45, 47
קאַליש 17, 88, 92, 99, 113, 117, 121, 126, 128, 139, 142, 146, 148 —152, 156, 180; טאַב. 5, 18, 21, 39, 45, 47, 54

קאַלישער דעפּאַרטאַמענט 116, 118, 120, 122, 130, 133, 141, 146
קאַלישער וואָיעוואָדשאַפֿט 17, 33, 39, 42, 49, 50, 55 — 57, 67 — 69, 71 — 73, 87, 88, 91, 92, 95, 107, 113, 114, 124 — 126, 130. 137, 141, 143, 146, 148 — 152, 163, 180 — 182, 190, 191; טאַב. 2, 5, 15 — 17, 21, 32, 33, 36, 39, 45 — 47, 48 G, 48 H, 49 E, 49F, 50 G, 50 H, 51, 52, 53 K, 53 L, 55, 62, 66, 69
קאַלישער פּאָוויאַט — טאַב. 5
קאָלנאָ — טאַב. 9, 25, 41
קאַמיעניעץ (גנעזנער וו.) — טאַב. 4, 20, 38
קאַמיעניעצער פּאָוויאַט 32; טאַב. 14
קאַמיאָנקע 164; טאַב. 12, 44, 45, 65
קאַמיענסק — טאַב. 6, 22, 40
קאַמיק — טאַב. 7, 29, 40, 63
קאָנאָשיצע 176; טאַב. 9, 26
קאָניאָוו 93, 100, 124, 126; טאַב. 47, 57
קאָנין — טאַב. 5, 21, 39, 62
קאָנינער פּאָוויאַט — טאַב. 5
קאָניעצפּאָל 158, 189; טאַב. 6, 22, 40, 62
קאָנסקעוואָלע — טאַב. 12, 30, 31, 44, 65
קאָסאָוו 31
קאָצק 92, 107, 108, 128, 142; טאַב. 12, 30, 31, 44, 45, 65, 68
קאַרטשין (ניישטאַט) 139, 149; טאַב. 11, 18, 29, 43, 55
קאַרמין — טאַב. 5, 21, 39
קאַרפּיטאָווקע 131
קוזמיר 164; טאַב. 12, 30, 31, 44, 45, 65
קוזשניטשקע 138, 139; טאַב. 7, 23, 40, 63
קוטנע 104, 123, 125 — 130
קויל 88, 99, 113, 120, 141; טאַב. 5, 21, 39, 45, 47
קוראָוו 124, 139; טאַב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
קוראָזוואַק — טאַב. 11, 43
קורניק 149; טאַב. 5, 21, 39
קזשעפּיץ — טאַב. 1, 7, 23, 40
קיטעוו (קוטי) — טאַב. 18
קיידאַן 136
קיעוו — טאַב. 47
קיעווער וואָיעוואָדשאַפֿט 43, 46, 51, 53, 60, 62, 110—112, 118, 124, 126, 128, 129,, 163, 166, 167, 170, 172; טאַב. 14, 15, 17, 18, 47, 49, 57, 58
קיקיזאָוו 108
קלאָדאָווע — טאַב. 8, 24, 41
קליטשעוו 124
קליין־פּוילן 8, 43, 45, 50, 52, 56, 57, 59—62, 69, 71, 79, 87, 89, 94—97, 99—101, 109, 110, 116, 121, 125, 128, 163, 166, 167, 180, 182, 183, 189, 195—197; טאַב. 17, 18, 46
קלימענטאָוו 104, 105, 123, 148, 149; טאַב. 11, 43
קלעווע 35
קלעטשעוו — טאַב. 5, 21, 39
קעמפּן 30, 124, 127, 129, 146, 150, 182; טאַב. 7, 23, 40, 63
קעניגסבערג 140
קראָטאָשין 62, 84, 92, 95, 114, 115, 117, 120, 121, 128 — 130, 139, 140, 142, 146, 148—151, 156, 180; טאַב. 5, 18, 21, 39, 45, 54
קראַטשין (דאָרף) 17
קראַיענקא — טאַב. 4, 20, 38, 62
קראַנע 127
קראָקע (קאַזמער) 38, 62—64, 104, 126, 139, 150, 152, 156, 157, 175, 180, 187, 197; טאַב. 10, 18, 27, 28, 42, 55, 57
קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפֿט 16, 17, 29 — 32, 40, 43, 45, 50, 55—58, 63—65, 67—71, 75—77, 79—82, 87, 89, 90, 91, 93, 95, 107, 109, 111, 112, 115, 116, 119, 121, 124—126, 130, 137, 139, 146—150, 158—160, 163, 165—170, 173—175, 177, 180, 182, 184—186, 188; טאַב. 1, 2, 10, 15—17, 27, 28, 32, 33—37, 42, 45—47, 48 G, 48 H, 49 E, 49 F, 50 G, 50 H, 51, 52, 53 K, 53 L, 55—59, 64, 66—70
קראַשניעוויץ — טאַב. 8, 24, 41, 45, 63

קראשניק 91, 92, 110, 114, 117, 127, 129, 139, 140, 142, 146, 150, 151, 156, 170; טאב. 12, 30, 31, 44, 45, 54, 65, 68
קרוין-פוילן 6, 8—12, 14, 17, 23, 29, 32, 37, 40, 42, 43, 45, 49, 50, 52, 54—57, 61, 62, 63, 83, 87, 88, 98, 99, 101, 102, 104, 138, 164, 165, 180, 183, 189, 195—197, 201
קרימאלאוו 17, 160; טאב. 10, 27, 28, 42
קריסטבורג 18
קשאנאוו 77, 125, 149, 160, 182; טאב. 10, 27, 35, 42, 64, 68, 70
קשעשאוויץ 42
קשיאנזש 160

ר

ראדאמישל — טאב. 12, 31, 44, 65, 68
ראדאמסק 63
ראדזין 124, 128, 129, 146, 154; טאב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
ראדזשילאוו — טאב. 9, 25, 41
ראדאמער פאוויאט 49
ראוונע — טאב. 18
ראווער וואיעוואדשאפט 40, 42, 54; טאב. 15
ראזוואדאוו — 148; טאב. 11, 43
ראזפזשא — טאב. 6, 22, 40, 45
ראזשאן 18, 108; טאב. 9, 25, 26, 41, 45, 64, 68, 70
ראזשאנער פאוויאט — טאב. 9
ראכאוו 110; טאב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
ראפטשיץ — טאב. 11, 43
ראקאוו 166; טאב. 11, 43
ראקיטנע 165
ראשקאוו — טאב. 5, 21, 39
רודניק — טאב. 11, 43
רוסלאנד 39, 40, 41
רוססאטשיצע — טאב. 5, 21, 39, 45
רייסן (רייסישער וואיעוואדשאפט) 6, 11, 30, 32, 43, 44, 49, 50, 52, 54—56, 58—62, 65, 94, 99, 101, 196; טאב. 1, 13, 15—18, 47, 57
ריכוואל — טאב. 5, 21, 39, 62
רעטשיצער פאוויאט 41

ש

שאדעק — טאב. 6, 22, 40, 45
שאראפקא 21
שווינובי 25
שולמיעזשיצע — טאב. 7, 23, 40, 63
שטשוטשין 176; טאב. 9, 25, 26, 41, 45, 64, 68, 70
שטשעפאנאוו — טאב. 10, 27, 42
שטשעקאטשין 166, 175; טאב. 10, 27, 28, 42, 57
שידלווו — טאב. 11, 43
שיעמיאטיץ 107, 131
שיעראדז — טאב. 6, 22, 40, 45
שיעראדזער וואיעוואדשאפט 30, 34, 39, 42, 50, 55—57, 65, 67, 69, 71, 77, 87—89, 91, 92, 107, 109, 111, 116, 120, 126, 130, 135, 137, 146, 147, 150—152, 158, 159, 168, 170, 180, 189, 190; טאב. 1, 2, 6, 15—17, 22, 32, 33, 35, 36, 40, 45—47, 48 G, 48 H, 49 E, 49 F, 50 G, 50 H, 51, 52, 53 K, 53 L, 55, 57, 58, 62, 66, 69, 70
שישקאוו — טאב. 7, 23, 40, 63
שמיאלע 93, 100, 110, 118, 126, 128, 129, 168; טאב. 47, 57
שניאדאווע 77, 124, 148, 176; טאב. 9, 25, 26, 35, 41, 64, 68
שניאטין — טאב. 18
שעדלעץ — טאב. 12, 30, 31, 44, 65, 68
שעלאנקע 127
שראדא — טאב. 5, 21, 39, 45

אינדעקס פון נעמען

א

אבוש פון קאָצק — 108
אהרן קאלאהורא פון קראקע — 139
אויגוסט III, קיניג — 9, 22, 47
איציק בן מנשה פון לובארטאָוו — 139
איציק פון טארנע — 139
אלעקסאנדראָוו י. — 41, 53, 123
אָלשעווסקי אנדזשעי — 18

ב

באיער פ. — 35
באלאבאן מאיר — 8, 17, 21, 31
באָסטעל פ. — 8, 22
בוכהאָלץ — 200
בייכער קארל — 35
ביערשאדסקי י. — 42
בישינג — 46, 65
בער באָלעכאָווער — 21, 22, 23, 32, 33
בערגער יאנינא — 107, 108, 131
בערעק סאלאָמאָן פון קוזשניטשקע — 138
בראווער א. י. — 38, 57, 63, 184
ברעטהאָלץ בערטאָלד — 36

ג

גראָמניצקי, פריץ — 22
גראָסהאָפף — 170
גראָסמאן העניריק — 34, 69—71, 73, 74, 79, 184

ד

דובנאָוו — 41, 168
דוד יאקובאָוויטש פון קאָצק — 108
דוד פון פארענטשעוו — 139

ה

האים, מוניסטער — 40
האנדעלטמאן — 112
הערעמאן אָטטאָן — 119, 132
העלשע, געאָגראף — 40
העססען יאליוס — 41
העפנער — 90, 95, 123
הערצבערג — 90, 95, 123
הערציק, דאָקטער פון קוראָוו — 139
הערשל לעווקאָוויטש פון קארטשין — 139

וו

וואָלף פון קאָצק — 108
וורם ד. — 93
וולאדיסלאָוו IV, קיניג — 63

ז

זיגמונט אויגוסט, קיניג — 63
זעליק מאָשקאָוויטש, ארענדאר — 27

ט

טימראטה — 96
טשאַצקי טאַדעוש — 37 — 39, 47, 65, 104, 105
טשארטאָריסקי, פירשט — 9
טשייקאָווסקי — 131
טשירסקי — 200

י

יאבלאָנאָווסקא, פירשטין — 108, 131
יאָכים גרילאָוו פון באָלעסלאוויעץ — 181
יאנקל יאָסקאָוויטש, ארענדאר — 27
יאקאָבסאָן יאקאָב — 40, 96, 115, 118, 119, 120, 122, 123, 127, 128, 134, 140—142, 146, 170, 200

יהושע העשל בן מנחם — 17
יוסף פון ווֹרעשען — 138
יוסף שמש פון מאקאָוו — 18
יעקב פון קאלאָוו — 139

כ

כוואליק, ארענדאר — 27

ל

לוט — 20
ליטמאַן פון פינטשעוו — 139
לייב פון זלאָטאָוואָ — 138
לעווין אדאָלף — 35, 80
לעווין סימאָן לעווי פון גריידיץ — 18
לעוועק פון בראדסענד — 18
לעלעוועל יאָאכים — 47
לעשטשינסקי יעקב — 56

מ

מאהלער ר. — 12, 18, 100, 102, 106, 113, 114, 134, 136, 200, 201
מאיר פון מאקאָווע — 139
מאַמבערט פּ. — 15
מארעק פעליקס פון פינטשעוו — 139
מיימון שלמה — 33
מייר ג. — 70
מענדל קאלאהורא פון קראָקע — 139
משה מארקוזע, דאָקטער פון קעניגסבערג — 140

נ

נעמן — 20

ס

סטאניסלאוו אויגוסט פּאָניאטאָווסקי, קיניג — 22, 47, 127, 131
סטערן סעלמא — 35

ע

ערשקע נחומאָוויטש פון לוקאָוו — 108

פּ

פּראָקעש יאראָסלאוו — 36, 133
פּרץ, ארענדאר — 27
פּרץ פון לובארטאָוו — 185

פֿ

פֿרידריך II, קיניג — 15
פֿרעדראָ — 18

צ

צבי הערש, רב פון בוסק — 22

ק

קאָהען ארטור — 36
קאמאַנין יוזעף — 8, 21, 23, 25, 32, 43, 47, 56, 93, 163; טאב. 14
קאראָבקאָוו — 42, 43, 53
קארזאָן טאדעוש — 47, 51, 58, 65, 66
קאָשטשיושקאָ — 14
קאשיאָוויטש שלמה פון לובארטאָוו — 108
קויש יאָהאַן יוזעף — 200
קולטשיצקי פראנטשישעק — 8, 42
קיעלמאַן קותיאלאָוויטש פון מארקושאָוו — 108
קלויזנער ישראל — 97, 98, 123, 129
קלעטשינסקי יוזעף — 8, 10, 11, 31, 42, 43, 57, 63, 64; טאב. 14
קרוג ל. — 116, 119, 126, 141, 146

ר

ראָבערט בקי — 7
ראדזימינסקא קריסטינא — 27
רהאָדען — 128
רות קעסטענבערג גאָלדשטיין — 35, 36, 133, 143
רינגעלבלום עמנואל — 24, 131, 133

ש

שאצקי — 114
שיינמאַן קאָנראד — 16
שימקעוויטש ס. — 64, 123
שיפער יצחק — 12, 33, 39, 42, 43, 50, 53, 93, 103, 123
שלמה בן יעקב, רב פון טארנאָפּאָל — 21
שלמה זלמן בן זאב וואָלף פון גריידיץ — 18
שלמה ר' גרשונס — 22
שמואל יעקב פון בראדסענד — 18
שמואל פון ביסקופיץ — 27
שמעון וואָלפאָוויטש פון ווילנע — 27

אינהאלט

זייט

הקדמה 5

מקורים 8

I. דער אופן פון דער יידן=ציילונג פון יאָר 1764 9

II. די צאָל און געאָגראַפישע צעטיילונג פון יידן אין פוילן אין יאָר 1764 29

III. די צעטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט שטאָט און דאָרף . 49

די דאָרפס=יידן 49

די שטאָטישע און קליינשטעטלדיקע יידן 58

IV. די צעטיילונג פון דער יידישער באַפעלק. לויט געשלעכט און ציווילשטאַנד 67

די צעטיילונג לויטן געשלעכט 67

די צעטיילונג לויטן ציווילשטאַנד 71

דאָס עלטער פון חתונה=געהאַט 75

אלמנס, אלמנות און געגטע 78

V. דער פראָפעסיאָנעלער צוזאמענשטעל פון יידן אין קרוין=פוילן . . 83

A. די פראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון שטאָט=יידן 87

אַרענדע און שענקעריי 107

אַרענדאַרן 108

קרעטשמערס און שענקערס 110

ברענערס און ווייַנערס 111

האַנדל און טראַנספּאָרט 113

מלאכה 115

מינעראַל=אינדוסטרי 123

מעטאַל=אינדוסטרי 124

באַאַרבעטונג פון איידעלע מעטאַלן און זייגערמאַכעריי . . . 125

כעמישע אינדוסטרי 125

טעקסטיל=אינדוסטרי 126

לעדער=אינדוסטרי 127

האָלץ=אינדוסטרי 128

דערנערונגס=אינדוסטרי 128

באַקליידונג און גאַלאַנטעריע 129

דרוקעריי און פּאָליגראַפישע אינדוסטרי 130

בוי=אינדוסטרי 131

געזעלן און לערנייינגלעך 134

פרייע פּראָפעסיעס, אָנגעשטעלטע און פארשידענע פּראָפעסיעס . . 138

דאָקטוירים 138

זייט

באַלבירערס 140
מלמדים 141
כלי=זמר און בדחנים 145
סופרים, שרייבערס און מעסטערס 147
משרתי=קהלה און כלי=קודש 148
פאַרשידענע באַשעפטיקונגען 151
משרתים, דינסטן און אָנגעשטעלטע, ניש=חתונה=געהאַטע . . . 153
אײדעמס און חתונה=געהאַטע זין אויף קעסט ביי שטאָטישע יידן . 161

B. די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור ביי דאָרפס=יידן 163
אַרענדאַרן, קרעטשמערס און שענקערס 164
ווײַנערס, ברענערס 167
נאמנים, שרייבערס, משרתים, פּאַראָבקעס 167
מילנער, מילכיקער, קרעמער 167
בעלי=מלאכות 169
מלמדים 171
פאַרשידענע פּראָפעסיעס 171
יידישע משרתים, דינסטמיידלעך, אָנגעשטעלטע ביי דאָרפס=יידן . . 171
אײדעמס און חתונה=געהאַטע זין אויף קעסט ביי דאָרפס=יידן . . . 176

VI. וווינונגס=פאַרהעלטעניש 179
צאָל הייזער באַוווינטע פון יידן און זייער צעטיילונג לויט אייגנטימער 179
דורכשניטלעכע צאָל משפחות און נפשות אין די הייזער 182
יידישע הייזער לויט דער גרייס 184
שטאָטישע יידן לויט זייערע דירה=פאַרהעלטעניש 189
דירה=פאַרהעלטעניש ביי פאַרשידענע פּראָפעסיעס 191

סך=הכלען 195
אינדעקס 203

טאַבעלן לויט די אראבישע ציפערן פון 1 ביז 70